STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05669

# DER INZEL

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Benson & Danna Schaeffer*
*in memory of*
*Charles & Gilda Schaeffer*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ליטעראַרישע זאַמעלביכער

## רעד אינזעל

ערשטער בוך

אַרויסגעגעבן פון
פערלאַג אינזעל
ניו־יאָרק יאַנואַר 1918

הויפּטפערקויף: מ. נ.
מייזעל'ס פערלאַג,
424 גראַנד סט. נ. י.

**אינהאַלט:** ר. אייזלאַנד — ליעדער; גרשון גראַפּשטיין — ליעדער; מאַני-לייב — ליעדער; א. ראַבאָי — אַ פּאַס פון ים, ראָמאַן; ה. לייוויק — אידיש און ד'ו, פּאָעט. אידישיזם און דוד איינהאָרן. די — אָחן טראַדיציע; ראַינער מאַריאַ ריִלקע — אויגוסט ראָדען; ניו יאָרק אין פּערזען, (די גרויסע שטאָדט) אַנטאָלאָגיע, צוזאַמענגעשטעלט פון מאַני לייב.

פאַדערבלעטער און צייכנונגען פון ז. מאוד.

ליעדער: ר. אײזלאַנד, גרשון גראָפּשטײן, מאַני לײב.

## ר. אייזלאַנד:

דער ווילדער ווינטערויב ווערט שוין רויט.

דער ווילדער ווינטערויב ווערט שוין רויט.
דער טאָג ווערט קורץ. דער אָבענד קיהל. —
קום, גיב די האנד און לאָמיר שטיל,
ווי קליינע, גוטע קינדער, געהן
אַהין, אין יענעם לאַנד,
אין יענעם ווייטען לאַנד!

פון ווייטענס שפּיצט א טורעם זיך.
א ווינטעל וועהט, א וואָלקען גליהט;
דער וועג איז אָפען, און עס ציהט
א ליכט פאַר אונז. נו, לאָמיר געהן,
ווי קליינע, גוטע קינדער געהן
אַהין, אין יענעם לאַנד,
אין יענעם ווייטען לאַנד!

**מיר זיינעןביידע אַלט...**

מיר זיינען ביידע אַלט.
צוויי דינע אַלטינקע, מיט מאַטע, ווייכע אויגען.
ביים פענסטער זיצען מיר. דער טאָג איז שעהן. נאָר ליכט פערצויגען
אין דער הימעל מיט דינע, ווייסע וואָלקענס.

זי זאָגט: העי, אַלטיטשקער, ס׳ווערט קאַלט.
מאַך צו דאָס פענסטער און טו זיך אָן דעם ווארימען כאַלאַט. —
איך זיץ און רויכער רוהיג מיר די ליולקע, לעז א בלאַט,
און טראַכט: ווי אייביג נאַריש בלייבען דאָס די פרויען.

דער זייגער קלינגט.
און זי, זי דרעהט זיך אום און קוקט זיך איין
מיט לאנגע בליקען אין דעם ציפער־בלאט, ווי שפעט ס'קען זיין,
כאטש קלאר און העל דער זייגער צעהלט די שעה'ן.

— שוין שפעט אזוי. ווי ס'לויפט דער טאג! —
א ציה די שמאלע אקסלען, און ס'פאלען מיעד די הענד אין שויס.
און מיר ווערט פלוצים קאלט. איך בויג דעם קאפ ארויס,
און זעה ווי ס'רויטלען זיך די דינע, ווייסע וואלקענס.

און כ'וויים אז ערגעץ לויערט שוין די נאכט. — —

פון ווייטענס קלינגען נאך די טריט...

פון ווייטענס קלינגען נאך די טריט פון מיינע נאהענטע חברים.
איך קעהר זיך אום אין שטוב און לאז די פינסטערניש פון הינטען,
און פאר מיין אויג זיך שפיעלט דער שוואכער שיין פון ליכט,
וואס ברענט דארט איינזאם אין מיין שטילען צימער.

און אינ'ם ווינקעל לויערט דארט דער אומעט.

און ווידער זיץ איך ביי מיין טיש אליין, און ביים דעם קליינעם פינגער.
דער טיש איז שוואך בעלויכטען. פאר זיך, ווי פערלוירען, ליגט מיין פען.
און קאלט און שטום קוקט דורך דעם פענסטער אלץ אין איינעם די לבנה,
און קאלט און שארף דארט גרילצט דער היישעריק אין גראז.

און אינ'ם ווינקעל לויערט דארט דער אומעט.

עס עפענט זיך די טיר. און זי, אין לייכטען מאנטעל איינגעהילט,
קומט צו צו מיר און לייגט ארויף איהר האנד מיר אויפ'ן שולטער,
און גלעט מיין קאפ און רעדט צו מיר אזעלכע גוטע ווערטער. —
נאר דרויסען גרילצט און גרילצט דארט אלץ דער היישעריק.

און אינ'ם ווינקעל לויערט אלץ דער אומעט.

### וואָס איז דען נאָך...

וואָס איז דען נאָך פערבליבען אונז פון לעבען ? —
א שטילער שרעק, א בענקשאַפט אין די אויגען.
און פון דער בענקשאַפט — בלויז א שוואַכער ציטער,
וואָס איז מיט ווייסע נעבלען ווי פערצויגען.

ווי קליינע קינדער זיצען מיר ביי טאָג און וואַרטען,
אז עמיצער זאָל אונז וואָס עפּעס געבען.
ביי נאַכט מיר האָרכען נאָר ווי שטיל עס געהט דער אָטעם,
און ציטערען פאַר אונזער שטיקעל לעבען.

און ווען ס'בעוויזט א שטראַהל זיך אינ'ם פענסטער,
דאַן וואָרעמען די רוקענס מיר, ווי קליינע קעצלעך, שטילע.
און פאַלט דער אבענד צו, פערקלייבט מען זיך אין ווינקעל,
און שרעקעדיג מיר שעפּטשען שטיל א תפלה.

### ניט טאָג, ניט נאַכט...

ניט טאָג, ניט נאַכט. א ברייטער, לאַנגער וועג.
פוןביידע זייטען — וויסטענישען אָהן א ברעג;
אין מיטען וועג — צוויי קינדער, נאַקעט ווי געבוירען,
וואָס האַלטען ביי די הענד זיך און געהען ווי פערלוירען,
מיט בלינדע אויגען, ציטערדיג פון שרעק.
און פאַר זיי ציהט דער וועג זיך אָהן א ברעג,
און הינטער זיי עס געהען מיט,
מיט וואַקעלדיגע טריט,
דער אייביג־נאָגענדיגער שטילער טרויער,
דער אייביג־נאָגענדיגער שטילער צער.

### ביים ים.

דער ים, א גלאַנציגער, א שטאָהלענער,
וויעגט רוהיג זיך אין שיין פון דער לבנה,
און קאַלטער, גרינער שיין ליגט אויף דער גאַנצער געגענד.

אין זאַמד פֿערשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

אַ קאַלטער ליגט דער ים,
אַ שטילער וועהט דער ווינד,
און קאַלט און שאַרף צוטראָגט זיך אומעטום
דער זשום פֿון ווייסען שוים,
וואָס שלאָגט זיך אָן אין ברעג.

אין זאַמד פֿערשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

פֿון ווייטענס שטעהט אַ הויז אַליין
און שווארצט זיך אין דער נאַכט אריין,
אין גאַנצען מיט זיין דאַך
און מיט זיין קרומליך צוגעשפּיצטען שאָטען,
און מיט דעם אומעטיגען קוק
פֿון זיינע שווארצע פֿענסטער.

אין זאַמד פֿערשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

און בראָדזשענדיג אין זאַמד געה איך אַליין.
אַ לאַנגער געהט פֿאַראויס פֿאַר מיר מיין שאָטען,
און הינטער מיר דער שרעק פֿון מיינע טריט.

אין זאַמד פֿערשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

אַ שטילער וועהט דער ווינד,
אַ קאַלטער ליגט דער ים,
אָן אומעטיגער זשומט דער שוים ביים ברעג.

און אומעטיג פֿערבענקטע טרעטען
מיינע טריט אין זאַמד.

### ס'געהט א קאַלטער רעגן...

ס'געהט אין גאַס א קאַלטער רעגן,
ס'געהט אין גאַס אַרום דער ווינד.
ווי אַ קליין פערלוירען קינד,
טרייב איך זיך אַרום אויף וועגן.

מיט מיר געהט דער ווינד.

פייכט און שטעכיג אין די אויגען,
ווי אַ קעצעל, קאַלט און נאַס,
שלעפּ איך זיך פון גאַס צו גאַס,
ציטערדיג און איינגעבויגען.

מיט מיר געהט דער ווינד.

### לאָמיר ווי קליינע, פערלוירענע קינדער...

לאָמיר ווי קליינע, פערלוירענע קינדער, האַלטען זיך ביידע צוזאַמען.
לאָמיר ווי קליינע, פער'חלום'טע קינדער לאָזען זיך איבער די ים'ען,
איבער די לענדער און ים'ען,
זוכען פערלוירענע טרוימען.

לאָמיר ווי קליינע, פערלוירענע קינדער בעטען אַצינדער צוזאַמען:
זאָל גאָט באַלייטען איצט אונזערע שיפען וואָס לאָזען זיך איבער
די ים'ען,
איבער די לענדער און ים'ען,
זוכען פערלוירענע טרוימען.

## גרשון גראַפּשטיין:

### פאַר די אויגען...

פאַר די אויגען וואַקסט דער צווייפעל
און אין הארצען — זאָרגען;
אויפ'ן שפּיץ־צונג רוהט אַ תפלה
און די ליפּען שעפּטשען גלויביג:
מאָרגען, מאָרגען, מאָרגען.

אוּוּענד־בענקשאַפט, מאָרגען־גלויבען
האַלטען מיך געקלאַמערט;
עפּעס יאָ־ און נישט־בעוואוסטעס
אין די אַנגעשטרענגטע שלייפען
האַמערט, האַמערט, האַמערט.

פון די ווענט אַ קראַנקע פייכטקייט
אין די ביינער קלעטערט;
דורך די שויבען קוקען בלינדע
שרעק און חשך, עמיץ בעט זיך:
רעטעט, רעטעט, רעטעט!

*
*   *

פּאַטש די שרעק אין פּנים
בלייבען זיך די באַקען,
ציטערען די ליפּען,
ברעכען זיך די הענט,

ווערט דיר קאַלט און ווארעם;
האַלטסטו דיינע אויגען
אין דער ווייטער ווייטקייט
ערגעץ וואו געווענדט.

עפּעס נישט בעוואוסטעס
שעפּטשען דיינע ליפּען,
ציטערען און בעטען
פאַר זיך שטילערהייט.

און דיר ווילט זיך גלויבען:
עמיץ אַ בעקאַנטער
וועט אַ האַנט אויסשטרעקען
פון דער ווייטער ווייט.

### עס שלאָפט די נאַכט...

עס שלאָפט די נאַכט און אָטעמט שווער,
פון רעגען דורכגעווייקט;
דאָ אויף דער גלאַנציגער אַלעע
די נאַכט־שרעק ליגט צוליי גט.

און ביי דער זייט פון דער אַלעע
געהט עמיץ אום אַליין —
די נאַכט־שרעק רעדט צו עמיצען
וואָס שטיקט זיך אין געוויין.

### מיר וועלען...

מיר וועלען זיך פער׳אַבל׳טע מיט יעדען אַבל טרעפען
אין זומערדיגען מאָרגען־פריה, געהילט פון מאָרגען־רויט,
אויף קבר־אבות, וויינענדיג, בעוויינענדיג דעם טויט.
מיר וועלען זיך פער׳אַבל׳טע מיט יעדען אַבל טרעפען

אויף פריש־פערשיטע קברים־בערגלעך; וועט מען אַזוי ליגען
לאַנג־לאַנג, שטיל־וויינענדיג, בעוויינענדיג דעם טויט,
און קוקען ווי דער טאָג אין רויטען הימעל־ברעג פערבלוט.
אויף פריש־בעשיטע קברים־בערגלעך וועט מען אַזוי ליגען.

### בלוי דער הימעל...

בלוי דער הימעל, העלע שטערען
הענגען איבער מיר;
מענער, פרויען, קליינע קינדער
געהען אויף שפאציער.
בלויער הימעל, העלע שטערען —
וואס וועט זיין מיט מיר?

טראָטוארען, גאס־לאמטערען
ציהען ווייט זיך, ווייט;
נאכט און מוי'רען, שטומע עדות,
שטעהען פאר מיר גרייט.
טראָטוארען, גאס־לאמטערען —
לייכט מיר, פיהרט מיך ווייט.

### לעצטע שטראַהלען...

לעצטע שטראהלען, גליהענדיג
אין דער נאכט, פערגליהען;
אָווענד־שטערען, לויטערע,
אין דער בלויקייט בליהען.

בלויע נעכט, געשטערענטע,
לייכטען און בעציערען
— וועגען אויסגעטראָטענע
וועגען צום פערפיהרען.

וועגען אויסגעפלאסטערטע,
הייזער, פענסטער מוירען. —
דאָ און דאָרטען שלעפען זיך
מענשען, צום בעדוירען.

*
*　　*

גרויע פייכטקייט, רויטע שויבען,
לעצטע שטראַלען גליהען;
צו דער רויטער מערב־ווייטקייט
דורך פערבענקטע רויטע שויבען
דיינע בליקען ציהען.

בלוי האָט זיך די נאַכט צופליגעלט,
שטערען אָנגעצונדען;
מיט דער רויטער מערב־ווייטקייט,
אין דער בלויער נאַכט דערטרונקען,
איז דיין בליק פערשוואונדען.

פאַר די נאַכט און מויערן...

פאַר די נאַכט און מויערן
ווילט זיך קניהען, וויינען —
זיך אליין בעדויערן,
זיך אליין בעוויינען;

קניהען פאַר די מויערן,
אויף די האַרטע שטיינער,
בעטען און בעדויערן,
הערען זאָל נישט קיינער.

בעטען ביי די מויערן,
בעטען ביי די שטערן:
פיהרט מיך אין די טויערן —
אויסגעלייטערט ווערען.

### על חטא...

אוי, גרויסער גאָט אין הימעל, הער זיך צו
צו מיינע ציטערדיגע, ציטערדיגע רייד,
וואָס בעטען אויפריכטיג ביי דיר;
איצט, ווען די זון א גליהענדע שטאַרבט אָב,
א וואָלקען קומט און שפּרייט זיך אויפ׳ן הימעל אויס
און קוקט א שווער־געוויכטיגער צו מיר אראָפּ,
און ס׳טוט אזוי פאַרנאַכטליך וועה און באַנג
אַז עפּעס שטאַרבט אין מיר גלייך מיט דעם זון־פאַרגאַנג
דאָ אין דער פּוסטקייט פון מיין הויז,
און איך, א הילפלאָזער אליין, אָט דאָ
ארומגעצוימט פון בלוי־בעפאַרבטע ווענד,
וואָס כאַפּען אויף דעם הויב פון מיינע הענד
און הערען מיינע ציטעריגע רייד,
בעט ווי א קינד זיך אויפריכטיג ביי דיר:
אוי, גרויסער גאָט אין הימעל! הער זיך צו
צו מיינע ציטערדיגע, ציטערדיגע רייד
און ווייז מיר, דעם אונגלויביגען, דיין גנאָד!
איך וועל פאַר קינד און קייט דערצעהלען, גאָט,
דיין גרויס גענאָד און קלאַפּען זיך אין הארץ „על חטא" —
על חטא!
על חטא!

## מאני לייב:

### דער הערבסט...

דער הערבסט איז בעפאַלען דאָס לאַנד.
און קאַלט איז מיר, קאַלט איז מיר, קאַלט...
און דאָרטען דורך גאַסען פערדרויכערט און אַלט
די אַלטענקע ווייט ליגט פערשפּרייט.

דער הערבסט איז בעפאַלען דאָס לאַנד.
און קאַלט איז מיר, קאַלט איז מיר, קאַלט...
און דאָרטען דורך גאַסען פערשווינדט אַ געשטאַלט —
מיין לעצטע, מיין ליכטיגע פרייד.

דער הערבסט איז בעפאַלען דאָס לאַנד.
און קאַלט איז מיר, קאַלט איז מיר, קאַלט...
און דאָ געה איך אויף אויף דעם גרויען אַספאַלט,
ווי וויינריב, פערלאָזען און טויט.

### איך בין דער וויינריב...

איך בין דער וויינריב, דער ווילדער!
געה אויף ביים פּלויט פון דיין הויף,
קלעטער אַ רויטער, אַ ווילדער,
ביז דיינע פענסטער ארויף;

אויף דיינע דילען זיך לייגען,
הויכען אין שאַרף פון דיין קלייד,
בלייבען זיך אין דיינע אויגען,
טרויערן פון דיינע רייד;

לויערן פון דיינע לאַמפּען
הערבסטיג און גרין ווי אַ שפּין,
אויסגעהן פערקלערט, ווי די לאַמפּען,
אַשיג אין פלאַם פון קאַמין;

ליגען אַ בלייבער, אַ טויטער
אויף דיינע שויבען אין שניי, —
שנייאיג, אין שניי, אַ פערשנייטער
וויינען צו דיר פון דעם שניי.

זעהסט...

זעהסט — דאָס בין איך, דאָס בין איך,
הערבסטיג, ווי וויינריב דער רויטער;
פאַר דיינע הירשענע שיך
דרעה איך זיך ווילד אַ פערשפּרייטער.

טרעט מיט די הירשענע שיך! —
זעהסט ווי איך גאַר דאָ אַ גרייטער
און ווי איך דרעה זיך און קריך,
הערבסטיג, ווי וויינריב דער רויטער.

זעהסט? אַט אזא אַ בין איך! —
באַלד וועל איך ליגען אַ טויטער,
אונטער די הירשענע שיך,
שנייאיג, אין שניי אַ פערשנייטער.

עפּענט מיר אייערע טיהרען...

— עפּענט מיר אייערע טיהרען!
פון מיין געצייבענטען וועג
האָב איך געלאָזט זיך פערפיהרען
ביז מיינע הערבסטיגע טעג.

איך בין אַרויס אין מיין זומער,
רוישיג און גרויס ווי אַ טייך;
ליכטיגע פרייד פון מיין זומער
האָב איך געטראָגען צו אייך.

האָב איך געלאָזט זיך פערפיהרען
פון מיין געצייכענטען וועג. —
עפענט מיר אייערע טיהרען
אין מיינע הערבסטיגע טעג!

דאָ פאַר די טיהרען אַ ווילדער
ליג איך, ווי ווייַנריב פערשפרייט,
און, ווי דער ווייַנריב דער ווילדער,
טראָג איך די שעהנקייט פון טויט.

און פון די וועגען און שטעגען
ברייננג איך צו אייך פון מיין וועג
טרויער פון הערבסטיגען רעגען,
גאָלד פון די הערבסטיגע טעג.

א. ראבאי: דער פאס פון ים. ראמאן.

Copyright, 1918
by
I. RABOY

# דער פּאַס פון ים. ערשטער טהייל.

# I

## דער נייער וועג

פון ביידע זייטען טשייפעל־הילער וועג, לויפען צוואווארפענע, פערפלאנטערטע און קרומע אויסגעבויגענע וועלדלאך.

שמאל און קרום און אויסגעבויגען איז דער וועג.

געהט מען, מיט דעם וועג, דאכט זיך, אז אן דארט ווייט האקט ער זיך אפ און עס הויבען זיך אן וועלדער.

און בלייבט מען אזוי שטעהן אין מיט וועג, מען פערטראכט זיך:

„דער מענש, וואס האט דעם דאזיגען וועג געשניטען, האט ניט געהאט דאס גלייכקייט אין זיינע פיס: געשניטען א שטיקעל וועג, זיך אפגעשטעלט, געקוקט צוריק און נאכדעם, ניט ווילענדיג, ווייטער אנגעהויבען צוהאקען דעם וועג".

מר. וויינבוים האט עפעס אזוינס געטראכט אהיים געהנדיג פון שטעדטעל און ביי זיך אפגעמאכט נאך אמאל:

„וייל מען האלט נאך אפען די אויגען, בעדארפען דעם וועג צורעכט מאכען. פריהער מוז מען די וועלדלאך פון ביידע זייטען ארומהאקען און פערגלייכען און נאכדעם דעם גאנצען וועג איבערצוגראבען און איבערשיטען מיט קליינינטשקע שטיינדלאך און פון אויבען בעדעקען מיט זאמד און איהם גוט איינפרעסען.

און נאָכדעם וועלען מענשען פאָהרען און זיך גלאַט וואַנדערן אויף דעם שעהנעם וועג. און אַ צווייטען מאָל וועלען מענשען פאָהרען און וועלען נאָט ליבען און דאַנקען דערפאַר וואָס זיי דאַרפען ניט אַזוי פיעל קירעווען מיט זייערע פערד און אָקסען, און די שטומע בהמה, דער אָקס און דאָס פערד וועלען פיהלען אַ לייכטקייט אין זייערע פיס.

אַט אַזוי האָט מר. וויינבוים געטראַכטען און געגאַנגען לאַנגזאַם ביים זייט פון זיינע אָקסען. זיין האַרט, גרויליך בערדעל איז געווען אַביסעל אויפגעהויבען פון זיין ברייטער, איינגעפאַלענער ברוסט און זיינע אויגען זיינען טיעף ביי איהם אונטער זיין שטערען אַרומגעלאָפען הין און הער און פערבליקט דעם גאַנצען וועלדליכען אַרום־און־אַרום.

— דזשי! — האָט מר. וויינבוים אויסגעזונגען. און באַלד, ווי ער וואָלט זיך פערענטפערט פאַר די אָקסען דערפאַר וואָס זיי זיינען דורך זיין „דזשי" שיער ניט אריין אין וועלדעל אריין, — האָט ער אַ ברום געטהאָן אין דער גיך:

— האַה, ברים, האַה, האַה!

ברים, דער ברוינרויטליכער, גרויסער אָקס מיט די פערדרעהטע, ווייס־זילבערנע, גרויסע הערנער, האָט מיט זיין ברייטביינינען קליפ און נאַקען אַ שטופ געטהאָן זיין חבר בראַד, אויף לינקס.

דער אַלטער וויינבוים האָט אויסגעזונגען זיינע „דזשיס" און „האַהס" און אַלע מאָל אַ פאַך געטהאָן מיט זיין וויצען, לאַנגען ביימש אין דער לופט אריין.

און די אָקסען האָבען מיט זייערע גרויסע, ווייס־גרויע אויגען, וועלכע האָבען פון אָפשיין פון זייערע דונקעלרויטע ברעמען אויסגעוויזען ווי די אויגען פון אַ מענשען וואָס ארבייט זעהר אַ סך און שלאָפט זעהר ווינציג, — געוואַכט וויינבוימס קלענסטען קעהר.

און מיט זייערע גרויסע, געלע אויערען, וועלכע זיינען געווען בעוואַקסען אַרום די ברעגען מיט שיטערע, לאַנגליכע האַר, האָבען זיי געשאָקעלט אַראָפ און אַרויף און זיך איינגעהערט צו מר. וויינבוים'ס געזאַנגען.

ווייל, ווען דער ווידערקלאַנג פון אַ בעפעהל, אויף רעכטס, האָט זיך נאָך געהאַלטען אין איבערוואַרפען פון איין זייט וואַלד צום אַנ־

דערן זייט וואלד, איז שוין פון מר. וויינבוימען געקומען אן אנדער בעפעהל, אויף לינקס:

— ברים, הא, האה!

מר. וויינבוים האט דעם דאזיגען ברייטבייניגען אקס „ברים" און אויך זיין חבר „בראד" אויפגעצויגען פון קליינע קעלבלעך. זיי האבען איהם געקענט, ווי קינדערלאך קענען זייער טאטען.

און דערפאר איז ער זיך געגאנגען ביי דער זייט, מיט דער וויי־כער, לאנגער בייטש אריבערגעווארפען אויף זיינע אקסעל און ווען ער האט בעדארפט צו זיי געבען זיין בעפעהל, האט ער זיך געטהאן א דרעה אוים צו זיי און געזאגט צו די אקסען:

— קינדערלאך, אט אזוי! — און ווייטער געגאנגען ביי דער זייט.

דער טאג, א שעהנער און זעהר א קליינער, האט געהאלטען ביים אוועקגעהן, און די זון האט שוין אנגעהויבען זיך צו בעהאלטען און איינדעקען אין אבענדליכע וואלקענס.

עס האט אנגעהויבען צו ווערען טונקעלער און טונקעלער, און פון ביידע זייטען וואלד האט זיך געשפארט א פיאלעטעווער שאטען און זיך געשפרייט אויף דעם קרומען וועג.

מר. וויינבוים'ס הויכליכע פיגור האט אנגעהויבען צו וואקסען פון זיינע דארע ביינער ארוים. ער איז איצט געגאנגען ביים זייט פון זיינע אקסען און געטראכט פון זיין קליינער און פריילִיכער אסתר, וועלכע ער האט היינט געזעהן אין שטעדטעל און פון וועמען ער פיהרט א געריס צו דער מאמען.

און עס האט זיך איהם פלוצים פערוואלט שוין צו זיין אין דער היים. ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און פון ווייטען האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז אן דארט־א שטעהט א בוים אין מיטען וועג. עס האט דאך אבער ניט געקענט אויסוואקסען אזא גרויסער בוים אין מיטען וועג. מיט דעם אייגענעם וועג איז ער דאך היינט אין דער פריה געפאהרען אין שטעדטעל.

און ווידער האט זיך מר. וויינבוימען שוין געטראפען א סך מאל, אז ער האט גאר פלוצים דערזעהן א זאך אויף אזא ארט, וואו ער האט יאהרען זיך אומגעדרעהט און עס קיינמאל ניט געזעהן...

דערוויל האט זיך אויסגעלאזען פון בוימעל אין מיטען וועג, אז דאס איז געווען א מענש מיט א האק אריבערגעווארפען איבער דעם אקסעל.

— אַ גוטען אבענד, מר. ווייגבוים! — האָט יענער אַ הויב געטהאָן מיט זיין האַק אין דער הויך און זי צוריק אַרונטערגעלעגט איבער זיין אַקסעל.

— אַ טפו... גוטען יאָהר אייך, וואַלדען. וואָס אַן אַלטען אידען קען זיך אויסדראַכטען: אַ בוימעלע שטעהט אין מיטען וועג... אַנטלייהט מיר אייער האַק, וואַלדען, וועל איך דאָס בוימעלע אָפּהאַקען...

אַזוי האָט מר. ווייגבוים געזאָגט, און דערביי געשמייכעלט און געוויזען מיט אַ בויג ווי ער וועט דאָס בוימעלע אונטערהאַקען, און זיך געכאַפּט און פערענדיגט שוין אַביסעל פערטראַכט:

— דער וועג איז אַזוי אויך אַ שלעכטער, בעדאַרף מען נאָך אַ האַק מיט זיך מיטנעהמען אין וואָגען און האַקען בוימלאך פון מיטען וועג.

וואַלדען האָט ברייט און אין־זיך געשמייכעלט, פערוואָרפענדיג זיין גרויסען קאָפּ אויף צוריק און פון זיין גרויסען מויל האָבען זיך בעוויזען און גיך פערשוואונדען געזונדע ווייסע צייהן.

מר. ווייגבוים האָט ניט פערפעהלט צו בעמערקען, צום ערשטען מאָל, וואַלדענס שטאַרקע, שעהנע צייהן און זיך אַביסעל פערטראַכט און באַלד זיך צוריק געכאַפּט, אַז מען טאָר ניט גאָט דערצאָרענען און זיך פערטראַכטען איבער זיינע בעשעפעניסען.

דער „יאָך־אָקסען" זיינען געשטאַנען פון הינטען און אונרוהיג געביטען זייערע פיס און געדרעהט זייערע גראָבע העלזער אין דעם שווערען הילצערנעם יאָך, פון וואָס דער אַלטער, גלאַנציגער און פערהאַרטעוועטער יאָך האָט געסקריפּעט, און אַלע מאָל האָט זיך איין אָקס מיט דעם אנדערן געפלאָכטען האָרן אין האָרן.

וואַלדען האָט אויף זיי געקוקט און זיך געוואונדערט, ווי אַזוי אַזוינע גרויסע, שווערע אָקסען קענען זיין אַזוי אונרוהיג. מיט דער האַק איבער זיינע אַקסלען האָט ער געדרעהט, ווי מיט אַ לייכטען שטעקעלע און האָט געוואַרט, אַז מר. ווייגבוים זאָל אָנהויבען צו ריידען פריהער.

צי דער אַלטער האָט יע געוואוסט אַז יענער וואַרט, צי ער האָט ניט געוואוסט, נאָר ער האָט אַליין אָנגעהויבען צו ריידען פריהער:

— איך וואָלט נאָך איין זאַך געוואָלט דערלעבען, וואַלדען, אַז מיר זאָלען זיך צוזאַמענגעהמען אַלע אידען פון טשייפּעל הילל און מאַכען אַ גוטען וועג. מיר זיינען, אַ דאַנק צו גאָט, איצט דאָ אַלע

גוטע שכנים; אידען, וואָס קענען האַלטען אַ האַק אין זייערע הענט און איטליכער האָט זיך זיינע פערד און אָקסען; פאַר וואָס זאָלען מיר ניט אויסגלייכען דעם וועג?

— זעהר שעהן, זעהר שעהן! — האָט וואָלדען געדרעהט מיט דער האַק איבער זיין אַקסעל און ווייטער געשמייכעלט מיט זיינע ווייסע צייהן — אָבער איך וויים ניט צו וועמען איך זאָל זיך צוהערען. מיין פאָטער בעדאַרף גאָר פריהער האָבען אַ שול... ער וויל, אַז מיר זאָלען ערגעץ אין וואַלד אויפבויען אַ שול, אַז אידען זאָלען קומען אַהין דאַווענען.

— טאַקע, אויך שעהן! — איז דער אַלטער וויינבוים געוואָרען אַ פערפלאָמטער און אַ הויב געטהאָן מיט זיינע אַקסלען — אַה, ווי שעהן עס וועט זיין. אַ שול אין ערגעץ, אין מיטען וואַלד! אָבער, פריהער קומט דער וועג. אַז עס וועט זיין אַ שעהנער וועג, וועלען מענשען קענען געהן אין שוהל אריין, כע, כע.

— מען דאַרף אַ שמועס טהאָן מיט מיין טאַטען, — האָט וואָל־דען געזאָגט זעהר פויל, ווי ער וואָלט שוין סיי ווי סיי געוואוסט, וואָס זיין טאַטע וועט ענטפערען, — אָבער איך וויים, אַז אַזוי ווי עס איז ביי אייך אַ שעהנע זאַך דעם וועג צורעכט צו מאַכען, אַזוי איז עס ביי מיין טאַטען נאָך שעהנער צו אויפבויען אַ שול, אַז מענשען זאָלען אַהין קומען גאָט בעטען און ביי אַן אַנדערן, קען זיין, איז אפשר דאָס שעהנסטע אין דער וועלט, אַז ער זאָל האָבען אַ גוט פערדיל, ער זאָל האָבען מיט וואָס זיינע פעלדער צו בעאַרבייטען און זאָל קענען ציהען זיין ברויט פון דער ערד.

— איהר מיינט, איך וויים, איך וויים, ראָזענבערג׳ן, טאַקע אַ רחמנות, אָבער אין דעם איז ניט גאָט און ניט לייט, קיינער ניט שולדיג — נאָר געגוג, איך וויל ניט ריידען קיין לשון־הרע.

און דערנאָכדעם האָט מר. וויינבוים אַ קוק געטהאָן אויף וואָלדע־נען און מיט די לאַנגע דאַרע פינגער פון זיין האַנד אַ קוועטש געטהאָן וואָלדענס האַנד, אַרום מוסקעל וואָס אין דער אויבערשטער טהייל פון אָרעם, און געזאָגט:

— נו, איהר זייט דאָך אפשר מיעד, אַ גאַנצען טאָג געהאַקט האָלץ. איך בעט אייך אָבער, אַז איהר זאָלט אַרונטערקומען צו אונז אין הויז, שבת צו נאַכט. מיין אסתר׳ל וועט זיין אין דער היים, וועלען מיר אַביסעל פערברייגגען. איבערהויפט לאָזט אייך ניט בעטען

און קומט אריין אפט. עס איז אזוי גוט ווען מען זיצט צוזאמען ביים טיש, ווינטער. קומט איהר ארונטער שבת־צו־נאכט?

— מיט פערגעניגען!

אזוי האט וואלדען געענטפערט און זיך פערגוינט און צוועק אין זיין וועג.

## II

# זיינס!

אז מר. וויינבוים איז צוגעקומען פאר דעם טויער פון זיין הויז, וועלכע איז געשטאנען א פיער־עקיגע, א גרויסע ביים וועג, איז שוין אין דרויסען געווען פינסטערליך.

קעגענאיבער אויף דער אנדער זייט וועג איז געווען א טויער צו מר. וויינבוים׳ס לאנקעס פון וואנען עס האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד עפעס א רונדער גרויסער פלעק, וואס מר. וויינבוים האט געוואוסט, אז עס איז זיין אייגענער וועלדעל, אויף וועלכען ער האט יאהר־איין, יאהר־אויס געהאפט און געארבייט און ווייטער געהאפט, אז די בוימער וועלען גרעבער ווערען, אז די בוימער וועלען הויך ווערען, וועט ער זיי פערקויפען צו א סוחר פון ברעטער, אדער ער וועט זיך נאר אליין אפנארען,ווארטען און ווארטען, און דערנאכדעם, אז די בוימער וועלען גראב און הויך אויסוואקסען וועט ער זיי לאזען פאר זיך אליין — זיינס!

אויף יענער זייט פון וואלד איז א גרויסער שטיק הימעל פערבלייכט געווארען און דאס גרויסע ראד פון דער פולער לבנה האט אנגעהויבען זיך ארויסצודרעהען פון וואלד ארויס.

פון וועג האט מען זיך בעדארפט א שארפען דרעה טהאן אין טויער אריין. האט מר. וויינבוים אנגעהויבען ריידען אביסעל העכער צו זיינע אקסען.

עפענט זיך אויף די טיהר פון הויז. עס דערהערט זיך א פאטש מיט צוויי הענט און א קוויטש.

מר. וויינבוים האט זיך דערשראקען, באלד געקומען צו זיך און דערזעהן זיין פרוי אויף דעם גאניק פון זיין הויז.

— אוי, אַ פייער, אַ פייער! — האָט זיין פרוי געשריען און געקוויטשעט.

— רבקה, גאָט איז מיט דיר, גאָט איז מיט דיר!

— עס ברענט!

— רבקה, וואו ברענט? גאָט איז מיט דיר!

— אָן דאָרט!

— נאַרעלע, עס איז דאָך די לבנה. גאָט איז מיט דיר, עס איז די לבנה...

מר. וויינבוים האָט געלאָזען זיינע אָקסען מיט דעם וואָגען אין מיטען הויף און איז צוגעלאָפען צו זיין פרוי און זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט און פעסט אַ טרייסעל געטהאָן.

— וואָס פאַלט דיר איין, גאָר פּלוצים. ניט דאָס ערשטע מאָל אַז די לבנה קומט אַרויס קעגען אונזער הויז, גאָט איז מיט דיר!

רבקה האָט אַ קוק געטהאָן אין יענער זייט, וואו די לבנה איז שוין געשטאַנען אַ קיילעכיגע, אַ גרויסע. און באַלד, ווי זי וואָלט נאָך ניט אַרויסגעשלאָגען פון איהר האַרץ דעם פּחד פאַר עפּעס אַן אומגליק, וואָס הויערט איבער זייער הויז, — האָט זי באַלד אַ פרעג געטהאָן:

— געזעהען אסתר'לען?

— געזעהען, נאַרישע אידענע, געזעהן!

— וואָס־זשע האָסטו זיך אַזוי שפּעט פערזאַמט?

— איך האָב אָנגעטראָפען אַ מענשען אויף'ן וועג, האָבען מיר אַביסעל גערעדט.

נאָכדעם איז מר. וויינבוים אַוועק צום וואָגען, אַרויסגענומען עטליכע פּעקלאך און זיי דערלאַנגט רבקה'ן און געזאָגט:

— ברייננ אַרויס דעם לאָמטערען. האָסט איהם שוין אָנגעצונדען?

— פון איצט אָן. עס שטעהט שוין דער לאָמטערען אָן אָנגעצונדענער שוין פון לאַנג, וואַרט און וואַרט. האָב איך דערוויילע אַריינגענומען די קוה אין שטאַל אַריין און די קעלבלאך פערמאַכט אין די קעמערלאך — —

— נענונ, נענונ, לאָז איבער אויף שפּעטער, איצט ברענג אַרויס דעם לאָמטערן און קום אַרויס דורך דער הינטער־טיהר, אין שטאַהל אַריין.

מר. וויינבוים האָט ווייטער אָנגעהויבן צו ריידן מיט זיינע אָקסען און דער וואָגן האָט געסקריפּעט און ער האָט געטראַכט:

„— רבקה איז עפּעס אַזוי געוואָרן, אַז זי שרעקט זיך פאַר איהר אייגענעם שאָטען.“

ביים שטאַהל האָט ער אַרויסגעשלעפּט די פּלעקער פון ביידע זייטען פון דעם יאָך, און די אָקסען זיינען געבליבען שטעהן פרייע און האָבען זיך גענומען אָפּלעקען מיט זייערע צינגער.

דערווייל איז אַרויסגעקומען רבקה מיט דעם לאַמטערן און אַ לאַנגער פּאַס מיט ליכט האָט זיך אוועקגעלעגט איבער דער ערד און איז אַרויפגעשפּרונגען אויף די אָקסען און אויף דער וואַנד פון שטאַהל.

מר. וויינבוים האָט אויף די אָקסען אָנגעשריען, געפּעפּנט די טיהר און זיי זיינען אַריין אין שטאַל און האָבען, ווי דערשראָקענע קינדער, זיך געוואָלט ביידע דורכשטופּען מיט איין מאָל דורך דער שמאָלער טיר פון שטאַל.

אויף וואָס מר. וויינבוים האָט זיך שטאַרק אָנגעבייזערט.

די אָקסען האָבען זיך צושטעלט אויף זייערע ערטער, אריינשטעקענדיג גיך זייערע קעפּ אין די הילצערנע האַלטערס, און מר. וויינבוים האָט אויך אַזוי גיך פערקייטעלט איבער די קעפּ פון די אָקסען די שווערע אייזערנע קייטלעך, כדי זיי זאָלען ניט קענען אַרויסגעהן פון זייערע ערטער איבער נאַכט.

די קיה, וועלכע זיינען שוין געלעגען אויף זייערע מיט שטרוי אויסגעשפּרייטע „בעטען“ און געקייעט מיט פערמאַכטע אויגען, גע־דרעמעלט, און אפשר שוין געוואָלט באַלד פערגעסען אין זייערע פליב־טען צו מר. וויינבוימען און זיינע פליכטען צו זיי, האָבען זיך איצט געטהאָן אַ שטעל־אויף, פריהער מיט די הינטערשטע פיס און דער־נאָכדעם אויך אויף די פאָדערשטע פיס, מיט אַ פרייליכען קלאַפּען, און איינע נאָך די אַנדערע שטילערהייט געמריקעט.

די קליינע קעלבלאַך האָבען דורך די ווענטלאַך און דורך די שפּאַלטען וואָס צווישען איין ברעט און דער אַנדערער, געשטעקט זייערע קעפּלאַך און מיט די צינגלאַך געלעקט און קורץ און ברוגז׳לאַך אַרויסגעלאָזען אַ מריקעניש, ווי זיי וואָלטען זיך איינער מיט׳ן אַנדערן נאָכגעקרימט.

און רבקה האָט געהאַלטען דעם לאַמטערן אין דער הויף. און מר. וויינבוים האָט פון דער הויכער הורבע מיט היי אַרונטערגעוואָרפען

גאנצע פאכען, איינגעפרעסטע און פערפלאָנטערטע גראַזען. עס האָט זיך אויפגעהויבען איבער דער גאַנצער שטאָל אַ שארפער ריח פון קרייטיכער.

און אַז אַלע בהמות זיינען שוין געשטאַנען מיט זייערע קעפ טיעף אריינגעגראָבען אין די פערפלאָנטערטע שטרויעלעך, האָט מר. וויינבוים זיי נאָך אַ גלעט געטהאָן, איטליכער בהמה בעזונדער איבער'ן קאָפּ, צווישען די הערנער.

ער האָט אויסגעמלאָקען זיינע קיה, אָנגעטרונקען די קליינוואַרג מיט מילך און שוין צום הונדערטסטען מאָל זיך געוואונדערט ווי אַזוי די קעלבלאך, נאָכדעם ווי זיי טרינקען אויס די גאַנצע מילך פון דעם עמער, קלאַפּען מיט זייערע קעפ אין דעם דעק פון עמער, אַז דער דעק זאָל געבען נאָך מילך.

און דערנאָכדעם איז מר. וויינבוים אוועק אין הויז מיט רבקה'ן זיך אָפּנעהמען זיינס — דאָס וואָס רבקה האָט איהם אָנגעגרייט און דאָס וואָס נאָט האָט זיי געהאָלפען, אַז זיי זאָלען קענען אָנגרייטען. זיינס!...

# III

## עס הויבט אָן שנעען.

שפּעט אין אבענד האָט דוד וואָלדען שוין געוואָלט צוריקכאַפּען דאָס וואָס ער האָט צוגעזאָגט מר. וויינבוימען „מיט פערגעניגען", און עס האָט איהם באַנג געטהאָן וואָס ער האָט זיך באַלד נאָכדעם צוזעגענט מיט איהם און אוועק אהיים.

עס האָט געקענט הייסען:

— מיט פערגעניגען וויל איך קומען זעהן אייער מיידעל אסתר.

און:

— לענגער שטעהן מיט אייך, און איהר זאָלט מיר אריינקוקען אין מיינע אויגען, וויל איך נים.

נאָר, וואָס פעלט איהם איין אַזוינע זאכען? — האָט דוד גע־לאַכט פון זיך.

אַ שכן בעט זיך ביי איהם צו קומען אין זיין הויז אריין. מיינט ער, אַז דוד וואָלדען זאָל קומען.

און אז דאָס מיידעל וועט זיין אין דערהיים, איז דאָך נאָך בעסער. אינטערעסאַנט!

דוד קען זיך עס ניט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ.

מר. ווײַנבוים וויל מאַכן אַ נײַעם וועג.

מען איז געזעסן ביי דעם טיש, דוד און זיין טאַטע־מאַמע. געגעסן שטיל.

דוד האָט געקוקט אויף דעם פּנים פון זיין טאַטן. עס איז געווען דאָס פּנים פון אַ ווייט פערטראַכטען מענשען.

דער פאָטער דערצעהלט גאָר נישט אין הויז. פון זיינע פערטראַכטע ווייטע אויגען לייענט מען עס אַרויס, פון זיין שווייגען און פון זיין אָפטער אויפגעקאָכטקייט, ווען ער ווערט בייז, און עס געהט ביי איהם דער כעס אין דער גיך אַוועק און ער צושמייכעלט זיך.

דוד'ן האָט ער שוין אַ העלפט פון זיין פערטראַכטער זאַך, אומבעוואוסט, אַרויסגעגעבען.

זיך נאָכגעפרעגט צי עס איז דאָ ביי זיי אין וואַלד אַ סך טענענבוימער. און אויב דוד איז זיכער, אַז דאָרט וואו די סקאָלע איז אין וואַלד, אויב יענער אָרט איז אויף זייער לאַנד.

— אונזער לאַנד, טאַטע! — האָט דוד געענטפערט און עס איז פאַר זיינע אויגען אויפגעשטאַנען זיין טאַטענס שול אַרומגערינגעלט מיט יונגע בוימלאַך. די בוימלאַך וועלען פּאַטשען מיט זייערע צווייגען אין די פענסטער פון שול. אינעווייניג וועט זיין ליידיג און טרויעריג.

דער רעגען וועט די שול וואַשען און דער ווינד וועט זי טריקענען.

די זון וועט אַריינקוקען דורך אַ פענסטער און אָפּוואַרפען אַן אַנדער זון אין דעם קעגענאיבערדיגען פענסטער און זיך דורכשטיפּען און אַנטלויפען אין וואַלד.

און אין די ווייסע לבנה־נעכט וועלען הירשען אַרומשפּאַנען אַרום די וועגד פון דער שול און זיך איינהערען צי עס געהט ניט עמיצער אויף זיי שיסען.

טראַכט דער פאָטער דערפון, וואָס זיין פּנים איז ווי פון אַ ווייט פערטיעפטען מענשען?

און ווער וועט קומען אין זיין שול?
שכנים!

מען פאָהרט מיט איין וועג, אַלע מאָל, אהין און צוריק. מען ציהט דאָס שטיקעל ברויט פון איין ערד און פון וואַלד.

איינער וויל אויפבויען אַ נייע שול און איינער וויל מאַכען אַ נייעם וועג...

נאָך דעם עסען, האָט זיך דוד אוועקגעזעצט אין דעם וויגשטוהל מיט זיין בוך און מיט דער פייף. גערויכערט, לאָזענדיג פון איין עק פון זיין מויל קליינע אַפּגעריסענע ווייכעלאַך מיט רויך. געקוקט אין בוך און ניט געלעזען.

אַ גאַנצען טאָג געוועזען אין די וועלדער. זיך איינגעזאַפּט מיט ווילדקייט. מיעד זיינען אַלע געליעדער. און עס ברענען די אויגען פון דעם ליכט פון קליינעם לאָמפּ. פון דעם אייזערנעם אויוועז פליסט אַ ווארעמע פּארע פון פלאַמיגען גרינעם האָלץ און פון צולאָזענער סמאָלע.

דוד'ס מוטער איז ארויס, מיט אַ פּראָל פון טיר, אין דרויסען און ווי אַ דערשראָקענע צוריק אריינגעלאָפען, ציהענדיג מיט די אַקס־לען און שווער אָטמענדיג:

— עס הויבט אָן שנעען!

— זאָל גאָט העלפען אַ שנעע — האָט דער פּאָטער געזאָגט מיט פרייד, ווי אַ קליין קינד איבערזאָגענדיג נאָך אַ מאָל דאָס וואָרט „אַ שנעע"!

מען איז געגאַנגען שלאָפען.

דוד האָט נאָך ניט געהאַט צייט אַ טראַכט צו טהאָן פון דעם מיידעל, וואָס וועט זיין שבת־צו־נאַכט אין דער היים און פון דעם שנעע, און ער איז איינגעשלאָפען אין אַ שווערען, פערפאַלענעם שלאָף.

# IV

## דער לאַנגער פּאַס פון ים

איצט, ווייל דער שנעע פאַלט אין דרויסען, און צו שבת־צו־נאַכט איז נאָך ווייט, וועל איך אייך, דערוייל, דערצעהלען, אז אין דעם פאַרם, וואו די וואַלדענס וואוינען, האָבען אמאָל געוואוינט דריי ברי־דער. זיי האָבען געהאַט דריי ווייבער, און אַליין געוועזען פערנומען מיט ארבייט אין דער גרויסער שטאָדט.

און די ווייבער זיינען געוועזען אין הויז, אויף דעם פעלד און אין וואלד.

און אז עס איז געקומען אויף א יום־טוב, זיינען די דריי ברידער אהיים געקומען צו זייערע ווייבער און מיטגעבראכט דאס גאנצע געלט, וואס זיי האבען אפגעשפארט פון דער ארבייט אין שטאדט.

און אלע מאל, ווען די ברידער זיינען אהיים געפאהרען, זיינען זיי פון שטאדט אוועק מיט דעם געדאנק מעהר אהין ניט צוריק צו קומען.

נאר, ווי דורך עפעס א פערשאלטענער זאך, אז זיי זיינען אלע דריי אהיימגעקומען און אוועקגעגעבען זייערע ווייבער דאס ביסעל געלד און ארויסגעגאנגען א מאל איבער די פעלדער און אן אנדערש מאל אויך אין וואלד אריין, און א קוק געטהאן, ווי עס וואלגערען זיך שטיינער איבער די פעלדער און דער וואלד איז אנגעווארפען מיט איבערגעקעהרטע בוימער, און אז זיי האבען א קוק געטהאן אויף דער הויז זייערער, ווי דא און דארטען פעהלט א ברעט און די ווענט און דער דאך איז בעוואקסען מיט גרינעם מאך און אין די קוימענס איז דא לעכלאך ארום און ארום, פון וואנען עס שפארט אזוי דער רויך, און צום סוף — זייערע פערפרארענע קינדערלאך —

האבען זיי א שפיי געטהאן אויף דעם דארף און אוועק צוריק אין שטאדט אריין. ווייטער ארבייטען און ווייטער פערדינען און שפארען געלד.

אט אזוי האט זיך געדרעהט דאס רעדעל ביז איינמאל האבען די ווייבער, אלע דריי, דאס רעדעל אפגעשטעלט און געלאזט וויסען זייערע מענער, אז זיי ווילען אויך אין שטאדטאריין.

איז די ברידער פינסטער געווארען אין די אויגען.

וואס זאלען זיי טהאן מיט זייערע ווייבער און אזוי פיעל פער־פרעמדטע קינדערלאך אין דער גרויסער שטאדט?

און עס האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז די שטאדט איז שוין אזוי אויך אנגעפילט מיט מענשען און עס וועט ניט זיין קיין ארט פאר זייערע ווייבער און קינדערלאך.

נאר, אז די ווייבער ווילען אין שטאדט אריין, נא, האבען זיי שוין איבערגעקעהרט וועלטען.

און אז די דריי ברידער זיינען אויף אן אנדער יום־טוב אהיים געקומען אין דארף אריין, זיינען שוין די פענסטער געוועזן אלע אויס־

נעקלאפּט און פערשטעקט מיט שמאטעס, און אינעווייניג אין הויז זיינען די שפּאַלירען געהאַנגען אויף די ווענט, ווי לאַנג ניט געוואַשענע פאַרהאַנגען; און אַז מען האָט מיט אַ טיר אַ קלאַפּ געטהאָן, האָט זיך אָנגעהויבען שיטען פון די ווענט זאַמד און שטיינלאַך; און דער דיל האָט אויסגעוויזען, ווי מען האָט פון איהם געבראָכען שטיקלאַך ברעט־לאַך, דעם אויוועז אונטערצוהייצען; און אין ברונען איז דער פערד נעלעגען אַ דערטרונקענער מיט די הינטערשטע פיס ארויף... און די שטעכיגע דראָטען פון די פּלויטען האָבען ארומגעשפּרונגען איבער די לאַנקעס און זיך געקייקעלט אין קיילעכיגע, גרויסע רינגען און קיין מענשען ניט געלאָזט ארומגעהן איבער די פעלדער.

אליין האָבען די ווייבער איינע מיט דער אַנדערער ניט געבעדט.

די קינדערלאַך האָבען זיך גערופען צונעמען און געהאַט געשוואָ־לענע אויגען און שווארצע הענט, און ארומגעלאָפען מיט איבערגע־קעהרטע שיך, אָהן זאָילען, און זייערע רעקלאַך אָהן קנעפּלאַך און מיט שטריקלאַך ארומגעבונדען.

האָבען זיך די דריי ברידער זעהר מצער געווען און זיך אָנ־געהערט מיט אַזוי פיעל קללות פון זייערע ווייבער. און נאָך יום טוב האָט מען גענומען ווייב און קינדער און איטליכער בעזונדער איז זיך מיט זיין ווייב און קינדער אַוועק, מיט אַן אַנדער וועג, אין דער גרוי־סער שטאָדט.

דאָס הויז, פעלד און וואַלד, אַזוי ווי עס איז געגאַנגען, סיי ווי, צום ווינטער, איבערגעלאָזען אויף הפקר.

נאָר אין דער גרויסער שטאָדט האָבען די ברידער געהאַט טאַטע־מאַמע, און זייערע ווייבער האָבען אויך געהאַט טאַטע־מאַמע. די עלטערן האָבען געהערט פון דעם שעהנעם סוף פון זייערע קינדערס נחלה, האָבען זיי זיך אריינגעלעגט אין שלום.

און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די „קינדער" זאָלען פערקוי־פען זייער פאַרם און מיט דעם געלד זיך צוטהיילען אויף דרייען.

האָט מען אין אַ צייטונג אריינגעשטעלט אַזאַ מין אַנאָנס:

„אַ פאַרם צו פערקויפען פאַר מזומן געלד, פון דריי ברידער. די אורזאַך פון פערקויפען איז, וואָס די דריי פאַמיליען קענען ניט לעבען אונטער איין דאַך. ווייטער איז די פאַרם אַ שמאַלץ־גרוב: אַ נייע, גרויסע הויז, מיט אַ סך צימערען, פעלדער צום אַקערען און פערזייען. גוטע און פעטע ערד, און אַ וואַלד פון טויזענד בוימער, און אַ ברונען

מיט קוואַל־וואַסער, אַלס צוגאָב: שטאַלען, מאַגאַזינען און קעמערלאַך.
פּרייז: זעהר ביליג. קומט און געפינט אַליין דעם אמת."

בעדאַרף גאָט אַזוי פיהרען אַז דער אַלטער וואַלדען, וואָס איז אַלע אָבענד נאָך דעם עסען געזעסען און געקוקט אין דער צייטונג און נאָכגעזוכט אַן אַנאָנס וועגען אַ פאַרם, אַז ער זאָל דערזעהן די אַנאָנס, וועלכען די דריי ברידער האָבען אין צייטונג אַריינגעשטעלט.

און אַזוי ווי ער דערזעהט דאָס, אַזוי פאַלט איהם איין אַ געדאַנק: אָט, דאָס איז עס!

און געוואָלט האָט דער אַלטער וואַלדען אַ פאַרם דערפאַר:

ווייל, ערשטענס איז ער אין זיינע יונגע יאָהרען, אין רוסלאַנד, געוועזען אַ פּאָסעסאָר פון לענדער און מיט גרויסע מאַטערנישען, און איינשטעלענדיג דאָס לעבען, געוואָהנט אויף דעם פעלד און פון דאָר־טען אַרויסגעטריבען געוואָרען און ווייטער געוואוינט אויף דעם פעלד. און דאָ אין אַמעריקאַ מעג דאָך אַ איד וואוינען אַפילו אין מיטען פעלד. און צווייטענס האָט ער שוין געוואָלט אויסרוהען זיינע אַלטע ביינער אויף זיין אייגענעם לאַנד און גאָרטען. און דריטענס האָט ער געהאַט עטליכע הונדערטער אין אַ באַנק און געוואָלט בעסער איבער־לאָזען זיין איינציגען זוהן אַ גוטע און פעסטע ירושה, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיינע יאָהרען געהען שוין באַרג אַרונטער. און דאָ פּלענט אַרויפשווימען דער לעצטער פונקט:

דעם אַלטען וואַלדען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון דער שטאָדט איז אַפילו גאָט'ס נאָמען שוין לאַנג אַוועק און דאָרטען ערגעץ אין פעלד און וואַלד וועט ער זיך אפשר קענען נעהענטער צוקוקען צו גאָט'ס וועגען...

— אָט דאָס איז עס!

האָט דער אַלטער וואַלדען ניט געטראַכט קיין סך, נאָר ער מיט זיין ווייב מיט זייער זוהן זיינען אַוועק, מיט די דריי ברידער אָפּגע־רעדט, און באַלד אַוועקגעפאָהרען אָנצוקוקען דעם פאַרם.

איינער פון די דריי ברידער, דער קליגסטער, איז מיט זיי אויך געפאָהרען.

און אַז זיי זיינען אַהין פערפאָהרען און דערזעהען די אַלטע אָפּ־געריסענע הויז, האָט דער קליגסטער פון די ברידער געזאָגט:

— אַ נייע הויז, נאָר די ווייבער האָבען זיך געפוילט האַלץ אָנצו־

האקען פון דעם וואַלד און בעסער געבראַכען די ברעטער פון די ווענט.

ווייבער!

און אין וואַלד אריין האָט ער די וואַלדענס גענומען מיט אַן אַנ־דער קנאַק:

— מיינע ליעבע אידען, זייט אַזוי גוט און צעהלט אַליין איבער די בוימער. טויזענדער!

נעהט און פּ..גט איהם אַ גאַנג און צע..לט די בוימער פון אַ וואַלד.

און אויף די פעלדער האָט זיך דער קלינסטער פון די ברידער געמאַכט אַזוי גוט און פרום:

— ווי איך זעה, מיינע ליעבע מענשען, זייט איהר אידען, וואָס ווייסט, וואָס ערד איז. ליינט זיך אַוועק און טהוט, זייט מוחל, אַ שמעק צו דער דאָזיגער ערד, וועט איהר שוין אַליין וויסען ווי פעט דאָס איז...

דער אַלטער וואַלדען האָט פרום געשמייכעלט אין זיין גראַהען באָרד אריין און נאָר געזאָגט:

— אַלע ערדען זיינען ניט מעהר ווי ערד, עט!

די אַלטע פרוי וואַלדען איז אַרומגעגאַנגען אַ שטומע און אַ בלייבע פון דעם ווייכען ליכט פון דער אַסיענדיגער זון און געטראַכט וואָס דער מאַן און איהר זוהן וועלען זאָגען וועט זיין רעכט אַזוי.

נאָר אַז דער יונגער וואַלדען האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און אַ קוק געטהאָן אין דער הויך און אַרום און דערזעהן דעם לאַנגען פּאַס פון ים העט וויט איבער אַלע פערפלאָנטערטע וועלדער און איבערגעפלאָכטענע בערג, און אויף דעם פּאַס איז געשוואומען אַ שיף מיט ווייסע זעגלען, וואָס האָט אויסגעוויזען פון וויטען, ווי אַ וויי־סער ים־פויגעל פליהט — האָט דער יונגער וואַלדען זיך אַ ווענד געטהאָן צום אידען:

— הערט, מיסטער, וויפיעל ווילט איהר פאַר דער שעהנער הויז מיט די פעטע ערדען און גרויסען וואַלד, נאָר ניט געטראַכט קיין סך!

דער קלינסטער פון די ברידער האָט זיך דערשראָקען. ער האָט ניט געקענט פערשטעהן צי מאַכט דער יונגערמאַן פון איהם שפּאַס, צי עס איז איהם אַזוי שטאַרק געפעלען, וואָס ער איילט זיך אַזוי.

— אויב איהר האָט אַ טויזענדער, וועט עס זיין גוט — האָט דער איד געזאָגט און געקוקט אויף דעם יונגען וואַלדען'ס פּנים. און

אז ער האָט בעמערקט ווי יענעמס פּנים מאַכט עפּעס אַ בעוועגונג, האָט ער זיך צוגעאײַלט און ערנסט אָבגעהאַקט:

אויב איהר מיינט, אז מיט ווינציגער פון אַכט הונדערטער קענט איהר דעם פּלאַץ אָפּקויפען, איז אַ רחמנות אויף אייער צייט.

נאָר מען איז שוין דורכגעקומען.

און אז מען איז געפאָהרען צוזאַמען אין וואָגען אויף דעם וועג צום שטאָדט־שרייבער מאַכען דעם קאָנטראַקט, האָט זיך די אַלטע פרוי וואַלדען דערמאָנט:

— אוי, די צימערען ניט אָנגעקוקט. און ווער ווייסט צי איז דער ברונען נאָהענט פון דער קיך.

דער אַלטער וואַלדען האָט אַ שמייכעל געטהאָן אין זיין גראָהער באָרד אריין.

— אַ אידענע האָט איהרס אין זינען. וואָס זאָגט איהר, רב איד — האָט ער פון דער זייט שאַרף אָנגעקוקט דעם אייגענטימער פון פאַרם — איז ביי אייך אין הויז פאַראַנען צימערען, און ווי וויט איז דער ברונען פון דער קיכענטיר.

— מיר קענען זיך נאָך אומקעהרען — האָט דער קלינגסטער פון די ברידער געזאָגט מיט זיכערקייט — און איהר וועט אַליין אַ קוק טהאָן. איהר וועט דאָך ניט גלויבען אַז עס איז דאָ אין אונזער הויז צעהן צימערען מיט אַ בוידעם און מיט אַ קעהלער פון שטיינער געמאַכט. און אַז מען עפענט די טיר פון קיך און מען טהוט דריי שפּאַן איז שוין דאָ אַ ברונען און ביים ברונען שטעהט אַן אַלטער בארען־בוים.

— ביי מיר האָט אַ מענש אַ וואָרט — האָט דער אַלטער וואַלדען געזאָגט גלייך אין דער לופט אריין.

און דער יונגער וואַלדען איז געזעסען אַ פערטראַכטער אין וואָגען:

„— שטיינער וועט ער צונויפזאַמלען פון די פעלדער און זיי אויסלייגען אין אַ הויכען טורעם און פון שפּיץ פון טורעם וועט ער קוקען צו די שיפען מיט די ווייסע זעגלען אויף דעם וויטען פּאַס פון ים—“.

# V

## פון שטאָדט אין דאָרף אַריין

ווי אין אַ מעשה־ביכעל איז זיך געלאָפען דוד וואַלדענס לעבען פון זינט ער איז פון „פּאַבליק סקול" אַרויסגעקומען.

זיין פאָטער איז געווען אַן עהרליכער און מיטעלמעסיגער געשעפטסמאַן און אויך אַ פרומער איד — פרום איבער די כחות פון אַ אידען פון זיין שטאַנד. האָט ער געוואָלט מאַכען זיין זוהן פאַר אַזאַ מין געשעפטסמאַן אַט אַזוי ווי ער איז, און אויב זיין זוהנס גליק וועט שפּיעלען זאָל ער וואַקסען און גאָט וועט העלפען. די מוטער האָט אָבער שטילערהייד געטרוימט, אַז דער איינציגער זוהן זאָל אַרויסגעהן פון „פּאַבליק סקול" און אַריין ווייטער אין אַ העכערע שול און פון דאָרט זאָל ער געהן העכער אין אוניווערסיטעט און ענדיגען אויף עפּעס אַ פּראָפעסיאָן.

און נאָכדעם וועט מען דעם זוהן חתונה מאַכען.

דאָס איינגעל האָט קוים, קוים געענדיגט און דערלעבט דעם טאָג ווען ער איז אַרויס פון „פּאַבליק־סקול".

ער איז שוין דעמאָלט געווען פערצעהן יאָהר.

זיינע מוסקולען זיינען שוין געווען פערהאַרטעוועטע. ער האָט געהאַט אַ ליעבע צו קוקען אויף שווערע אַרבייט. געקענט אַמאָל אָפּשטעהן אַ גאַנצען טאָג און זיך איינקוקען, ווי אַ מענש האַקט מיט אַ פּיקע אָדער מיט אַ גראָבאייזען דעם שטיינערנעם אַספאַלט אין גאַס. עס איז ביי איהם געווען דאָס גרעסטע פערגעניגען צו שטעהן און זיך צוקוקען ווי מען בויט אַ נייע הויז.

און אין אַטלעטישע זאַכען איז ער געווען אַזוי פערטהאָן, אַז דער טאָג איז געווען קליין פאַר איהם. און ער האָט נאָך אין אָבענד פון זיך אַרונטערגענומען די געוויינליכע קליידער און שיך, זיך אָנגעטהאָן אין אַ וואָלענעם אַנצוג, פון איין שטיק, און מיט לייכטע גומענע שיך, און דעם גאַנצען אָבענד אַזוי אַ האַלב־נאַקעטער אַרומגעלאָפען איבער דער גאַס.

געלאָפען איז ער מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ און מיט קליינע טריט.

איז ער שוין צו פערצעהן יאָהר געווען אַ שטאַרקער, אייזער־

נער אינגעל און האָט זיך פּלוצים אריינגענומען אין קאָפּ אריין אַז ער מוז אוועק פון דערהיים.

עס האָט איהם געצויגען צו זעהן די ברעגען פון פּאַסיפיק.

קיין געלד האָט ער ניט געהאַט און האָט ניט געדאַרפט.

נאָר אין איין שעהנעם פּאַרנאַכט, אַזוי אַז מען זאָל זיך ניט קענען יאָגען נאָך איהם, איז ער זיך ארויסגענאַנגען פון שטאָדט און אָנגעהויבען זיין „שפּאַציר“ צו די ברעגען פון פּאַסיפיק.

ביי זיך האָט ער אָבגעמאַכט קיינמאָל ניט פאָהרען מיט פערד און וואָגען, ניט מיט קיין שיפען, און אויך ניט מיט דער באַהן. סיידען עס וועט זיך מאַכען אַ שעהנער פערד און ער וועט קענען זיך דורכפאָהרען אביסעל רייטענדיג.

ער איז געגאַנגען איבער דעם גאַנצען לייַנג פון לאַנד. זיך אָבגעשטעלט אומעדום, וואו עס איז נאָר געוועזען אַ שטוב און די שטוב האָט געהאַט אַ דאַך.

דאָ האָט ער געהאָלפען האַקען האָלץ און דערפאַר האָט מען איהם געגעבען אַ גוטען מאָהלצייט און געלעגער, און געלד אויך אין קעשענע אריין.

און אין אַן אַנדער אָרט האָט ער צוגעכאַפּט דאָס האַרץ פון דער שעהנער טאָכטער אין שטוב, און עס מיט זיך געטראָגען אַזוי לאַנג, ביז ער האָט עס אין אַ ווייטען וואַלד אוועקגעוואָרפען.

ער האָט זיך צוגעפּאַסט גיך און קלוג צו אַלערליי ארבייטען.

איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט מעהר ווי צוויי, דריי טעג אין אַ דאָרף. און ניט מעהר ווי ניין, צעהן טעג אין אַ שטאָדט.

אין יעדען דאָרף און אין יעדער שטאָדט האָט ער זיך גערופען אַן אַנדער נאָמען. דאָ האָט ער געהייסען אייזיק און אין אַ צווייטען אָרט האָט ער געהייסען פיליפּ, ווייל עס האָט קיינעם ניט געהאַרט, ווי אַזוי ער הייסט, אבי ער האָט אַ נאָמען.

און איינער אַליין איז ער געגאַנגען אויף די וועגען און דורך וועלדער און אויסגעטראַכט זיין נייעם נאָמען און עפּעס אַ נייע מעשה און געלאַכט צו זיך אַליין פון די מענשען, וועמען ער האָט ערשט געזעהען.

צום טייפעל!

געזעהן מענשען, געזעהן וועלדער, פעלדער און טייכען — אַלעמען! אָבער קיינער האָט איהם ניט געזעהען.

און אזוי ווי ער איז אוועקגעגאנגען פון זיין היים אין איין העמד און שיך, אזוי איז ער צוריקגעקומען אין פיער יאָהר ארום אין איין העמד און שיך.

נאָר זיין אויסזעהען האָט זיך געאנדערשט. ער איז געוואָרען העכער. דער קאָליר פון זיינע האָר און פנים האָבען זיך געביטען און זיינע אויגען זיינען געווען ארומגערינגעלט, ווי מיט לייכטע שאָטענס פון עפּעס פערבאָרגענעס.

ער האָט קיינעם ניט געוואָלט דערצעהלען, וואו ער איז געווען און וואָס ער האָט געזעהען.

פון „ארבייט און מאַך דיין לעבען זיס” האָט ער ניט געוואָלט אפילו הערען.

און האָט ער א מאָל ארויסגעהאָלפען זיין פאָטער, נאָך א לאנגען און וויינענדיגען בעטען פון זיין מוטער, האָט דער פאָטער געדאנקט גאָט און אָנגעהויבען צו מיינען, אז ער ווערט שוין א מענש. אָבער דאָס איז ניט געווען אויף לאנג.

ווייל דער טאָג איז פאר איהם און זיינע אייגענע באדירפנישען קורץ געווען.

אין דער פריה איז ער פאר'ן איבערבייסען ארוים געגאנגען אין פּארק און געמאכט קערפּערליכע איבונגען. זיך געהאנגען אויף זייגע הענט אין די גרויסע אייזערנע רינגען און זיך אזוי געוואָרפען אהין און אהער. אָדער געקראָכען אויף דעם הויכען אייזערנעם סלופּ און זיך צוריק ארונטערגעגליטשט מיט צונויפגעדרעהטע הענט און פיס. ארויפגעשפּרונגען אויף דעם הילצערנעם פערדעל און זיך צוריק ארונטערגעוואָרפען מיט איין בעוועגונג פון זיין לינקען פוס.

נאָכדעם האָט ער אריינגעשטעקט א ברייטען איבערבייסען.

און נאָך איבערבייסען פערפאַלען געוואָרען אין די געדיכט פערדרוקטע בלעטלאך פון עפּעס א בוך.

די מוטער האָט געקענט ריידען און רייסען איהם ביי די לאַצען פון זיין ראָק און ער האָט ניט געהערט, וואָס עס טהוט זיך ארום איהם.

און לאנג האָבען טאַטע-מאַמע געשמועסט וועגען איהם און ניט געקענט קומען צו קיין ברעג.

דער פאָטער האָט שוין איינמאָל געוואָלט פּלוצים זיין זוהן א פרעג טהאָן:

„מיין ליעבער הערר, אויף וועמען ווארטען „זיי?...“ נאָר די מוטער האָט געוויינט און געבעטען זיך, אז ער זאָל ניט איינרייסען מיט איהם. ער זאָל נאָך א מאָל ניט אוועקגעהן אין ערגעץ פון דער היים. און אויב ער וועט, חלילה, איצט אוועקגעהן, קען ער שוין דאָרט ערגעץ פערפאַלען ווערען.

און אָט דורך דעם, כאָטש טאטע־מאמע האָבען עס קיינמאָל ניט אויפגעבראכט אויף זייערע ליפּען, איז אָבער דאן שוין געקומען צו זיי דער געדאנק זיך ארויסצוקלייבען פון שטאָדט אין דאָרף אריין.

# VI

## אַ טויטער פערד אין ברונען

און אזוי ווי די וואָלדענס האָבען אָפּגעלעבט עטליכע איינזאמע יאָהרען אין דער גרויסער טשאָדט און ניט געהאַט קיין אינטימע פריינד, פון דעסטוועגען איז זיי געוועזען שווער אויף זייערע הערצער אין דעם טאָג, ווען זיי האָבען די שטאָדט פערלאָזען.

דער אלטער וואָלדען האָט געדאוועט גאַנץ פריה, אין קלויז, מיט דעם ערשטען מנין.

און נאָך דעם דאווענען האָט ער געוואָלט זיך פלוצים אוועקשטעלען און אויסשרייען צו אלע אידען: „זייט געזונד!“

אָבער ער האָט עס ניט געטהאָן, ווייל ערשטענס, זיינען אלע אידען דעמאָלט אין קלויז געוועזען פרעמדע און האָבען זיך עפּעס זעהר געאיילט. און צווייטענס, איז דער אלטער וואָלדען געוועזען א איד, וואָס האָט קיין מאָל ניט ליעב געהאַט יענעם צו בעלעסטיגען מיט זיינע אייגענע איבערלעבונגען.

און שווער איז איהם געוועזען און נאָך שווערער זיין ווייב.

ווען זי האָט פערלאָזען דאָס הויז, זיינען אויף דעם גאניק און אויף די טרעפּ פאר דעם הויז געשטאנען ווייבער און זיך איינגעגעסען מיט זייערע אויגען אין איהר. און ניט ווארטענדיג ביז די פרוי וואָלדען וועט זיך אליין זעגענען, האָבען זיי, גאָט ווייסט פון וועמען זיי האָבען זיך דאָס דערוואוסט, איהר געוואונשען, אז זי זאָל פאָהרען געזונד און דאָרט אין פעלד און וואלד זיך אויפבויען א פרעהליכע, גוטע היים.

דוד האָט זיך אויך ניט געהאַט מיט וועמען צו שיידען, און נאָר דורך דעם פענסטער פון קאַר זיך געזעגענט מיט די הויכע טורעמס פון דער שטאָדט. און געפיהלט אומבעוואוסטעס פאַר דעם נייעם לעבען, וואָס איז ערגעץ געוועזען אין די פעלדער און וועלדער. און ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל די צייט אַריבערפליהען.

ער האָט זיך שוין געוואָלט זעהען אַלס אַ שקלאַף פון יענע ווייטע האָריזאָנטען, אָדער ער זאָל זיין זייער פּרינץ.

---

אַז די וואָלדענס זיינען אָנגעקומען אין פאַרם מיט זייער מעבעל, געפּעס און בעטגעוואַנט און אין איילעניש, ווי אַזוי עס איז, זייערע זאַכען אוועקגעשטעלט און די פרעמדע מענשען מיט די וועגענער אַרויסבעגלייט, און געבליבען אַלע דריי אין זייער נייער היים, און זיך ניט געוואוסט צו וואָס פריהער צו נעהמען, האָבען זיי, ווי פּלוצים אויפכאַפּענדיג זיך פון אַ שווערען שלאָף, אַלע אינאיינעם אַרויס־געזאָגט:

— מען וועט מאַכען פייער אין אויווען און אויפשטעלען טהעע.

דוד איז אַרויס און געפונען אין אַ קעמעריל אַן אַלטע פערזשאַ־ווערטע האַק און אָנגעשפּאָלטען עטליכע שייטלאַך האָלץ און זיי אַריינ־געבראַכט אין הויז אַריין.

זיין מוטער האָט דערווייל דעם אויווען אויסגערייניגט און זיך געלערענט, ווי אַזוי מען בעדאַרף די טירלאַך אויפמאַכען און די ריג־לאַך פערריגלען, אַז דער אויווען זאָל גוט ברענען און ניט רויכערען.

נאָר איין זייטיג טירעל האָט זי ניט געוואוסט, צו מען דאַרף עס אויפמאַכען פאַר דעם אונטערצינדען, צו מען דאַרף עס ערשט אויפמאַכען נאָך דעם ווען דאָס האָלץ ברענט שוין גוט.

זי האָט זיך בעראַטהען מיט איהר זוהן און מען האָט בעשלאָסען, אַז מען זאָל דאָס דאָזיגע טירעלע לאָזען דערווייל פערמאַכט.

דערווייל האָט די מוטער אָנגעלעגט האָלץ אין אויווען, אונטער־געצונדען און זיך דערמאָהנט, אַז אויב מען וויל טרינקען טהעע, בע־דאַרף מען אַריינברענגען וואַסער פון ברונען.

דוד האָט געכאַפּט אַ גרויסען טאָפּ און איז אַרויס צו דעם ברונען.

ער לאָזט אַרונטער דעם עמער מיט דעם אָנגעבונדענעם שטריק, וועלכען ער האָט געפונען וואַלגערענדיג זיך ביים ברונען, און פיהלט, אַז דער עמער שלאָגט זיך אָן אין עפּעס אַ האַרטער זאַך.

ער קוקט אריין אין ברונען. דערשרעקט זיך.
לויפט אריין אין הויז אריין.

די מוטער בעגעגענט איהם מיט א פרייד, אז זי האט שוין גע־פונען דעם סוד, צו וואס דאס טירעלע, ביי דער זייט פון אויוועז, איז געמאכט געווארען.

און אז זי טהוט א קוק אויף איהר זוהן, ווי ער איז אזוי בלאס, פרעגט זי איהם:

— דער שטריק האט זיך איבערגעריסען?

— ניין, ניט איבערגעריסען. טאטע, קום אהער. איך האב א סוד צו דערצעהלען.

דער פאטער איז צוגעקומען, זיינע הענד געריבען איינע אין דער אנדערער און מיט א שמייכעל געזאגט:

— וואס קען דא זיין א סוד. איך, די מאמע און דו אליין און ווייטער נאר גאט אין הימעל.

— דאס טאר אפילו די וואנט ניט הערען, — האט דוד געזאגט זעהר שטיל און ארונטערלאזענדיג זיינע אויגען צום דיל האט ער נאך שטילער ארויסגעמורמעלט:

— א פערד ליגט אין ברונען מיט די אונטערשטע פיס ארויף.

די מוטער האט א פאטש געטהאן מיטביידע הענט, ארונטער־געריסען פון זיך דאס פארטוך און אנגעהויבען ארומצולויפען פון קיך אין אנדערען צימער, דורך דער אפענער טיר, און צוריק און מיט א הייזעריגען קוויטש אין איהר קולות געשריגען:

— צוריק אין שטאדט אריין, שוין צוריק!

עס איז געווען אפשר דאס ערשטע מאל אין דעם איינזאמען, רוהיגען לעבען פון מאן און ווייב, אז זי האט אזוי ווילד געשריען. און פאר וואס האבען דער פאטער און זוהן זיך צו דעם ניט איינגע־הערט?

נאר זי אליין האט זיך דערשראקען פאר דעם געוואלד, וואס זי האט אנגעמאכט, און איז אליין באלד אנטשוויגען געווארען, געבליבען שטעהן ביי א פענסטער און ארויסגעקוקט אין פעלד. פון ווייטען איז אויך, אין שאטען, געשטאנען א וואלד. זי האט געוואלט זיך אויסוויינען און ניט געקענט.

די מענער זיינען אין דרויסען ארויסגעגאנגען.

דער אלטער ווארדען האט געזאגט:

— פאר וואס האט דער איד ניט געזאגט, אז ער האט אויך א פערד אין ברונעו?

און צוקומענדיג צו דעם ברונען, האט דער פאטער לאנג אריינ־געקוקט אין ברונען און אויפהויבענדיג זיין קאפ האט דער פאטער, מיט א לייכטען פחד אין זיין קול, געזאגט:

— הערסטו, דוד, איך האב מורא, אז דאס פערד לעבט נאך. מען דארף איהם ראטעווען.

— גען, נעה. זיינע טריט ארום ברונען זיינען שוין לאנג פערשוואומען, — האט דוד געזאגט מיט כעס, — ווער וויס וויפיעל טעג און יאהרען ער ליגט שוין דארט.

— הכלל, וואס ווען מיר טהאן.

— ארויסציהען, טאטע.

— ניין, איך זאג, אז מען זאל רופען מענשען און זיי דערצעהלען.

— מענשען! — האט זיך דוד צופלאמט — רוף זיי צוזאמען מיט זייערע ווייבער און קינדערלאך און זאלען זיי קוקען אין ברונען אריין און שפייען.

— זאל מען כאטש זעהען אונזער שאנד — האט זיך דער פא־טער געבעטען.

— פאפא, מיר וועלען דאס פערד אליין ארויסציהען פון ברונען. וועסט זעהען, קיינער בעדארף ניט וויסען.

דוד האט זיך דערמאהנט, אז אין וואלד האט ער געזעהען א ריטשקאלע. האט ער געכאפט דעם עמער, אפגעבונדען דעם שטריק און איז אוועק און געבראכט פון וואלד אן עמער וואסער.

די מוטער איז שוין ארומגעגאנגען מיט א ווייסען טיכעל ארומ־געבונדען איהר קאפ, און מיט א פערשאטענדיגען פנים און זיפצענ־דיג געמאכט פארטיג דריי גלעזער טהעע.

עס איז געוועזען פארמיטאג און דער אלטער איז שוין געוועזען אן „אפגעדאווענטער". האט מען אויך עפעס צוגעביסען צו דער טהעע.

נאכדעם איז דוד אויפגעשטאנען פון טיש, אויסגעקנאקט זיינע הענט, ציהענדיג זיי אין דער הויך, און געזאגט:

— פאפא, גיב אהער עפעס געלד. איך געה אין ווילעדזש קוי־פען א שטריק און אנדערע זאכען. איהר טהוט אין הויז, וואס מען בעדארף. אבער געדיינקט, מיר בלייבען דא!

— מיט גאָט'ס הילף! — האָט דער פאָטער דערלאַנגט זיין זוהן א פּאַפּירעל און געשמייכעלט.

דוד איז אוועק פון הויז.

זיינען מאַן און ווייב געבליבען אויג אויף אויג. נאָך א לאַנגען שווייגען האָט די אַלטע געזאָגט:

— אברהם, איך האָב מורא, אַז עס איז א שלעכטער סמין, א טויטער פערד אין ברונען...

האָט זיך אברהם וואַלדען צולאַכט:

— עס איז גאָר נישטאָ קיין סמנים אויף דער וועלט. נאָר אויב דו ביסט א אידענע און גלויבסט יאָ אין סמנים, ווייסטו דאָך, אַז א צוואָק פון א טויטען פערד'ס קאָפּיטע איז זעהר גוט פאַר מזל. היינט, אַז מיר האָבען א גאַנצען טויטען פערד...

נאָכדעם האָבען זיי שטילערהייד און פלייסיג גענומען טהאָן די ארבייט אין הויז.

אַלע מאָל זיך געקריעגט, ווייל ער האָט אוועקגעשטעלט א ביינקעל אין יענעם ווינקעל. האָט זי געוואָלט, אַז דאָס ביינקעל זאָל שטעהן אין דעם ווינקעל.

און אַז דער אַלטער האָט געהאַט די געלעגענהייט ארויסצוציהן אין דרויסען, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם ברונען, זיך איינגעבויגען און אריינגעקוקט, זיך אַלץ ניט געוואָלט גלויבען זיינע אייגענע אויגען און שטילערהייד מיט זיך אַליין אָנגעהויבען צו פיהרען א מלחמה.

אויף זיין ווייב אַלע מאָל אָנגעשריגען, ווען זי האָט איהם דער־מאָהנט אין טויטען פערד און אַליין געקלעהרט פון דעם, ווי אזוי ער וועט קענען שטאַרבען, אָט דאָ אויף זיין אייגענער ערד.

מען וועט איהם אריינלעגען אין דער אייגענער ערד, וואו דער טויטער פערד וועט בעגראָבען ווערען.

# VII

## גאָלדענע בלעטער

עס איז געווען א מילד, וואַרעמער טאָג, און די זויערקייט פון די פערוויאַנעטע בלעטער און די אָפּגעפאַלענע עפּעל, וועלכע דאָס פרעס־מעל האָט געכטען ביינאַכט איינגעביסען און אוועקגעוואָרפען ביי די

זייטען פון וועג; גאָט דאָס דאָזיגע זויערקייט האָט ווי פערוויעגט די לופט אין א זיסען דרעמעל.

האָט זיך דוד וואָלדען געכאַפּט, ווען ער איז געגאַנגען אהיים פון ווילעדזש, אז עס וואָלט אפשר געוועזען א פּלאַן, ווען ער וואַרפט אוועק דעם שטריק אָט דאָ אין מיטען וועג און נעהט זיך אזוי אין גאַנצען אוועק פון זיינע עלטערען מיט זייער נייער היים.

נאָר דאָס ליכטיגקייט פון די דורכזיכטיגע וועלדלאַך און די אַנ־געפּאַלענע בערג מיט רויטע און גאָלדענע בלעטער; דער אָראָמאַט פון עפּעל קוואַס וואָס איז געשוואוּמען אין דער לופט און דער איינאַיינ־ציגער וועג אויף וועלכען עס איז אזוי ווייך און גוט אַליין צו געהן, האָבען דוד'ן ארומגענומען הענד און פיס און ניט דערלאָזען, אז ער זאָל איבערלאָזען דעם טויטען פערד אויף טאַטע־מאַמע אַליין.

ער האָט זיך אויסגעקליבען, ביים זייט פון וועג, א ווייכען, לאַנגען ווימט־אייזעל, איהם אָפּגעשניטען מיט זיין קעשענע־מעסעריל און איז אזוי ווייטער געגאַנגען אין דער מיט פון וועג און געפּאַטשט מיט דעם לאַנגען פּרוטקאָלע די אָנגעוואָרפענע בלעטער.

און ער האָט אין געדאַנק נעמאַכט פּלענער ווי אזוי דאָס טויטע פערד פון ברונען ארויסצוציהען און פערגיכערט זיינע טריט, כדי ער זאָל נאָך אהיים קומען אין צייט.

און דאָ אין דער לינקער זייט און דאָרט ווייטער אין דער רעכטער זייט פון וועג איז וואו ניט וואו ווייט און אַליין געשטאַנען א הויז ארומגערינגעלט מיט לאַנקעס. ביי דוד'ן אין די אויגען האָט עס אויסגעוויזען ווי אויסגעביסענע שטיקער פון די וועלדער.

דאָ און דאָרט, ביי א הויז, האָט דוד געשאָקעלט זיין קאָפּ צו איינעם און צו א צווייטען.

מען קוקט אויף איהם און מען פרעגט שטומערהייד:

— וואוהין געהט א בחור?

ענטפערט דער בחור שטומערהייד:

— וואוהין זאָל א בחור געהן?

יעדערער טהוט זיך זיין ארבייט, ביים הויז אָדער אין פעלד און דער בחור געהט ווייטער זיין וועג.

שטעלט זיך דוד אָפּ נעבען א פּלויט, ווישט זיין שטערען. לייגט יענער אוועק זיין ארבייט און קומט צו נאָהענט צו דעם פּלויט.

— א שעהנער טאָג!

— זעהר א שעהנער!
— צו וואָס טויג אייך אזא גראָבער שטריק?
— איך בעדאַרף.
— און אז איהר בעדאַרפט אזא שטריק וואָלט איך אייך געקענט אַנטלייהען מיינעם.
— ווער קען וויסען, צי ביי אייך איז פאַראַן אזא שטריק.
— א שאָד געלד. געלד איז אַן אָרימע זאַך, דאָ אין דאָרף.
— טאַקע א שאָד.

און אזוי רעדט מען זיך פונאַנדער. און עס ווייזט זיך ארויס אַז יענער איז אויך א איד און אויך איינער ביי זיינע עלטערן. אוי, ווען זיינע עלטערען זיינען איצט דאָ אין דער היים, א שאָד. ווי וואָלטען זיי זיך דערקוויקט מיט א נייעם מענשען.

זיי זיינען אין שטעדטעל אַוועקגעפאָהרען. ער איז אליין געבליבען. קאַרטאָפליעס גראָבט ער. שוין באַלד ווינטער. און אויב דער שנעע וועט צופאַלען איז — „גוד נייט"!

— און ווארום האָט דוד ניט געפרעגט ביי איהם פריהער, וואָלט ער דאָך ניט פערקראָכען אין דעם דאָזיגען אָרימען, ווילדען עק.

— פאַרוואָס האָט איהר ניט געפרעגט ביי אימיצען און אויך אהערצו פערקראָכען?

— איך?!

דאָ צושמייכעלט ער זיך מיט צוויי קנויטשען ארום זיינע נאָזלעכער:

— איך בין דאָך ניט פערקראָכען. איך בין נאָר א גאַסט ביי מיינע עלטערן.

— א גאַסט. און וואו וואוינט איהר אַלע מאָל?

— אין שטאָדט. איך האָב היינטיגען יאָהר גראַדואירט. בין איך אביסעל ארויסגעקומען זיך אָנצונעמען מיט רוים און האַריזאָנטען.

דוד האָט א שמייכעל געטהאָן:

— איך בין געקומען אהערצו ניט ארויסצונעמען די לופט פון די האַריזאָנטען, נאָר זיי מיט מיר אליין אָנצופילען.

— איך בענעהם די פסיכאָלאָגיע דערפון. ביים וועג, וועל איך אייך האָבען די עהרע צו דערצעהלען, אז איך בין א געענדיגטער דאָקטאָר פסיכאָלאָגיע.

— גראָבט איהר איצט קאַרטאָפליעס?

— דער וועג פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע איז אַזוי קלאָהר, אַז גראָבען קאַרטאָפּליעס איז שוין אַביסעל צו שווער און פערדרוסלעך. איך שטעק אריין דעם גאָפּעל אין דער ערד און טרעף מיט די צייהגער פון גאָפּעל פונקט אין דער הארץ פון די קאַרטאָפּליעס. עס פערדריסט אביסעל.

— נו, איך בעדאַרף גערן. — האָט דוד זיך אַ כאַפּ געטהאָן.

— וואָס איילט איהר זיך, יונגערמאַן. ביזטאָך אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער, ניט ווי מיין פאָטער, וועלכער איז שטענדיג אין איילע־ניש, יאָגט פון זיך ארוים די נשמה. איך בין אויך געבאָרען היע, און דאָ ווייס מען ניט פון אַזוינע זאַכען. איהר הערט, יונגערמאַן, אפשר ווייסט איהר אַ פּלאַן, אַז מען זאָל ניט בעדאַרפען גראָבען קאַרטאָפּ־ליעס פון דער ערד. צום טייפעל, די פּלייצעס ברעכען זיך ביי מיר אויף קליינע שטיקלאַך.

— מען לאָזט זיי פוילען אין דער ערד —

— דאָס איז ניט קיין שפּאַס — האָט דער יונגער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַזאַ אויסגעצויגענעם און בענומענעם טאָן, ווי ער וואָלט געלייענט אַ לעקציע. — איך בין זיכער, אַז מען קען אויסטראַכטען אַן אַנדער וועג, אַז די קאַרטאָפּליעס זאָלען בייטען זייער פּסיכאָלאָגיע און אָנהויבען צו וואַקסען אויף בוימלעך.

דוד וואָלדען האָט זיך צולאַכט, ניט געקענט זיך צוריקהאַלטען פון געלעכטער און דער דאָקטאָר האָט זיך עפּעס דערפיהלט ווי אַ נאַקעטער.

— ווי אַזוי איז אייער נאָמען, איך בעט אייך — האָט דוד גע־פרעגט.

—מיך קענט איהר רופען איזידאָר — האָט דער דאָקטאָר זיך עלעגאַנט פערנויגט.

— און מיך רופט מען דוד — האָט זיך דוד וואָלדען אויך פער־נויגט און איז אַוועק פון פּלויט, נאָכשרייענדיג אַזוי ווי ער וואָלט אַוועקגעוואָרפען אַ שטיינדעל:

מיר וועלען זיך נאָך זעהן!

דוד איז נאָכדעם אַהיים געקומען, ווען די זון האָט אָנגעהויבען צו בעהאַלטען זיך הינטער די ווייטע בערג.

פון וועג האָט זיין היים אויסגעוויזען ווי איינגעטונקען אין פלאַמען.

ער איז אריין אין הויז, דעם שטריק אוועקגעווארפען אין א ווינקעל, האט זיך געוואשען זיינע הענט און זיך צוגעזעצט ביים טיש.

אין הויז איז שוין געווען דונקעל, האט די מאמע אנגעצונדען דעם לאמפ.

נאכדעם האט מען געגעסען שטילערהייד.

דוד האט זיך אלע מאל דערמאנט אן דעם דאקטאר מיט זיין פסיכאלאגיע און געלאכט אין זיך.

מען איז געווען זעהר בעדריקט. קאן זיין אויך פון דעם נייעם לאמפען־ליכט, צו וואס זייערע אויגען זיינען ניט געווען צוגעוואוינט.

דער פאטער האט טאקע געזאגט:

— פינסטערליך אין הויז.

— מיר וועלען באלד דאס פערד ארויסציהען פון ברונען, וועט שוין נאכדעם זיין ליכטיג אין די אויגען.

די מוטער האט אויף דעם לאמפ געקוקט.

— נאך היינט ביינאכט? — האט דער פאטער געפרעגט.

—מען קען ניט לאזען אויף מארגען, פאפא.

— ניין, מארגען איז אויך א טאג — האט די מוטער זיך גע־בייזערט — מארגען אין דער פריה וועט איהר אויפשטעהן מיט קלארע אויסגערוהטע אויגען. וועט אייך זיין גרינג צו טהאן עפעס.

מען איז גיך נאך דעם עסען געגאנגען שלאפען.

דוד האט פון זיין בעזונדערען צימערעל זיך אביסעל איינגע־הערט אין דעם שטילען געמורמעל פון זיינע עלטערען. און אזוי ווי ער איז געווען זעהר מיעד האט ער ניט געקענט כאפען קיין איין ווארט און איז הינטער די שטילע טענער פון זייער געמורמעל, שווער, ווי אין דער מיט פון א שווערען וועג, איינגעשלאפען.

די עלטערען האבען אזוי לאנג געשמועסט שטילערהייט, ביז דער פאטער איז אויך איינגעשלאפען.

די מוטער האט עטליכע מאל עפעס געזאגט צו איהר מאן און אז זי האט ניט געהערט פון איהם קיין ענטפער, האט זי זיך אויך אנגעהויבען איבערצוגעבען דעם שלאף.

אבער דער שלאף איז אוועק, און זי ניט מיטגענומען אין זיינע ווייטע ערטער. זי איז געבליבען מיט אפענע אויגען.

שפעטער האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז דער טויטער פערד שטעהט ביים פענסטער און לעקט מיט זיין צונג די שויבען.

זי האָט פערמאַכט איהרע אויגען.
און נאָך שפּעטער האָט זי געהערט ווי אימיצער האָט געפרעגט:
וואָס וויל דער טויטער פערד?

## VIII

## שולדיג זיינען מיר!

אויף מאָרגען איז דוד וואָלדען אויפגעשטאַנען און פלוצים דער־פיהלט אַז ער האָט זיין פּלאַן קלאָהר און ליכטיג אין זיין קאָפּ.
ער איז אוועק אין וואַלד, אויסגעהאַקט דריי לאַנגע, גלייכע ביימער און פון זיי די צווייגען אַרונטערגערייניגט און זיי אַהיים געבראַכט אויף זיינע פּלייצעס.

ער האָט די דריי סלופּעס צונויפגעבונדען מיט אַ שטריק ביי איין עק, אויף אַנגעבונדען ביי יענעם עק אַ רעדעלע. דורך דעם רעדעלע האָט ער דורכגעצילעוועט דעם שטריק.

די סלופּעס האָט ער אויפגעשטעלט אין דער הויף און צושפּרייט, מיט די דריי פערשפּיצטע עקען אריין געשטעקט אין דער ווייכער ערד אַרום דעם ברונען.

איין עק פון שטריק איז געהאַנגען איבער דעם מויל פון ברונען און דעם אַנדערן עק האָט דוד אויף דורכגעצילעוועט דורך אַן אַנדער רעדעל, וואָס איז געהאַנגען אויף דעם הויכען באַרען־בוים ניט ווייט פון ברונען.

נאָכדעם האָט דוד אַנגעטהאָן זיינע גומענע לאַנגע שטיוועל און איז אריינגעקראָכען אין ברונען.

די מוטער איז געשטאַנען און געציטערט פון פּחד.

דער אַלטער וואָלדען האָט אַנגעהויבען הנאה צו האָבען פון זיין זוהן. דוד איז ביי איהם אין די אויגען געוואַקסען העכער און העכער, וואָס טיעפער ער איז געקראָכען אין ברונען.

דער שטריק האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן און די רעדלעך האָבען זיך גיך איבערגעדרעהט.

דוד איז אַרויסגעקומען פון ברונען, האָט אויסגעשפּיגען עטליכע מאָל, פערדרויכערט זיין פּייפ.

די מוטער האָט זיך ביי איהם גֿעבעטען אַז ער זאָל אריינגעהן עפּעס עסען.

ער האָט גאָר ניט געענטפערט און אָנגעהויבען צו ארבייטען.

מען האָט אָנגעהויבען צו שלעפּען דעם שטריק. עס איז געגאַנגען פון אָנהויב גרינג.

דער אַלטער האָט אַ זיפץ געטהאָן און בעמערקט:

— דאָס אָרימע פערד איז טויט, וועגט עס אַ לויט...

נאָר דערנאָכדעם איז געוואָרען שווער צו שלעפּען דעם שטריק. עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ קלונג פון וואסער וואָס גיסט זיך אויף אַנדער וואסער.

דער אַלטער האָט געוואָלט זאָגען, אַז מען האָט בעדארפט רופען עמיצען אויף הילף, נאָר אַז ער האָט געזעהען ווי זיין זוהן טהוט אַלע מאָל אַ שפּרונג און כאַפּט זיך אָן ביים שטריק, העט אין דער הויך, שרייענדיג ווילד „האָפּ“ און מיט זיין גאַנצער וואָג שלעפּט ער אראָפּ דעם שטריק, האָט דער אַלטער זיך אויך איבערגעגעבען מיט זיינע גאַנצע כחות צו דער ארבייט און בעוועגליך געצויגען דעם שטריק.

די מוטער האָט אויך געוואָלט העלפען, אָבער דוד האָט אויף איהר אָנגעשריען:

— מאַמע, מען דאַרף ניט! ברייננג בעסער אָט יענעם ברעט און אַז מיר וועלען דאָס טויטע פערד ארויסציהען זאָלסטו די ברעט ארונטערלייגען איבער דעם מויל פון ברונען. האָב ניט קיין מורא, ווייל דער שטריק איז שטאַרק.

דאָס טויטע פערד האָט אָנגעהויבען ארויסצובעווייזען זיך פון ברונען. פריהער די פיס, און עטוואָס שפּעטער האָט זיך בעוויזען דאָס גאַנצע פערד מיט זיין קאָפּ פערבויגען אָן אַ זייט און צונג־טוליעט צום האַלז. די לאַנגע האָר פון זיין האַלז זיינען געווען נאַסע און צונויפגעקלעפּטע. דאָס איינציגע אויג וואָס מען האָט געקענט זעהן איז געווען אָפען, גרויס און וואַסערדיג און גרוי.

עס האָט אָהן אויפהער געליאַפּעט דאָס וואַסער פון פערד'ס מויל, נאָז און אויערען.

אַז די מוטער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם טויטען פערד האָט זי זיך דערשראָקען און ארויסגעלאָזען די ברעט פון איהרע הענט. די ברעט האָט אַ פּאַטש געטהאָן אין דער ווייכער ערד אריין.

דוד האָט אַ געשריי געטהאָן, ווי אַ ווילדער:

— לייג אונטער די ברעט, מאמע.

די מוטער איז געקומען צו זיך, מיט איהר פנים אויסגעדרעהט אין א זייט, האט זי אוועקגעלייגט די ברעט אויף דעם מויל פון ברונען און איז אריין אין הויז, זיך אוועקגעזעצט אויף דעם נאך ניט פערבעטען בעט און אנגעהויבען שטיל און פרום צו וויינען.

די מענער האבען בעטראכט דאס טויטע פערד.

דער פאטער האט געזאגט:

— איצט, דוד, אז מיר האבען איהם שוין ארויסגענארט פון ברונען, קום אריין און רוה זיך אביסעל אפ ביז די מאמע וועט עפעס אפקאכען.

דוד האט געשוויגען. ער האט ניט געקענט עסען, ביז ער וועט דאס פערד ניט ברענגען צו זיין אייביגער רוה.

עס האט איהם אנגעכאפט א געפיהל פון צארען. עס האט אנגעהויבען צו זידען אין זיין הארץ און ער האט געוואלט עמיצען בייסען מיט זיינע צייהן וועלכע האבען זיך צונויפגעדריקט אין זיין מויל.

— איך וועל ניט געהן אין הויז אריין — האט ער געזאגט מיט אזא מין ווייכקייט, ווי מען רעדט צו א קינד ווען מען איז אין כעס גאר אויף עמיצען אנדערש, — געה אליין אין הויז, איך בעט דיך. פריהער מוז איך דעם טויטען פערד אין דער ערד פערבעהאלטען.

דער אלטער האט שוין געזעהען אז ער וועט ניט געהן און אוועק אין הויז אריין, אליין.

דוד האט אפגעזוכט א רידעל און א גראבאייזען און איז אוועק צו דער נאהענטסטער לאנקע, וועלכע איז געווען פערשטעלט פון וועג מיט דער הויז, און האט אנגעהויבען צו גראבען די גרוב.

ער האט געגראבען מיט כעס. פריהער מאכענדיג לויז די ערד מיט דעם גראב־אייזען און נאכדעם ארויסגעווארפען די געלבליכע ערד מיט דעם רידעל אויף איין זייט פון גרוב.

גראבענדיג מיט דעם גראב־אייזען, האט ער איהם הויך פערווארפען איבער זיין קאפ און איהם נאכדעם ארונטערגעלאזט צו דער ערד מיט איין גלייכער בעוועגונג, אזוי אז דער שפיץ האט זיך איינגעביסען אין דעם הארטען קלעע. און ער האט געפיהלט, אז ער בייסט מיט זיינע צייהן די געבלאכע ערד.

וואס איז איהם געוועזען די שטומע ערד שולדיג?

שטומע ערד!

שולדיג זיינען מיר! ווייל מיר זיינען געמאכט פון א הויפען ערד.
מיר טרעטען מיט אונזערע פיס אויף דיר, ערד.
מיר ציהען אונזער ברויט פון דיר, ערד.
און מיעדע קעהרען מיר זיך צוריק צו דיר, ערד.
און מישען זיך אוים מיט דיר און בעצאָהלען דיר דיינס: —
דעם הויפען ערד פון וואָס מיר זיינען בעשאַפען געוואָרען!
דוד וואָלדען האָט א טיפען, לאַנגען גרוב אויסגעגראָבען.
עס איז שוין נאכט געוואָרען. ער איז נאָך אַלץ ניט אריין אין הויז עפעס אַפּעסען און האָט זיך גענומען צו דער ארבייט.
דעם פערד בריינגען א גאַנצען צום גרוב האָט ער ניט געקענט:
דעם טויטען פערד איז אַלץ איינס.
מיט א לאָמטערען ביי דער זייט, האָט וואָלדען מיט א האַק געהאַקט גליעדער און שטיקער הארטע, בלאַסע פלייש פון טויטען פערד און זיי אריינגעוואָרפען אין גרוב אריין.
צום לעצט האָט ער אין זיין האנד געשלעפּט דעם קאָפּ פון פערד, און אין דער אַנדערער האָט ער געטראָגען דעם לאָמטערן.
דעם קאָפּ אריינגעוואָרפען מיט כעס. דעם לאָמטערן אוועקגעשטעלט ביי דער זייט פון גרוב.
האָט זיך ארומגעקוקט. זיך אוועקגעזעצט אויף דעם בערגעל פרישע ערד.
עס איז געוואָרען א טיפער אויסגעשטערנטער אָבענד און עס האָט זיך נאָר געהערט א שטילער זום־זום אין דעם ווייטען, אָפענעם האָריזאָנט.
ווי א טיפע, גרויסע שיסעל איז זיך געשטאַנען די גאַנצע וועלט.
אויף דעם דנאָ פון שיסעל שטעהט א לאָמטערן און שלאָגט אָפּ א קליין ראָזאָווע ליכט. און א מענש זיצט מיט זיין קאָפּ אריינגענעמען צווישען זיינע קניה און מיט די הענט אריבערגעוואָרפען איבער זיין האַלז.
פאַר וואָלדענס אויגען איז אויפגעשטאַנען: ווען ער איז נאָר וואָס געבוירען געוואָרען, האָט מען איהם אריינגעלעגט אין א גרויסע שיסעל וואסער און ער האָט דערפיהלט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער איז אויף עפּעס א נייער וועלט.
א לייכטער דראָזש איז דורכגעגאַנגען זיינע ביינער.
די טיר פון הויז האָט זיך צופראלט און אין איינעם מיט דעם

ליכט פון הויז, וואָס איז געלאָפען איבער דער ערד, איז אויך אַ שטימע נאָכגעקומען:

— דוד, מאַך שוין דאָרטען אַ סוף. שוין אַזוי שפּעט.

וואָלדען האָט זיך אויפגעכאַפּט, פערשאָטען דעם גרוב. נאָכדעם זיך איינגעהערט אַביסעל אין דעם שטילען זום־זום פון דער נאַכט.

אַ טראַכט געטהאָן:

— די ערד קריכט שוין און שטרעקט די אָרעמס נאָך דעם וואָס איהר קומט...

וואָלדען איז אַוועק אין הויז אריין שוין גאָר אַן אַנדערער.

# IX

## קינדער, זאָלען זיי זיך שפּיעלען!

די וואָלדענס האָבען זיך צו־ביסלאַך איינגעפונדעוועט.

דעם גאַנצען ווינטער האָט דוד פּאַרדיענט מיט זיין האַק. גע־ארבייט אין די גרויסע וועלדער, ביי דער זעג מיהל. ווילד הנאה גע־האָט פון זיין ארבייט. און אויך די „גיינג" האָלצהעקער האָבען איהם ליעב געהאַט פאַר זיין שווייגען און פאַר דער גוטער און געוויכטיגער האַנד, וואָס דוד האָט געהאַט.

עס איז געוועזען אין דוד'ס הענט עפּעס אַזוינס איינגעבוירענעס. ער האָט אויפגעהויבען די האַק איבער זיין קאָפּ מיט איין בעוועגונג, אָדער, ווי איינער פון דער „גיינג" האָט געזאָגט, גאָר אָהן אַ בעוועגונג. דאָס הייסט אַזוי: ער טהוט אין דער גיך און ניט בעמערקבאר אַ הויב די האַק איבער זיין קאָפּ. ניט ווי אַנדערע, וועלכע האָבען פריהער אַ שפּיי געטהאָן אין דער האַנד אריין און נאָכדעם זיך אַ כאַפּ געטהאָן און אַ דרעה געטהאָן מיט'ן קאָפּ און אויפגעהויבען די האַק.

זיין האַק האָט זיך אַלע מאָל אריינגעביסען אין בוים אריין מיט דעם גאַנצען שטאָהלענעם שאַרף. און האָט ער געוואָרפען זיין אויג אויף איין אָרט, איז די האַק שוין אַהין באַלד געפלויגען און זיך ניט אָפּגענאַרט.

און אַז ער האָט דעם בוים אַרונטערגעהאַקט, איז דער סטאָמפּ געבליבען מיט אַ רונדען, גלאַטען פּליאַם, אַזוי ווי מיט אַ הובעל אָפּ־געהובעלט.

און צו די אַלע איינגעשאַפטען האָט ער נאָך געהאַט אַזאַ גוטען אויג, אַז מיט איין בליק האָט דוד געקענט וויסען וואוהין דער בוים וועט מוזען פאַלען, אַז מען וועט איהם אונטערהאַקען.

און איין מאָל האָט ער גאָר געוויזען אַ קונץ און אומגעוואָרפען אַ גאַנצען ריידעל מיט בוימער דורך דעם, וואָס ער האָט איין בוים צו זיי אומגעוואָרפען.

עס איז געוועזען אין יענער צייט, ווען די זעג־מיהל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די ניי־ענגלענדער וועלדער און געשניטען פון די שעהנסטע בוימער און דעמבעס, ברייטער און שפּאַלען.

האָט דוד געלד פערדינט.

פון דעם און אויך פון דעם ביסעל, וואָס זיינע עלטערען האָבען מיט זיך געבראַכט פון שטאָדט, איז געוועזען גענוג אויף דעם אָרימען ביסען ברויט און דערצו האָט מען זיך איינגעקויפט אַלע מאָל עפּעס אַן אַנדער זאַך צום רעמענענט.

דאָס האָט מען געקויפט אַ קוה און שפּעטער האָט מען געקויפט אַ אַקער, און נאָך שפּעטער, אַז די שנעען זיינען אַרונטער פון די פעלדער, האָבען די וואַלדענס געקויפט אַ פערד.

אַלע אָבענד איז דוד אַהיים געקומען פון די וויטע, וועלדער און מיט זיך געבראַכט דעם רעש פון יענע גרויסע קיילעכדיגע זעגען אין דער מיהל און דעם ריח פון זעגאַכץ אין זיינע קליידער. און ווי אַ מיעדער גרויסער ריעז, וואָס האָט זיך געשלאָגען מיט גראָבע און הויכע בוימער און האָט זיי אַלע ביינעקומען, האָט דוד געפּלאַפּעלט האַלב פערשלאָפען און האַלב שמייכלענדיג. אַלע אָבענד נייע זאַכען.

און אין פריה מאָרגען פלעגט ער אוועקגעהן אַ פרישער און אַ פרעהליכער, און, געהענדיג, דיינקען, פאַר וואָס זיינע עלטערען בלייבען איבער אין דער היים, פאַר וואָס זיינען אַלע מענשען ניט אייביג יונג, און פאַר וואָס זאָלען אַלע אין הויז ניט אויפשטעהן אין דער פריה און נעהמען זייערע העק איבער די אַקסלען און געהן אַזוי הויך אויפשטעלענדיג זייערע קעפּ און זיך וויעגען שטילערהייד צווישען בוימער און לאַנקעס און שפּרינגען איבער פלויטען און ריטשקאַלעך און ניט וועלען קיינעם שטערען די מאָרגענדיגע רוה, געהן אַזוי שטיל און וויעגענדיג.

אַזוי איז זיך געלאָפען דער ערשטער ווינטער אין דאָרף ביי די וואַלדענס.

דוד איז געגאַנגען אין די ווייטע, גרויסע וועלדער אַלע אין דער פריה און אהיים געקומען אין אָבענד. פערגעסען אין טוידטען פערד און אַלע מאָל זיך דערמאָהנט און געכאַפּט א קוק אין דער ווייטקייט צו דעם פּאַס ים.

ער האָט גאָט געבעטען, אַז קיין אַנדערער זאָל אָט יענעם פּאַס פון ים ניט באמערקען.

עס איז ביי איהם געוועזען, ווי דאָס מאַטעריאַל פאַר א גרויסע, וואונדערשעהנע לעבענס ווערק, אויף וועלכען דאָס אויג, וואָס איז געבוירען געוואָרען צו זעהען, קוקט אַלע מאָל פון ווייטען און צו ביסלעך. און עס זעהט היינט דאָס, וואָס ער האָט נעכטען ניט געזעהען.

אזוי האָט דוד געקוקט אויף דעם פּאַס ים אין דער ווייטקייט און עפּעס דערפון ביי זיך אַלע מאָל בעהאַלטען.

און א גאַנצע וואָך געאַרבייט אין די וועלדער. און דוד'ס עלטערען האָבען זייערע טעג אַלע מאָל מיט עפּעס אנדערש אויסגעפילט.

זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אויף א שפּאַציר איבער די לאָנקעס. בעטראַכט און אָפּגעמאַכט, אַז דאָ וועט מען פערזייען קאָרן און דאָרטען וועט מען פערזעצען א גאָרטען. און מאַן און ווייב האָבען זיך געקריגט. זי האָט געזאָגט, אַז א גאָרטען האָט זי ליעב נאָהענט פון הויז, וועט זי קענען אי קאָכען אָנבייסען און זיך אויך אַרויסכאַפּען עפּעס טהאָן ביים גאָרטען. ער האָט אָבער בעוויזען, אַז דער גאָרטען בעדאַרף זיין ווייט פון הויז. און ער ווייסט וואָס ער רעדט. געהאַלטען פעלדער און פּאָסעסיעס.

אָבער זיי זיינען גאָר אוועקגעגאַנגען אין זייער וועלדעל אריין און בעטראַכט יעדען בוים. און עס האָט אמאָל געטראָפען, אַז זיי האָבען געפונען אין וואַלד א ווילדען פרוכט בוים. זי האָט תמיד געלייקענט, אַז דאָס איז ניט קיין פרוכט בוים, כאָטש דער אַלטער וואָלדען האָט עס דערוויזען מיט דעם, וואָס אויף די נאַקעטע צווייגען הייגגט נאָך א פערטריקענט עפּעלע און אויף דער ערד אַרום דעם בוים וואַלגערען זיך נאָך א סך אַזוינע פערטריקענטע עפּעלעך.

דאָס האָט זיי געבראַכט פרייד אין הויז אַריין. און אין אָבענד, אַז זייער זוהן איז אהיים געקומען, האָט דער פאָטער תמיד אויסגעגאַפּט און פריהער דערצעהלט דוד'ן פון דעם גליק, וואָס זיי האָבען אין דעם ווילדען וואַלד. „איין עפּעל בוים !...“

האָט שוין די מוטער ניט געקענט איינהאַלטען זיך און איז אַריין אין די רייד און צוקלאַפּט די גאַנצע פרייד, ווי מען צוברעכט פּלוצים און ניט ווילענדיג אַ גלעזערנע זאַך. וואָס איז זיך דאָ צו פרעהען מיט אַן עפּעל־בוים, אַז ער וואַקסט אין וואַלד?

דוד האָט אויסגעהערט וואָס זיינע עלטערן האָבען געזאָגט, און זיך געשאָקעלט אויף דער וויעג־שטול, מיט זיין קאָפּ אַריבערגעוואָרפען איבער דעם ווענטעל פון שטול און האָט געשמייכעלט אזוי ווי אַ פאָטער, ווען זיינע קינדערלאַך דערצעהלען פאַר איהם עפּעס זייערע אַ מעשה.

אזוי איז געגאַנגען די וואָך. נאָר אַז דער שבת איז געקומען, האָט אָנגעהויבען צו ווערען ענג און אומעטיג.

דוד האָט ניט געאַרבייט שבת און זונטאָג. אין די צוויי טעג האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס אויסצופילען. געלעזען, געגעסען און געשלאָפען.

שבת האָט זיך דער אַלטער וואַלדען געשאָקעלט אַ גאַנצען טאָג איבער זיינע ספרים, און מיט זיינע געזאַנגען געפּרופט פערשרייען דעם אומעט.

די מוטער האָט געלעזען, אין אַ ווינקעל פון הויז ביי אַ פענסטער, דעם דייטש חומש און דעם קב הישר און אַלע מאָל זיך צואווויינט איבער עפּעס אַ טרויעריגע מעשה אין יענע ספרים.

נאָר ענגער און אומעטיגער איז געוואָרען, ווען דער אַלטער וואַלדען איז פּלוצים געבליבען זיצען, ווי אַ שטומער, ביי דעם אָפענעם ספר, און אַריינגענומען זיין קאָפּ צווישען זיינע הענד, און אַלע מאָל אַרויסגעלאָזען פון זיין מויל נאָענענדע, ניט פאַרענדיגטע קלאַנגען, און זיי געוואָרפען איבער דער גאַנצער הויז.

און די מוטער האָט אָנגעשריגען אויף איהם. וואָס וויל ער האָבען פון זייער לעבען? זאָל ער לערנען זיינע ספרים און וויינען פאַר זיך אַליין. אָדער זאָל ער געהן אַביסעל שפּאַצירען, זעהען אַ מענשען.

זיי זיינען נאָך צו קיינעם ניט געגאַנגען צו גאַסט.

נאָר אַזוי ווי זיי זיינען געוועזען נייע מענשען און ניט לאַנג פון שטאָדט, און אַזוי ווי דוד'ס נאָמען איז שוין געוועזען אין אַלע מיילער, אַז ער איז אַ יונג, וואָס ווייסט, ווי אַזוי צו האַלטען אַ האַק אין זיינע הענט, האָבען זיך איינמאָל אין אַ שבת נאָכמיטאָג צונויפ־

גענומען די שכנים מיט זייערע קינדער און געקומען מיט א וויזיט צו די וואַלדענס.

דוד איז דעמאָלט געלעגן אין זיין צימער אויף דעם בעט און גערוהט.

אַז ער האָט דערהערט אַ רעש און אַ גערודער פון ביינקלאַך אין גרויסן עס־צימער, האָט ער זיך פון בעט אויפגעהויבן, אָנגעטהאָן זיין וויסן ברייט־ברימיגען הוט און איז שטיל אריין אין הויז אריין, זיך מיט איטליכען געגריסט מיט זיין האנד; דערביי האָט ער איט־ליכען געשמאַק און שטאַרק אַ דריק געטהאָן די פינגער און זיך אוועק־געזעצט ביים טיש שטיל און שווייגענד.

צווישען די געסט איז אויך געוועזען מר. וויינבוים מיט זיין פרוי און זייער מיידעל אסתר.

אסתר האָט עפּעס אַזוי פיעל געפּלאַפּלט. ניט געלאָזען קיינעם קיין וואָרט אויסריידען און דערביי האָט זי זיך געקייקעלט פון געלעכטער און אלע מאָל, ווי אַנפּאַלענדיג פון דער זייט, נאָר אונפּלוצים עפּעס אַ פרעג געטהאָן ביי דוד וואַלדען.

דוד האָט זיך ארויסגעדרעהט פון אַ גראָדען ענטפער אַ מאָל קלוג און אַן אַנדער מאָל אוימגעלומפּערט און נאַריש.

אסתר איז געזעסען ביים טיש, ווי ביי איהר מאַמען אין דער היים. מיט ביידע הענט האָט זי זיך געשפּיעלט אויף דעם געפלאָכ־טענעם קאָלירטען טישטוך און אויף יעדען וואָרט, וואָס זי האָט ארויס־בעקומען פון דוד וואַלדען, האָט זי עפּעס אַזוי גוט און אָהן אויפהער געלאַכט, אַז דער גאַנצער עולם האָט זיך מיט דעם אַנגעשעטעקט און אויך מיטגעלאַכט.

און פון דעם אליין האָט זי זיך צוריק אָנגעשטעקט און ווייטער געלאַכט. און זיך געדרעהט אויף דעם ביינקעל, אהין און אהער און מיטגעשלעפּט דאָס טישטוך. און געמוזט אלע מאָל זיך אויפהויבען און אריבערבויגען איבער דעם טיש דאָס טישטוך צו פערשפּרייטען.

און געוויזען דוד וואַלדען איהרע קורצינקע הענטלעך מיט איהר רונדען האַלז.

דוד איז געזעסען ביים טיש און שווער געשוויגען קוקענדיג מיט זיינע אויגען ווי פאַר זיך אליין.

די געסט זיינען אוועק אַנקוקען די צימערען. צופראָלט טירען. מען האָט בעטאַפּט אלע ווענט און בעוואונדערט דאָס ריינקייט און

גערי׳הממ די הענט, וואָס האָבען אזוי שעהן די ווענט באקלעפּט מיט אזוינע צוגעטראָפענע שפּאַלירען.

נאָך דעם געטרינקען ארום טיש שבת׳דיגע טהעע און געקוויקט זיך מיט דעם גרויסשטאָדטישען „איינגעמאכץ״, וואָס די אלטע מרס. וואָלדען האָט דערלאַנגט צום טיש.

דוד וואָלדען האָט זיך איינגעהערט צו דעם אָלעמען און זיך שווער געפיהלט פון דעם געלעכטער, וואָס אסתר האָט אלע מאָל פון איהר מויל, אזוי ווי פון א פייער ראקעט, ארויסגעשאָסען. און גע־שווינען.

צו האָט ער ניט געלאָזען זיך ארייננציהען אין דעם קרייז פון דער דאָזיגער נאנצער מענשען פאמיליע. איינער צו דעם אנדערען גלייך. ווייסען איינע דעם אנדערען. דערצעהלען אזוינע זאכען, וואָס אלע ווייסען, שוין אפשר צום הונדערטען מאָל און האָבען אפשר נאָר קיין בעזונדערע מעלות און חסרנות און זיינען געווען פאר דוד׳ם נייעם און פרעמדען אויג ווי א קנויל קליינע הילפלאָזע חיה׳לאך, וועמען די מוטער האָט איבערגעלאָזען אין א גרוב אין טיפען וואלד. זיי רייד־סען איינער דעם אנדערען און אָט בעלעקען זיי זיך און וועלען קיינ־מאָל איינס דאָס אנדערע ניט קענען אויפפרעסען.

צו האָט ער ניט געהאַט פון וואָס צו ריידען.
דאָס האָט קיינער ניט געקענט ווייסען.
און מען האָט אפילו ניט בעמערקט אזא זאך:

אלע געסט האָבען זיך געזעגענט און אלע צוזאמען ארויס פון הויז. די וואָלדענס האָבען ארויסבעלייט זייערע געסט ביז צו דעם וועג.

און אזוי זיינען זיי געגאנגען אין דער מיטען און אלע געסט האָ־בען זיי ארומגערינגעלט און מען איז געווען פערטהאָן אין א גע־שפּרעך, ווי עס טרעפט אָפט, אין אזא געשפּרעך, וואָס הויבט זיך ערשט אָן וועבען צווישען מענשען ווען זיי בעדארפען זיך באלד צו־שיידען.

אסתר איז פערלאָפען פון אונטען און ארונטערגעכאפּט דוד׳ס ווייכע הוט, זי אָנגעטהאָן אויף איהר קאָפּ און איז אוועקגעלאָפען מיט דעם וועג.

דוד איז איהר נאָכגעלאָפען. און ווי זי האָט נאָר דערפיהלט, אז דוד איז נאָהענט פון איהר האָט זי זיך א דרעה געטהאָן אן אויסגע־

בוינענע און מיטביידע הענטלעך אין דער לופטען, און איז אוועק געלאפען א שטיק וועג אויף צוריק.

זי איז געשפרונגען ביים זייט פון דעם וואלד, וואו עס איז גע־וועזען אנגעווארפען שטיינער און אלטע איבערגעפוילטע צווייגען, ניט פערפעהלט איין שטיין, וואו זי זאל זיך ניט ארויפשטעלען מיט איין פוס, זיך ארומקוקען און אויסבויגענדיג זיך מיט איהרע צולאז־טע הענט, ארונטערשפרינגען און אוועקלויפען ווייטער.

דוד איז געבליבען שטעהן אביסעל אין מיטען וועג און ניט גע־וואוסט וואס ער זאל טהאן.

נאר אז זיינע עלטערען מיט די געסט ארום זיי, זיינען צוגע־קומען נעהענטער צו איהם, און אז מען האט אויף איהם א קוק גע־טהאן און דערזעהן זיינע צואווארפענע האר, וועלכע זיינען געלעגען אויף זיין שטערען ווי שטיקער שווארצע בלאטע, האט זיך מר. וויינ־בוים אומגעדרעהט און געזאגט:

— קינדער! זאלען זיי זיך שפיעלען!

דעמאלט האט זיך דוד געכאפט אז מען קוקט אויף איהם אפשר מיט טויזענד אויגען, ער האט פערשארט זיינע צואווארפענע האר און איז אוועק אניאגען אסתר'ן.

אסתר איז געשטאנען אויף א גלאטען און גרויסען שטיין, וואס איז געלעגען ביים זייט פונ'ם וועג. זי האט זיך געשאקעלט, ווי א דראט־געהעריין, אלע מאל פערווארפען מיט'ן קאפ, אויסציהענדיג איהר קורצען האלז, און איז זיך פערגאנגען אין א געלעכטער.

דוד איז צוגעלאפען, זי אנגעכאפט ביי איהרע הענט.

אסתר האט ניט געקענט און אפשר ניט געוואלט אויסמיידען און איז ארויפגעפאלען אויף דוד'ן.

נאכדעם זיינען זיי שוין געגאנגען מיט'ן וועג, ענג געשלאסען אסתר אין דוד'ן און דוד אין אסתר'ן.

דוד האט זיך געבעטען ביי איהר, אז ער בעדארף באלד צוריק אהיים געהן.

אסתר וויל אז ער זאל ארייגעהן איצט צו זיי אין הויז אריין, אזוי וויל זי.

זאל איהם ניט ארען, וואס ער טראגט אזוינע פראסטע קליי־דער. זי ווייסט אז ער האט וואס אנצוטהאן, אבער זי האט ליעב די גראבע, שטארקע שיך זיינע און דעם בלאהען, קארטענעם אנצוג מיט די מעשענע קנעפ.

דוד׳ס האַנד האָט זיך דערווייל געוואַרעמט אונטער אסתר׳ס אָרעם און אסתר האָט געהאַלטען אין איהר האַנד די פינגער פון זיין צווייטער האַנד.

ביים טויר פון וויינבוים׳ס הויז האָבען זיך אַלע געזעגענט. די וואַלדענס און די איבריגע זיינען אוועק צוריק אַהיים. מען האָט זיך געוואונשען פון דאָס שענסטע וואָס עס איז נאָר פאַראַנען אויף דער וועלט און אַלע מיט אַמאָל גערעדט.

דוד האָט ארויסגענומען זיין האַנד פון אסתר׳ס אָרעם און גע־וואָלט אוועקגעהן אַהיים.

אסתר האָט איהם אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענטלעך, ווי מיט זילבערנע צווייגעלאַך, און איהם ניט אָפּגעלאָזען.

האָט דוד געמוזט נאָכשרייען צו זיינע עלטערן, אַז ער וועט שפּעטער אַהיימקומען און איז מיט ניט זיכערע און שטילע טריט פון זיינע גרויסע שטיוועל אריין דאָס ערשטע מאָל צו די וויינבוימס אין הויז.

---

אויפ׳ן וועג איז מרס. ראָזענבערג, די ערשטע שכנה, מיט די וואַלדענס געוואָרען זעהר רעדעוודיג, געוואָרען נאָהענט מיט זיי און געזאָגט, אז אזוי שנעל ווי זי קומט נאָר אַהיים, שיקט זי איהרע צוויי גרויסע מוידען אוועק צו די וויינבוימס, זאָלען זיך די קינדער אָפּלע־בען צווישען מענשען.

דוד׳ס מוטער האָט אָנגעקוקט די קליינטשיגע, גראָבעטשקע מרס. ראָזענבערג, מיט גרויסע, פערוואונדערטע אויגען און ניט פערשטאַנען צו וואָס זי דאַרף דאָס איהר דערצעהלען אַז זי וועט שיקען איהרע מוידען צו די וויינבוימס.

דער אַלטער וואַלדען איז זיך געגאַנגען און אונטערגעברומט עפּעס אַ פרעהליך מאָטיוועלע און געקוקט אין אַלע עקען פון דעם בלאָסליכען הימעל, זיך געקוויקט מיט דעם לייכטען פרעסטעל וואָס האָט זיך ארונטערגעלייגט צו דער ערד, און פּלוצים אַ זאָג געטהאָן צו זיין פרוי:

— מיר זיינען, ווייזט אויס, נאָך גאָר גוטע נאַראָנים. לאָזען איבער אַ הויז מיט אַלעם אַליין, אויף הפקר.

זיין פרוי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און ווי אָנגעהויבען צו געהן מיט שנעלע טריט.

מרס. ראָזענבערג האָט זיך אריינגעמישט, אַז דאָ מעג מען אי־בערלאָזען אַלעס און קיינער וועט עס ניט אַוועקנעהמען, דערפאַר ווייל איטליכער האָט גענוג זיינע אייגענע זאַכען. און אויב איינער האָט זילבער און גאָלד און דער אַנדערער האָט גאָר האָלץ און זאַמד איז דאָס אַלץ איינס פון גאָט...

# X

## זי הייסט אויך אסתר

דער ווינטער איז אַוועק און עס איז געקומען צולויפען דער קליי־נער, יונגער פריהלינג און האָט זיך בעזעצט אין די וועלדער פון טשיי־פעל היל.

בייטאָג האָט ער געברענט די איבערגעטריקענטע, אַלטע, צונויפ־געפלאָנטערטע צווייגען, און די וועלדער זיינען געוואָרען וואָס אַמאָל דורכזיכטיגער און דער שנעע וואָס איז געלעגען ערגעץ פערבעהאַל־טען, האָט זיך אין גאַנצען צולאָזען און געשמאָלצען אין לאַנגע, גע־דרעהטע ריטשקעלעך.

אין אבענד איז דער יונגער פריהלינג געזעסען אַ שטומער און זיך איינגעהערט ווי זיין פויגעל האָט געזונגען דאָס ליעדעל פון וויפ־פור־וויל — וויפ־האָ־וויל...

און די ריטשקעלעך אין וואַלד זיינען אַנטלאָפען, זיך געגאָסען איינער אין אַנדערען און זיך אָנגעכאַפּט אינאיינעם און געקראָכען איבער די שטיינערנע סקאַלעס, בארג אראָפּ, אין טהאָל אריין, אין דעם לאַנגען, ברייטען טהאָל, וואָס זיינע וואַסערען בעגעגנען זיך מיט דעם ים.

דוד וואָלדען האָט אויפגעהערט צו ארבייטען אין די ווייטע, פרעמדע וועלדער און זיך אַ נעהם געטהאָן צו זיין אייגענער ארבייט אין דער היים.

און דעם ערשטען טאָג האָט ער געהאַט אַזאַ איבערלויף.

ער קומט ארוים פון הויז גאַנץ פריה און דערזעהט, אַז פרעמדע קיה פאַשען זיך אויף זיינע לאָנקעס. האָט ער זיי אָנגעהויבען צו טרייבען, ווילען זיי ניט געהן, גלייך ווי מען האָט זיי אין דער היים אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלען זיך ניט לאָזען ארויסטרייבען.

האט ער ארויסגערופען זיינע עלטערן און אלע צוזאמען האבען קוים, קוים די קיה פערטריבען אין וואלד אריין.

פון וואלד זיינען די קיה אוועק מיט א שמאלען שטעגעלע. דוד האט זעהר געוואלט וויסען פון וואנען די קיה זיינען געקומען.

איז ער אזוי נאכגעלאפען די פרעמדע קיה, ביז מען איז צוגעקומען צו א דראטענעם פלויט, וועלכען די קיה זיינען אריבערגעשפרונגען איינע נאך דער אנדערער.

דוד איז צוגעקומען צום פלויט און האט זיך דערשראקען.

ביי איינעם פון די סלופקעלעך פון דראטענעם פלויט איז געשטאנען א מיידעל מיט פערקאשערטע ארבעל און צולאזענע לאנגע האר.

— זיי זאלען נאר אויס׳פגר׳ן, שפרינגען אריבער דעם דראטענעם פלויט — האט דאס מיידעל געזאגט און איז פערפלאמט געווארען.

דוד איז נאך ניט געקומען צו זיך פון דער איבערראשונג און האט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען, ווי ער וואלט זוכען נאך א לעבעדיגען מענשען, אז דאס מיידעל האט זיך צוגערוקט נאהענט צו דעם פלויט און האט אוועקגעלעגט איהרע נאקעטע, רויטליכע הענט אויף דעם דראט און שמייכלענדיג געזאגט:

— איהר דערקענט מיך שוין ניט?

— ניין. מיר דאכט, איך זעה אייך דאס ערשטע מאל.

— געדענקט איהר ניט, אז איך מיט מיין שוועסטער זיינען געוועזען ביי די וויינבוימס אין הויז, דעמאלט ווען איהר זיינט געוועזען...

— וואס זשע טהוט איהר דא?

— פון דער זייט פלויט איז מיין טאטענס פארם. איך האב פערשטאנען, אז אונזערע קיה זיינען ביי אייך אין שאדען, בין איך אליין שוין געלאפען זיי אפטרייבען. איהר האט מיר איינגעשפארט א שטיק וועג.

— אזוי, קומט דאך מיר א דאנק. נאר ווארט בעסער אויף מארגען, וועט איהר מיר שוין אפצאהלען אינאיינעם, ווייל אויב איך וועל אייערע קיה כאפען ביי מיר אויף דער לאנקע נאך אמאל, וועל איך זיי איינשפארען אין שטאהל און זיי געבען עסען...

— איהר וועט פערשפארען מיינע קיה — האט דאס מיידעל זיך ניט געלאזען איינריידען און ארויסגעשטעקט איהר צינגעל צווי-

שען די קליינע ליפעלעך. — וואָס בין איך שולדיג, אז די קיה שפּרינ־
גען איבער דעם דראָטענעם פּלויט?

— בין איך שולדיג. אָבער זאָגט מיר ווי מען רופט אייך. לאָמיך
כאָטש וויסען וועמעס קיה איך האָב געטריבען.

— איך הייס אויך אסתר, ווי וויינבוים׳ס מיידעל... — האָט
דאָס מיידעל געזאָגט, שאָקלענדיג מיט איהר קאָפּ און גרויס מאכענ־
דיג איהרע אויגען — און מיין פאָטער הייסט מר. ראָזענבערג.

— אסתר, נעהמט אַרונטער אייערע הענט פון דעם דראָט, איהר
וועט זיך נאָך צושטעכען די הענט — האָט דוד פּלוצים געזאָגט,
האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס.

— מיינע הענט האָבען ניט קיין מורא. איך בין דאָ אויפגע־
וואקסען אויף דעם שטעכיגען דראָט.

— וועט איהר נאָך לאָזען אייערע קיה געהן צו אונז אין שאָ־
דען?

— איך וועל זיי זאָגען אז זיי זאָלען ניט געהן.

— טאָ געהט און זאָגט זיי.

— דאָ, פון דער זייט פּלויט, איז מיין טאַטענס פאַרם, און
איך קען שטעהן אַט דאָ וויפיעל איך וויל.

— שטעהט.

— איך פרעג ביי אייך ניט.

— זיינט איהר, הייסט עס, געוועזען אין וויינבוים׳ס הויז מיט
מיר צוזאמען.

— איך געדענק שוין ניט.

— מיט אייער קליינער שוועסטער זיינט איהר געוועזען, א
שעהנערע פון אייך.

— איך פרעג ניט קיין מיינונג.

— אָבער איהר זיינט היינט עפּעס מעהר רעדעוודיג ווי דע־
מאָלט.

— אויב איך האָב דעמאָלט געשוויגען האָב איך געוואוסט וואָס
איך טהו.

— זיכער. איהר האָט זיך געשעהמט.

— איך שעהם זיך קיינמאָל ניט, סאַ ליגען! — איז שוין דאָס
מיידעל געוואָרען אויפגעבראַכט און געקלאַפּט מיט א פויסט אין

רעם שטייף אַנגעצויגענעם דראָט פון פּלויט. דער דראָט האָט א ברום געטהאָן און די סלופּעקלעך האָבען א ציטער געטהאָן.

— דאָ אין וואַלד, זיינט איהר א שטאָלצע — האָט דור שוין אליין ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

— יענע איז א שטאָלצע... איך בין א פּראָסטע, ווי מיין מאַמע איז א פּראָסטע.

— ווער איז יענע, וואָס איז שטאָלץ?

— איהר ווייסט שוין. אויב ניט, וועט איהר שוין שפּעטער וויסען.

— אינטערעסאַ־אַ־נט.

— איך האָב אויף אייך רחמנות.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— ניט איינעם האָט זי שוין אָפּגעדרעהט דעם קאָפּ.

— ווער איז זי?

— איהר ווייסט שוין. איך ווייס, אז איהר ווייסט שוין...

— איהר ווייסט אז איך ווייס, אז איהר ווייסט ניט, דאָס וואָס איך ווייס ניט.

— איך בין דעמאָלט געזעסען און געשוויגען. איך האָב מיין שוועסטערל אויסגעקניפּען שטיקער פלייש אונטערן טיש צוקוקענדיג ווי אזוי זי האָט איבער אייך געשפּינען א געוועב.

— איך פערדריסט, פאר וואָס איהר קענט ניט שפּינען.

אין דער מיידעל׳ס אויגען האָבען זיך אוועקגעשטעלט טרערען. זי איז געוואָרען בלאַס ווי שנעע.

— אז איך וועל וועלען, וועל איך אויך קענען שפּינען ווי א שפּין שפּינט איהר געוועב.

— פאר וואָס ווילט איהר ניט?

— ניט מיט אייך.

— איידער איהר ווילט ניט שפּינען אייער געוועב מיט מיר, פערגעסט ניט, אז אייערע קיה זאָלען ניט קומען מעהר צו מיר אין גאַסט — האָט וואָלדען געזאָגט מיט א בייזליכען טאָן. ער האָט זיך אומגעדרעהט און איז אוועק צוריק אהיים מיט דעם שמאָלען שטע־געל פון וואַלד.

נעהענדיג מיט דעם קרומען שטעגעלע האָט ער זיך איינגעקוקט אין די קליינע, נידריגע בוימעלעך פון ביידע זייטען און דערזעהן, אז זיי הויבען שוין אָן ארויסצולאָזען קנאָספּען און פון די קנאָספּען

קריכען פאַמעלעך אַרוים גרינענקע שפּיצעלעך פון וועלכע עס וועט ווע־
רען בלעטלאַך.

און אויף די גרויסע, הויכע ביימער איז נאָך גאָר ניט געווען
קיין גרינע צייכענס פון אויפשטעהן.

אַ גרויסער בוים איילט זיך ניט. שטעהט דערווייל פאַרטראַכט
און הערט זיך איין...

עס איז איהם פּלוצים קלאָהר געוואָרען, אַז די ראָזענבערגס שי־
קען, מיט אַ שלעכטען מיין, זייערע קיה צו איהם אויף די לאַנקעס,
און עס מוז ערגעץ זיין אַ לאָך אין דעם דראָטענעם פּלויט, דורך וועל־
כען די קיה ווערען רוהיג און אָהן צער דורכגעטריבען.

אהיימקומענדיג האָט ער אויסגערעדט זיינע עלטערען אַז מען
דאַרף ניט זיין אין כעס אויף אַ שכן. מאַלע וואָס עס קען טרעפען.

עס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ קוה, האָט די בהמה דערשמעקט,
אין פריהלינג, אַז עס איז ערגעץ דאָ אַ גרין גרייזעלע, וועט זי נאָך
דעם לויפען אויף מיילען ווייט, וועט זיך איינמיידען און עס קען זיין
ביז זי וועט קומען צו דעם גרינעם, נייעם גרייזעלע, וועט זי ערגעץ
אין וועג פאַלען פון די פיס. דערפאַר איז דאָס אַ בהמה...

עס האָט דוד'ן גענומען אַ גאַנצען טאָג אָפּצורייניגען די לאַנקע,
וועלכע ער האָט געוואָלט פּעראַקערען. נאָכדעם האָט ער אָנגעגרייט
דעם אַקער און אָנגעשפּאַנט דעם פערד אַ בעסערען מאַלצייט און מיט
דעם גערעדט אַזוי גוטמוטיג און קינדעריש:

— פערדי, מאָרגען אַאוים דעהען אַטערען...

און דאָס פערד געגלעט איבער'ן האַלז און עס צערטליך געקלאַפּט
מיט זיינע הענט איבער די קליפּעס אויף וואָס דאָס פערד האָט גע־
ענטפערט, דרעהענדיג מיט זיין עק, אַ שמייסטהוענדיג דוד'ן אין פּנים
אריין.

אויף מאָרגען.

די פרעמדע קיה זיינען ווייטער דאָ צוגאַסט.

דוד איז געוואָרען אַן אויפגעזאָטענער.

איז אַריין אין הויז, איבערגערעדט מיט זיינע עלטערן, אָפּגע־
מאַכט אַז די פרעמדע קיה זאָל מען פערשפּאַרען, אַז מען זאָל דעם
דאָזיגען ראָזענבערג'ן אָפּשרעקען. איצט טהוען זיי ניט אַזויפיעל
שאָדען. אָבער אַז מען וועט זיי איינגעוואָהנען, וועלען זיי קריכען
שפּעטער אין דעם קאָרנפעלד אָדער אין גאָרטען.

זיינען די וואָלדענס אַרוים און אָנגעהויבען צו פערטרייבען די פרעמדע קיה צו זיך אין שטאָל אַריין. קען מען פערשפּאָרען דעם ווינד?

מען איז זיך נוט אַנגעלאָפען ביז מען האָט דריי דאָרע, ביינער־דיגע קיה אַריינגענאַרט אין שטאָל אַריין. די איבריגע זיינען זיך צו־לאָפען.

דוד האָט נאָכדעם, אַן אויפגערעגטער, איינגעשפּאַנט זיין פערד אין דעם אַקער, האָט די לייצעס פערבונדען ביים עק און זיי אַריבער־געוואָרפען אַרום זיין האַלז, אָנגענומען מיט איין האַנד דאָס רעכטע הענטעל פון אַקער און אַ געשריי געטהאָן צום פערד, אַז עס זאָל געהן.

אַרויפקומענדיג צו דער לאָנקע האָט דוד זיך נעפיהלט אַביסעל נערוועז און האָט עס ניט געוואָלט אַרויסווייזען צו זיינע עלטערן.

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען אַקער איך.

נאָכדעם האָט ער געבעטען טאַטע־מאַמע אַז זיי זאָלען זיך אוועק־שטעלען אין דער לייג פון לאָנקע, כדי ער זאָל האָבען צייכענס, נאָך וועלכע ער זאָל קענען מאַכען אַ גלייכען שניט אין דער ערד.

דאָס פערד איז ניט געוועזען צוגעוואָהנט צו אַזאַ אַרבייט.

דוד האָט שווער געאַרבייט. געהאַלטען מיט איין האַנד דעם אַקער, מיט דער אַנדערער האָט ער געהיט די לייצעס, מיט די אויגען געציעלט, אַז דעם פערד׳ס קאָפּ זאָל זיין אין אַ גלייכער ליניע מיט זיין פאָטער און מוטער.

ער איז בעגאָסען געוואָרען מיט שווייס.

און די ערד האָט זיך געקלעפּט צו דעם אַקערמעסער.

אָבער זיין האַרץ האָט זיך גפרעהט, ווען ער איז צוגעקומען צום אַנדערען עק פון לאָנקע און געזעהן, אַז ער האָט אויפגעשניטען אַ גליי־כען פּאַס ערד.

טאַטע־מאַמע זיינען צוגעקומען. די מוטער האָט פערליינט איה־רע הענד אויף דער ברוסט. דער פאָטער האָט פערליינט זיינע הענט אויף הינטען.

אַלע דריי האָבען לאַנג געקוקט אויף דעם שוואַרצען, גלאַנציגען פּאַס ערד און גאָט געבענשט און זיך געפרעהט, און אין זייערע אוי־גען האָט זיך געשפּיעלט די זון.

„גאָט האָט געהאָלפען אויפצוציהען אַזאַ קינד ווי דוד".

„גאָט האָט אריינגעגעבען אַ גוטען געדאנק צו קויפען אייגענע ערד.“

דער אַלטער וואַלדען האָט זיך איינגעבויגען, אַ נעהם געטהאָן, ווי אַ שמעק טאבאק, מיט צוויי פינגער אביסעל ערד, עס צוריען און געזאָגט:

— די ערד איז גוט פאר קאָרען.

## XI

# ליעבע מאַמע, זיי ניט ברוגז.

אין אָבענד איז געקומען צולויפען אַ מיידעלע, זיך אוועקגע־שטעלט ביי דער אָפענער טיר פון וואַלדען׳ס הויז און מיט פערוויינטע אויגען און אַ וויינענדיג קול געפרעגט:

— האָט איהר ניט געזעהן אונזערע קיה?

אברהם וואַלדען האָט זי ניט געקענט. האָט ער דאָס מיידעלע אויסגעפרעגט ווער זי איז און נאָכדעם געזאָגט:

— ביי אונז פאראן, מיידעלע. געה אהיים און היים שיקען אַ גרעסערען פון דיר.

— ניין, גיט מיר אָפּ מיינע קיה — האָט זיך דאָס מיידעלע בעליידיגט.

— ווי אזוי וועסטו זיי קענען נעהמען? האָסט דאָך ניט קיין קעשענעס.

— ניין, גיט מיר אָפּ מיינע קיה — האָט שוין דאָס מיידעלע אָנגעהויבען צו וויינען — גיט מיר אָפּ מיינע קיה.

פרוי וואַלדען איז ארויסגעקומען און דאָס מיידעלע בערוהיגט, אז זי וועט איהר אָפּגעבען די קיה. זי האָט דאָס מיידעלע אָנגענומען ביים הענטעל, אוועק מיט איהר אין שטאַל אריין און ארויס געלאָזט די פרעמדע קיה.

— אנטלויף אהיים, מיידעלע.

די דריי ביינערדיגע קיה האָבען זיך צוויאָגט מיט פעריסענע עקען און ארונטערגעבויגענע קעפּ, אונטערשפּרינגענדיג אַלע מאָל און שטויסענדיג איינע די אַנדערע אין די פּלאַנקען מיט די הערנער. דאָס מיי־

דעלע איז זיי נאָכגעלאָפען א ווײנענדיגע, און העט פון וועג האָט זיך נאָך געהערט איהר געוויין, ווי דער קלאנג פון ווייטע גלאָקען.

דוד האָט אין שטאַל אריינגעבראכט דאָס פערד און אז ער האָט דערזעהן, אז די פרעמדע קיה זיינען שוין נישטאָ איז ער אוועק אין הויז אן אויפגעבראכטער.

— וואס איז דאָס פאר א פיהרונג ? וואו זיינען די קיה ? !

— א קינד איז געקומען און געוויינט, האָב איך זיי ארויסגע־לאָזט.

— און וואס וועט זיין אז מאָרגען, אָדער איבערמאָרגען וועלען קומען צוויי קינדער און וויינען ?

— וועט די מאמע טאַקע אוועקגעבען זיי די קיה — האָט די מו־טער ווי זיך געוויינט.

— און איך האָב געמיינט, אז איך בעדארף אויך וויסען וואס עס טהוט זיך.

— משוגע'נער, די מאמע האָט ארויסגעלאָזט די קיה — האָט דער פאָטער געוואָלט בערוהיגען איהם.

— די מאמע ? אזוי ? !

מעהר האָט ער ניט גערעדט יענעם אבענד. אויף אַלעם האָט ער געענטפערט מיט א שאָקעל מיט זיין קאָפ. די מוטער האָט געזעהן אז ער איז אָנגעכמורעט און האָט געטראַכט, זאָל ער זיין וואס ער וויל זיך. זי האָט אויך עפּעס צו זאגען. א קינד וויינט, האָט דאָס קינד, א מאמע. בעדארף מען זיך דערבארעמען אויף דעם קינד.

דער פאָטער איז אָבער ארויסגעקראָכען, ווי מען זאָגט, פון זיינע נעגעל, און אליין ניט געוואוסט ווי אזוי אָנצוהויבען א געשפרעך מיט זיין זוהן און דוד זאָל שוין אויך ווערען אריינגעצויגען און אָנהויבען צו רעדען.

וואָס מעהר ער האָט אָבער געפּרובט, אלץ שטארקער איז ביי דוד געוואָרען דאָס געפיהל פון זיין אליין, און ער איז אוועק אין זיין צימער פריהער ווי תמיד, זאָגענדיג אין דער אָפענער טיר :

— איך אַקער און איך וועל זייען, וויל איך עפּעס האָבען צו שניידען.

אין זיין צימער האָט זיך דוד באלד אויסגעטהאָן, און אריינגע־לעגט אין בעט שלאָפען.

דאָס ווייבע בעטגעוואַנט האָט איהם אַריינגענומען אַזוי וואַרעם און ווייך.

ער האָט דערפיהלט אַ שווערע מיעדקייט אין אַלע זיינע ביינער. די פיס האָבען געברענט פון אַ גאַנצען טאָג אַרומגעהן נאָך דעם אַקער.

ווער עס אַקערט ווייסט אַליין ניט וויפיעל מיילען ער געהט אָפּ אין אַ טאָג.

דורך דעם שטיקעל אָפען פענסטער האָט אַ קיהל ווינטעל גע־בראַכט דעם ריח פון דער צואַקערטער ערד און דעם אַראָמאַט פון די נייע גראָזען אויף די לאָנקעס און דאָס ווייטע צושפּרייטע בענקעניש פון אַ פויגעל, וועלכער האָט געזונגען ערגעץ אין וואַלד זיין קליין ליעדעל: וויפּ־פּור־וויל, וויפּ־האַ־וויל.

דוד האָט ליעב געהאַט איינצושלאָפען מיט די טענער פון מוזיק און ער האָט איצט פון זיך אַוועקגעטריבען אַלע זיינע געדאַנקען, צו־נויפגעדריקט זיינע אויגען און ניט געוואָלט טראַכטען פון גאָר ניט.

ער האָט אָבער, ליגענדיג אַזוי אַ ווייל ע, זיך דערוואוסט, אַז ער שלאָפט ניט.

ליגען איז געווען אַזוי ווייך, ווי נאָר אַ מוטער קען דאָס בעט מאַכען ווייך פאַר איהר זוהן.

נו, ליגט ער זיך מיט צונויפגעדריקטע אויגען און טראַכט. די געדאַנקען זיינען ניט קיין גאַנצע, שפּרינגען, אָט זיינען זיי דאָ און אָט זיינען זיי שוין ווייט.

אַ מאַמע האָט ליעב איהר זוהן, זי מאַכט איהם דאָס בעט ווייך, אָבער פאַר וואָס איז זי היינט אַבענד געווען עפּעס גאָר אַן אַנדערע?

און אָט דערמאָנט ער זיך אָן דער מיידעל ביים דראָטענעם פּלויט דאָרט אין וואַלד. ראָזענבערג׳ס מיידעל, און די ראָזענבערגס שיקען זייערע קיה אַז זיי זאָלען איהם טהאָן שאָדען.

און דער פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגי גראָבט קאַרטאָפלים און איהם האָט מען געדאַרפט פריהער אַ פראַגע טהאָן אויב מען האָט גע־וואָלט קויפען ערד. אַזוי וויל ער. מען בעדאַרף צו איהם אַרונטער געהן. אַ מענש, אַן אינטערעסאַנטער עקזעמפּליאַר.

איצט, זאָל ער איהם זאָגען, דער פּסיכאָלאָג, פאַר וואָס מאַכט די מאַמע אַזוי ווייך דאָס בעט און איז פונדעסטוועגען אויף איהר זוהן עפּעס אָנגעטראָגען? עפּעס הויבט זיך אָן אין איהרע בעוועגונגען אַ

קידער־ווידער רעגונג קענען איהר זוהן, און אזוי פּלוצים איז דאָס גע־שעהען.

און נאָך אמאָל ראָזענבערג'ס מיידעל... האָט זי רויטע הענט און גרויסע, ווי ביי אַ שמיעד. רייצט זיך מיט איהם אז זי הייסט אויך אסתר, ווי ווייגבוים'ס מיידעל.

ניין, ליעבע מאמע, בעדאַרפסט ניט זיין אָנגעטראָגען אויף דער פרעהליכער און שפּרינגענדיגער קליינער אסתר ווייגבוים... זי האָט מיין הוט דעמאָלט אויף דעם וועג צוגענומען. דערוויייל ניט מעהר. און דאָס, האָט זי מיר דעם הוט באַלד צוריקגעגעבען...

ליעבע מוטער, זיי ניט ברוגז!

דוד האָט נאָך אַלץ ניט געקענט איינשלאָפען. געלעגען אין דעם ווייכען בעט אַ גלייכער און אַ רוהיגער און זיך איינגעהערט אין דעם פּלאָנטער פון זיינע געדאַנקען.

און אין דער שפּעטער, פער'חלומ'טער נאַכט האָט זיך פון ער־געץ ווייט געהערט דאָס לויפען פון אַ באַהן.

פון דעם וואַלד האָט דער פויגעל געזונגען וויפ־פור־וויל.

און ערגעץ נעבען אַ היים האָט אַ הונד אַ הויכען, אָפּגעריסענעם ביל געטהאָן.

און דער באַהן איז אוועק — וועק־וועק אין דער גיך און דוד האָט ניט געקענט שלאָפען.

אזוי פיעל ארבייט ליעגט און וואַרט אויף זיינע הענט.

אַלע לאַנקעס בעדאַרף מען איבעראַקערען און איינע נאָך דער אנדערער צו פערזייען מיט נייע גראָזען.

די פּלויטען זיינען שוין אַלט.

און אויף דער הויז בעדאַרף מען אָנטהאָן אַ נייעם שינדלענעם דאַך.

און דאָס הויז אָפּפאַרבען מיט ווייסע פאַרב און די שטאַל מיט רויטע.

און אָנגרייטען אַ פולען קעלער מיט קאַרטאָפליעס, עפּעל און בוראַקעס מיט מערען אויפ'ן ווינטער.

און אויב די קוה וועט האָבען אַ קעלבעל, וועט מען עס אויסהאָ־דעווען און פעט מאַכען. און עס וועט זיין איינגעזאַלצענע פלייש אין הויז.

מיר וועלן, ליעבע מאמע, וואהנען אין א ווייסער הויז, ווייל איך וועל די הויז אפפארבען מיט ווייסער פארב.

און דו, מאך מיר אלע אויפדערנאכט דאס בעטוונעוואנד ווייך.

וועל איך אקערן, זייען, שניידען און דרעשען, מעלקען די קוה און פון איהר רייניגען דאס מיסט. און דאס מיסט צושפרייטען אויף די פעלדער, וועלען די פעלדער פעט ווערען און עס וועט אויף זיי וואקסען און איך וועל ווידער שניידען און די קוה וועט עסען געזונ־טערהייט און גיבען מילך מיט פוטער. און די פערד וועלען עסען און ארבייטען און זיין געזונד. זייער מיסט וועל איך צוריק שפרייטען אויף די פעלדער.

איך וועל האקען האלץ און טראגען וואסער פון ברונען. נאר אז דו, ליעבע מאמע, וועסט אלט ווערען, וויל איך, זאלסט זיצען אויף א וויעגשטול.

אבער קיין שוועסטער האבען מיר ניט.

ווי גוט וואלט דיר געוועזען, מאמע, ווען דו האסט אזא קליינע אסתר מיט א רונדען גלאטען האלז.

ווי אזוי זשע וועסטו קענען זיצען אויף דעם וויעגשטול, ווען דו וועסט אלט ווערען, און זיך וויעגען א גאנצען טאג נעבען פענ־סטער, אין שיין פון דער זון?

ווער וועט קאכען און באקען, און ווער וועט מאכען מיין געלע־גער ווייך?

אז קיין שוועסטער האבען מיר ניט!

איך וועל פרעגען די קליינע שפרינגענדיגע אסתר, וועלבע האט מיין הוט דעמאלט פון מיין קאפ ארונטערגעכאפט, אויב זי וויל מיין שוועסטער זיין...

ניין, מאמע, זיי ניט ברוגז אויף דער קליינער אסתר מיט דעם קליינעם רונדען האלז...

# XII

## וויטער פון א מענשענס אויג

און אויף מארגען, איידער ער האט זיך גענומען צו דעם אקער, איז דוד פריהער ארונטערגעגאנגען זיך זעהען מיט ראזענבערג'ן.

פון טויר האָט מען בעדאַרפט אַרונטערגעהן באַרג אַראָפּ צו ראָ־זעאַבערג'ס הויז.

דוד האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט ניט געבויט זיין היים, אַז מענ־שען זאָלען צו איהם בעדאַרפען קומען פון אַ באַרג אַרונטער.

דערווייל האָט ראָזענבערג'ס הונד אָנגעהויבען צו בילען, לוי־פענדיג אַקעגען דוד'ן און שפּרינגענדיג און וואַרפענדיג זיך איבער דער ברייט פון וועג.

דוד איז געגאַנגען, ווי תמיד, ווען אַ הונד איז אויף איהם אָנ־געפאַלען, אַ גלייכער ווי אַ דעמב און ניט אומגעקוקט זיך אין הונד'ס אויגען אַריין.

אין די פענסטער פון הויז האָבען זיך בעוויזען פּנים'ער.

די קליינע קינדערלעך האָבען זיך גוט איינגעקוקט אין דוד'ן, פון וואָס עס איז איהם עפּעס געוואָרען ניט היימליך.

ראָזענבערג איז אַרויסגעקומען אין דרויסען, אָנגעשריען אויף דעם הונד און אויך זיך אַ נייג געטהאָן צו דוד וואַלדען, און איהם אַריינ־געבעטען אין הויז אַריין.

עס האָט אין דוד'ס נאָז אַ זעץ געטהאָן פון דער הויז מיט עפּעס זויערעס.

די קורצינקע און גראָבעטשקע מרס. ראָזענבערג האָט דוד'ן אַ כאַפּ געטהאָן אין מיטען שטוב ביים אַרבעל, אַ קוועטש געטהאָן מיט דער אַנדערער האַנד דוד'ס מוסקול, און הייזעריג געזאָגט:

— אַ געזונד אין זיינע ביינער, ער האָט מאַסקאָלעס!

דוד איז געבליבען שטעהן, ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן, צי זאָל ער אַרויסלויפען פון דעם הויז, צי זאָל ער צוגעהן צום טיש און זיך אַוועקזעצען.

די צוויי דערוואַקסענע מיידלעך, וועלכע האָבען ביידע אויסגע־וויעזען גלייך ווי איינע איז עלטער פון דער אַנדערער און די אַנדערע איז עלטער פון דער ערשטער, האָבען ביידע געכאַפּט אַ יעדערע אַ שטול און עס אַוועקגעשטעלט שווייגענדיג און גערויטעלט.

דוד האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף דער לאַנגער באַנק צווישען די קינדערלעך.

די קינדערלעך זיינען זיך צולאָפען פון באַנק.

— איך בין ניט געקומען זיצען — האָט דוד אַ צומישטער אַריינ־געוואָרפען.

— יונגערמאַן, עס איז אייער וועלט — האָט ראָזענבערג אויס־געצויגען זיין אַזוי אויף לאַנגען האַלז נאָך לענגער און זיך אַ קראַץ געטהאָן אונטען אַן אויער — אָבער מען איז דאָך מענשען, האָט מען צייט. דער זומער הויבט זיך ערשט אָן און די אַרבייט וועט ניט אַנט־לויפען.

— פון מיין מאַן אנטלויפט קיינמאָל ניט די אַרבייט — מישט זיך אַריין די מרס. ראָזענבערג, צושפּרייטענדיג מיט ביידע הענט אין דער לופטען — ביי לייטען אַקערט מען שוין...

— יאָ, איך אַקער... איך וועל זייען... גאָט וועט געבען רעגען... עס וועט וואַקסען... וועלען קומען אייערע קיה און עס צוטרעטען... — האָט דוד וואָלדען עפּעס געזעדט אַזוי שווער, ווי ער וואָלט געוואָר־פען שווערע שטיינער איבער אַ דאָך — טאַ, צו וואָס טויג מיר מיין אַקערען ?...

— אַ געזונד אין דיר, מיין קינד — ענטפערט מרס. ראָזענבערג אין דער גיך, איילענדיג, ווי זי וואָלט פערכאַפּען און ניט לאָזען עמיצען אַנדערש ריידען און קאַליע מאַכען — וואָס הייסט אונזערע קיה וועלען צוטרעטען ? מיר זיינען דאָך ניט די וויינבוימס, גאָט די נשמה שולדיג, און זייערע קיה שלאָפען און עסען ביי אונז אין גאַר־טען און מיר האָבען מורא צו זאָגען אַ וואָרט, זיך מיט די וויינבוימס אַנצוהויבען...

— האָסט שוין אָנגעהויבען ? — טהוט ראָזענבערג אַ קוק מיט קרומע אויגען אויף זיין ווייב.

— זאָלען מיינע קליינע קינדער אַזוי נאָך דערלעבען גליק, ווי וויינבוים׳ס קיה פּאַסען אַ גאַנצען זומער די האָר פון מיין קאָפּ און איך רעד צו מיין מאַן און ער קוקט צום רויך פון קוימען.

— הכלל, אַ סוף — איז ראָזענבערג שוין געוואָרען אין כעס, — איהר וועט זיך, יונגערמאַן, איינהערען צו די ווייבער וואָס זיי דער־צעהלען אייך, וועט פון אייך ווערען אַ באַרג מיט זאַלץ. לאָמיך בעסער הערען וואָס איהר ווילט, אַז איך זאָל טהאָן פאַר אייך.

— איהר זאָלט טהאָן פאַר מיר ? — האָט זיך דוד אויפגעהויבען פון באַנק און האָט אַנגערוקט זיין הוט טיעפער איבער די אויגען — איך וויל אַז איהר זאָלט עפּעס טהאָן פאַר אייערע קיה, אַז זיי זאָלען ניט געהן צו אונז אין שאָדען.

— איך קען דאָך זיי ניט צובונדען די פיס.

— טהוט וואס איהר ווילט.
— אפשר בעדארף מען מאכען א העכערען פלויט.
— מאכט.
— קען איך דען אליין מאכען א פלויט?
— וועל איך אייך העלפען.
— נו, גוט. געהען מיר ארויס אפילו מארגענדיגען טאג מאכען א גוטען פלויט. איך וויל זיך ניט פערקריגען מיט א שכן.
— זאל זיין אפילו מארגען.
— איצט וועלען מיר ריידען פון פרעהליכערע זאכען — האט זיך מרס. ראזענבערג פלוצים אריינגעמישט — ווי שמעקט אייך עפעס דאס לעבען דא אין דארף?
— שעהן! —
— די ווייבער, וואס האבען געוואהנט פאר אייך, האבען ניט גע־טוינגט א קאץ א שוואנץ, איהר זאלט מיר מוחל זיין.
— זעהסט דאך ווי דו טויגסט — האט ראזענבערג אריינגעווארפען א וויץ.
— קינד, מיינס — רופט זיך אפ מרס. ראזענבערג מיט א גע־מאכטער מיטלייד, — זאג מיר, וואס האט איהר דארט געטהאן מיט דעם פערדעל וועלכעס איז נעבעך געלעגען ביי אייך אין ברונען?
דוד איז געבליבען שטעהן, אז ווען א גרוב־עפענט זיך אונטער איהם וואלט ער גאט געבענשט און אריינגעשפרונגען.
ער האט געפיהלט ווי זיין פנים פלאמט ביי איהם און עס שפארט א היץ אין זיינע אויגען. ער האט געוואלט א געשריי טהאן, נאר דערמאנענדיג זיך אז ער איז אין א פרעמדער הויז האט ער מיט מא־טערניש נעזאגט:
— א פערד איז קיינמאל ביי אונז אין ברונען ניט אריינגע־פאלען.
— אוי, מאמעלעך. עס מוז נעבעך ליגען שוין אויף דעם דנא פון ברונען — איז שוין מרס. ראזענבערג אריינגעפאלען אין א וויי־נענדיגען טאן — און איהר טרינקט דאס וואסער, איהר קענט זיך נאך פער'סם'ען און בעקומען די כאלערי, גאט זאל אויסהיטען.
— איהר וועט זיך איינהערען וואס ווייבער וועלען אייך דער־צעהלען — האט ראזענבערג געקלאפט דוד'ן אין פלייצע — וועט פון אייך ווערען א בארג מיט זאלץ.

— אַז איך האָב ניט געזעהען און ניט געהערט פון קיין פערד. קומט אַרויף וועל איך אייך ווייזען אונזער ברונען — איז דוד שוין געוואָרען קיהלער און זיכערער.

— האַ, האָב איך אַ קאַפּ, דרעהט ער זיך ווי אַ מילעכבעל. עס ליגט טאַקע אַ פערדעל אין ברונען, ניט ביי אייך, נאָר ביי אַן אַנדערען — דרעהט זיך מרס. ראָזענבערג אַרוים מיט אַ ביטרע שמייכעל — אַ קאָפּ ביי מיר, דרעהט ער זיך ווי אַ מילעכבעל.

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ טופּען מיט פיס אין אַנדערען צימער.

דורך דער אָפענער טיר האָט מען דערזעהן ווי ביידע דערוואַקסענע מיידלעך זיינען שוין אַריינגעפלאָכטען איינע אין דער אַנדערער׳ס האָר. אַט ליגען זיי ביידע אויף דעם בעט, אין די אָנגעוואָרפענע בערג פון בעטגעוואַנטאון בריקען מיט די גראָבע, האַלב נאַקעטע פיס, און אַט קייקלען זיי זיך ביידע אַראָפּ אויף דעם דיל און הויבען זיך צוריק אויף און רייסען זיך די האָר אַרוים. ביידע האָבען געקוויטשעט און אַריבערגעשריען איינע די אַנדערע, זייערע פּנים׳ער זיינען געוועןן רויט און פערלאָפען מיט בלוט, ווי צו פאַסעוועטע מיט בייטשען, און זייערע האָר האָבען זיך צושאָטען און אַרומגעשפּרונגען איבער זייערע העלזער און פּלייצעס.

די קלענערע קינדערלעך זיינען זיך צונויפגעלאָפען אין אַ אַ ווינקעל און אָנגעהויבען צו בלעקענען ווי קליינע לעמעלעך.

ראָזענבערג איז געשטאַנען און געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ אַראָפּ און אַרויף.

מרס. ראָזענבערג האָט זיך גענומען אַ פּאַטש מיט די פויסטען אין קאָפּ אַריין און איז אַוועק געלאָפען, קייקלענדיג זיך ווי אַ באַל און אַריינפליהענדיג צווישען איהרע צוויי מיידלעך.

זי האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען מיט ביידע הענט, איינטהיילענדיג דאָ דער מיידעל און דאָרט דער צווייטער אַ פליק אין אויער און אַ קלאַפּ אין זייט אַריין.

דוד׳ן האָט זיך פּלוצים אויסגעוויזען אַז די צוויי מיידלעך האָבען זיך איצט געשלאָגען איבער איהם, און אַזוי גיך ווי די מוטער וועט זיי צונעהמען און צוטרייבען, וועלען זיי צו לויפען און זיך אָנכאַפּען אין זיינע קליידער. האָט ער זיך דערשראָקען און זיך אַרויס־

נעכאפט פון דעם דאָזיגען הויז, אריינשרייענדיג פון דער אַנדערער זייט טיר צו ראָזענבערג:

— מאָרגען זעהען מיר זיך ביים פּלויט.

דערנאָכדעם האָט דוד געאַרקערט אַ גאַנצען טאָג.

זיך אַלע מאָל פאַרגעוואַרפען פאַר וואָס ער איז אַזוי פערבעהאַל־טען פון מענשען. און פאַר וואָס ער ווערט נאָך אָפּט אין געזעלשאַפט רויט און פערשעהמט.

געוועזען אויף דער גרויסער וועלט און געזעהען אזוי פיעל מענ־שען.

און פערשעהמט זיך נאָך ווי אַ קינד.

ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט ערשט איצט אָנהויבען צו געהן צווישען מענשען און זיין מיט זיי אַלע מאָל אָפּענהערציג.

ווייל, מענשען ווייסען סיי ווי פון אַלעם. מען קען פון זייערע אויגען גאָר ניט בעהאַלטען.

ער האָט איבערהויפּט עטליכע מאָל געוואָלט איבערלאָזען דאָס אַקערען און אוועק געהען צו די ראָזענבערגס אין הויז און זאָגען דער גראָבעטשקער, קליינטשיגער פרוי, אַז איהר קאָפּ דרעהט זיך ניט ווי אַ מילעכעל, און אַז עס איז טאַקע ביי זיי אין ברונען געלעגען אַ פערד, און ער האָט איהם ארויסגעצויגען און דריי טעג נאָכדעם געשעפּט דאָס וואַסער פון ברונען און דעם ברונען גוט אויסגעוואַשען.

פערקעהרט, עס וועט בעסער זיין, ווען זיי וועלען מיינען אַז זיי ווייסען ביי דיר פון אַלעמען און דאַך זיין בלינד און ניט זעהן טיע־פער פון דעם, וואָס מען קען מיט דעם מויל ארויסריידען און מיט דעם אויג פערכאַפּען.

ער האָט עס ניט געטהאָן איצט און עס געלאָזען פאַר אַ בעסערע געלעגענהייט.

## XIII

## דער ווינט צובלאָזט דאָס שטרוי

דוד וואָלדען האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דעם ים פון זיין אַר־בייט, וועלכע ער האָט אַליין אָנגעהויבען אויף זיין נייער היים, מיט זיין לייב און זעעלע.

צוגעטראכט אלע טאג נייע זאכען און זיי פערטראכטערהייד און מיט אן אייזערנעם קאפריז נאכדעם איינגעפיהרט.

א מאל האט זיך איהם די נייע פערטראכטע זאך איינגעגעבען און עס איז ארויסגעקומען שעהן און עס האט הארמאנירט מיט דעם גאנצען אויסגעשפרייטען און פערטראכטען בילד, וועלכעס האט בעדארפט הייסען א רוהיגע היים און וואס עס האט זיך נאך געווארעמט אין דוד'ס פאנטאזיע.

און א מאל איז גאר ניט ארויסגעקומען. און ניט נאר דאס, נאר עס האט דאס ניט איינגעגעבענע נאך צופלאנטערט און צוברעקעלט, דאס וואס דוד האט שוין ביז איצט אין זיך געפונען.

מיט זיין מוטער איז ער עפעס דורך א קלייניגקייט געוועזען ברוגז.

און אונטער דער דאזיגער קלייניגקייט איז געווען זעהר פיעל גרעסערע זאכען, וועלכע האבען געשפרייט דעם אבגרונד צווישען איהם און זיין מוטער.

אבער דער ברוגז איז ארויסגעקומען דורך אזא קלייניגקייט:

„די מוטער האט געטראגען אביסעל שטרוי פון שטאהל אין א ווינדיגען טאג און דאס שטרוי האט זיך צובלאזען און צושפרייט איבער דעם גאנצען לאן ארום הויז".

נו, האבען זיי ניט גערעדט צווישען זיך.

און אז מען איז געזעסען ביים טיש און גערעדט וועגען עפעס, האט די מוטער ארייגעווארפען א ווארט אין דער דריטער פערזאן און דער זוהן האט אויך אזוי געענטפערט.

דער אלטער וואלדען האט א מאל געפרובט אוועקנעהמען זיין זוהן אין א זייט און מיט איהם שטילערהייד ריידען.

אט אזוי האט ער איהם איין מאל דערצעהלט, אז די מוטער רייסט זיך צוריק אין שטאדט אריין און אז זי האט שוין דערשמעקט, אז עס וועט זיך גוט ניט אויסלאזען און חוץ דעם איז זי א מאמע און זי וויל, אז איהר זוהן זאל דא, חלילה, ניט פארפאלען ווערען אין די וועלדער.

דוד האט דעמאלט אויף זיין פאטער זיך גוט אויסגעשריען. דוד איז שוין געווען מאן אליין צו בעשטעהן זיין אייגען שטעדטעל און אז ער בעט קיינעם ניט צו ווארפען שטיינער אויף זיין וועג, און אז ער האלט קיינעם ניט ביי די פאלעס.

ווער עס וויל קען אוועקגעהן.

אלע אין דער פריה, איידער די זון איז נאך אויפגעשטאנען, האט שוין דוד אנגעהויבען זיין טאג ארבייט.

און ערשט שפעט אין אבענד, ווען עס איז שוין געווארען בלאה און קיהל אין דרויסען, האט ער זיין ארבייט געענדיגט.

אבער ער האט אליין ניט בעמערקט, ווי די ארבייט האט זיך ביי איהם קיין מאל ניט געקענט ענדיגען פאר גוט און פול. עס איז ביי איהם אלע מאל פערבליבען פון היינט אויף מארגען עפעס ניט געענדיגטעס.

נאר איין זאך האט ער פערטראכט:

אז עס וועט קומען דער טאג, ווען אלע ארבייטען וועלען זיין געענדיגט, און דעמאלט וועלען קומען די טעג פון רוה... רוה...

האט ער אזוי פערטראכט און עמיצער האט געהערט און געלאכט.

די ערד איז געוועזען ארים. מען האט יאהר איין יאהר אוים פון דער ערד געצויגען און איהר גאר ניט צוריק געגעבען.

וואס זשע קען די ארימע ערד טהאן?

האט דוד ניט געקענט דאס ערשטע יאהר אומקעהרען דער אריי־מער ערד זיינער דאס, וואס אנדערע האבען ביי איהר אויסגעזויגען.

נאר זיין געשמאק און זיין מיה אין דער דאזיגער ערד אריינ־געלעגט.

און אז די קערענדלאך האבען אנגעהויבען צו שפראצען פון דער ערד ארוים, האט דוד זיך אוועקגעלעגט אויף דער ערד און זיך לאנג איינגעקוקט, ווי אזוי דאס גרינע שפיציקעל קריכט פון דער ערד ארוים. און מורא געהאט, אז דאס שפיציקעל איז ניט פון די קע־רענדלאך, וועלכע ער האט פארזייט.

האט ער אזוי לאנג געקוקט אויף די גרינע שפיציקלאך, ביז ער האט אליין מיט זיינע אויגען געזעהען, ווי עס פיקט זיך די ווייכע ערד און ווי עס שטופט זיך א קליין שמאהל בלעטעלע העבער און העבער.

אז וואויל איז דעם אויג, וואס קען דאס אליין זעהען.

די גאנצע ערד איז אזוי בעדעקט מיט גרינע, שמאלינקע און שפיצינע בלעטעלאך.

מארגען איז שוין די גאנצע ערד פערצווינגען, ווי מיט א גרינעם, דינעם און דורכזיכטיגען וואואל.

אין עטליכע טעג ארום קייקעלט זיך שוין א ווינטעל איבער נע־דיכטע שמאָלענקע און דונקעלגרינע בלעטעלאך. זיי לויפען, דאכט זיך, ערגעץ אוועק און קומען צוריק און דאָס ווינטעל טרייבט זיי צוריק אוועק.

עס געהען אוועק וואָכען. האָט שוין די ערד ניט מעהר אין איהרע אָדערען קיין זאַפט צו שפּייזען די פלאַנצען.

זעהען די פלאַנצען, אז זיי וואַרטען שוין אומזיסט אזוי עטליכע טעג און קיינער דערמאָהנט זיך ניט אין זיי, אז מען זאָל זייערע טרו־קענע ליפּען בענעצען. דערשרעקען זיך די פלאַנצען און לאָזען ארויס קנאָספּען פאַר דער צייט, קליינערהייד. און הויבען אָן צו מאַכען קערענדלאך. טהיילען זיך איין מיט דער אנדערער כאָטש צו איין קערענדעל אויף א זאַנג, כדי איטליכער זאָל כאָטש דערלעבען ביז מאָרגען און ברייגען א קערענדעל אויף דער וועלט.

דוד זעהט דאָס און ווייסט ביי זיך, וואָס ער וועט טהאָן אויף איבער־א־יאָהר.

זיין מוטער בעדאַרף ניט מעהר. זי האַלט אין איין שיטען פעך אויף די וואונדען פון איהר מאַן:

— אז איך האָב געזאָגט, אז דאָרט וועט זיין גוט פאַר דעם גאָרטען. נעבען א הויז האָט ער געוואָלט, אז עס זאָלען וואַקסען גערשטען...

דער מאַן וויל זי בערוהיגען און וויים ניט מיט וואָס.

ווייל דער גאָרטען איז אויך ניט קיין געראָטענער. און די בול־בעס זיינען קליינציגע, און די רויטינקע, קליינע בוקעלעך קריכען שוין אָרום אויף זייערע בלעטער און בויערען לעכעלאך אין זיי.

דער פאָטער פּרובט אָנצובאָטען זיינע הענט. ער וויל אויך עפּעס טהאָן, העלפען. אָבער דוד וויל ניט מען זאָל איהם העלפען. און חוץ דעם וויל ער אז זיין פאָטער זאָל שוין רוהען. ער האָט שוין אין זיינע יאָהרען גענוג געטהאָן. איצט זאָל ער ארומגעהן און בעטראַכ־טען גאָט'ס וועלט מיט א רוהיגען קאָפּ... שוין צייט!

און וואָס קען דאָ דעם מענשענס הענט העלפען?

די ערד איז שוין פון לאַנג אויסגעהונגערט און אין איהרע אָדע־רען איז אַלעס טרוקען, זויער און פערשטיינערט.

וועט קומען איבער א יאָהר, וועט מען וויסען וואָס צו טהאָן.

דערווייל איז געוועזען אין טשייפּעל היל א טרוקענער זומער.

שעהנע טעג, ווארימע טעג. אָבער עס דערעסט אויך. און האָט זיך אַמאָל דער הימעל פּערוואָלקענט, האָט מען אין זיך געצווינגען דאָס פייכטקייט פון די ווייטע וואָלקענס און זיך דערקוויקט.

קיין רעגען איז דאָך ניט געגאַנגען. נאָר אין אָבענד איז דורך דער נאַכט און אין פריהמאָרגען האָט א ווייסע פּארע גענעצט די ערד מיט די גראָזען און בוימער און דערפון האָט זיך געלעגט א זשאווער־קייט אויף בלעטלאך און אויף בלימעלאך. און אז די זון פלעגט אויפ־געהן, האָט די פּארע זיך צוריסען און אַנטלאָפען. און איבערלאָזען נאָך זיך אַזא מין קלעפּעדיגע פייכטקייט, וואָס איז אַנגעקלעפּט גע־וואָרען אויף דיין לייב, אין דיינע פינגער.

דער גערשטען האָט געברענט. קליין, נידריג און ווערט פאר־ברענט.

האָט דוד געכאַפּט און איהם אָפּגעשניטען.

און אז מען שניידט גערשטען קען מען דאָך ניט זיין אויף דעם לאָון, וואו די בולבעס וואקסען. האָט ער דעם גערשטען אָפּגעשניטען און איהם צונויפגעשאַרט אין קופּקעלאך און איז אויף דעם דריטען טאָג ארויס אַנקוקען די בולבעס.

האָט ער שוין דערזעהען, אז פון די בולבעס פלאַנצען איז נאָר געבליבען אָפּגעגריזשעטע שטעקעלעך.

און די רויטינקע, קליינע בוקעלאך זיינען שוין געלעגען מיט געשוואָלענע בייכעלאך אויף דער ערד, איבערגעקעהרטע מיט די קליינ־ציגע פיסעלאך ארויף און גיך געשאַקעלט מיט די פיסעלאך, ניט קע־נענדיג זיך צוריק איבערקעהרען אויף זיי.

די אָפּגעגריזשעטע שטעקעלאך פון די בולבע פלאַנצען זיינען שוין שווארץ, ווי די ערד, אין וועלכער זיי שטעקען אזוי, ווי באַלד אומצופאַלען.

איז ער פון דאָרט אוועק צו זיין גאָרטען און דעם גאָרטען גע־פונען שוין פערוואקסען מיט ווילדע, הויכע גראָזען.

דוד האָט א משוגענער זיך א נעהם געטהאָן צו זיין גאָרטען. געריסען די הויכע, ווילדע גראָזען פון דער ערד און אויפגעדעקט פאר דער שיין פון דער זון די פערשמאכטע, קליינע מעהרען פלאַנץ. און די ציבעלקעלאך זיינען שוין געווען בלייך פון די שאָטענס, וואָס די קראָפּעווע האָט אויף זיי ארויפגעוואָרפען.

אזוי האָט זיך דוד געפּלאָנטערט און האָט זיך אליין געשטראָפט

און געוואוסט, אז ער אליין איז שולדיג אין די אלע פּלאָנטערס און דאָך ווייטער זיך געלאָזען וואָס מעהרער אריינדערעהען אין זיי.

עס איז פאר זיינע אויגען געשטאַנען עפּעס אומבעשטימטעס און ער האָט געוואוסט, אז ער קען עס מיט איין מאָך פון זיין האנד טהאָן א כאַפּ פאר זיך אליין. אָבער ער האָט זיך נאָך געוואָלט גוט אָנ־רייצען. דערווייל האָט ער גערייניגט דעם גאָרטען פון די ווילדע גראָזען.

איז פּלוצים אָנגעקומען א גראָבע, קיילעכדיגע און גרויע שטיק כמארע און פארשטעלט דעם הימעל.

האָט זיך דוד דערמאָנט אין די קופּקעלעך אָפּגעשניטענעם געררשטען.

גיך אוועק, איינגעשפּאנט פערד אין וואָגען און זיך בענאָסען מיט שוויים איבערפיהרענדיג דעם גערשטען אין שטאַהל אריין.

אין דרויסען איז געוואָרען וואָס א מאָל מעהרער פינסטער.

עס האָט געהאנגען א גרויסער דורכשלאג איבער דער ערד, מיט גרויסע לעכעלאָך און באלד וועט זיך אָנהויבען צו גיסען דאָס וואסער פון דורכשלאג.

עס האָט זיך דוד׳ן אויסגעוויזען, אז עס איז דאָ אזוי פיעל גערש־טען. און פיהרענדיג אהיים אין שטאהל אריין, האָט ער געשטופּט זיין האנד צווישען די פייכטע שטרויעלעך און געטראכט, אז ער קען נאָך אין שטאהל אָנהויבען צו ברענען.

זאָל עס פערפוילט ווערען, זאָל עס ברענען!

און דערנאָכדעם, אז דער גערשטען איז שוין געלעגען אין שטאהל אויף דעם בוידעם, האָט זיך דער הימעל אויסגעלייטערט און עס איז געוואָרען שעהן.

אזוי איז עס געגאנגען דעם גאנצען זומער, פּלאָנטער נאָך פּלאָנ־טער.

און דערצו האָט נאָך דוד געדארפט אלע מאָל טרייבען פון זיך דעם טאטען, וואָס האָט זיך געריסען איהם צו העלפען.

פארשטענדליך אז דער פאָטער איז געוואָרען זעהר אָפּגעלאָזען עס איז זומער, דער טאָג איז א לאנגער און ארום און זיערט מיט אקערען, זייען און שניידען.

און דער אלטער וואָלדען האָט גאר ניט וואָס צו טהאָן.

קוקט שוין זיין ווייב אויף איהם, ווי אויף אן איבעריגען און זידעלט איהם, אז ער איז א ווארעם, וואס לאזט אויף זיך טרעטען.

איין מאל אין א רעגענדיגען טאג... — אז עס האט ניט גערעגענט האט ניט גערעגענט, נאר אז עס האט מיט אמאל א זעץ געטהאן א רעגען האט שוין דוד געמוזט זיצען אין הויז.

האט דער פאטער אריינגערופען זיין ווייב און צו איהר אזוי געזאגט:

— איך וויל וויסען, וואס עס וועט זיין דער סוף? דו ווילסט דאך צוריק אין שטאדט אריין. איך אליין קען דא ניט בלייבען. וועלען מיר דוד'ן אוועקגעבען דאס לאנד און זאל ער זיך בויען זיין נעסט.

— איהם אוועקגעבען?!

— וועם דען?

— נו, און איך וואו בין?!

— וועסטאך זיין מיט מיר אין שטאדט.

— אזוי! ער האט אונז פערנארט און איצט וועט ער אונז אוועקטרייבען. ניט ביי מיין לעבען!

— וואס איז מיט דיר געווארען? — האט אברהם וואלרען זיך צושריגען.

— צו א פרעמדען יא, אבער ניט איהם!

— פערקויף עס איהם; דיין זוהן מעגסטאך פערקויפען.

— ניט מיר און ניט איהם. זאל ער זיך וויטער נעהן איבער דער וועלט.

דוד איז געזעסען איבער זיין בוך. געהערט. געשוויגען.

ער האט דאך געוואוסט, אז היינט אבענד וועט איהם זיין מוטער, סי ווי־מאכען ווייך דאס בעטגעוואנט...

## XIV

## עס וועט זיין צום גוטען!

אין אבענד האט נאך אלץ געליאפעט דער רעגען. בליצען האבען געשפאלטען הימעל און ערד און די דונערען האבען זיך געקייקעלט אויף דעם דאך און זיך אנגעשלאגען, ארונטערפאלענדיג אויף דער

ערד, אין די פענסטער, מיט אזא מין אומפּ־טאַראַרבוים, אז די שויבען זיינען שיער ניט ארויסגעפאַלען.

די וואַלדענס זיינען אוועק שלאָפען פריהער ווי תמיד און אויף די בעטען האָבען טאַטע־מאַמע אָנגעהויבען אזא מין שמועס:

ער: איך ווייס ניט וואָס עס וועט פון דיר זיין?

זי: אז דו ווייסט ניט, ווייס איך אויך ניט.

ער: איך האָב אמאָל יאָ געוואוסט.

זי: ווען דו ביזט געוועזען א יונגער מאַן.

ער: ביזטאָך אויך ניט אזא יונג מיידעלע.

זי: און וואָס מיינסטו, אז איך בין שוין עלטער, בעדאַרף איך שוין ניט לעבען.

ער: עס ווענט זיך, וואָס דו רופסט לעבען.

זי: איך וויל נאָך אויך לעבען און מעהר גאָר ניט.

ער: ווער לאָזט דיך ניט.

זי: אז דיך אַרט ניט, צו מען לאָזט מיך, צו ניט.

ער: איך פערשטעה ניט וואָס דו רעדסט.

זי: פון זינט איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט, פערשטעהסטו מיך ניט.

ער: הע,הע, עס הויבט זיך שוין אָן.

זי: דיין זוהן האָט אָנגעהויבען, ניט איך.

ער: רייד ניט מיט קיין סודות.

זי: א סוד? וואָס איז, דו ווייסט ניט, אז ראָזענבערג׳ס קיה קומען שוין באַצייטענס אהערצו פאַסען. און דיין זוהן איז געוואָרען א גאַנצער גוטער ברודער מיט ראָזענבערג׳ען. מען מאַכט שוין פּלויטען אין איינעם. און איך ווייס נאָך פון עפּעס...

ער: און וואָס נאָך עפּעס ווייסטו?

זי: וועסט איהם איבערלאָזען דאָס לאַנד, וועט דער זוהן חתונה האָבען מיט ראָזענבערג׳ס מיידעל און צווישען ראָזענבערג׳ס לאַנד און אונזער לאַנד וועט מען אויפברעכען די פּלויטען און עס וועט ווערען איין גרויס שטיק לאַנד...

ער: וואָס א אידענע קען איינפאַלען!

זי: איך ווייס עס.

ער: ביזטאָך ברוגז מיט דיין זוהן.

ז י: ווייל איך בין ברוגז מיט איהם, לעהן איך עס פון זיינע אויגען.

ע ר: איך האָב געמיינט, אז דו האָסט געהערט איהם ריידען פון שלאָף וועגען די אַלע זאַכען...

ז י: אַ מאַמע קוקט אריין אין זוהנ'ס אויגען, לעהנט זי.

ע ר: זיי ניט קיין מיידעלע. נו, און אויב ער וועט טאַקע חתונה האָבען מיט אַ אידישער טאָכטער, פאר וואָס זאָלען מיר ניט זיין דאָ מיט איהם. דאָס יונגע ווייבעל וועט מאַכען אונזער הויז פרעהליך. און מיט זייערע קליינע קינדערלאַך וועלען מיר זיך שפּיעלען.

ז י: זאָל ער חתונה האָבען מיט אַ מיידעל פון ערגעץ ווייט און זיך געהן צו איהר טאַטענ'ס הויז אריין.

ע ר: האָסטאָך איהם פון קליינערהייד ליעב געהאַט און איצט פלוצים ערשט פיינט בעקומען. ארבייטער ער ניט אזוי שווער ווי אַן אָקס און גיסט זיך אָפּ מיט שווייס.

ז י: איך האָב איהם פיינט, זינט איך האָב פון זיינע אויגען געלעהנט. ער איז שוין גאָר אַן אנדערער. טראָג איך אַ בינטעל שטרוי. אַ הוהן בעדאַרף אָבסמאָלען אויף שבת. קומט ער אָן און צושרייט זיך: „איך וויל ניט, אז זאָלסט אליין נעהמען שטרוי!" וואָס בין איך דאָ? אַ דיענסט. דאָס איז נאָך איצט, ווען ער איז נאָך מיין קינד. אָבער וואָס וועט זיין, אז ער וועט זיך אריינברענגען זיין אייגען ווייבעל? איך וועל דארפען זיצען אויף דעם בוידעם אָדער אין קעלער, אָדער מען וועט מיך גאָר אין גאַנצען ארויסטרייבען אין וואַלד אריין.

ע ר: ביי די אמעריקאַנער האַלט מען זעהר חשוב טאַטע און מאַמע און דיין זוהן איז דאָך אַ גאַנצער אמעריקאַנער יאַט.

ז י: אז איך וויל ניט.

ע ר: האָב איך דאָך געזאָגט: פערקויף דאָס לאַנד מיט דעם הויז און שטאַהלען און מיר וועלען אוועק צוריק אין שטאָדט אריין.

ז י האָסט דיך שוין פערביינקט נאָך דעם קלייזעל?

ע ר: איך? ! דו ווילסטאָך אין שטאָדט אריין.

ז י: איך וואָלט געוואָלט אין שטאָדט אריין, אָבער פערקויפען זאָל זיין פערקויפט. זאָל ראָזענבערג קויפען אונזער לאַנד און דער־מאָלט וועט מיך ניט הארען. ניט אז מיין קינד זאָל מיט זיין שווייס בעצאָהלען פאר פעלדער און וועלדער און מיט זיינע הענט אַקערען און

זייען און ראַזענבערגען וועט עס דערנאָכדעם אָנקומען אַ געבראַטענע טויב אין מויל אריין.

ער: וואָס זשע ווילסטו פון מיר?

זי: איך וויל, אַז זאָלסט זיין אַ מאַן צו דיין ווייב.

ער: וואָס זאָל איך טהאָן פאַר מיין ווייב?

זי: רייד מיט דיין זוהן און שלאָג עס איהם ארויס פון זיין קאָפּ.

ער: ווילסט, אַז איך זאָל צוגעהן צו דוד׳ן און איהם אָנכאַפּען אַט אַזוי, מיר ניט דיר ניט, און איהם זאָגען אויף דעם בוידעם אַ יאַריד.

זי: וואָס האָסטו מורא. דעמאָלט בין איך דאָך גערעכט, אַז דו ביזט ניט ווערט צו זיין אַ מאַן.

ער: אַן אומגליק אויף מיינע עלטערע יאָהרען, בעדאַרפט נויטיג.

זי: אַה, אַה, ביז שוין געקומען צו מיינע רייד. איך האָב געזאָגט פון דער ערשטער מינוט, אַזוי ווי איך האָב נאָר דערהערט, אַז אַ טויטער פערד ליגט אין ברונען, אַז מיר בעדאַרפען אנטלויפען צוריק אין שטאָדט.

ער: זאָל זיך דיר דאכטען, אַז מיר זיינען שוין אַנטלאָפען.

זי צואווינט זיך שטילערהייד.

ער: אַלע מאָל קען איך מיט דיר ניט ריידען. ווייל אַלע מאָל לאָזט זיך ביי דיר אויס מיט אַ געוויין.

זי (וויינענדיג): מיר חלומט זיך אַלע נאכט עפּעס אַן אנדער שלעכטער חלום. איין נאכט האָט זיך מיט גע׳חלומט, אַז איך שטאַרב אין מיטען וואלד און ליג אַזוי מיט אָפענע אויגען און די פויגעל פליהען איבער מיר. נידרען אראָפּ און פּיקען מיט זייערע שנאָבלען פון מיר שטיקער פלייש. איך קען ניט שרייען און קען זיי ניט אוועקטרייבען... און אַן אנדער נאכט האָט זיך מיר גע׳חלומט, אַז מיינע קליידער האָבען זיך אויף מיר אָנגעצונדען און אין די פלאַמען איינגעהילט בין איך ארויסגעלאָפען פון הויז און אריינגעשפּרונגען אין ברונען. נאָך דעם האָט מען מיך ארויסגעצויגען און מיך בעגראָבען אויף דער לאַנקע, ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו דער טויטער פערד ליגט בעגראָבען...

ער: עס וועט זיין צום גוטען... צום גוטען, שלאָף שוין, שלאָף.

# XV

## אוועקגעלעגט דעם שטיין

דער זומער איז אריבער. איין טאָג האָט זיך געפּלאָכטען אין אנדערען און נאָכגעיאָגט עמיצען, וואָס איז אנטלאָפען. עס איז ניט געווען קיין צייט זיך ארומצוקוקען און אָ טראַכט טהאָן אויף דעם וואָס עס איז נעכטען און עהערנעכטען געווען. אזוי איז דער מאָר־גענדיגער טאָג געוועזען ערגעץ ווייט אין גרויען נעבעל, און אזוי איז דער זומער אוועק.

דער אלטער וואלדען האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען עפּעס אזוינס וואָס ער האָט מיט זיך אליין ארומגעטראָגען און קיינעם אין הויז ניט געוואָלט דערפון דערצעהלען.

ער איז ארומגעגאַנגען, טאָג איין טאָג אויס, און געקליבען אָן אָרט, וואו ער זאָל קענען בויען אָ קאמער, זעהר אָ פּראָסטען קאמער מיט פיער ווענט און אָ טיר און מיט פיער פענסטער.

אין דעם דאָזיגען קאמער זאָלען די אידען פון גאַנץ טשייפּעל הילל קענען קומען נאָט בעטען.

עס איז אויף טשייפּעל הילל געוועזען אָ ספר תורה, וואָס איז געשטאַנען אין אָ קאסטען אויף אָן אָרט, און דער איד פון יענעם אָרט האָט דאָס ספר תורה ניט אָפּגעהיט.

אין דעם אייגענעם הויז וואו דאָס ספר תורה איז געשטאַנען און וואו מען האָט געדאַווענט אלע שבת, האָט יענעם אידענס ווייב גע־קאָכט אויף דעם אויווען און געבאַקען.

און יענעם אידענס הונד שלאָפט ביי נאַכט אין דעם אייגע־נעם צימער.

יענעם אידענס בחור, עפּעס אָ נעענדיגטער דאָקטאָר, זיצט תמיד אין דעם אייגענעם צימער אָהן אָ היטעל, און שפּיעלט זיך מיט דעם הונד...

מען איז צוגעשטאַנען צו דעם אלטען וואלדען, אז ער זאָל צו־נעהמען אין זיין הויז אריין דאָס ספר תורה און אלע אידען פון טשיי־פּעל הילל זאָלען זיך צונויפקומען אין זיין הויז און דאָרט דאַוונען אי שבת אי יום טוב.

ר׳ אברהם וואלדען האָט נאָך ניט געזאָגט די אידען צי ער וויל

צי ער וויל ניט, איז שוין זיין זוהן ארויסגעשפרונגען און אנגעהויבען צו שרייען, אז ער וויל ניט.

ער וויל ניט מאכען פון זיין הויז און פון זיין היים א הייליג ארט.

דער פאטער האט זיך פערוואלקענט פון אנהויב, אויף זיין זוהן, און שפעטער האט ער שוין פערשטאנען אז ער איז גערעכט, אז א היים בעדארף זיין א היים.

נאר דערווייל איז ער ארומגעגאנגען און געזוכט אן ארט, וואו צו בויען א פראסטען קאמער.

אין וואלד ביי זיי איז געוועזען א הויכע סקאלע. ביי דעם פוס פון סקאלע א טיעפער טהאל.

די וואנט פון דער סקאלע האט געהייסען גאט'ס טרעפ. „אזוי האט מען דאס אמאל א נאמען געגעבען," — האט מר. וויינבוים, וואס האט אין טשייפעל הילל שוין געוואהנט אן ערך פון דרייסיג יאהר, איבערדערצעהלט.

עס זיינען געלעגען אנגעווארפען שטיין אויף שטיין פון דעם טהאל ביז דעם שפיץ פון דער סקאלע און מען האט געקענט דורך די דאזיגע שטיינער ארונטער געהען און ארויף געהען.

פאר וואס די אמאליגע מענשען האבען דאס א נאמען געגעבען גאטס טרעפ, ווייסט אפילו מר. וויינבוים אויך ניט.

אבער אז ער וועט דעם פראסטען קאמער אויפבויען אין טהאל און מען וועט דורך די שטיינער אראפ און צוריק ארויף געהען גאט בעטען אין דעם פראסטען, קליינעם קאמער, וועט עס טאקע הייסען, אז די דאזיגע סקאלע שטיינער זיינען גאט'ס טרעפ.

איז דער טהאל ביים פוס פון סקאלע געווען פערוואקסען געדיכט מיט גראבע און הויכע דעמבעס.

און דא און דארט איז זיך געלעגען א גרויסער עקיכדיגער, שווארצער שטיין. א מענש האט שטעהענדיג ביי איינעם פון די שטיינער אויסגעוויזען ווי א פליג אויף דער וואנד.

ר' אברהם וואלדען האט זיך געוואונדערט ווי אזוי די שטיינער האבען זיך ארונטערגעקייקעלט פון דער סקאלע און געקומען אהער. צי זיינען זיי געפאלען איבער די שפיצען פון די גראבע בוימער, צי האבען זיי זיך דורכגעשפארט צווישען די שטאמען פון די גראבע בוימער.

נו, האָט ער זיך געוואונדערט. אָבער אוועקצונעהמען אזוינע גרויסע שטיינער וועט מען ניט קענען און אויסהאקען די גראָבע בוי־מער, האָט מען ניט געטאָרט, ווייל טאָמער שפּאָרען זיי אונטער מיט זייערע שטאַמען און גראָבע קאָרעניעס די גאַנצע סקאַלע?

האָט ער דערפאַר ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז די פּראָסטע קאַמער וועט ער בויען אויף דעם שפּיץ פון סקאַלע.

און אוועקגעלייגט א שטיין אויף דעם אָרט פאַר א סמין...

און אזוי איז ער שוין פון צייט צו צייט ארויסגעגאַנגען אויף יענעם אָרט אין אַן אָבענד און געדאַווענט א מנחה און מעריב.

אויף דעם אנדערען טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט זיך נעכטען אי־בערגערעדט מיט זיין ווייב, איז ער גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען און איז אוועק אויף יענעם אָרט א ניכטערער, אָהן א גלאָז טעה, און זיך אוועק־געזעצט אויף דעם שטיין, זיינע אויגען פערמאַכט און אָנגעהויבען צו בעטען:

... פאַר וואָס האָסטו מיך פערלאָזען אויף דער עלטער?
וואָלט ניט בעסער געוועזען, ווען איך וואַקס אוים אין א פּויערס הויז
האָב חתונה מיט א פּויערס א מיידעל,
מיר לעבען אזוי אויף אונזער ערד אָט א דאָ,
און מיר האָבען קינדער מיט פערהאַרטעוועטע הענט און פיס.
פיהרען זיי די אָקסען אין אַקער,
זייען, שניידען און דרעשען.
פאַר וואָס בין איך איצט אזוי אָפּגעלאָזען און פערוואָלקענט.
איך וואָלט אליין נאָך געוואָלט קענען אַקערען און זייען,
אָנשאַרפען די האַק און האָלץ האַקען,
נעהמען די קאָסע און ארויסגעהען אין פעלד,
שניידען מיינע ברויטען און גראָזען.
וואָס וועל איך איצט טהאָן אין דער גרויסער שטאָדט,
אויב איך וועל נאָך מיין ווייב׳ס קאָפּ נאָכלויפען.
גיב איהר אזא גוטע מחשבה,
אַז זי זאָל מיך ניט וועלען איבעררעדען.
קעהר מיך אום צו די יונגע יאהרען.
אָדער גיב מיר די קרעפטען פון אַן אַלטען פּויער.
לאָם איך נאָך קענען זיך בויגען איבער די בייטען פון מיין גאָרטען.

און ברייננ ארײַן פרייד אין מיין הויז ארײַן.
זאָל דאָרט קלינגען אין אבענד,
דאָס לאַכען פון קליינע קינדער פון מיין זוהן און שנור.
איך זאָל אהיים קומען גלייך, ווי מיין זוהן, פון פעלד,
און נאָך דעם עסען זיך אוועקלעגען אויף דעם דיל,
מיינע אייניקלעך זאָלען אויף מיר קריכען
און אויף מיינע פּלייצעס רייטען ווי אויף א פערד.
איצט בין איך א צובראָכענער טאָפּ
פול מיט דארע ביינער.
איך געה ארום איינגעבויגען ביז צו דער ערד,
און מיינע פיס פּלאָנטערען זיך
און איך זעה שוין ניט אויף מיינע אויגען ווי אמאָל.
זאָל מיך מיין זוהן לאָזען טהאָן, דאָס וואָס ער טהוט.
איך האָב איהם קליינערהייד געלערנט צו טאָן דאָס וואָס איך האָב געטאָן.
איצט האָט ער שוין פערגעסען און באָדט זיך אין מיינע בלייכע בלוטען.
און איך האָב זיך ניט פאר וועמען, חוץ דיר, צו בעקלאָגען.
איך זיץ דאָ איצט אויף דעם שטיין,
וועלכען איך האָב אוועקגעלעגט פאר א סמין
אז דאָ וויל איך בויען א קאמער,
א פּראָסטען פון פיער ווענט מיט א טיר און מיט פיער פענסטער.
בעט איך דיך, אז זאָלסט מיר העלפען.
אויב עס איז מיר נאָך בעשערט צו לעבען ניט לאַנג,
זאָל איך כאָטש דערלעבען אויפצובויען דעם דאָזיגען קאמער.
איך זאָל ניט שטארבען אין דער מיטען פון מיין ארבייט
און אנדערע וועלען קומען און פון דעם דאָזיגען קאמער
מאכען א שטאל פאר זייערע פערד.
ועסטו הערען מיין געבעט?...

## דער פּאַס פון ים. צווייטער טהייל.

# I

## פערד

עס איז געווען פאר ראש השנה. איינמאָל, ווען דוד איז אריין אין הויז, איז די מוטער פלוצים ארויפגעפאלען אויף איהם און איהם אנגעהויבען צו קושען און האט זיך נאָכדעם צעוויינט, בעהאלטענדיג איהר קאָפּ אויף זיינע אקסלען.

דוד איז פערציטערט געוואָרען און האט אויך געוואָלט בעהאל־טען זיין פּנים, נור האָט זיך געשעהמט און איז אזוי געשטאנען איינ־געהילט אין זיין מוטער׳ס הענט און נית געהאט קיין ארט פאר זיינע פיס.

דערנאָכדעם איז מען נאָך ביים עסען געזעסען ארום טיש און גע־שמועסט אזוי ווארעם און רוהיג.

— זעה נור, דוד, ווי דו זעהסט אוים? — האָט זיך די מוטער פלוצים א כאפּ געטהאָן.

— עס איז גאָרניט, מאמע, איך וועל זיך פעריכטען. עס געהט צו ווינטער צו.

ראש השנה און יום כפור האָט מען געדאווענט ביי מר. ראַגאָ־ווין, וואו דאָס ספר תורה איז געשטאנען אין א קאסטען.

די גאַנצע טשייפּעל היל׳ער קהלה איז געווען אַ קליינע.

די טאַטעס און מאַמעס שוין אין די עלטערע יאָהרען. גרויע האָר מיט מאַגערע, צורונצעלטע און צוקרימטע פּנים׳ער, מיערע סאַ־רע אויגען און מיט אַנגעבלאָזענע, צובייזלטע הענט.

און עס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען, דאָס וואָס עס איז ניט געווען קיין יונגע מענער. דער האָט געהאַט נאָך גאָר קליינע קינדער און דער אַנדערער האָט געהאַט טעכטער און אַ דריטער האָט גאָר קיין קינדער ניט געהאַט.

נור צוויי יונגען זיינען געווען. איינער דער זוהן פון ראָגאָווין, וואָס ביי איהם אין הויז האָט מען טאַקע געדאַוונט, און דער צווייטער יונג איז געווען דוד וואַלדען.

און דערפאַר, אַז דוד איז ניט געקומען צום דאַווענען, וואָס עס האָט דעם אַלטען וואַלדען אפשר שוין ניט געהאַרט, — האָט עס אָבער ביי די אידען פון טשייפּעל היל געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער האַלט זיך ערשטענס פאַר אַ קלוגען און וויל זיך ניט נעהן מאַכען נאַרעש אין דער קיך דאַרט, וואו נאַראָנים האָבען אוועקגעשטעלט אַ ספר תורה. און צווייטענס האַלט ער זיך, אַט יענער דוד, פאַר אַ גאַנצען גרויסען מאַן, און וויל אַז אויב מען דאַרף, זאָל מען קומען צו איהם אין הויז אַריין מיט איהם ריידען. דאַווענען קאָן ער דאָך סיי ווי ניט.

דוד׳ס עלטערען האָבען גאָר ניט געענטפערט, ווען מען האָט זיי געפרעגט פאַר וואָס זייער זוהן איז אויך ניט געקומען דאַווענען. עס האָט געהייסען, אַז זיי אַליין ווייסען אויך ניט פאַר וואָס.

דוד׳ס מוטער האָט אָבער דערצעהלט אין דער היים, ווי אַזוי דעם אידענס זוהן, דער געענדיגטער דאָקטאָר, איז די גאַנצע צייט פון דאַווענען ראש השנה און יום כפור געזעסען אויף אַ ביינקעל, מיט אַ מחזור איןביידע הענט און ניט גערעדט מיט קיינעם קיין וואָרט און פרום אַריינגעקוקט אין מחזור. אַלע ווייבער האָבען געקוקט אויף און איהם געליבט, אַז דאָס איז אַן איידעלע אידעשע נשמה, טאַקע אַ גרויסער מאַן, נור ווען עס קומט צו דעם טאָג ווען אַלע פּראָס־טע אידען לייגען אוועק די האַק און דעם האַמער און קומען זיך צו־נויף אויף איין אָרט צו לויבען און בעטען גאָט, איז אַט דער גרויסער מאַן אויך דעמאָלט איינער פון די אַלע פּראָסטע אידען. אָבער ער זיצט עפּעס טאַקע ווי אַן איידעלע, ליכטיגע נשמה און האַלט אין

זיינע ווייסע, קליינע הענט דאָס מחזור און ווייסט ווי אזוי מען בע־דאַרף זיצען פאַר דעם גרויסען גאָט.

דוד האָט זיך איינגעהערט צו זיין מוטער'ס רייד און עס האָט איהם אָנגענומען צוויי געפיהלען. איינער האָט זיך מיט איהם, ווי פון תמיד אָן, געקריגט פאַרוואָס איז ער אויך ניט אָט אזוי, ווי יענער יונגער דאָקטאָר פּסיכאָלאָגיע. פאַר וואס איז ער אוועק פון דעם וועג, וואס האָט איהם געקאָנט פיהרען אהין און פאַרוואס קעהרט ער זיך ניט צוריק אום, ווייל עס איז נאָך דאָ צייט צו יענעם וועג? דאָס אַנדערע געפיהל איז זיך געלעגען אין א ווינקעל ביי איהם אינע־וועניג און אזוי שטיל געשמייכעלט, אז עס איז דוד'ן געווארען אזוי לייכט און פריי אויף זיין קאָפּ און הארצען.

דוד האָט אין די דריי הייליגע טעג גערוהט פון זיין ארבייט און געפיהלט אזא נאָענדע בענקעניש נאָך עפּעס, אז עס האָט איהם וועה געטהאָן הענט און פיס .

ער איז ארומגעגאנגען איבער דעם הויז, ווי א שאָטען. אָב־גענומען די פּאָסט און דורכגעלעזען אלע בלעטער און צייטשריפטען פון ערשטען בלעטעל ביז דעם לעצטען. האָט זיך אזוי פיעל אָנגע־לעזען, אז ער איז געווארען פול און אָנגעפּאָמפּעט און שוין ניט גע־קאָנט טראכטען וועגען זיך אליין און זיינע ווירדיגע פּלענער.

די טעג זיינען געווען ווייסע און ליכטיגע, און דוד'ן האָט זיך געדאכט, אז ער פליהט ארום, ווי א פויגעל ארום די האָריזאָנטען און אָט וועט ער ארונטער ניעדערען און איינטונקען זיינע פיס אין דעם ווייטען פּאָס פון ים.

ער האָט זיינע פערד און קיה אויך ארויסגעלאָזען איבער די אָב־געשניטענע לאָנקעס, איז אריין אין שטאָל, בעטראכט דאָס אָבגעשני־טענע היי און שטרוי און נאָכדעם צוריק ארויס אויף די צוגראָבענע לאָנקעס פון וואנען ער האָט שוין געהאט ארויסגענומען אלעס וואס די ערד האָט פאַר איהם געקענט ארויס געבען, און דערזעהענדיג זיין אָרימקייט און קליינקייט אנטקעגען אָט די ווייסע און ליכטיגע האָ־ריזאָנטען.

ער האָט זיך אוועקגעלייגט אויף דער לאָנקע קעגען דער זון און זיך איינגעקוקט ווי אזוי דער פערד קנייפּט די ניעדעריגע גראָזען מיט זיינע צייהן און ווי אזוי די קוה זוכט נור אזוינע ערטער וואו עס איז דאָ העכערע גראָזען און פאַר וואס שטעקט זי ארויס איהר צונג

און פערנעהמט אלע גרייזעלעך אין איין בינטעלע און נאכדעם בייסט זי זיי אב מיט איהרע צייהן. א פערד קאן לעבען אויף די ניעדריג־סטע גראזען און א קוה בעדארף שוין העכערע גראזען — האט דוד געטראכט — ווייזט אויס אז די קוה איז מעהר איידעלער אין איהר כאראקטער ווי דער פערד, מעהר ווייבליכער.

און אפשר דערפאר האט דוד ליעב דעם פערד בעסער פון דער קוה.

דוד האט אזוי פיינט די קוה, אז ער טרינקט ניט די מילך פון איהר. ער האט פיינט צו קוקען ווי אזוי א מענש נעהמט און טרינקט אוים א גלאז מילך. ער האט פיינט דעם ריח פון מילך ווען מען קאכט זי.

אבער אמאל כאפט איהם אן א רחמנות אויף זיין קוה, ווייל עס דאכט זיך איהם אוים, אז זי איז אזוי אומבעהאלפען ווי א קליין קינד. תמיד שטעהט זי און בעט זיך, אז מען זאל זי ארייננעהמען אין שטאל אריין. פערקעהרט, דאס פערד מוז ער אלע מאל, ווען ער לאזט איהם ארוים איבער די לאנקעס, געהען כאפען און אריינ־נעהמען אין שטאל אריין.

זומער קאן זיך דער פערד פערגינען און אוועגלייגען און זיך קייקלען אויף זיין קריזש מיט די פיס ארויף און זיך ווארפען אהין און אהער. און א קוה מוז תמיד ליעגען אויף א זייט, אדער אויף דער רעכטער אדער אויף דער לינקער.

ווינטער שטעהט די קוה און ציטערט פון קעלט. עס איז איהר־נור ווארעם ווען זי עסט. האט זי אבגעגעסען, שטעהט זי שוין ווידער און ציטערט פון קעלט, און דער פערד קאן ארבייטען, און אז מען ארבייט, פערשטעהט זיך, דערווארעמט מען זיך.

אין שטאל איז דער פערד מעהר ריהרעוודיגער, און אז עס מאכט זיך אמאל מען דערשרעקט זיך, טהוט ער זיך א כאפ און באלד האט ער זיינע פאדערשטע פיס אויף וועלכע ער שטעלט זיך אויף, און אז מען שטעהט שוין אויף די פאדערשטע פיס, — שטעהט מען שוין!...

די קוה אז זי ליינט זיך אוועק אין שטאל איז דאס ווי א שטיק ליים. אז זי דערשרעקט זיך מוז זי פריהער אנהויבען צו וויעגען מיט איהר קאפ אהין און אהער און נאכדעם זיך אוועקשטעלען אויף די צוויי פאדערשטע קניהעס און שפעטער הויבט זי זיך אויף פריהער

אויף די הינטערשטע פיס און אז זי שטעהט שוין אויף די הינטערשטע פיס דערמאָנט זי זיך אַז זי שטעהט נאָך דערוייל אויף די פאָדערשטע קניהעס, הויבט זי ווייטער אָן צו שאָקלען מיט איהר קאָפּ אַהין און אַהער און שטעלט זיך קוים,קוים אויף מיט די פאָדערשטע פיס.

אַ קוה האָט אַ פערשטאָפּטען קאָפּ. נעהם און פיהר זי אוועק ביי נאַכט פון דער היים און לאָז זי אָב העט ווייט אין אַ וואַלד, וועט זי שוין מאָרגען ניט וויסען ווי אַזוי צוריק צו געהן אַהיים און וואו זי וועט דערזעהן אַ שטאַל וועט זי מיינען אַז דאָס איהר איהר היים.

אַ פערד האָט ליכטיגע אויגען אין זיין קאָפּ. אַז דו נעהמסט איהם אוועק פון זיין היים, קוקט ער מיט זיינע ליכטיגע אויגען אויףביידע זייטען פון וועג און מאַכט זיך צייכענס. דאָ שטעהט אַן אויס־געקרומטער אַלטער בוים, און דאָרט לויפט אַ ריטשקעלע, און איי־בער דעם ריטשקעלע איז איבערגעוואָרפען אַ בריקעל, און ער צעהלט די הייזער אויף די זייטען פון וועג און געדענקט אַז דאָס הויז איז רויט געפאַרבט, און אַז יענע הויז איז געפאַרבט ווייס מיט גרויע קאַנטען. ער האָט נאָך אַזאַ מין קלוגהייט אין זיינע פיס, אַז זיי טרעטען אויס דעם וועג, וואָס פיהרט צו זייער היים און וועלען שוין אין דער פינסטערער נאַכט קענען פיהלען צי איז דאָס דער וועג אַהיים צו גיין.

די קוה איז אַ קאַלטער, שטומער מיטגליעד אין דער היימישער פאַמיליע. אמאָל קען זיך טרעפען, אַז דו זיצט און די מעלקסט, וועט זי דיר טהאָן אַ דריגע מיט אַ פוס אין האַרץ אריין, אדער עס וועט זיך טרעפען, אַז דו וועסט איהר געבען עסען, וועט זי דיך נעהמען אויף דער האָצקע מיט איהרע הערנער, אָדער זי וועט דיר גאָר גע־בען אַ שטאָך מיט איין האָרען אין דער זייט אריין, אָדער איהר קאָן זיך גאָר פערגלוסטען און זי וועט דיר גאָר ניט וועלען געבען די מילך און פערבעהאַלטען די מילך פאַר זיך אליין. זי קען...

אַ פערד איז אַ שפּרינגענדיג קינד און אַ גוטער פריינד פון דער היים. ער וועט לויפען אין פייער און אין וואַסער, אויב עס וועט זיך טרעפען אַן אונגליק מיט דיר. קענסט צו איהם אריינקומען אין מי־טען דער נאַכט וועט ער גיך זיך אויפהייבען פון זיין בעט און דיר קוקען אין דיינע אויגען און שמעקען צי עס איז עפּעס ניט גוטעס מיט דיר, וועט דיך אַהיים ברענגען אַ לעבעדיגען אָדער אַ טויטען אין דיין הויז אריין, וועט האָרעווען מיט דיר איינאייגעם און וועט דיר העלפען

שלעפּען דעם יאָך פון דעם לעבען, אָדער ער וועט דיך אַמאָל פיהרען צו דעם אָרט, וואו דו וועסט געפינען דיין גליק.

און דערפאר האָט דוד שוין פון לאַנג פערטראַכט, אז ער וועט האָבען אין זיין שטאָל נאָר איין קוה. אָבער פערד האָט ער געוואָלט האָבען א סך.

און די איינע קוה האָט ער אויך צוליעב זיין פאָטער און מוטער געקויפט. פערד וועלען ביי איהם זיין א סך, ווייל ער האָט זיי ליעב.

און דאָס ערשטע פערד האָט ער געקויפט א זי, און האָט איהר א נאָמען געגעבען עדנא.

עדנא טראָגט שוין א לאָשעקעל אין איהר בויך. זי שטעהט שוין אזוי קעגען דער זון אויף דער לאַנקע א פערטראַכטע. איהרע האָר גלאַנצען, ווי דונקעל רויטער, ווייכער סאַמעט און איהרע אויגען ווייס־לען זיינען קלאָהר ווי שנעע, און דאָס בלאָהע אויג ארום די שוואַרצ־אפּלען איז בלאָהער פון די הימלען צווישען נאַכט און מאָרגען.

עדנא איז שעהן, ווען זי פערטראַכט זיך. זי ווערט יונגער פון טאָג צו טאָג. זי מוז טראַכטען פון איהר קינד, צי עס וועט זיין א „מיידעל“ צי א „בחור“, און צי עס וועט, גאָט זאָל אויסהיטען, האָבען אזוינע לאַנגע אויערען ווי אן עזעלע, און צו עס וועט האָבען א פּינ־טעלע צווישען די אויגען אויף דעם שטערען, וואס עס וועט בעווייזען אז עס איז א קלוגער פערדעלע, און צי עס וועט האָבען א קליינעם קאָפּ, אָט אזוינס ווי זי אליין, די מאַמע, האָט. און אפשר טראַכט עדנא גאָר פון דעם טאָג ווען זי וועט „געהן צו קינד“ און עס דאַכט זיך איהר אויס, אז זי וועט שטאַרבען פון די געבורט וועהען.

דוד בעמערקט אַמאָל ווען ער געהט אריין אין שטאָל צו עדנא׳ן, אז זי קוקט מיט איין אויג אויף איהרע פלאַנקען, ווי זי וואָלט זיך בעטען ביי איהם, אז ער זאָל איהר ניט געבען קיין שטוים מיט דעם שטאָהל־גאָפּעל דאָרט וואו איהר קינד ליעגט אין בויך.

דוד רעדט אָפט צו זיין עדנא׳ן אזוי:

איצט, עדנא, געהט צו ווינטער, און אזוי ווי דו ביזט אין א „שווערען“ צושטאַנד, וועסטו שטעהן אין שטאָל און עסען און טרינ־קען, ניט טהאָן קיין שווערע ארבייטען. וועט זיין שעהן אין דרוי־סען וועל איך דיך ארויסלאָזען אויף דער פרישער לופט, אין זון־שיין, און אויב עס וועט זיין שנעען און רעגענס, וועסטו שטעהן אין שטאָל איינגעדעקט מיט א ווארעמען צודעק. וועט זיין שעהן אין דרויסען

און עס וועט אָבער זיין א סך פערפרווירענע אייז אונטער די פיס, וועסטו ניט ארויסגעהן כדי דו זאָלסט ניט פאַלען אויף דעם אייז און גאָט בעהיט אָבוואָרפען דיין קינד.

און ווען ער זעהט אמאָל ווי די קוה שטעהט און לעקט ערנא'ן מיט איהר צונג, לויפט דוד ארוים און צוטרייבט זיי, ווייל ער האָט מורא אז די קוה מיט איהר פערשטאָפּטען קאָפּ קען זיך נאָך פער־גלוסטען און טהאָן ערנא'ן א שטוים מיט א האָרען אין ערנא'ם פלאַנק און דעמאָלט — גוד נייט!...

## II

# אַ מאַמע

דוד'ס מוטער איז געוועזען קעגען דעם, אז מען זאָל רופען א פערד מיט א נאָמען, און אזוי ווי דוד האָט זי ניט געפאָלגט און זיין פערד גערופען „ערנא", האָט זי ניט געקענט פערליידען. פונדעסט־וועגען האָט זי עס ניט ארויסגעזאָגט אָפען, אפילו ניט צו דעם פאָטער.

דערנאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען צו האָבען רחמנות אויף דער שקאַפּע, ווען זי איז געוואָר געוואָרען, אז די שקאַפּע טראָגט.

זי האָט זיך געשראָקען פאַר יענעם טאָג, ווען די שקאַפּע וועט געהן צו קינד, ווייל זי האָט קיין מאָל אין איהר לעבען ניט געזעהען קיין פערד אין איהר הויזגעזינד. און האָט גאָר געהאַט א פאָרשטעל־לונג, אז פערד האָבען ניט קיין מאַמעס.

חוץ דעם האָט זי געמיינט, אז ווייל א פערד האָט לייכטע ביי־נערדיגע פיס, דערפאַר, איז אויב עס טהוט איהם עפּעס וועה, וועט ער זיך אויפהויבען און טהאָן א בריקע מיט די פיס און אנטלויפען...

נאָ ווי קען אזא באַשעפעניש זיין א מאַמע ?

דערפאַר האָט זי שוין ליעב געהאַט די קוה זייערע, וועלכע איז געוועזען א גראָע, מיט רויטע קלייענדיגע פאַרב באַשפּרינקעלט און אָהן הערנער. זי האָט די קוה ניט גערופען מיט קיין שום נעמען. נאָר צו איהר גערעדט אידיש, און אז זי האָט די קוה בעדאַרפט רופען, האָט זי די קוה גערופען : „קום, בהמה מיינע".

זי האָט מיט דער קוה געלעבט זעהר גוט. איהר אום ווינטער

געטראָגען װארימע װאסער צום טרינקען. האָט פאַר איהר געקאָכט א קאַשע פון קלייען מיט קוקורוזע מעהל און עס איבערגעמישט מיט געשניטענע שטרוי.

און אז דוד׳ס מאַמע האָט געקאָכט א באָרשטש, האָט שוין די קוה געהאַט א גוטען מאָהלצייט פון די איבערגעבליעבענע בוראַקעס. די מאַמע האָט די בוראַקעס צושניטען אויף קליינטשינקע שטיקלאַך און זיי איבערגעשאָטען מיט קלייען און געבראַכט דער קוה.

האָט די מאַמע אָפּגעװאָרפען פון דער זויער מילך קעז און ארויס־געטראָגען די סירוואָטקע נאָך א װאָרימע און די קוה האָט עס געזופּט. האָט די מאַמע דערביי געטראַכט: נעבאָך, בהמה מיינע, טרינקסט סירוואָטקע און איך טרינק טהעע.

און א גאַנצען זומער האָט די מאַמע געריסען ביים װעג די ווילדע גראָזען און זיי געטראָגען פאַר איהר בהמה. דאָס פערד פלעגט עס זעהען און קוקען מיט אזוי פיעל קנאה פאַר װאָס מען גיט איהם אויך ניט אביסעל גראָזען. אָבער די מאַמע האָט צו דעם פערד פון װייטען גערעדט, אז װען ער איז ניט קיין פערד, װאָלט ער דאָך געװעזען א בהמה און געגעבען מילך, װאָלט זי איהם אויך געגעבען גראָזען.

כאָטש די מאַמע איז געװעזען ניט אָלע מאָל זעהר נאָהענט מיט א קוה, װייל זי האָט קיין קוה אין זייער הויז געזינד קיינמאָל ניט אָנגעזעהן, פונדעסטװעגען האָט זי כאָטש אָלע מאָל געטרונקען מילך און געװאוסט, אז מילך קומט פון א קוה.

אליין איז די מאַמע געװען א פרוי אן ערך עטליכע און פופציג יאָהר. זי האָט מיט ר׳ אברהם װאָלדען חתונה געהאַט זעהר יונג, נאָר ניט געהאַט קיין קינדער ביז עט אויף דער עלטער פון עטליכע און דרייסיג יאָהר איז ביי זיי געבוירען געװאָרען א זוהן. װען דער זוהן איז אַלט געװאָרען 5 יאָהר זיינען זיי אָנגעקומען קיין אַמעריקאַ. באַלד האָט דער זוהן אָנגעהויבען רעדען די אַמעריקאַנישע שפּראַך, װעלכע האָט זיך אױעקגעשטעלט אזוי װי א װאַנד צװישען זיי און זייער זוהן. װייל דאָס איז שוין געװען ביי איהר די לעצטע פרעמדע שפּראַך, װעלכע זי האָט שוין ניט געװאָלט זיך אויסלערנען... איצט קען ער שוין, דער זוהן, ריידען אביסעל אידיש, אָבער זיינע שטיק, װאָס ער האָט דאָ ערגעץ אויפגעכאַפּט, קען זי ניט פאַרטראָגען. רופט א פערד מיט א נאָמען פון א מענשען. און אז דאָס נעהמט זיך קעמען און בערשטען זיין פערד, געהט איהם אװעק דער טאָג. עסען עסט

ער אליין ווי א פערד; ווינטער האקט ער האלץ אין די וועלדער, אדער אפשר איז ער ערגעץ א גזלן אין די וועלדער. ווער קען איהם וויסען?

אזוי טראכט די מאמע וועגען איהר זוהן דוד.

איבערלאזען איהם אליין אט דא, האט זי מורא, אז עס וועט איהר פארפאלען ווערען דער איין־און־איינציגער זוהן. ווידער זיין מיט איהם אט דא, קען זי ניט איבערמאכען זיינע וועגען, ווייל דער אלטער איז א שוואכער, האט מורא פאר דעם בחור. זי זאגט איהם, אברהם, האב ניט מורא. שריי אן אויף איהם, ווייז אז דו ביסט א טאטע. און ער האט מורא. טאמער וועט זיין זוהן נעהמען די האק צו איהם. אז דאס קען א טויטען פערד צוהאקען און איהם שטיקערווייז בע־גראבען. אז דאס האט א גבורה פון א פערד און א הארץ פון א וואלד גזלן...

נאר וואס קען א מאמע טהאן?

זי קען זיך אנברוגז'ן אויף איהר זוהן און זיין אין דער הייסער מינוט אזוי שטארק ביי זיך, אז זי וואלט קענען טהאן ווער ווייסט וואס.

געהט איהר אבער באלד איבער דער כעס, און ווען זי פארבעט איהם דאס בעטגעוואנט, קען זי שוין מעהר ניט זיך איינהאלטען. זי צוואויינט זיך און איז איהר זוהן מוחל.

וויל ער שוין אבער ניט ריידען מיט איהר.

טראכט זיך די מאמע: מיין קינד, איך בין דיין מאמע, קענסטו טהאן מיט מיר וואס דו ווילסט. אבער ווארט, וועסט ווערען א טא־טע, וועסטו שוין וויסען, וואס עס הייסט א מאמע צו איהר קינד.

אזוי טרייסט זיך די מאמע און ווארט און שווייגט ביז עס געהט אוועק א לאנגע צייט.

זי דערלאנגט דעם זוהן עסען, מאכט זיין בעט ווייך, פארמערע־זשעט איהם די זאקען, און איינמאל בעטראכט זי זיך, אז זי איז פארט א מאמע און ער איז דאס קינד, האט זי דאך מעהר שכל פון איהר קינד און פאלט ארויף אויף איהר קינד און הויבט איהם אן צו האלזען און בעט זיך מיט איהם איבער.

געהט אבער אוועק א טאג אדער צוויי, פארגעסט די מאמע שוין ווייטער וואס עס איז געוועזען ביז איצט, און דורך עפעס א קליינינ־קייט צושרייט זי זיך אויף איהר זוהן און דער זוהן איז דאך ניט

מעהר ווי אַ קינד, ווערט ער אַן אַנגעבלאָזענער און וויל ווייטער מיט איהר ניט ריידען.

און די לעצטע קריגע איז אַרויסגעקומען פון דעם, וואָס דוד האָט אַנגעהויבען מיטצונעהמען ראָזענבערגען אין די וועלדער, וואו ער האָט געהאַקט בוימער פאַר דער זעג־מיהל.

ראָזענבערג איז געקומען צוגעהן און זיך אויסדערצעהלט אָפען פאַר דוד וואַלדען, אַז עס איז איהם שלעכט, אַז זיין ווייב איז אַ שלעכטע און דערצו האָט ער שלעכטע קינדער און זעהר אַ שלעכטען פערד: מען קען מיט זיין פערד ניט טהאָן גאָרניט. נאָר דערלאַנג איהם עסען און לאָז איהם שטעהן אין שטאַהל...

דוד איז זעהר געריהרט געוואָרען, און נאָך דעם אויף ראָזענבערג׳ן אַ גוט וואָרט געזאָגט פאַר דעם באַלעבאָס פון דער זעג־מיהל און יענער האָט געהייסען, אַז ראָזענבערג זאָל קומען מיט זיין האַק צו דער אַר־בייט.

עס איז דערנאָכדעם אַוועק אַזוי: אָדער ראָזענבערג איז געקומען אין וואַלדענס וואַלד אַריין גאַנץ פריה און געהוקעט און געפייפט, אַז דוד זאָל אַרויסגעהן. אָדער, אויב ניט, איז שוין דוד אַרוים אין זיין וואַלד און אַז ער האָט ראָזענבערגען אויף דעם געוויסען אָרט ניט געפונען, האָט דוד אָנגעהויבען צו הוקען און צו פייפען, אַז ראָזענבערג זאָל אונטערקומען.

ראָזענבערג האָט דערצעהלט דוד׳ן, אַז ער וויל היינטיגען ווינטער ניט פאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט. כאָטש ער פעהדיענט דאָר־טען זעהר פיעל געלד, אָבער ער וויל ניט.

עס איז איהם שוין נמאס געוואָרען די שטאָדט און ער קען שוין דאָרטען ניט אָנקוקען די מענשען, און אויב עס איז יאָ דאָ אַזא זאַך ווי אַ זעג־מיהל, און אויב דוד וויל איהם ווייזען ווי מען האַקט אַרונ־טער בוימער, וויל ער בעסער פערדיענען דאָס אָרימע שטיקעל ברויט נאָהענט פון זיין ווייב און קינדער.

דאָ קען איהם איטליכער און ער האָט ביי איטליכען אַ נאָמען. ער איז טאַקע אַן אָרימאַן, אָבער ער צאָהלט זיין טאַקסע אַזוי ווי דער רייכער און אַז ער געהט פערביי אַ מענשען, זאָגט ער יענעם גוט מאָר־גען, ווייסט שוין יענער ווער עס האָט גוט מאָרגען געזאָגט און ענט־פערט גוט יאָהר.

דוד האָט ראָזענבערג׳ן געבראַכט אין די וועלדער, וואו די זעג־

מיהל איז געשטאַנען, האָט איהם איבערגעגעבען אין די הענט פון דעם באַלעבאָס, און דערנאָכדעם האָט איהם דער באַלעבאָס צוריק איבערגעגעבען אין די הענט פון דוד וואַלדען, אַז זיי זאָלעןביידע האַ־קען אינאיינעם, דאָס הייסט אַז ראָזענבערג זאָל העלפען דוד'ן.

האָט דוד אַראָבגעלאָזען אַ בוים און ראָזענבערג האָט דעם בוים בעדאַרפט באַרייניגען פון די צווייגען און דערנאָכדעם האָבען ביידע, אי דוד אי ראָזענבערג מיט אַ גרויסער זעג צושניטען דעם גראָבען דאָמב אין קורצע קלעצער.

אַזוי האָבען זיי געאַרבייט אַ פּאָר וואָכען.

ביז עס איז ראָזענבערג'ען נמאס געוואָרען.

זיי זיינען פאַר דער קורצער צייט געוואָרען זעהר נאָהענט. ראָ־זענבערג האָט דוד'ן אַלע זאַכען שוין אויסדערצעהלט, זאַכען וועלכע ער האָט געוואוסט, און וועלכע ער האָט נאָר געהערט, און וועלכע ער האָט אַליין אויסגעטראַכט.

ראָזענבערג האָט געזעהן, אַז דוד הערט אוים זיינע זאַכען און שווייגט.

האָט עס איהם פאַרדראָסען.

איינמאָל רופט ער זיך אָפּ:

— דוד, פאַר וואָס שווייגט איהר? איך דערצעהל אייך אַלע זאַכען וועגען מיר, מיין ווייב און קינדער און דער גאַנצער וועלט און איהר שווייגט.

— וואָס דען האָט איהר געוואָלט?

— פאַר וואָס דערצעהלט איהר ניט עפּעס וועגען אייך אַליין.

— וועגען מיר אַליין? — האָט דוד געשמייכעלט. — נעהמט אייערע זאַכען, וואָס איהר האָט שוין דערצעהלט וועגען אייך און אי־בערדערצעהלט זיי מיר נאָך אַ מאָל, וועט עס זיין דאָס, וואָס איך וויים פון מיר אַליין.

— הער?!

איז ראָזענבערג געוואָרען אָפּערדיג.

— אַזאַ מעשה פון דער געשיכטע?!

און ראָזענבערג האָט שוין פון דער מינוט אָן אָנגעהויבען צו געפינען אַזוינע קליינינקע חסרונות אין דוד'ס האַקען.

דאָס ערשטע האָט ער דערזעהן אַ שטשערב אין שאַרף פון דוד'ס האַק. דוד האָט זיך אויסגעלאַכט:

— מאָרגען וועט די האַק שוין צוריק זיין שאַרף.

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען איבערצודרעהען דאָס דריידעל:

— ווי וואָלט געווען, אז איך זאָל די בוימער ארונטערלאָזען און איהר זאָלט זיי אָפּרייניגען פון די צווייגען.

דוד האָט א טראַכט געטהאָן און געזאָגט:

— זאָל איך דער טייפעל צוכאַפּען אין א פינסטערער נאַכט. איהר ווילט אראָפּלאָזען בוימער, וועל איך רייניגען די צווייגען. מיך הארט ניט, אויב איהר וועט עמיצען ברייננגען אהער, אז ער זאָל ריי־ניגען די צווייגען. וועל איך זיצען און קוקען און נעהמען געלד דער־פאַר. פארטשאַנען?

ראָזענבערג איז געוועזען א לאַנגער און א מאָגערער, און אז ער האָט בעדאַרפט ארונטערלאָזען א בוים, האָט ער זיך אויסגעבויגען ווי א האַלבע רייף און מיט זיין האַק עפּעס אַזוי טעמפּ געקלאַפּט אין דעם בוים אריין, אז די האַק איז אַלע מאָל צוריק אָפּגעשפּרונגען און זיך אוועקגעגליטשט און אריינגעפלויגען אין דער ווייכער ערד.

ראָזענבערג האָט געביסען זיינע ליפּען און אז ער האָט שוין גע־מאַכט עטליכע קאַרבען אין דעם בוים, האָט ער זיך ערשט ארומגע־קוקט, אז ער האָט די קאַרבען געמאַכט אין א פאַלשער זייט, אז דער בוים קען נאָך פאַלען איבער זיין רוקען אין מיטען האַקען.

דעמאָלט, אז ראָזענבערג האָט זיך אויפגעהויבען און אויסגע־גלייכט זיין פּלייצע און א קוק געטהאָן צו דוד'ן, האָט ער דערביי גע־האַט עפּעס אַזאַ שמייכעלע און געקוקט גלייך מיט זיינע קליינע אוי־געלאַך אין דוד'ס אויגען. דוד האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען און זיך צולאַכט.

— העַ?!

איז ראָזענבערג געוואָרען נאָך מעהר אָפּעררדיגער.

— איהר לאַכט פון מיר?!

## III

# קריכענדיגע פלאַנצען

ראָזענבערג האָט מעהר ניט געוואָלט ארבייטען מיט זיין שכן דוד וואָלדען.

ער איז אוועק צו דעם באַלעבאָס פון דעם מוהל און פאַר איהם זיך געקלאָגט אז דער יונג וואַלדען מאַכט זיך איבער איהם לוסטיג און אז ער אַליין מוז ארבייטען שווער און וואַלדען זיצט זיך א גאַנצען טאָג אויף א קלאָץ און רויכערט. איז אויב ער, דער באַלעבאָס, וויל צאָהלען געלד אומזיסט אַרט איהם ניט. אָבער ער וויל ניט ארבייטען אינאיינעם מיט וואַלדענען.

דער באַלעבאָס האָט ניט געהאַט קיין צייט איהם איננאַנצען אויס־צוהערען, האָט ער געהייסען זיין געהילף, וואָס האָט געריטען אויף א פערד, אז ער זאָל זעהן וואָס מען קען טהאָן פאַר דעם אידען מיט די מאָדנע, נייע זאַכען.

דעם אנדערען טאָג האָט שוין ראָזענבערג געהאַקט צווישען יונגען, פרעמדע, הויכע מיט קליינע, גרויע אויגעלעך און מיט פלאַקסיגע לאַנגע צופלאָנטערטע האָאר. צווישען די יונגען איז אויך געווען זשאַק דער פּאַלאַק, ראָזענבערג׳ס שכן. ער האָט מיט זיינע חברים זיך שטיל איבערגעשמועסט, און די יונגען האָבען בעטראַכט ראָזענבערגען און זיך שטיל איבערגעשמייכעלט.

ראָזענבערג האָט זיך דערפיהלט אונהיימליך, האָט מורא געהאַט אויפצוהויבען זיינע אויגען, זיך געכאַפּט העלפען איטליכען יונג, דאָ האָט ער געהויבען די קלעצער און דאָרט אונטערגעשפּאַרט בוימער מיט זיין ברוסט.

די יונגען האָבען אַלץ זיך איבערגעקוקט און געשמייכעלט.

איינער האָט גענומען ראָזענבערג׳ס האַק און בעטראַכט.

— דו ביזט א איד?

— וואָס איז דען? — האָט ראָזענבערג זיך ווי דערשראָקען.

— אָט, אזוי, מיר ווילען וויסען וואָס דו ביסט, — האָט דער יונג איהם צוריקגעגעבען די האַק און געוואונקען צו זיינע קאַלעגען.

— ניין, ער מוז זיין א פראַנצויז, — האָט איינער איהם אריינ־געשפּינען.

— אויב שוין אזוי, קינדערלעך, האָב איך מורא אז ער איז אַן איטאַליענער...

— ניין, — האָט דער ערשטער זיך געהאַלטען אין דאָס זייניגע— ער איז א איד.

— יאָ, וואָס דען בין איך — האָט ראָזענבערג אזוי ווי זיך גע־

בעטען ביי עמיצען מען זאָל איהם שוין וואָס ניכער קוילענען — אויב ניט קיין איד?

עס איז ראָזענבערגען גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלען צו לייקע־נען אז ער איז א איד, נאָר עס האָט איהם דאָס ערשטע מאָל געטראָפען אז מען זאָל איהם אזוי צושפּארען צו א וואַנד און איהם שטעכען מיט אזוינע שפּיציגע, קליינע, גרויע אוינעלאַך.

ראָזענבערג האָט דערפיהלט אז מען מאַכט זיך איבער איהם לוס־טיג און עס האָט איהם וועה געטהאָן. ער האָט אָבער געוואוסט אז מען טאָר דאָס ניט ארויסווייזען, ווייל דעמאָלט וועט זיך אָנהויבען א לאַנגע מעשה מיט שטעכווערטלאַך. און מען וועט איהם נאָך אפשר א צונאָמען געבען.

פאַר דעם צונאָמען „לאַנגער נאַרנעל“, וואָס חברה אין „שאָפּ“ האָבען איהם אמאָל גערופען איז ער אוועק פון שטאָדט. און אויב מען וועט איהם דאָ אויך אזא צונאָמען געבען, וואוהין וועט ער דאַ־מאָלס זיך קענען קעהרען און ווענדען.

דערהפאַר, האָט עס איהם טאַקע וועה געטהאָן און ער האָט עס אין זיך פארבעהאַלטען, געשוויגען און זיך געכאַפּט צו אַלערליי אַר־בייטען, געוויזען אז ער איז פלייסיג און איבערגעטריבען זיין פלייסיג־קייט.

די דאָזיגע חברה מיט די שפּיציגע אוינעלאַך איז בעשטאַנען פון א „גענג“ פון זעקס יונגען. זייער ארבייט איז געוועזען: ארונ־טערצולאָזען גאָר די גראָבע בוימער וועלכע מען האָט מיט דער האַק אליין ניט געקענט איבערקעהרען. פלעגען זיי ארביימען זאַלבעצווייט מיט דער זעג.

דער וואַלד איז געוועזען אַן אַלטער און א פערלאָזענער. צווישען די גראָבע בוימער איז געוועזען אָנגעוואָרפען צווייגען און איבערגע־פוילטע בוימעלאַך.

און אין די איבערגעקעהרטע בוימעלאַך און אָנגעוואָרפענע צוויי־גען האָבען זיך געפּלאָנטערט לאַנגע, ווילדע און פערדרעהטע טרויבענ־קוסטען, און לאַנגע, שטעכיגע און גיפטיגע פלאַנצען, וועלכע זיינען געוועזען הארט ווי דינער, שטעכיגער דראָט.

די ווילדע טרויבען קוסטען און די שטעכיגע, גיפטיגע בראַיער פלאַנצען זיינען אזוי ווי צוויי קינדער פון איין מאַמען.. זיי קענען

ביידע וואַקסען און קריכען אויף טויזענדער מיילען, וואַרפען זיך איי־בער טייכען, בערג און טהאָלען.

זיי קריכען תמיד אינאיינעם, איינגעפלאָכטען איינע אין די אַנ־דערע. די ווילדע טרויבען האָבען אין זיך דעם כח און די שטאַרקייט פון אויסגעטריקענטע האָלץ און די שטעכיגע גיפטיגע בראַיער־פלאַנץ האָט אין זיך אַזעלכע קליינצינקע האָר מיט וועלכע זי קען זיך ארומ־כאַפּען ארום אַ שטיין, בוים און ערד. קריכען זיי דערפארביידע צוזאַמען.

די שטעכיגע פלאַנץ איז ארומגעוויקעלט ארום דעם טריבענ־קוסט. און אַז מען קריכט אַזוי און מען בעגעגענט אַ בוים אין מיט וועג, איז דאָס ערשטע כאַפּט זיך אָן אין בוים דער שטעכיגער קוסט. שטעכט אריין זיינע האָר אין בוים אריין, און הויבט זיך אָן צו בע־זעצען אויף דעם בוים. דער טרויבענקוסט איז דאָך אַנגעבונדען אָן זיין חבר, הויבט ער אויך אָן צו קריכען וואָס העכער אויף דעם בוים ארויף.

קריכט מען אַזוי און מען קריכט ביז מען קומט צו דעם שפּיץ בוים.

בייטאָג האָבען זיי זונענשיין און אין אבענד טרינקען זיי טוי.

זיי צוואוואַקסען זיך און נעהמען ארום אַלע צווייגען פון דעם בוים, צושפּרייטען זיך אין דער ברייט און דער הויך פון בוים.

דער שטעכיגער, גיפטיגער פלאַנץ ציהט פון די אָדערען פון בוים זיינע זאַפטען און דער טרויבענקונסט טרינקט זיי און ווערט גרעבער און לענגער.

אָט אַזוי פערפלאָנטערען זיי זיך און לעבען אַ גוטען טאָג ביז עס קומט די האַק און מאַכט אַן עק צו זייערע יאָהרען.

ראָזענבערג האָט זיך אָוועקגעלאָזען און אָנגעהויבען אַ ביטערען און משוגענעם קאַמפף מיט די דאָזיגע קריכענדיגע קינדער פון דעם ווילדען וואַלד.

ראָזענבערג האָט מיט זיינע הוילע הענט געריסען די פערפּלאָנ־טערטע, ווילדע קוסטען און זיך צושטאָכען ביז בלוט. און די יונגען האָבען פון איהם געלאַכט.

צווישען די יונגען איז אויך געווען ראָזענבערג׳ס נאָהענטער שכן פון איבער דעם וועג, דער יונגער פּאָלאַק זשאַק, וואָס מען האָט אויף איהם דערצעהלט אַז ער האָט זיין טאַטען דער׳הרג׳עט און איהם ערגעץ

בעגראָבען אין אַ וואַלד און נאָכדעם געלעבט מיט זיין מוטער ווי מאַן און ווייב. און זי איז איהם נמאס געוואָרען, האָט ער זי פּערטריבען ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָדט און וואוינט איצט איינער אַליין אין דעם הויז ניט ווייט פון ראָזענבערגען.

דער האָזיגער פּאָלאַק איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו ראָזענבערג'ן, מיט איהם גערעדט אין אַ קרומען אידיש און דערביי אויסגעזונגען און נאָכגעקרימט די אידישע ווערטער.

ער האָט ראָזענבערגן געלערנט ווי אַזוי מען בעדאַרף זיך ניט אָנשטרענגען, נאָר מיט קאָפּ, פריהער געוואָהר ווערען פון וואַנען עס הויבט זיך אָן ציהען דער טרויבענקוסט און דאָרט מיט דער האַק איהם אונטערהאַקען און נאָכדעם איהם אַ נעהם טהאָן אָט אַזוי און שלעפּען אַזוי לאַנג ביז מען שלעפּט איהם אַראָפּ פון פון אַלע צווייגען אויף דער ערד.

ראָזענבערג'ן האָט עס נעקריינקט וואָס דער פּאָלאַק רעדט אידיש אַזוי ווי ער וואָלט איהם אַליין נאָכגעקרימט, אָבער ער האָט געשוויגען און זיך אַליין געביסען זיין אייגענעם צונג. איינינע מאָל איז ער געוועזן אַזוי פּערביטערט און נערוועז אַז ער האָט פּערשאָלטען דעם טאָג וואָס ער איז געבאָרען געוואָרען אַזאַ שוואַכער. זיינע הויכע אין דאַרע ביינער האָבען זיך געבראָכען און געבויגען.

די יונגען זיינען שוין געשטאַנען אין אַ רעדעל און גערדעהט סיגאַרעטען און נערויכערט און עפּעס הויך און גראָב געלאַכט צושיטענ־דיג זייער געלעכטער איבער דעם וואַלד, ווי מען שיט אוים גרויסע שווערע ניס אין אַ ליידיגער קופּערנער שיסעל.

דערווייל האָט זיך ראָזענבערג אַזוי פּערפּלאָנטערט אין די קוסטען און ארומגעבונדען זיינע הענט און פיס אַז ער האָט שוין ניט געקענט ארוים.

ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט אַ מעסערעל אין זיין קעשענע. מיט דעם מעסערעל האָט ער איבערגעשניטען אַלע קוסטען און אַז ער איז ארוים האָבען די יונגען מיט די פּלאַקסענע לאַנגע האָר און גרויע קליינע אויגעלאַך זיך געשושקעט און געשטיקט זיך מיט אַ קוויטשידיגען געלעכטער.

דער בוים, וועלכען די „גענג" האָט געדאַרפט ארונטערלאָזען, איז געווען אַ הויכער און אַ גראָבער. זיין שטאַם אַ גלייכער נאָר די צווייגען האָבען זיך הויך צולאָזען, ווי ארום אַ פּאַראַסאָל שטעקען,

גראָבע צווייגען וועלכע מען האָט בעדאַרפט פריהער ארויפקריכען און אָפּהאַקען איידער מען לאָזט ארונטער דעם בוים, כדי דער דעמב זאָל זיך קענען גוט אוועקלייגען.

ראָזענבערג האָט זעהר געוואָלט ארויפקריכען און די צווייגען ארונטערהאַקען. און אַז די יונגען האָבען פּערוואָרפען דעם שטריק איבער אַ צווייג פון בוים איז ראָזענבערג אונטערגעשפּרונגען און האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד ווען מען זעצט איהם ארויף אויף אַ פערד. מען האָט איהם ארומגעבונדען מיט דעם שטריק ארום דער ברוסט און אונטער די אָרעמס, זיך איהם געהייסען אָנצונעהמען מיט ביידע הענט אַן שטריק און מען האָט איהם ארויפגעצויגען ביז צו דעם צווייג אין דער הויך.

ראָזענבערגען האָט שוין אָנגעהויבען באַנג צו טהאָן אויף דער גאַנצער מעשה, אָבער ער האָט זיך געשעמט צו בעטען ביי דער „גענג“ אַז מען זאָל איהם צוריק ארונטערלאָזען. ער האָט זיך גערדרעהט אויף דעם שטריק ארום און ארום און עס האָט איהם אָנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען, און עס האָט זיין ברוסט צוגעדריקט.

נאָר אַז ער האָט דערזעהען אַז מען האָט איהם ארויף געצויגען אַזוי נאָהענט נעבען דעם צווייג, איז ער אביסעל געקומען צו זיך. אָט באַלד און ער וועט זיצען רייטענדיג אויף דעם צווייג און זיך קע-נען מיט איין האַנד אָנהאַלטען אויף אַן אַנדער צווייג. און חוץ דעם האָט ער זיך דערפיהלט ווי אויף אַן אַנדער וועלט — צווייגען און צווייגעלעך.

נאָר פּלוצלונג האָבען די יונגען אויפגעהערט צו ציהען דעם שטריק. ראָזענבערג קוקט ארונטער און זעהט ווי זיי האָבען דעם שטריק צו-געבונדען ארום דעם בוים.

די יונגען זיינען זיך באַלד פונאַנדערגעגאַנגען און זיך ארומגע-שטעלט אין אַ רעדעל און אָנגעהויבען צו שרייען צו ראָזענבערגען אַז דער בוים פאַלט.

ראָזענבערג האָט זיך פון אָנהויב דערשראָקען און זיך גענומען וואַרפען מיט זיינע פיס און אָפּלאָזען זיינע הענט.

דער שטריק האָט איהם אָנגעהויבען צונויפציהען זיין ברוסט און שניידען אונטער זיינע אָרעמס.

ער האָט זיך גענומען וואַרפען און געוואָלט אָנכאַפּען מיט זיינע

הענט דעם צווייג איבער זיין קאָפּ, זיינען זיינע הענט געוועזען קורץ און ער האָט ניט געקענט דערלאַנגען דעם צווייג.

ער האָט געוואוסט אַז דער בוים וועט ניט פאַלען, ווייל מען האָט איהם נאָך ניט אונטערגעהאַקט. איז ער אַזוי געהאַנגען אַ ווײלע און געשוויגען. געטראַכט אַז די יונגען וועלען זעהן אַז ער שווייגט וועלען זיי זעהן אַז זיי האָבען צו טהאָן מיט אַ יונג וואָס האָט ניט מורא און עס וועט זיי דערעסען.

ער וואַרט און וואַרט און זיין ברוסט ווערט איבערגעשניטען פון דעם פערצוויגענעם שטריק, און אַז ער קוקט אַרונטער בעמערקט ער ווי איינער פון די יונגען געהמט זיך שוין אונטערהאַקען דעם בוים.

הויבט ראָזענבערג אָן צו שרייען צו די יונגען אַז מען זאָל איהם אַראָפּלאָזען. גענוג שוין פאַר זיי צו מאַכען שפּאַס.

און זיי שטעהען און שיטען דאָס געלעכטער ווי מען וואָלט שיטען שווערע נים אין אַ קופּערנע שיסעל.

און די האַק בייסט שוין פון דעם בוים שטיקער האָלץ און צושיסט זיי אין אַלע זייטען. און עס צוטראָגט זיך דאָס ווידערקול ערגעץ ווייט אין וואַלד אַריין און ווי עמיצער וואָלט דאָרט ווייט אין וואַלד ענטפערען דעם טיעפען קלאַנג פון דער האַק.

עס איז פאַר ראָזענבערגען געוועזען צוויי וועגען: אָדער איבערצו־שניידען דעם שטריק מיט זיין קעשענע מעסעריל און אַרונטערפאַלען און זיך אפשר צוברעכען רוק און לענד, אָדער אָנהויבען צו שרייען אַז מען זאָל זיך צונויפלויפען פון אַלע עקען פון וואַלד.

נו, האָט ראָזענבערג טאַקע אָנגעהויבען צו שרייען.

מען איז זיך אָנגעלאָפען און מען האָט איהם אַרונטערגעלאָזען. ראָזענבערג האָט געכאַפּט זיין האַק און אוועק אַהיים אַ בלייכער, און ווי אַ משוגענער.

# IV

## צוריק אין שטאָדט

אַז ראָזענבערג איז אַהיים געקומען אין מיטען טאָג אַזאַ בלייכער, האָט זיין ווייב איהם ניט געפרעגט גאָר ניט, פערקעהרט זי האָט נאָר גערעדט צו איהם פון גאָר אַנדערע און זייטיגע זאַכען, פון וועלכע

זי וואָלט איהר מאַן אַן אַנדערש מאָל גאָר ניט דערצעהלט, זיך געמאַכט מוטה און געזעהן אַז מען זאָל לאַכען און ראָזענבערג זאָל אויך ווערען דערפון אַנגעשטעקט.

ראָזענבערג האָט געטריבען פון זיך דעם הונד, בריקענדיג איהם מיט זיין שטיוועל. דעם אַנדערן האַלב פון טאָג געשלאָפען אין בעט אַן אָנגעטהאָנענער.

צו אבענד צו איז ער אויפגעשטאַנען, פעררויכערט זיין פייפ און איז ארוים אין שטאַהל, געוועזען זעהר שטרענג מיט זיינע בהמות און מיט דעם שלעכטען פערד זיינעם זיך אָפגערעכענט.

דער פערד האָט איהם ניט געוואָלט אריינלאָזען צו זיך אין שטאַהל אריין און אַלץ געוואָרפען מיט די הינטערשטע פיס. האָט ראָזענבערג גענומען דעם שטאַהל גאָפעל און איהם צובראָכען איבער די דאַרע ביינער פון זיין נאַראָווויסטען פערד.

און דער פערד האָט זיך אוועקגעשטעלט איבער דער ברייט פון זיין קעמערעל און ראָזענבערגען ניט געוואָלט צולאָזען.

ראָזענבערג האָט איהם ניט געגעבען קיין עסען. סיי ווי איז דאָ ווינציג היי און שטרוי, און אוועקגעבען דאָס לעצטע אַן אומזיסטיגען פרעסער, און נאָך דערצו אַזאַ שלעכטען פערד, האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט איהם פריהער מיט עטליכע מינוט געוואָלט געבען עסען און נאָר קיין שלעכטס ניט געמיינט. אָבער אַז דאָס פערד איז שוין אַזוי שלעכט אַז עס וויל איהם נאָר ניט צולאָזען צו זיך.

אַקערען וויל ער זיך ניט אויסלערנען. קריכט אין מיטען דערינען ארוים פון דער ליניע. הויבסט אָן שרייען צו איהם, קעהרט ער זיך אום און הויבט אָן צוריק צו געהן און שפאַנט ארוים מיט זיינע פיס פון די קייטען און קריכט ארויף אויף דעם שפיץ פון אַקער און צובלוטיגט זיך די פיס, און דרעהט זיך אוים מיט זיין קאָפּ צו דיר.

און פאָהרסטו מיט איהם אין שטעדטעל אריין, איז דעם ליידיגען וואָגען איהם שווער צו שלעפען. אַמאָל שפאַרט זיך איין אין מיטען פון אַ גאַס, בלייבט שטעהן און וויל ניט געהן ווייטער. מען שטעלט זיך ארום פון אַלע זייטען און מען קוקט אויף דעם בייז וואונדער, און דיר רינט דאָס בלוט פון די אויגען. נעת פאָהר מיט אַזאַ פערד אין שטעדטיל אריין.

לייגט מען ארויף אַ צוויי־דריי זעקלעך מיט קאַרטאָפליעס און מען פאָהרט ארוים מיט איהם אין שטעדטעל אריין די קאַרטאָפליעס

צו פערקויפען, נאָרט ער דיך אַרויס פון דער היים, און אַז עס קומט אין מיטען וועג לייגט ער זיך פּלוצים אַוועק אין די שאָפּטען, בּרעכט זיי איין און דערנאָכדעם מוזטו שטעהן אַזוי איבער איהם און פון איהם שניידען שטיקער מיט דער בייטש, און ער וועט זיך ניט אויפהויבען סיידען מענשען הויבען איהם ניט אויף.

ראָזענבערג בעט ניט איינמאָל דעם טויט, אָדער אויף זיין שלעכטען פערד אָדער אויף זיך אַליין.

ווייל עס איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען דאָס דער פערד וויל עפּעס אַזוינס, וואָס ראָזענבערג קען איהם ניט געבען.

ראָזענבערג קען ניט אָפּלאָזען דאָס פערד אַ פרייען, ווייל ווינטער איז נישטאָ וואָס צו עסען אויף די פעלדער, און זומער קען ער איהם ניט אָפּלאָזען אַ פרייען ווייל ער וועט אויפעסען און צוטרעטען דעם גאָרטען און די ברויטען און גראָזען.

די אייגענע פעלדער זיינען קליין פאַר אַ פערד, וועט ער נאָך געהן אין פרעמדען שאָדען.

ווידער דאָס פערד צו האַלטען אין שטאַהל און איהם לאָזען שיין אַזוי אָפּרוהען זיינע יאָהרען? איז ערשטענס פאַר וואָס פאַר אַ גוטע זאַכען קומט דאָס איהם? ער איז דאָ ניט אויסגעוואַקסען ביי ראָזענבערגען, האָט גאָר ווינציג געאַרבייט, ווייל ראָזענבערג האָט איהם ערשט מיט אַ יאָהר צוריק געקויפט; און צווייטענס איז ראָזענבערג אַ איד אַן אָרעמאַן, האָט קינדערלאַך און איז אַליין אַזוי אויסגעהאָרעוועט, און מען שניידט זיך די פינגער ביים אָפּשניידען אַ שטיקעל ברויט פאַר דעם אייגענעם קינד, ווער זשע קען אויספיהרען אַוועקשטעלען אַ פערד אין שטאַהל און איהם אומזיסט געבען עסען?...

דאָס אַלעס האָט ראָזענבערג געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט און ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען און געהערט דאָס קלאַפּען פון זיין פערד אין די ברעטער פון שטאַהל.

עטליכע מאָל האָט ער געוואָלט אַרונטערגעהן אין מיטען נאַכט און געבען דעם שלעכטען פערד זיינעם עפּעס עסען, אָבער דאָס געפיהל אַז דאָס וועט דעם דאָזיגען פערד זיין צוגוטען, ער וועט זיך אויסלערנען צו זיין אַ בעסערר פערד ווען ער וועט זעהן אַז מען גיט איהם ניט קיין עסען, און אויך זיין אייגענער בעליידיגטער געמיט פון דעם וואָס עס מיט איהם היינט געטראָפען אין וואַלד היינגענדיג

אויף דעם שטריק, די אַלע זאַכען האָבען איהם אַלע מאָל אריינגע־וואָרפען אין אַ לייכטען ציטערענדען דראַזש און ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און ווייטער געלעגען אין זיין בעט, ניט קענענדיג איינשלאָפען.

אין הויז זיינען שוין אַלע געשלאָפען.

עס איז געווען אַ שטילער אָווענד אין הויז. דאָס ווייב זיינס האָט זיך געהיט און עפּעס מאָדנע זיך אָפּגעטהאָן די הויז ארבייט, און די קינדערלאַך האָבען זיך געריסען אין בעט אריין, זיינען איינ־געשלאָפען זיצענדיג ארום טיש.

די „צוויי מוידען", אזוי ווי די מוטער האָט זיי גערופען, האָבען געכאַפּט די הויז ארבייט איינס פון דער אַנדערער און זיך צולאָזען די האָר זייערע און אַוועק שלאָפען, קוקענדיג אויף זייער פאָטער פון דער זייט און מורא געהאַט זיך צו בעגעגענען מיט זייער פאָטערס בליק.

ראָזענבערג האָט עס ערשט איצט, ליגענדיג אויף זיין בעט, גוט איבערגעטראַכט און עס האָט זיך איהם געוואָלט אויפשטעהן אין מיטען נאַכט, זיך אָנטהאָן און אַוועק ערגעץ און מעהר ניט צוריק קומען, און ניט לאָזען וויסען וואוהין זיין געביין איז אהינגעקומען.

ער האָט אָבער ניט געהאַט דאָס האַרץ איבערצולאָזען זיין ווייב מיט די קליינע קינדערלאַך, זיי זיינען דאָך ניט שולדיג גאַר ניט.

ער האָט אָבער ביי זיך אָפּגעמאַכט אז ער פאָהרט אין דער גרוי־סער שטאָדט אריין שוין דאָס לעצטע מאָל, וועט זעהן צו מאַכען געלד און נאָכדעם אהיים קומען און אָנהויבען פיהרען זאַכען פון דאָס ניי.

די צוויי מוידען בעדאַרף מען אַוועקטרייבען פון דעם הויז.

עס וועט פון זיי שוין דאָ ניט זיין קיין לייט.

וויל ער זיי מיטנעהמען אין דער גרויסער שטאָדט לאָזט די מאַמע ניט מיטנעהמען, האָט מורא אז עס זאָל פון זייערע הענטלעך, גאָט בעהיט, קיין פינגער ניט ארויסאַפּלען.

נו אז די מאַמע לאָזט זיי ניט אַוועק און האַלט זיי אונטער איהר פאַרטוך, וועט שוין פון זיי ווערען אַ לייט.

ראָזענבערג האָט דאָס אַלעס כמעט גערעדט צו זיך אליין ליגענדיג אויף זיין בעט און ניט קענענדיג איינשלאָפען, און אַלע מאָל איז איהם ארויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק ווי אזוי ער איז געהאַנגען אויף דעם שטריק און ער האָט אַוועקגעכאַפּט זיינע געדאַנקען פון זיך אליין און זיך גענויט צו טראַכטען פון עפּעס אַנדערע זאַכען.

אזוי האָט ער אָנגעהויבען צו טראַכטען פון דוד וואַלדען.

איצט איז דוד וואַלדען ווייט פון איהם ווי דער הימעל איז ווייט פון דער ערד.

אַבער עס קען דאָך זיין אז ער וועט אוועקפאָהרען אין שטאָדט, זיך אָפזאַמען איבער דעם ווינטער און נאָכדעם קומען צוריק און ווייטער ווערען מיט איהם נאָהענט.

זעהר אַ שווערער בחור צו ווערען מיט איהם נאָהענט.

ער האָט איהם שוין געהאַט פערכאַפּט, דעם דאָזיגען פיש, אַבער ער האָט זיך געטהאָן אַ וואָרף און זיך צוריק ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט.

נו, זאָל שוין זיין אזוי. ער פאָהרט אין שטאָדט אריין. עס איז איהם שווער זיך אומצוקעהרען צו דעם שאָפּ.

עס הויבט זיך אָן מיט זיי אַ וואַרפען אויגען, פרעגען זיי זייערע נארישע פראגען.

דער גרויסער שאָפּ מיט די גרויסע פענסטער, פון וואַנען מען פערגעסט זיך אַלע מאָל אפילו ארויסצוקוקען אויף דרויסען. דאָס זיצען אַ גאַנצען טאָג אויף איין אָרט, און דאָס יאָגען מיט די הענט, און דאָס בויגען פון קאָפּ טאָ אהין, טאָ אהער. און נאָכדעם הויבט מען זיך אויף אין אָבענד, זיינען די פיס ווי צוויי קלעצער און מען קען מיט זיי ניט ריהרען.

דאָס איז אַלץ זאַכען, וואָס ראָזענבערג ווייס שוין זעהר גוט, און ער טהוט אַ ציטער פון אַ קעלט, וואָס לויפט דערפון איבער אין זיינע ביינער.

אַבער וואָס קען ער טהאָן?

אין וואַלד אריין קען ער מעהר ניט געהן.

עס מוז דאָך זיין אין ראָזענבערגען עפּעס, וואָס וואו ער קומט דערשמעקט מען עס באַלד און מען הויבט זיך אָן מיט איהם.

וואָס, ווייסט ער אליין ניט!

אַבער וואו ער קומט און וואו ער באַגעגענט זיך נאָר מיט נייע מענשען אָדער אין אַ גאַנצען קרייז פון נייע מענשען, איז ער תמיד דער ערשטער צו וועמען מען קלייפּט זיך אָן.

איהם מאַכט מען פאַר דעם נאַר.

אויב איינער וויל ווייזען, אז ער האָט עפּעס אַ קונציגען שטיקעל אָפּצוטהאָן, פּרובט ער עס אויף איהם.

און אנדערער טראַכט אויף איהם אוים אַזוינע זאַכען, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל ניט געטהאָן.

און אויב איינער וויל זיך שארפען דאָס צינגעל מיט שטעך ווערט־לאַך פאַלט עס אוים צו ראָזענבערג׳ס קאָפּ.

וואָס וויל מען פון זיין אָרעמען פאַרדרעהטען קאָפּ?

האָבען זיי גרינגערע, לויטערע קעפּ, בעדאַרפען זיי דאָך קענען לייכט זעהען, אַז זיי שטופּען צו צו דער וואַנד אַ מענשען, וואָס איז שוין פון לאַנג אָן צוגעשטויסען און צוגעקלאַפּט צו דער וואַנד?

און אויב זיי איז דער קאָפּ אַזוי פּערדרעהט ווי ביי איהם, ווייסט ער ניט און ער קען ניט פּאַרשטעהן, ווי זיי קענען עס אין זינען האָבען נאָך יענעם צו פאַרדרעהען אַ קאָפּ?...

# V

## גאָט זאָל העלפען!

אויף מאָרגען איז מען אין ראָזענבערג׳ס הויז אויפגעשטאַנען אויף אַזאַ שטייגער:

מר. ראָזענבערג איז אַרונטער פון בעט, זיך אָנגעטהאָן און אַרוים אין דרויסען, אַריינגעבראַכט אַ הויפען אָנגעהאַקטע האָלץ, זיי אַ וואָרף געטהאָן נעבען אויוועו. די מיסעס ראָזענבערג איז אַרויסגעקומען פון שלאָף צימער מיט קליינע פערקלעפּטע אויגעלעך, אָנגעטהאָן אין אַ צוקנייטשטען, גראָבען קליידעל און האָט געריבען איין האַנד אין דער צווייטער, בלאָזענדיג אויף זיי פון מויל אַרוים אַ וואַרימען אָטעם.

— קאַלט, אברהם משה!

— וועק אויף די מוידען, — האָט אברהם משה, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביים אויוועו, אַ דרעה געטהאָן צו איהר זיין אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, זיך בייזערענדיג, — וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאָפען אַזוי שפּעט. זיי וועלען פּעט ווערען ווי חזרים, דיינע מוידען.

מרס. ראָזענבערג האָט געעפענט די טירלאַך, וואָס האָבען געפיהרט צום דאַך־שטוב און האָט אַ געשריי געטהאָן:

— חאַשקע, חאַשקעלע!

— איך קום, מאַמע, איך קום!

— וועק דאָרטען אסתר'ן, זאָל זי אויך אויפשטעהן!

מרס. ראָזענבערג האָט די טיר געלאָזען אָפען און איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב און זיך גענומען רייבען די אויגען:

— די ממזרים מיך ניט געלאָזען שלאָפען... איך וואָלט געוועזען אוועקגעגעבען יענעם דיין גאַנצען פּאַרם, ווען מען לאָזט מיך כאָטש א שלאָף טהאָן אָט אזוי געשמאַק, האַ־האַ־האַ־האָח! — האָט זי אויס־געטשרעקט איהרע הענט צום באַלקען, און א לאַנגגען צוציגענעם גע־נעץ, און נאָכדעם זיך א טרייסעל געטהאָן.

זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, עפּעס אזוינס, וואָס זאָל הייסען: אָט אזוי, אברהם משה, האָסטו איינגעאָרדענט די נעסט פאַר דער מו־טער, וואָס ווארעמט דיר אוים קינדערלאַך. נאָר עס האָט זיך דער־הערט פון דאַך־טשוב א קריעגעריי צווישען האַשקען מיט דער גרויסער מויד, אסתר:

— ווען איך בין געוועזען אין דיינע יאָהרען, האָב איך אליין גע־טהאָן אלעם און קיינעם ניט געוועקט פון שלאָף.

— איך וועק דיך, דו גרויסער סלופּ? די מאַמע האָט מיר גע־הייסען, וועק איך דיך. פון מיינט וועגען מעגסטו שלאָפען ביז מאָרגען.

— רופסט מיך שוין צו־נעמען, איך געה אַרונטער, רייס איך ביי דיר דיינע פלעכטלאַך אַרוים פון קאָפּ!

מרס. ראָזענבערג איז צוגעלאָפען צום אָפענעם טיר און אָנגע־שריגען:

— שוין, שוין! אָט געה איך אַרויף, מאַך איך פון אייך ביידען א באַרג מיט אַש!

עס איז שטיל געוואָרען. עס האָבען זיך באַלד דערהערט שווע־רע טריט איבער'ן באַלקען. מר. ראָזענבערג האָט שוין געהאַט אונ־טערגעצונדען די האָלץ אין אויוון און ער האָט זיך אויפגעהויבען, זיך אויסגעגלייכט און א ברום געטהאָן:

— עס געהט, ווי נאָר די הויז איינצוואַרפען.

נאָכדעם האָט ער פערויכערט זיין „פּייפ“, אָנגעטהאָן זיין קורצען פוטער'ל און איז אוועק אין שטאַהל, זאָגענדיג שטילערהייד ביי דער אָפענער דרויסען־טיר:

— שיק זיי אַרוים, דיינע מוידען, א העלף טהאָן.

ראָזענבערג איז אריין אין שטאַהל. עס האָט איהם א זעץ גע־טהאָן אין נאָז א זויערער געשטאַנק פון שטאַהל. ער האָט אָפּגע־

אטעמט שווער און איז ארויף מיט'ן לייטער אויפ'ן בוידעם און ארונ־טערגעווארפען פון אלע דריי מינים, וועלכע ער האט זעהר ווינציג גע־האט אויפ'ן ווינטער: היי, קוקורוזע און קארענשטרוי.

א קוק טהוענדיג צו דעם גרויסען בוידעם, וועלכער איז אין דער פארם פון א פיערעקעדיגען קאסטען, און צו די דריי קליינע קופקעס היי, שטרוי און קוקורוז, האט זיך ביי איהם אפגעריסען א זיפץ פון הארצען און ער האט א טראכט געטהאן: נאך אזא גרויסער ווינטער געהט ערשט און אזוי ווינציג עסען פאר די בהמות.

און ווען ער איז ארונטער פון בוידעם און גענומען איינטהיילען: דער קוה וואס מעלקט זיך א בינטעל היי, און דער קוה וואס דארף זיך ערשט קעלבען א בינטעל קוקורוז. און ווען ער האט געטראגען די בינטלאך האבען די בהמות געשטרעקט זייערע קעפ פון זייערע לאנ־גע העלזער, איז איהם פלוצים פארגעקומען דער שאפ אין ניו יארק, ווי די ארבייטער שטרעקען זייערע קעפ, ווען מען טראגט דאס בינטעל ארבייט. יעדער וויל עס בעקומען, האט ער געטראכט. — „דער מענש איז ניט גרעסער פון דער בהמה" — און האט עפעס אזוי פיעל רחמנות געקראגען אויף דער גאנצער וועלט, אויף די בהמות און אויף די מענ־שען, וואס ארבייטען דארטען אין שטאדט אין „שאפ", און אויף זיך אליין האט ער אויך בעקומען רחמנות. און אז ער האט אלע בהמות איינגעטהיילט זייערע בינטלאך, האט ער זיך אוועקגעשטעלט קעגען זיי און בעטראכט ווי זיי עסען פון זייערע בינטלאך מיט אזא מין אפעטיט און מיט אויסגעשטרעקטע אויגען, און מיט זייערע לאנגע פערדרעהטע הערנער שלאגען זיך אפ איינע די אנדערע, אויב א שכנה בהמה וויל כאפען א בים פון אן אנדערערס בינטעל. און ער האט געדרויכערט זיין „פייפ" און געטראכט, אז גאט זאל איהם העלפען ער זאל איצט פאהרען קיין ניו יארק דעם לעצטען מאל. און אז גאט זאל איהם העלפען, ער זאל אנהויבען צו לעבען א נייעם לעבען, אבער ניט אין שטאדט, נאר טאקע אויף זיין ערד! גאט זאל העלפען!

# VI

## די פרינצעסין

אסתר איז ארונטער פון בעט באלד נאך דער קלענערער שוועס־טער חאשקע. די לעצטע האט גענומען דעם ווייסען עמער, וואס איז

געהאנגעןביים אויוון אויף דער וואנט, זיך איינגעהילט אין א שאל און איז ארויס אין שטאהל. אסתר האט ניט געקענט אויפהויבען איהרע אויגען, זי האט אבער געפיהלט ווי איהר מוטער לעבערט זי דורך מיט איהרע אויגען. דערפאר האט זי אויף גיך אפגעזוכט עפעס א טראנטע, זיך אנגעהילט און אויך ארויס אין שטאהל. דארטען איז זי געשטאנען א ווייליע און ניט געוואוסט וואס צו טהאן, ביז מר. ראזענבערג האט זיך אויף איהר א בייזער געטהאן:

— קלאץ, נעהם דעם פערד און פיהר איהם ארויס צום ברונעם און גיב איהם א טרונק!

די קליינע חאשקע איז שוין געזעסען אויף א קליינעם ביינקעלע הינטער דער קוה, וועלכע האט זיך געמאלקען, מיט דעם ווייסען, בלעכענעם עמער צווישען איהרע פיס אריינגעדריקט און איינגעצענדיג איהרע הענט מיט דער צונג האט זי א נעהם געטהאן דער קוה'ס אייטער און אנגעהויבען צו ציהען.

עס האט גענומען שפריצען צוויי דינינקע, ווי ווייסע פעדעמלאך, שטראמען מילך און עס האט אפגעקלונגען אין דנא פון עמער, ווי מען וואלט מיט דינינקע שטעקעלאך דארטען געקלאפט איינס נאך אן אנדער. פון אנפאנג איז עס צוגעגאנגען זעהר פאמעלינקע, נאר עס האט זיך באלד פארגיכערט.

חאשקע איז געזעסען און געטראכט, פונקט ווי זי וואלט איצט א זאק פון א קנויל מיט וואהל אויסגעשטריקט, אזוי איז זי געזעסען הינטער דער קוה, געדרעהט מיט די פינגערלאך און געטראכט:

„אז דער טאטע זאל מיטנעהמען די גרויסע מויד אין שטאדט אריין און אז ער וועט א היים קומען, וועט ער זי שוין ניט מיטברייגען. וועט מען דעם טאטען פרעגען וואו איז אסתר, וועט דער טאטע שמייכלען און א מאך טהאן מיטביידע הענט איבער'ן קאפ: אסתר איז שוין א כלה געווארען און דער חתן לאזט זי ניט אפ פון זיך..."

דערווייל האט די גרויסע מויד דיק'ן אריינגעבראכט אין שטאהל אריין. דיק האט געבויגען זיין קאפ צוריק צום אפענעם טיר און מיט זיין בלאס ראזעווען צונג געלעקט זיינע ליפען. ראזענבערג איז צוגעלאפען, א כאפ געכאפט דעם פערד'ס „האלטער" פון אסתר'ס הענט און זיך צובייזערט:

— אנגעטרונקען דעם פערד?!

— טאטע, אַנגעטרונקען. צוויי עמער מיט וואסער איהם גע־
געבען...

— דו זאָלסט אזוי לעבען! — האָט ראָזענבערג א שפּיי געטהאָן און געקוקט אסתר'ן גלייך אין די אויגען אריין. יענע האָט ניט גע־קענט אויסהאַלטען איהר טאטענ'ס שארפען קוק און איז ווי בעגאָסען געוואָרען איבער איהר גאנצען פּנים און אויערען מיט א רויטליכער פארב און האָט ארונטער געלאָזען איהרע אויגען:

— איך זאָל אזוי לעבען, ווי דיק האָט געטרונקען; איך זאָל אזוי לעבען...

— שווייג, א ניט נעהם איך א גאָפּעל און שטעך דיר דיינע אויגען אויס!

חאשקע האָט געשאַלטען איהר שוועסטער אין דער שטיל. זי האָט ניט געקענט פארשטעהן, ווי א מויד קען דאָס זיין אזא שלעכטע שטיק פלייש. ארויספיהרען א בהמה, זיך זאמען אביסעלע, אז דו זאָלסט מיינען זיניט איהם דאַרט טרינקען, און די שטומע בהמה צו־ ריק אין שטאַהל אריינברייננען ניט געטרונקענערהייט, — און וועט מען שוין אזא שטיק פלייש מיטנעהמען אין שטאָדט אריין?

ראָזענבערג איז ארוים פון שטאַהל מיט'ן פערד, צוגעגאַנגען צום ברונען, א נעהם געטהאָן דעם עמער, איהם בעטראַכט. דער עמער איז געוועזען טרוקען. האָט ער מיט איהם א וואַרף געטהאָן צו דער ערד. ער איז געוואָרען אַנגעצונדענער, געוואָרפען דעם האלטער פון זיין האנד און האָט זיך געלאָזען אין שטאַהל אריין, נאָר באלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צוריק געקעהרט צום ברונעם. דיק איז געשטאַ־ נען ביים ברונעם און אויסגעשטעלט א פּאָאר אויגען צו ראָזענבערגען און געהאַלטען אין איין לעקען מיט דער צונג זיינע ליפּען. ער האָט דאָך ניט געטרונקען א גאנצע נאכט האָט עס איהם זעהר געדורשט. ראָזענבערג האָט אויפגעהויבען דעם עמער, איהם ארונטערגעלאָזען אין ברונעם, געטראַכט: אז עס וואָלט אזא גרויסער בחור געוועזען, וואָלט מען געקענט נעהמען א בייטש און איהם ארויסטרייבען פון דאנען, אָבער מיט א מויד וואָס קענסטו מאַכען?

דיק האָט זיך צוגעכאַפּט צום קאַלטען וואסער און געשלונגען מיט זיין גרויסען מויל און עס האָט זיך די וואסער געקייקעלט, ווי קיי־ לעכדיגע ריגגען דורך זיין האלז.

אריינגעקומען אין שטאַהל מיט'ן פערד איז ראָזענבערג געוועזען

אָן אַנגעבלאָזענער. חאַשקע האָט שוין געהאַט אויסגעמאָלקען די קוה און האָט מורא געהאַט טאָמער נעהמט טאַקע דער טאַטע דעם היי־גאָפּעל און שטעכט דער גרויסער מויד די אויגען אויס. איז זי פאַר־לאָפען און געגעבען אסתר'ן דעם עמער מיט מילך און הויך, אזוי אַז אַלע זאָלען הערען, ווי זי ראַטעוועט איהר, געזאָגט:

— נעהם, אסתר, טראָג אריין די מילך אין הויז, — איך וועל שוין דאָ טהאָן דאָס איבעריגע.

אסתר, וועלכע איז געוועזען די גאַנצע צייט אין א פערלעגענהייט און איז געשטאַנען מיט א שטרוי אין מויל און ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל טאָן, צו געהן אין הויז, צו נעהען עפּעס אנדערש טהאָן אבי ניט אַנצוטרעפען זיך מיט'ן טאַטען נאָך אַמאָל, — האָט איצט אָפּ־געאַטעמט, א כאַפּ געטהאָן די מילך און איז אַוועק אין הויז.

נעהענדיג מיט דער שטעזקעלע פון שטאַהל אין הויז אריין, האָט איהר אפילו באַנג געטהאָן, וואָס עס האָט זיך אזוי אויסגעלאָזען. וואָרום ווען דער פאָטער נעהמט צו איהר טאַקע דעם גאָפּעל און וויל איהר אויף אָן אמת'ען אויסשטעכען די אויגען, וואָלט זי דאָך נאָך געקענט ארויסלויפען פון שטאַהל מיט א געוואלד און אנטלויפען ערגעץ צו א שכן און דאָרטען אריין מיט א געוויין אין דעם פרעמדען הויז. וועט מען זי פרעגען:

— וואָס איז געשעהן?!

— מיין טאַטע וויל מיר מיינע אויגען אויסשטעכען!

— וועה און ווינד, וועה און ווינד! וואָס איז דאָס פאַר א טאַטע — האָט געטראַכט אסתר ווי אזוי די פרוי פון יענעם הויז וואָלט פערברעכען איהרע הענט.

און עס הויבט איהר אָן פעררדריסען, ווייל זי דערמאָהנט זיך, אַז זי האָט געקענט אנטלויפען צו די וויינבוימ'ס אין הויז אריין, וועמען איהרע עלטערען האָבען פיינט. דאָרטען, הא, דאָרטען וואָלט שוין די מרס. וויינבוים איהר גוט אויסבעהאלטען. און נאָכדעם וואָלט א היים געקומען זייער מיידעל די „בוך־קיפּערקע". און מען דערצעהלט איהר, אַז אסתר איז אנטלאָפען פון דער היים, ווייל דער פאָטער האָט איהר מיט א היי־„פאָרק" געוואָלט אויסשטעכען די אויגען. וואָלט יענע ווערען מיט איהר א פריינדין, זיי געהען שלאָפען אין איין בעט און וואָלטען זיך דערצעהלען פון אַלעס וואָס זיי ווייסען, איינע צו דער אנדערער.

פאַר וואָס אָבער וויינבוים׳ס טאָכטער איז איהר ביז איצט נים געוואָרען קיין פריינדין און וואַרט נאָר ביז עס זאָל קומען א צייט, ווען דער פאָטער וועט איהר די אויגען וועלען אויסשטעכען? פערדריסט איהר נאָך מעהר. זאָל זי די פרינצעסין כאָטש איינמאָל נעהמען און ארונטערקומען צו זיי אין הויז אריין. אָדער כאָטש שיקען א מעסעדזש, אז זי בעט איהר צו קומען. ניין, עס קומט צו פאָהרען א היים און פערברענגט א גאַנצען טאָג ביים טאַטען אין פּאַלאַץ און בעדאַרף נים קיינע פריינדינעס, און פאָהרט זיך אוועק ברייטלאָך, גלייך ווי עס איז קיינער מעהר נישטאָ אויף דער וועלט, נאָר זי אליין, איהר טאַטע און מאַמע און זייער פּאַלאַץ. עס פערדריסט. אָבער נאָך מעהרער פערדריסט איהר, פאַר וואָס זי האָט אַנגעוואָרען אזא געלעגענהייט צו די וויינבוים׳ס אין הויז אריין.

אסתר איז אריין אין הויז, אוועקגעשטעלט די עמער מילך אויפ׳ן דיל. די גאַנצע הויז געזינד איז שוין געווען אויף די פים. און באַלד האָבען זיך די קליינוואַרג ארומגעשטעלט ארום דעם עמער מיט די מילך און ווער עס האָט א פינגער אין דעם אויבערשטען ווייס געלבליכען שוים פון דער פרישער מילך ארייננעשטעקט און אין מיילכעל דעם פינגער אָפּגעלעקט.

מרס. ראָזענבערג איז א פערשוויצטע און מיט א רויטען פּנים צוגעלאָפען, יעדען קינד איינגעטהיילט, ווענען א קניפּ און וועלכען א בוכץ און א שמיץ. די קינדערלאָך זיינען זיך ווי צושראָקענע פויגעלאָך צולאָפען אין בעזונדערע ווינקעלאָך; איינס האָט זיך גאָר ארויפגעקליבען אויפ׳ן טיש, זיך געזעצט אין מיט טיש און עס האָט זיך אָנגעהויבען א כאָהר פון וויינען און איינס האָט געוואָלט איבערשרייען דעם צווייטען, ביז זיי האָבען אויפגעוועקט דאָס קליינע קינד, וועלכעס איז געשלאָפען אין גרויסען בעט אין שלאָפציממער.

די מוטער האָט איבערגעלאָזען דע סאויוועו מיט׳ן גרויסען טאָפּ מיט זודיגע וואַסער און איז אוועק אין שלאָפציממער, וואו דאָס קינד איז געלעגען א צודעקטע און געבריקעט מיט די נאַקעטע פיסלאָך.

— האָ, האָ, בייבי! — האָט די מוטער אָנגעהויבען צו ריידען צערטליך און איז באַלד איבערגעגאַנגען פון צערטליכקייט צו כעס און אָנגעהויבען צו שילטען, אזוי אז עס האָט געקענט הייסען, אז זי שילט דאָס קינד, אָדער זי שילט גלאט אין דער וועלט אריין איבער ווילדע וועלדער זאָל עס פאַלען. דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו וויי־

נען, צועפענט זיינע פערטרעהרטע אוינלאך, אנגעקוקט די מאמען, וועלכע האט צו איהם ווייטער גערעדט צערטליך, און אין א ווײלע ארום זיך ווייטער צו־וויינט.

— שא־שא־שא! — האט זיך די מוטער אריינגעלעגט אין בעט ביידער זייט פון קינד. דאס קינד איז אנטשווינען געווארען און אנ־געהויבען צו דרעהען מיט זיין קעפעלע און צועפענט זיין מײלכעל און מיט זיין צינגעלע האט עס נעקנאקט אין זיינע נאקעטע, רויע יאסלעלאך און זיך גערוקט וואס נעהנטער צו דער מוטער'ס קערפער. די מוטער איז געלעגען בעוועגלאז, ווי זי וואלט געשלאפען און זיך ניט געריהרט פון ארט. דא סקינד האט זיך נאך אמאל צואווײנט, קייכענדיג.

— איך ניט א נאר — האט די מוטער גענומען און איהם אריינ־געשטופט אין מוילכעל א ברוסט און דערביי האט זי געמוזט אונטער־לײגען איהר האנד אונטער דעם קינד'ס קעפעל, אז עס זאל איהם זיין גרינגער צו ליגען — מיך ניט א נאר! איך'ל דיר געבען, אזא מאמע!

דאס קינד האט א ציה געטהאן און אפגעלאזען די ברוסטען, ווי זיך דערשראקען פאר דער מוטער'ס פלאפעריי און ווייטער אנגעהויבען צו קייכען. אויף זיינע בעקעלאך האבען זיך נעקייקעלט גראבע טראָ־פענס טרעהרען און פון דעם צועפענטען מוילכעל האט געגרונען די ניט ארונטערגעשלונגענע מאמע'ס מילך.

— ממזר, וועסט פרעסען, צו ניט? — האט זיך די מוטער אויף איהם צובייזערט און זיין קעפעלע אונטערגערוקט נעהנטער צו די בריסטען, און צוגעדריקט צו זיך.

חאשקע איז אריין אין הויז, האט פון זיך ארונטערגענומען די ווארעמע קליידער, און אייליגענדיג ווי זי וואלט די ארבייט געיאגט, אי־בערגעזויגען די מילך אין צוויי כלים. איינע האט זי אוועקגעשטעלט אין קאמער אויף דער פאליצע און די צווייטע אויפ'ן אויווען צום קאכען, נאכדעם האט זי אפגעזויגען די בולבעס און דאס הייסע וואַ־סער אין וועלכען די בולבעס האבען זיך געקאכט האט חאשקע בע־נוצט אויף אויסצוואוואשען די מילך עמער. פארטיג געווארען מיט דעם, האט חאשקע אוועקגעשטעלט די בולבעס אויפ'ן טיש. די קינ־דערלעך האבען אויפגעהערט צו וויינען, זיך אוועקגעזעצט אויף דער

לאנגער באנק ביים טיש און זיך געשטופּט איינער מיט דעם צווייטען.

חאשקע האָט זיך אָנגעבייזערט אויף זיי און איעדען געגעבען א גרויסע בולבע אין האנד אריין. די קינדערלעך האָבען געהאלטען די הייסע בולבעס און זיי געוואָרפען פון האנד צו האנד פאר הייסקייט און אונטערגעוויינט זייערע קערפּערלעך און זיך אָנגעהויבען צו פרעהען.

— קינדער, וואו איז אסתר? — האָט חאשקע געפרעגט ביי די קינדערלעך, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געוויינט מיט זייערע האלב נאַקעטע קערפּערלעך און געוועזען פערטהאָן אין די בולבעס און גאָר נים געענטפערט.

— אסתר, אסתר! — האָט חאשקע גענומען רופען. — די פּאָטייטאָס זיינען שוין פארטיג!

אסתר איז געוועזען אויבען אין דאך שטוב. זי האָט געהערט ווי די קלענער שוועסטער רופט איהר. עס האָט זיך איהר פּלוצים געוואָלט ארונטערגעהן און א כאפּ טהאָן חאשקען ביי די האָר און זי גוט אויסוואַלגערען אויף דעם דיל.

— א גאַנצע מאַמע געווארען, די קליינע חאשקע! — האָט אסתר געטראכט.

אסתר האָט נים געקענט פערגעסען דעם היינטיגען מאָרגען ווי זי האָט אויסגעזעהען ווען זי האָט צוגעטראגען דעם עמער מיט דער מילך אין שטאַל.

און גלאַט אזוי קומט איהר אויסצורייסען די האָר פון קאָפּ, דערפאר וואס די מאַמע האָט זי מעהר ליעב פון אַלע קינדער.

נאָר איצט איז נים געוועזען די צייט.

זי האָט א ציטער געטהאָן און מורא געהאַט צו טראַכטען פון דעם וואס עס איז איהר ארויפגעקומען אויף דער מחשבה.

## VII

## ער וועט קייען די ערד

אז מען האָט איבערגעביסען האָט זיך ראָזענבערג אויפגע הויבען און אָנגעהויבען אָנצופילען זיין פייפ מיט טעטין און געזאָגט:

— ווייסט, מיין ווייב, איך פֿאָהר אין שטאָדט צו דער ארבייט.

— וואָס איז שוין עפּעס נייעס?

— ווייסט גאָר ניט, גאָר ניט?

— פון וואנען זאָל איך וויסען? איך זעה דו קומסט אהיים אין מיטען טאָג, טראכט איך אז די זעג מיהל האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס טרעפט עפּעס צוברעכט זיך.

— ניט די זעג מיהל, נאָר מיך האָט מען אָפּגעשטעלט — האָט ראָזענבערג געוואָלט מאכען א וויץ.

— עס האָט זיך מיר שוין אזוי געדאכט, זעהענדיג נעכטען דיין שוואַרצען פּנים.

— ווייסטו שוין, הייסט עס, יאָ. טו פאר וואס פרעגסטו?

— איך בין דאָך דיין ווייב, מעג איך פרעגען.

— פרעג, פרעג — איז ראָזענבערג ארויס פון הויז און פער־קלאפּט מיט דער טיר. ער האָט גענומען מיט זיך צוויי העק און אוועק אין זיין וואלד.

א גאנצען טאָג געהאקט בוימער און געפּרובט אלערליי סטילען. ער איז געווען מיט זיך אליין אין א דונקעלען, געדיכטען אָרט פון זיין וואלד, וואו עס האָבען געוואקסען ווייסע, געפּלעקטע בירקען.

בירקען האָט ער אויסגעהאקט, ווייל ערשטענס ברענען זיי גוט, לאָזען זיך גרינג אָפּהאקען און דאָרטען וואו זיי וואקסען אין וואלד זיינען זיי א שאָדענווינקעל.

ער האָט אויך אויסגעהאקט עטליכע דעמבעס, ווייל ער האָט פּא־מעלעך אויסגעפּרובט די סטילען פון אָפּהאקען א בוים.

איין בוים האָט ער אָפּגעהאקט, איבערלאָזענדיג א גלייכען סטאָמפּ און ביי א צווייטען האָט ער איבערגעלאָזט א סקאָסנעם סטאָמפּ און נאָך אנדערע סטילען, צווישען זיי איינער אז דער סטאָמפּ בלייבט איבער ווי א גאָבעלדאָך.

זיך געמיהט וואס נידריגער צו דער ערד אָפּהאקען דעם בוים אזוי האָט ער געארבייט א גאנצען טאָג.

צונויפגעלעגט קופּקעס אויף עטליכע ערטער, ער האָט שוין גע־וואָלט איבערקומען די ארבייט, אָנגרייטען האָלץ אויף דעם גאנצען ווינטער און אוועק אין שטאָדט.

און דערפאר האָט אונטער זיינע הענט געברענט די ארבייט. עס איז געווען ווי ער וואָלט זיך אָנגענומען מיט טויזענדער ווילדע

כוחות, און זיין האק האט זיך אריינגעביסען אין די קלעצער און בוימער זעהר טיעף.

געהאקט דעם גאנצען טאג. נאכדעם אז ער איז אהיים געקומען האט ער פערביסען און פרעמד דעם גאנצען אבענד געשוויגען.

זיין ווייב האט איהם אויסגעמידען, ניט נאך איהר געוואהנהייט.

זי האט מיט איהם ניט געוואלט ריידען ווייל זי האט געוואוסט און מורא געהאט אז זי קען איהם נאך ברייננגען אין כעס און ער זאל עפעס שלעכטס און שווערעס אפטהאן, אזוינס וואס מען וועט שוין ניט קענען קיינמאל צוריקכאפען. האט זי איהם געלאזען לויפען.

עס זיינען געלאפען שעהנע טעג. פון ערגעץ זיך פערשפעטיגט און געקומען זיך געזעגענען מיט די וועלדער און בערג, וועלכע זיינען שוין געשטאנען נאקעטע, ברוין, געלע, און געווארט אויף דעם ווינטער.

ביי דער נאכט איז געווען פראסטיג און קאלט און א גאנצען טאג שעהן און ווארעם.

און ווייט ערגעץ ביים האריזאנט האט א מענש ערד געאקערט. עס האט פון ווייטען אויסגעוויזען א קליין קעסטעלע מיט ערד אריינגעשטעלט צווישען וועלדער און א קינד שפיעלט זיך מיט פערדלעך און מיט א קליינעם אקער אויף דעם קעסטעלע מיט ערד.

ראזענבערג האט דאס דאזיגע קינד מקנא געווען. ווען ער האט פערד אקערט ער איצט, ווייל די זון שיינט...

עס איז דאך עפעס דא אין דעם. מען אקערט אזוי און עס בלייבט נאך א שטיקעל ערד צו פערענדיגען. מען לאזט איבער דעם אקער אין דער ערד שטעקען און מארגען וועט מען עס ענדיגען. קומט מארגען, מען שטעהט אויף, מען רייבט זיך אויס די אויגען, הא, הא, עס געהט א שנעע! דעקט צו די פעראקערטע ערד, וויקעלט איין דעם אקער אין ווייסען, דעקט איהם אויך צו און דער אקער שלאפט זיך אזוי דעם גאנצען ווינטער מיט זיין מעסער אין דער ווארעמער ערד אריינגעשטעקט.

וואו זשע נעהמט מען פערד?

ראזענבערג׳ס גאל האט שיער ניט געפלאצט, און ער האט זיך אלע טאג אריינגעכאפט אין זיין וואלד און געהאקט בוימער און זיי צוהאקט אין קורצע קלעצער און זיך געוואלט פערגעסען אין דעם וואס עס טהוט זיך ארום און ארום.

עס האָט אַמאָל אַרויסגעשוואומען פאַר זיינע אויגען זיין שכן דוד, און ער האָט אויסגעשפּיעגען און ווייטער געאַרבייט.

אַז איהם האָט זיך אויסגעדאַכט אַז דוד וואָלט'ען האָט אַנגערייצט די „גיינג" אַז זיי זאָלען איהם אויפהייננגען אויף אַ בוים, איז ראָזענבערג'ס פּנים דעמאָלט געוואָרען פערגאָסען מיט בלוט און באַלצוריק בלייך געוואָרען און גרויסע טראָפּענס שוויים האָבען אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערען.

„ער קען דאָך איהם מיט זיין האַק אונטערהאַקען די פיס זיינע."

„אָדער אונטערלויפען פון הינטען און אויף איהם פערוואַרפען אַ שטריק. אַ קונץ איז אַז ווען יענער ווייסט ניט פון גאָר ניט אויף יענעם אָנצופאַלען."

אַזוי האָט ראָזענבערג אַלע מאָל אַרויפגעבראַכט דאָס בילד פון דעם ווי ער האָט געהאַנגען אויף דעם שטריק און זיך אַליין געפרעסען און געביסען. זיין פּנים איז געוואָרען אויסגעמאָגערט, שוואַרץ, אין די צוויי דריי טעג, און די נאָז לענגער און אַרום זיינע אויגען האָט זיין זאָרג קליינינקע רייפען אַרויפגעשלאָגען.

ווייטער האָט ער אַ מאָל צוריקגעדרעהט אַלעס, אַז אפשר קען זיין אַז ער איז אַ גרויסער נאַר.

ער האָט שלעכט אָנגעהויבען. האָט ער געוואָלט אַז דוד וואָלדען זאָל חתונה האָבען מיט איינער פון זיינע מיידלעך, האָט ער בעדאַרפט אפשר צוגעהן צו יענעם אָרט מיט אַן אַנדער וועג.

עס קען דאָך זיין אַז דער דאָזיגער דוד איז אַ שטילער, עהרליכער בחור.

מענשען האָבען פאַר איהם אָפּשיי. מען הערט זיך צו צו דעם וואָס ער זאָגט שוין אַמאָל אַרויס.

ער קען אויך אַרבייטען.

טהוט ניט אַזעלכע זאַכען וואָס ער ווייסט ניט ווי אַזוי צו טהאָן.

פאַר וואָס האָט ער איבערגעבראַכען מיט דוד'ן דעם צווייג פון גוטברודערשאַפט?

אויב איינע פון זיינע מיידלעך וועט נאָר קענען, בעדאַרף זי אַליין זעהען געווינען חן אין די אויגען פון דוד'ן, און אויב זי וועט ניט קענען געפינען קיין חן אין זיינע אויגען, פאַרוואָס זאָל איהר פאָטער זיי אויף מעסערשטעך מיט איהם?

ער האָט ווייטער זיך דערמאָנט אַז ער האָט אַן אויסוועג: נעה־

מען זיינע מיידלעך און אין א שעהנעם טאג זיי אוועקפיהרען אין דער גרויסער שטאָדט און זיי לאָזען אויף גאָט'ס בעראָטה. דאָרטען וועלען זיי שוין געפינען זייערע אייגענע וועגען.

זיין ווייב וויל ניט. זי זאגט, זי איז זייער מאמע און זי וועט אליין טהאָן מיט זיי וואס זי ווייסט שוין ווי אזוי צו טהאָן.

און זיין ווייב ווארפט איהם אויף אז ער איז אזא נאר וואס ווייסט אפילו ניט ווי צו קויפען א פערד, נעהמט ער זיך אונטער צו מישען זיך אין אזוינע זאכען, ווי פערזארגען זיינע ערוואקסענע מייד־לאך...

אפשר איז זי גערעכט.

ער קען ניט קויפען קיין פערד! דאכט זיך אזא קליינע זאך. ער האָט שוין געקויפט א סך פערד. תמיד ווען ער געהט קויפען א נייעם פערד, ווייסט ער גוט־וואהל, אז א פערד האָט אמאָל פערבאָר־גענע קריינק אָדער ווילדע משוגעת'ן, פונדעסטוועגען האט ער נאך איין לייטישען פערד ניט געקויפט.

דאָ האָט ער געקויפט א פערד, וועלכער האָט ליעב געהאט זיך אוועקצולעגען אין שטאָל און שוין ניט געקענט אויפשטעהן. אן אנ־דערען האָט ער געקויפט פון וועלכען עס האָט גערונען מאטעריע און אייטער פון דער נאָז. נאך איינעם האָט ער געקויפט, וועלכער האָט געהאט א טבע אז זיינע פיס האָבען זיך אָנגעבלאָזען אז עס איז נאָר קאָלט געווארען און עס האָט גערעגענט, אָנגעבלאָזען ווי גראָבע דעמ־בענע קלעצער. ווען עס איז שעהן און ווארעם געוועזען, זיינען זיינע פיס געוועזען ווי די פיס פון א פערד בעדארפען זיין. און כאָטש ער האָט שוין געוואוסט פון די אלע זאכען, האָט מען איהם פונדעסטוועגען ארייינגעשטופט א פערד, וועלכער האָט געהינקט אויף ביידע הינטערשטע פיס.

נו, געה זיי א קלוגער, אז א פערד קען הינקען אויף ביידע הינ־טערשטע פיס און מען זאָל ניט זעהן אז ער איז א קרומער, ווייל א קרומען אויף ביידע פיס איז שווער צו דערקענען.

און דערפאר זיינען ראָזענבערג'ס פעלדער א פולער בית הקברות פון טוידטע פערד.

און אין דיק'ן האָט ראזענבערג בעקומען דעם „אמת'ן פערד", וואס וויל זיין עסען אומזיסט. ווילסט איהם געבען עסען, קומט איהם דעמאָלט אָן א משוגעת און דיק לאָזט דיך ניט אריין צו זיך אין

שטאָל אריין, לעגט זיך אוועק אין דער מיט וועג אין שפּאַן און וויל זיך ניט אויפהויבען. בייסט, בריקעט מיט די הינטערשטע פיס און צוברעכט אַלע מאָל די ווענטלעך פון זיין שטאָל. און אז מען שפּאַנט איהם איין אין וואָגען געהט ער אויף צוריקוועגס.

און כאָטש ראָזענבערג האָט גוט געוואוסט ווי שלעכט עס וועט זיין, אז ער וועט איבערלאָזען א גאַנץ הויז געזינד אויף אַזא שלעכטען פערד, אוועקפאָהרענדיג אַליין אין דער גרויסער שטאָדט, פונדעסטוועגען האָט ער ניט אויפגעהערט צו האקען בוימער אין וואלד.

פון די צווייגען האָט ער אָנגעהאַקט קליינע, קורצינקע שפּענדעלעך און זיי אַהיים געבראַכט אַלע אבענד אין א זאַק און זיי אויסגעלעגט אין דער קאמער ביי דער וואנד, אז זיין ווייב זאָל האָבען שפּיינדלעך אויף א גאַנצען ווינטער.

און אז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט די קלעצער אין וואלד האָט ער איינמאָל אין א פריהמאָרגען איינגעשפּאַנט פערד אין וואָגען צו פאָהרען אין וואלד אריין און צונויפנעהמען די קלעצער אַהיים.

דער מאָגערער, הויכער און לאַנגביינערדיגער דיק מיט זיין שאַרפער איינגעפאַלענער פלייצע פון וועלכער עס האָבען געהאנגען זיינע ריפּענביינער און ארומגערינגעלט זיין ליידיגען, פלאַטשיגען בויך, ווי מיט אייזערנע רייפען, — האָט זיך געלאָזען איינשפּאַנען און געדרעהט זיין הויכען משונה׳דיגען קאָפּ צום וואָגען ארונטער, אוועקגעלעגט זיינע אויערען און זיי צוריק אויפגעהויבען.

ראָזענבערג האָט איהם אָנגענומען ביים צוים נאָהענט פון זיינע ליפּען, עפּעס א ברום געטהאָן, ווי ער וואָלט זיך שעלטען און אָנגעהויבען צו שלעפּען דיק׳ען בארג ארונטער אין וואלד אריין.

דיק האָט א טראַכט געטהאָן, ער זאָל זיך אוועקשטעלען, אָט דאָ ביים הויז, איינגראָבען זיינע פאָדערשטע פיס אין דער ווייכער ערד און ניט געהן.

אָבער ער האָט זיך איבערגערעכענט אז דאָס וועט ער קענען טהאָן אין וואלד, דערווייל ווייסט ער נאָך אַליין ניט צו וואָס זיין באַלעבאָס נעהמט איהם אין וואלד אריין.

און דערפאַר האָט דיק אָנגעבויגען זיין הויכען קאָפּ, ארויסגעשטעלט זיין בלאָס ראָזעווען לאַנגען צונג אין א זייט פון צווישען זיינע גרויסע ליפּען, און נאָכגעגאנגען דעם באַלעבאָס.

א אָסיען פליעג האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דיק׳ן אויפ׳ן קריזש

און אָנגעהויבען צו בויערען א לעכעל אין זיין דארער פעל. האָט דיק מיט זיין קורצען, צופלאָנטערטען עק, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַן אויסגעדיענטער בעזעם, געוואָלט אראפּטרייבען די פליעג. האָט ער אָבער מיט זיין עק ניט געקענט דערלאַנגען יענעם אָרט וואו די פליעג איז געשטאַנען. האָט דיק געוואָלט א שפּרונג טהאָן מיט זיינע אונ־טערשטע פּיס, נאָר זיין באַלעבאָס האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט א געשריי: „האָ, דיק!"

דערוויל איז מען צוגעקומען צו א קופּקע מיט קלעצער אין וואלד. ראָזענבערג האָט געמאַכט מיט דיק'ען א קרייז און איהם גענומען שטופּען אויף צוריק. דיק האָט קוים געפּלאָנטערט מיט זיינע לאַנגע, דארע פּיס. עטליכע מאָל זיך אַליין אָנגעטראָטען מיט איין פוס אויף דעם אַנדערען, ביז עס האָט איהם אין הארץ פּערקלעמט.

ראָזענבערג האָט א געשריי געטהאָן: „האָ, דיק!" אָפּגעלאָזען דאָס צוימעל און אוועק צו דער קופּקע קלעצער.

דיק האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהען, אז דאָ האָט מען עס איהם אריינגענאַרט אין די שאַפטען. ער האָט באַלד דערהערט א שטאַרקען קלאַפּ פון א קלאָץ אין דעם דנאָ פון וואָגען, פון וואָס ער האָט זיך דערשראָקען, אָבער באַלד זיך בערוהיגט און אָנגעהויבען צו מאַכען זיינע פּלענער ווי אזוי פּטור צו ווערען פון דעם וואָגען.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און ראָזענבערג איז צוגעקומען, דיק'ען א גלעט געטהאָן אויף זיין האַלז.

— גלעט מיך, גלעט מיך — טראַכט זיך דיק און לענט זיינע אויערען אוועק און הויבט זיי צוריק אויף.

דער באַלעבאָס נעהמט אָן דיק'ען ביים צוים נאָהענט פון זיינע ליפּען, טהוט איהם א שלעפּ און א הויכען ברום: „קום, דיק!" האָט דיק באַלד איינגעגראָבען זיינע פאָדערשטע פּיס אין דער ווייכער ערד און זיך ניט געוואָלט ריהרען פון אָרט. ראָזענבערג גיט נאָך א העכערען ברום און א קלאַפּ מיט זיין פרייער האַנד אין דיק'ס ליפּען אריין. דאָס פערד האָט א טרייסעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ, איבערגע־דרעהט עטליכע מאָל מיט זיינע אויגען און אויסגעשטרעקט זיינע פּיס ווי צוויי לאַנגע קלעצער, — עס נעהמט ניט פּעטער!

ווערט דער באַלעבאָס פול מיט כעס און לאָזט אָפּ דיק'ס צוים, לויפט אוועק און זוכט אויף א לאַנגען, גראָבען צווייג, קומט צוריק גיך און הויבט אָן צו „שניידען" דיק'ן איבער זיין רוקען און איבער זיין האַלז און אין די פּיס און איבער די דארעביינער פון דיק'ס בויך.

דאָס פערד האָט פערקלעמט זיינע ציין, געטהאָן אַ שפרונג אונ־טער מיט זיינע אונטערשטע פיס, אַנגעקלאַפּט אין וואָגען, געמאכט אַ לאָך אין דעם ווענטעל וואס פון פאָרענט, איבערגעבראכען אַ שעפּט און זיך אוועקגעלעגט אויף דער ערד אין זיין געשפּאַן, בריקענדיג מיט זיינע פיס אין דער לופטען.

ראָזענבערג האָט זיך דערשראָקען און איז געשטאַנען פון וויטען ווי אַן אויסגעבויגענער דעמב און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

טאקע, וואָס האָט ער געקענט טהאָן? ער האָט אָנגעגרייט קלע־צער אין אַ סך ערטער אין וואלד. איצט בעדאַרף מען זיי צונויפ־ברייגנען אהיים. וויל דיק ניט. ער בריקעט זיך נאָך און איז נאָך אין כעס.

ראָזענבערג האָט געטהאָן אַ קלאַפּ מיט איין האנד אין דער אַנ־דערער, אוועקגעוואָרפען אַלעס און איז אהיים געלאָפען, ברעכענדיג מיט זיינע שטיוועל די קליינע, פערטריקענטע ביימלעך און אָפּשטויּ־סענדיג קליינע שטיינדלעך מיט די שפּיצען פון זיינע גרויסע שיך.

ער איז אריין אין הויז, זיך אוועקגעוואָרפען שווער ווי אַ שטיין אויף דעם עק פון דער לאַנגער באנק ביים טיש, אונטערגעשפּאַרט זיין מאָגער, בלייך פּנים מיט זיינע דאַרע, לאַנגע הענט, און וואָס האָט ער ניט געטראכט? די געדאַנקען זיינען געלאָפען ווי שטיקער כמאַרע געטריבען פון אַ שטאַרקען ווינד.

מרס. ראָזענבערג האָט איהם מורא געהאַט צו פרעגען, וואס עס האָט געטראָפען. זי האָט אָבער פערשטאַנען, אַז עפּעס ניט גוטעס האָט פּאַסירט. זי האָט געזאָגט:

— ראָזענבערג, ראָזענבערג.

אזוי ווייך איז איהר שטימע געוועזען, אזוי ווי קאַלטע וואסער פון אַ קוואַל אין אַ הייסען זומער טאָג.

ראָזענבערג האָט זיך צוגעהערט, ניט געקוקט צו איהר ווייל ער האָט זיך פערשעהמט.

— פאַל ביי זיך ניט אראָפּ — האָט זי ווייטער געזאָגט, און איהרע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו גלאַנצען מיט אַ פייכטען אָפּ־שיין — דאַנקען גאָט מיר זיינען אַלע געזונד. זיצען מיר אונטער אַ דאַך. הע, זאָרג ניט, ראָזענבערג!

זי האָט איהם צוגעטראָגען אַ הייס גלאָז טהע. ער האָט זיך גוט אָנגעטרונקען, אָנגעפילט זיין פייפ מיט טיטין און אָנגעצונדען. ארויס־

געלאָזען א גרויסען זייל מיט רויך און איז ארויס פון הויז. עס האָט ניט געדויערט לאַנג און ראָזענבערג איז געקומען פון וואלד מיט עט־ליכע קלעצער אויף זיינע פּלייצעס.

ער האָט די קלעצער שווער א ווארף געטהאָן צו דער ערד. זיין ווייב האָט ארויסגעקוקט דורך א פענסטער און זיך פערבעהאלטען ער זאָל זי ניט בעמערקען.

זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, זיצענדיג אין גרויסען אָפּגע־זונדערטען צימער אויף דער וויעגשטול.

דערנאָך, אז ראָזענבערג איז ווייטער אוועק אין וואלד אריין, האָט זי געכאַפּט אויף זיך א שאַל און האָט געוואָלט אריבערלויפען צו די וואלדענס, דאָרטען אריין מיט א געוואלד:

— לאָזט ניט פאלען קיין מענשען!

זי האָט אָבער פּלוצים מורא געקראגען פאר איהר מאַן. האָט אויפגעזוכטביידע מיידלעך און זיי אוועקגעשיקט אין וואלד אריין העלפען דעם טאַטען.

די מיידלעך האָבען שפּעטער געבראכט צושלעפּען דעם לעדי־יען וואָגען מיט פערפלאַמטע באַקען און צוואווארפענע האָר זיינען זיי אריין אין הויז, דער מוטער געוויזען ווי דיק ליגט און בריקעט.

די מוטער האָט געזאָגט:

— ער וועט שוין איצט קייען די ערד!

## VIII

## פּאַריז גרין...

פריה האָט מען זיך געלעגט שלאָפען ביי די ראָזענבערג'ס.

ראָזענבערג אליין האָט אָבער ניט געקענט איינשלאָפען, ווייל ער האָט געוואוסט אז אין דרויסען טריפט א קאלטער, דריבנער רעגענדיל.

איהם האָט זיך געדאכט אז איצטער זיינען אלע לעבעדיגע בע שעפענישען ערגעץ הינטער א דאַך. נאָר איין דיק ליגט דאָרט אויף דער ערד אין וואלד, און דער רעגענדעל קריכט אין זיינע אלטע ביינער.

ער איז באלד אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטהאָן, גיך אָנגעצונדען דעם לאַמטערן און איז אוועק אין וואלד אריין.

אין דרויסען איז געווען נאַס און פינסטער, ווי אין אַ גרוב אונטער דער ערד. זיין לאַמטערן האָט געוואָרפען אַ שמאָלען און לאַנגען פּאַס ליכט. ערגעץ פון ווייט האָט זיך געהערט דאָס בילען פון אַ טרויעריגען, בייזען הונד.

אַז ראָזענבערג איז צוגעקומען נעהענטער צו דיק'ן, האָט ער מיט אַ ריינעם האַרץ געבעטען גאָט אַז ער זאָל בעוויייזען אַ נס און אַראָפּ־שיקען אַ גוטע מחשבה צו דער דאָזיגער שטומער בעשעפעניש וואָס הייסט דיק. זאָל זיך דער פערד אויפהויבען אויף זיינע פיס און ער וועט איהם אריינפיהרען אין שטאַהל אריין און איהם געבען עסען און איהם איינדעקען מיט ווארעמע טרוקענע שמאַטעס.

דיק, אַז ער האָט דערשפּירט אַז עמיצער געהט, האָט ער אויפ־געהויבען זיין קאָפּ און אַ קוק געטהאָן צו דעם ליכט פון לאַמטערן.

איין זייט פון דיק'ס פּנים איז געווען אויסגעשמירט מיט בלאָ־טע און אין זיינע ביידע אויגען איז געווען אַ בייזער בליק. ער האָט צוריק אוועקגעוואָרפען זיין קאָפּ צו דער נאַסער ערד, בעלעקט מיט זיין צונג זיינע ליפען און געגראָבען מיט זיינע פאָדערשטע פיס אין דער ערד ארום זיך.

ראָזענבערג האָט זיך איינגעבויגען איבער דעם פערד, איהם גע־גלעט איבער זיין האַלז און אין זיין שטערען, איהם אָנגענומען ביים בינטעל האָר וואָס צווישען די אויערען און איהם געשלעפּט אין דער הויך, בעטענדיג זיך: — „קום דיק, זיי שוין ניט קיין עקשן, הויב זיך אויף, קוק ווי דו פערנעצסט דיינע האָר".

דיק האָט געפּרובט זיך אונטערגעבען, האָט אָנגעשטעלט איין פוס, אָבער האָט ניט געקענט ריהרען מיט זיין גאַנצען קערפּער. די גאַנצע הויט האָט אויף איהם געציטערט.

איז ראָזענבערג אוועק אין שטאַהל אריין און ארויסגעבראַכט אַ בינטעל היי און אַ סך שמאַטעס טרוקענע, איינגעדעקט דיק'ן פון קאָפּ ביז די פיס און איהם דערלאַנגט צו ביסלעך היי וועלכעס דיק האָט נעכאַפּט פון זיין האַנד, געקייעט און עס צוריק ארויסגע־שפּיגען.

דאָס אויסשפּייען פון די צוקייטע גראָזען איז ראָזענבערגען ניט שטאַרק געפעלען געוואָרען. עס הייסט אַז ער קען שוין ניט עסען אויך. וועמ ווייסט פון ווען אָן דיק קען שוין ניט עסען. עס קען זיין אַז דאָס האָט דיק'ן געמאַכט אַזוי דאַר און משוגע...

ראָזענבערג איז אַוועק אַהיים. געהענדיג אַזוי אין דער פינסטער־דער קאַלטער נאַכט איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק... אין הויז האָט ער געמאַכט פייער אין אויווען, צוגעטשעלט אַ טאָפּ וואַסער. אין אַ קאַמער האָט ער אויפגעזוכט אַ שקאַרמיצעל מיט „פּאַריז גרין", אַריינגעשאָטען דאָס פּוידער אין וואַסער. אַז עס האָט זיך די וואַסער גוט אָנגעוואַרעמט האָט ער עס אַוועקגעטראָגען אין וואַלד אַריין.

דיק איז שוין געלעגען אָפּגעדעקט. פון זיין וואַרפען זיך האָבען זיך די שמאַטעס אַראָפּגערוקט פון איהם. און אַז ער האָט דערשמעקט וואַסער, האָט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ און געטהאָן אַ שטילען ברום.

ראָזענבערג האָט זיך דערשראָקען... זיינע הענד האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען. אָבער ער האָט גרויס רחמנות בעקומען אויף דער שטומער בהמה. וואָס וועט זיין אַז ער וועט זיך אַזוי מאַטערען אַ גאַנצע נאַכט אין דער קאַלטער, דינער רעגען וועט איהם קריכען אין זיינע ביינער. ער וועט אַזוי פּאַמעליכען אויסגעהן פון שוואַכקייט און וועה־טאָג.

„פּאַריז גרין!"...

ראָזענבערג איז צוגעגאַנגען נעהענטער, געהאָלפען דיק'ן אויפ־הויבען זיין קאָפּ, איהם אונטערגערוקט דעם טאָפּ מיט וואַרימער גיפ־טיגער וואַסער. דיק האָט געשלונגען און זיך שיער ניט דערוואָרגען. דיק האָט דערפיהלט דאָס וואַרעמקייט אין אַלע זיינע ביינער און איז אין כעס געוואָרען און געוואָלט בייסען דעם טאָפּ, ער האָט געוואָלט נאָך וואַסער, אָבער עס איז שוין ניט געווען מעהר, האָט ער זיך אויסגעצויגען אויף דער נאַסער ערד, בעלעקט מיט זיין צונג זיינע נאַסע ליפּען.

ראָזענבערג'ן האָט זיך אויסגעוויזען אַז דיק'ס אויגען זיינען שוין פערגלעזערט געוואָרען. און נאָך אַ מינוט וועט ער שוין ניט ליידען, עס וועט איהם שוין ניט אַרען וואָס דער רעגען רינט זיך אַזוי שטיל אין זיינע ביינער אַריין. ער וועט שוין זיין ערגעץ ווייט פון יענער זייט וועלט...

האָט ער טאַקע ניט געוואָלט שטעהן און קוקען ווי אַזוי דיק הויכט אויס זיין לעצטען אָטעם, און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

ער האָט זיך אויף גיך אויסגעטהאָן און אַריין אין בעט. ניט געקענט איינשלאָפען, געוואַרפען זיך אַהין און אַהער און זיינע געדאַנקען האָ־בען זיך געוועבט.

איין זאך האט ער זיכער געוואוסט, אז קיין פערד וועט ער שוין ניט קויפען אזוי גיך, זיינע קינדער וועלען ווערען בעסער און ער וועט צוזאמען מיט זיי אויך אנהויבען פון האס ניי.

# IX

## די קליינע קינדער פון וואלד

דעם אנדערען טאג איז געווען שעהן און ווארים, און די אמעריקאנער האבען געהאט זייער אלטען יום טוב, מיט דעם נאמען „טהיינקס גיווינג“. די ערשטע אמעריקאנער, די אור־אור־עלטערען פון די דאזיגע בעוואהנער פון ניו־ענגלאנד, בשעת זיי האבען אפגעארבייט דעם ערשטען זומער און אפגעשניטען זייערע ברויטען פון די פעלדער און אויסגעגראבען די קארטאפעל פון דער ערד און אויפגעבויט שטאהלען פאר זייערע בהמות, איז פלוצים אויסגעפאלען א שנעע און עס איז געווארען ווינטער. זיינען זיך די שכנים דאמאלט צונויפגעקומען אין איין ארט, און געלויבט און געדאנקט גאט, פאר וואס ער האט אפגעווארט מיט דעם שנעע, ביז זיי האבען אלע זייערע ברויטען אריינגענומען אין די שייערס. און פון דעמאלט אן איז יענער טאג געבליבען אלס אזא יום טוב.

ווי שוין געזאגט איז גראד געווען א שעהנער, ווארעמער טאג.

די קליינע קינדער פון וואלד: בעז, לאילאק און וויטשהייזעל, האבען געמיינט אז עס איז שוין דער אנהויב פון פריהלינג. אפילו דער אלטער נאר, דער עפעל־בוים, האט אויך פערגעסען אויף וואס פאר א וועלט ער איז, און האט ארויסגעלאזען פון די ווינטער קנאספען קליינע שפיציגע, גרינע נאדלען.

דורך די וועגען האבען זיך געטראגען אבגעוואשענע פאעטאנדלעך מיט אויסגעפוצטע פערדלאך, און אין די פאעטאנדלעך: מאן און ווייב און קינדער.

מען איז געפאהרען צו גאסט איינער צו דעם אנדערען.

ראזענבערג׳ס קינדער זיינען ניט געגאנגען אין שוהל.

פיליפ, דאס עלטערע אינגעל, האט צונויפגענומען זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך און איז מיט זיי אוועק אין וואלד אריין.

ער איז געגאנגען אויף פריהער, און מיט א לאנגע פרוטקעלע גע־
שמיסען די נאקעטע ביימער.

די קינדערלעך זיינען אלע געווען מיט בארפעסע פיסלאך. פי־
ליפ אויך א בארפעסער, א קליינער און א דארער; זיינע שארפע פיסלאך
האבען זיך געשאקעלט אין די ברייטע, אויסגעריבענע הויזען, זיין הי־
טעל האט ער פעררוקט מיט דעם דאשיק אויף הינטען, און ווי ער האט
געזעהען א פויגעלע אויף א בוים, האט ער גיך א פאטש געטהאן מיט
דעם פרוטקעלע איבער דעם בוים און דאס פויגעלע איבערגעשראקען.

דאס קלענסע שוועסטערל האט געהייסען ראשעל, און איז אלט
געווען א פינף יאהר. זי האט זעהר ליעב געהאט איהר ברודערל פי־
ליפ פאר זיין בראווקייט און האט איהם מקנא געווען, וואס ער איז
העכער פון איהר מיט א שפאן, און דאס וואס א פויגעלע האט מורא
פאר איהם זיצענדיג אזוי הויך אויף א בוים, האט זי נאך מעהר מורא
געהאט פאר פיליפ'ן, אז ער זאל איהר נישט טהאן א שניט מיט דעם
לאנגען רוט איבער דעם נאקעטען קעפעל.

פיליפ האט געפיהרט די קינדער טיעף אין וואלד אריין.

דארט אויף א גרויסען, קיילעכדיגען און ליידיגען ארט ביים
קוואל, איז געשטאנען א בוים מיט ווינטער בארען.

פיליפ מיט זיין קאמאנדע האבען שוין לאנג אבגעטרייסעלט און
אויפגעגעסען אלע ווינטער בארען. אבער פיליפ האט געוואוסט, אז
אויף א בארען בוים טאר מען זיך ניט פערלאזען. דאכט זיך דיר
אויס, שוין! נישטא שוין מעהר קיין בארען. מען קומט אבער אדרויס
מארגען, מען קוקט זיך איין גוט, און מען געפינט נאך א באר ערגעץ
צווישען די בלעטער.

און איצט אז דער בוים האט שוין פערלוירען אלע זיינע בלעטער
בעדארף מען א קוק טהאן צי זיינען געבליעבען ווינטער בארען.

פיליפ איז געגאנגען, געקלאפט מיט זיין פרוטע און געהוקעט,
דריידלענדיג אויס זיין קול אין זיגזאגען: „הו־הא, הא־הו, הוי־הו“.
דער נאקעטער און בארפיסער וואלד האט דאס ארויסגעכאפט פון
פיליפ'ס מויל, זיך נאכגעקרימט! פון בוים צו בוים איז דאס קול
געשוואומען און ערגעץ ביי יענער זייט ברעג האט שוין, אזוי ווי
א הירש וואלט אנטלאפען, אימיצער גיך־גיך געמרוקעט.

פיליפ מיט זיין קאמאנדע זיינען צוגעקומען צו דעם ווילדען
בוים, וואס איז געשטאנען ביים קוואל. דער קוואל האט איצט אויס־

געוויזען ווי ער האָט נאָר וואס אויסגעוואשען זיינע שטיינדליך און האָט זיך גענומען פליסען פון אונטער דעם קליינעם בערגעלע און פון אונטער א גראָבען וואָרצעל פון באָרען בוים, מיט א דינעם שמייכלענדיגען פלאָס.

דער ערשטער האָט פיליפ זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און זיין מויל אריינגעשטעקט אין קוואל. זיין קאָמאַנדע האָט עס נאָך געטהאָן.

מען האָט זיך גוט אָנגעטרונקען, ליגענדיג אין א שורה איינס נעבען דעם אנדערען, ווי א שורה מיט גענז, און אלע מאָל האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע קעפעלעך און עפעס אויסגעשריען פרעהליכעס און ווייטער זיך איינגעבויגען און זייערע ליפען אריינגעטונקען אין לויפענדען קוואל.

נאָכדעם האָט מען זיך אויפגעהויבען.

פיליפ האָט אויפגעהויבען זיין קאָפ און דערזעהן אז עס זיינען נאָך דאָ עטליכע קליינע בארעלעך אויף דעם בוים.

דאָס קלענערע שוועסטערל האָט זיך אוועקגעשטעלט ווייט פון בוים און ארונטערגעלייגט איהרע הענטלעך אויף ביידע זייטען און אָנגעהויבען צו זינגען דאָס ליעדעל וואס זי האָט זיך נישט לאַנג אויסגעלערענט אין שוהל.

„עפעל, עפעל, קום ארונטער צו מיר“, ווי דער עפעל הייננט זיך אויף דעם בוים און וויל נישט ארונטערקומען. האָט דאָס מיידעל געווענדעט צו דער זון, אז זי זאָל איבערברענען דאָס צווייגעלע און דער עפעל זאָל ארונטערפאלען. איז די זון אזוי ווייט און הויך אז זי קען נישט הערען וואָס דאָס מיידעל וויל. ווענדעט זיך דאָס מיידעל צו דעם פויגעל, אז ער זאָל אָפּבייסען דעם רויטינקען עפעל. האָט זיך דער פויגעל דערשראָקען פאַר דאָס מיידעלע, א מאַך געטהאָן מיט זיינע פליגעלאַך. טרוף־טרוף און אוועקגעפלויגען, און געשיקט דעם ווינט. בעט דאָס מיידעלע דעם ווינט אז ער זאָל ארונטערבלאָזען דעם בלייכען עפעל מיט דעם רויטינקען פנים. גיט זיך דער ווינט א דרעה און א שפרונג און בלאָזט אריין שטויב אין דער מיידעלע'ס אויגען. צוויינט זיך דאָס מיידעלע און עס קומט אָן פיליפ און נעהמט א לאַנגען צווייג און טהוט מיט איהם א פאַטש אין בוים און עס פאַלט אראָב דאָס עפעלע...“

פיליפ האָט ארונטערגעקלאַפּט אלע באַרלעך נישט פערטיילט זיין

קליינער שוועסטעריל. מען האָט די באַרלעך אויפגעגעסן. די צייהן זיינען געוואָרען אייליג, האָט מען זיך ווייטער אַוועקגעלייגט אויף דער ערד ביי דעם ברעג פון קוואַל און געטרונקען דאָס קלאָהרע וואַסער, אַלע מאָל אויפהויבענדיג די קעפּלאַך און אויסשטרעקענדיג זייערע העלזער, אַזוי ווי גענז.

מיט אַמאָל טהוט פיליפּ אַ געשריי:

— קינדער, אַ בער ליגט אָן דאָרט!

צי האָט ער געוואוסט וואָס דאָרט איז געלעגען, צי ניין, ער איז אָבער אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבען צו לויפען אהיים. זיין קאַמאַנ־דע האָט זיך צושפּרייט און אויך געלאָפען אין דער ברייט פון וואַלד, צווישען די בוימער און נידעריגע בוימלאַך, און געשריען: „מאַמע!“ ביז מען איז אהיים געקומען.

די מוטער איז זיי אַנטקעגען געלאָפען מיט אַ גוואַלד.

ראָזענבערג האָט געלאָזען שטעקען די זעג אין דעם קלאָץ און איז אַרויס זעהן וואָס עס האָט געטראָפען.

פיליפּ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס און מיט דעם אַנדערען באָרפעסען פוס געקראַצט די אָפּגעריסענע הויזען, און אויפ־הויבענדיג זיין רעכטע אויסגעשמירטע הענטעל האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם וואַלד.

— עס מוז זיין דיקעלע — האָט זיך די מוטער צולאַכט — די־קעלע האָט זיך שוין דאָרטען אַוועקגעלייגט. געה, ראָזענבערג, טהו אַ קוק צי ער האָט שוין פערמאַכט מיט איין אויגעל...

זי האָט נישט בעמערקט ווי ראָזענבערג איז געוואָרען בלאַס...

און נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך האָט ער געזאָגט שוין רוהיג:

— דאַנקען גאָט וואָס ער האָט צוגענומען ביי אונז אַזאַ נבלה.

— גאָט וועט זיך אויך פערשמירען זיינע הענט צונעהמענדיג אַזאַ נבלה — האָט מרס. ראָזענבערג זיך געוויצעלט און געשמייכעלט — ער האָט דאָך נישט קיין בעסערע זאַכען.

— דענקסט אַז איך בין מעהר ווערטה פון דער דאָזיגער נבלה, וועט ער מיך אויך באַלד צונעהמען, עס פעהלט שוין ניט קיין סך, — האָט ראָזענבערג געענטפערט זיין ווייב מיט אַ שטאָך־וואָרט.

די קינדערלאַך האָבען נאָר דערהערט אַז דיק איז שוין טויט, זיינען זיי אַלע אַוועק צו דעם קוואַל און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם טויטען קערפּער פון דיק׳ן.

דיק איז געלעגן מיט אן אויסגעצויגענעם האלז, זיין קאפ פער־וואַרפען אין א זייט, אויף א קופע ווייכע ערד, וועלכע ער האט אליין קענטיג אויסגעגראַבען מיט זיינע צייהן. ארום דעם קאפ איז די ערד געווען צוגראַבען אין א האלבען קרייז. זיינע פיס האבען גע־שטארצט אין דער לופטען ווי אנגעבלאזענע קישקעס, און זיין בויך האט אויסגעוויזען ווי א קליין בערגעלע.

דיק'ס אויג איז געווען אריבערגעצויגען מיט א ווייסען הייטעל, און זיינע האר זיינען געווען צושויבערט און זיינען געשטאנען ווי די האר פון א חזיר.

פיליפ האט געטריבען זיינע ברידערלעך און דאס קליינע שוועס־טעריל.

— געהט אוועק פון דיק'ן, ער וועט אייך נאך א בריקע טהאן אין די בייכלאך.

אליין איז ער ארומגעגאנגען דאס טויטע פערד און בעטראכט פון אלע זייטען, נאכדעם צוגעגאנגען צו דעם עק און א שלעפ געטהאן איינע פון די האר.

דערזעהן, אז דיק לאזט זיך, האט ער אנגעהויבען צו שלעפען צו עטליכע מיט אמאל, און געזאגט, איבערגעבענדיג די אנגעפליקטע האר צו איינעם פון זיינע ברידערלאך:

— ווען דיק האט געלעבט האב איך זיינע האר נישט געשלעפט. ער האט מיר צוגעזאגט, אז נאכדעם ווי ער וועט שטארבען וועט ער מיר לאזען א מתנה דעם גאנצען עק, איצט פליק איך זיינע האר, עס וועט זיין א גוטער און שווערער באל פון די דאזיגע האר.

— הע, ווען דיק האט געלעבט האסטו מורא געהאט פאר איהם — האט דאס קליינע שוועסטעריל פערדראסען פאר וואס פיליפ גיט איהר נישט צוהאלטען די אויסגעפליקטע האר.

פיליפ האט זיך בייז אומגעקוקט און דערווייל ניט בעמערקט אז זיין פאטער ראזענבערג איז אונטערגעקומען און איהם אנגעכאפט בייביידע אויערען, זיי גוט אנגעדרעהט און אויף איהם אנגעשריען אז ער זאל אויף דער גיך געהן און בריינגען א רידעל מיט א שטריק.

---

עס איז שוין געווען פארנאכט.

שאטענס האבען זיך גערוקט פון וואלד ארויס.

פיליפ מיט זיין קאמאנדא האבען אנגעבראכען וויטש־הייזעל

פּרוטקעלאַך און זיי אַרומגעשטעקט אין די ווייכע צוגראָבענע ערד, אַרום דיק'ס קבר.

פּיליפּ האָט גוט געדענקט די זייט וואו דיק'ס קאָפּ איז געלעגן פּערשאָטען, האָט ער אין יענער זייט אַריין געשטעקט הויכע פּרוט־קעלאַך כדי מען זאָל וויסען אַז דאָרט ליגט דער קאָפּ פון זייער פּערד.

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען אַרומצוגעהן אַרום דעם קבר און האָט געזונגען מיט אַ הויכער, ניט פאַר זיינע אינגעלשע כחות, באַסאָ־ווער שטימע טרויעריג און האַרציג אויסציהענדיג די ווערטער:

— דיק איז געווען אַ גוטער פּערד, אַ גוטער!

דאָס קליינע שוועסטעריל האָט דאָס ניט געקענט פערליידען, איהר האָט זיך געוואָלט צואוויינען און זי האָט נישט געקענט, האָט זי געזאָגט צו פּיליפּ'ן:

— דיק האָט צובראָכען פּאַפּאַ'ס וואָגען, אַ שלעכטער איז ער גע־ווען. די מאַמע איז מיט איהם געפאָהרען אין ווילעדזש האָט ער זיך אוועקגעלייגט אין מיטען גאַס און פערשעהמט די מאַמע פאַר איטליכענם אויגען. אַ שלעכטער איז ער געווען.

פּיליפּ האָט נישט געהערט און איז זיך געגאַנגען אַרום דעם פּרי־שען קבר און געזונגען:

— דיק איז געווען אַ קלוגער פּערד, אַ קלוגער!

די אַנדערע צוויי ברידערלעך האָבען נאָכגעפאָלגט פּיליפּ'ן און אונ־טערגעזונגען וואָרט ביי וואָרט.

דאָס קליינע שוועסטעריל האָט אָנגעהויבען צו וויינען:

— דיק האָט איבערגעלאָזט די מאַמע אין וואַלד ווען זי האָט גע־האַט דאָס צווילינג און איז אַהיים געקומען מיט אַ צובראָכענעם וואָ־גען. אַ נאַרישער פּערד. איך האָב איהם פיינד!

זי האָט די אַלע ווערטער קוים שאַרף אַרויסגערעדט און זיי צו־צויגען און געבליפּעט, גלייך ווי מען וואָלט זי אימעצער גוט אָנגעשלאָ־גען.

פּיליפּ איז געבליבען שטעהן געבען איהר און געזאָגט:

דיק ליעגט מיט זיין קאָפּ דאָרט וואו די הויכע פּרוטקעלאַך שטעּ־קען אין דער ערד. מען טאָר ניט זאָגען ביי זיין קבר אַז ער איז גע־ווען אַ שלעכטער, ער קען נאָך דערפאַר ווערען אַרויסגעשפּיגען פון דער ערד און מען וועט איהם אַריינוואַרפען אין אַ הונד אַריין. וועט דער הונד דיך בייסען. און אַז דער הונד וועט דיך בייסען, וועט

דיק אנטלויפען פון דעם בויך פון דעם הונד און אריין אין א קאץ. וועט דיך די קאץ צודראפען... צו וואס טויג דיר, דו זאלסט זיך אנהויבען מיט דיק'ן, אמעהר לאז איהם ליגען אין דער ערד. וואס איז געווען איז געוועזען, אבער איך האב איהם ליעב געהאט, ער איז געווען א קלוגער פערד...

— ניין איך האב איהם פיינד! — איז דאס קליינע שוועסטעריל אוועק פון דיק'ס קבר זיך רייבענדיג מיטביידע הענט איהרע אויגען און שאקלענדיג איהר קעפעל.

# X

## גוטע שכנים

נאכדעם ווי ראזענבערג האט בעגראבען זיין פערד דיק האט ער שוין דערפיהלט, אז ער איז אין דער היים אן איבעריגער און א פרעמדער.

דערצו האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז מען קוקט איהם נאך און אימיצער אדער אלע ארום ווייסען, אז ער האט פאר'סמ'ט זיין פערד.

א גאנצען טאג האט ער געטראגען די קלעצער פון וואלד. זיי פאוואליע צוזויגען אין קליינע קלעצלאך און זיי נאכדעם צושפאלטען אין שייטלאך האלץ און זיך אזוי פארגעסען אין דעם פאר'סמ'טען פערד.

נאר אז ער האט זיך ביינאכט געלייגט שלאפען, האט ער נישט געקענט איינשלאפען. פאר זיינע אויגען איז אלע מאל אויפגעשטאנען דאס בילד, ווי אזוי זיין פערד דיק האט געטרונקען דאס ווארימע וואסער מיט'ן גרינעם סם...

אט אזוי איז ער ווינציג געשלאפען און זיך געגרייט צו פאהרען אין דער גרויסער שטאדט, זיך געהיט פאר מענשען און אויסגעמיטען זיין אייגענע ווייב.

אמאל איז ער געשטאנען און געהאקט האלץ, אז מר. וויינבוים איז ארויפגעקומען פון וועג.

ראזענבערג האט זיך גענומען פלייסיג צו דער ארבייט, גלייך ווי ער וואלט נאר נישט בעמערקט, אז אימיצער קומט אן פון וועג.

— גוטען אָבענד אייך — האָט מר. וויינבוים פרעהליך אויסגע־שריגען.

ראָזענבערג האָט זיך געטהאָן א וואָרף און אויפגעהויבען זיינע אויגען. זיין פּנים איז געוואָרען בלאַס און ער האָט געענטפערט:

— גוט יאָהר, א גאַסט מר. וויינבוים. — האָט אוועקגעוואָרפען די האַק און זיך געלאָזט געהן אין הויז אריין מיטרופענדיג דעם גאַסט אין הויז אריין.

וויינבוים האָט געזאָגט:

— איך בין נישט געקומען טרייבען וויזיטען. עס איז נישטאָ קיין צייט, איך בעדאַרף נאָך זעהן די איבעריגע שכנים.

— וואָס־זשע האָט איהר גוטעס צו דערצעהלען? — האָט ראָ־זענבערג זיך געטהאָן א קראַץ אין קאָפּ בעגלייט מיט א טיעפען זיפץ — ביי מיר הערט זיך זעהר נישט קיין גוטעס.

— חלילה א קינד ביי אייך נישט געזונד? — האָט מר. וויינ־בוים זיך דערשראָקען.

— נאָך ערגער ווי א קינד.

— איז אייער ווייב קראַנק צו בעט, גאָט בעהיט?

— ניין, מיין ווייב איז געזונד, נאָר ביי אונז איז דאָס פערדעל אוועק פון דער וועלט — האָט ראָזענבערג געזאָגט מיט אן אראָפּגע־לאָזטען קאָפּ.

— וואָס איז איהם געווען?

— געווען איז איהם גאָרנישט, עס האָט איהם געפעהלט א חאָ־לעריע אין זיינע ביינער ביי מיר. האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און זיך אוועק געלייגט אין וואַלד און שוין מעהר נישט געוואָלט זיך אויפ־הויבען.

— פאַר וואָס האָט איהר נישט גערופען די שכנים, האָלט מען אייך געהאָלפען אויפהויבען דאָס פערד.

— וואָס פאַר א שכנים האָב איך דאָ?

— איך בין שוין אן אלטער, אָבער א שכן בין איך. איך וואָלט געהאָלפען, ווען איהר רופט מיך. און פאַר וואָס האָט איהר נישט גע־רופען דוד וואַלדען?

— איך האָב זיך שוין מיט דעם וואַלדענען געגוג אָפּגעבריהט.

— ברוגז?

— ער איז צו קלוג פאַר מיר.

— איהר האָט אַ טעות, מר. ראָזענבערג. דוד וואָלדען איז אַ וואוילער בחור.

— ווי ביי ווען.

— וואָס האָט ער אייך שלעכטס געטהאָן?

— ער אליין האָט מיר קיין בייז נישט געטהאָן.

— טאָ וואָס־זשע ווילט איהר?

— איך וויל גאָר נישט, מר. וויינבוים.

— אָבער ברוגז זיין איז דאָך נישט שעהן; עס איז נאַריש!

ראָזענבערג האָט מעהר נישט גענטפערט, אָבער ער האָט גע־פיהלט, אַז ער איז דער גערעכטער, און וואָס מעהר ער וועט שווייגען וועט זיין בעסער פאַר איהם.

— נאַ! איך בין דאָך געקומען עפּעס אויפצוטהאָן, — האָט זיך מר. וויינבוים אַ כאַפּ געטהאָן. — איך וויל אייך בעטען, אַז איהר זאָלט קומען צו מיר דעם שבת נאַכט.

— וואָס איז עפּעס נייעס? תנאים?

— ניין, גאָר אַן אַנדער זאַך.

— איך ווייס, אַ איד האָט אַ מיידעל, בעדאַרף ער מאַכען תנאים. נאָר אַז ניט איצט, וועט עס זיין אין אַן אַנדער טאָג. אָבער וואָס עפּעס איז פאַר אַ שמחה?

— איך וויל קיינעם ניט דערצעהלען וואָס און ווען. איך פּער־בעט די שכנים צו מיר אין הויז אריין. דער אַלטער וויינבוים בעט בעדאַרף מען קומען. און די וואָס ווע‏לען קומען וועלען שוין וויסען וואָס און וואָס. איך קען אייך נאָר זאָגען, אַז איך האָב אייך אַלעמען צו דערצעהלען אַ שעהנע זאַך.

— אפשר קענט איהר עס מיר שוין דערצעהלען. קומט אריין צו מיר אין הויז אביסעל, ווייל ביז שבת נאַכט ווער ווייסט וואו איך וועל נאָך זיין.

— ראָזענבערג, וואָס רעדט איהר נאַרישקייטען? אַ מענש בע־דאַרף קענען אריבערטראָגען אַלעס, וואָס עס מאַכט זיך. נו, איז אַ פערד געפאַלען. מען איז דאָך ביי גאָט אין די הענט. אָבער זיך נעמען צום הארצען טאָר מען ניישט.

— איך וויל זיך קיין מעשה נישט אָנטהאָן. אָבער איך פאָהר דאָך אוועק אין שטאָדט צו דער ארבייט, קען זיין, אַז שבת נאַכט וועל איך שוין שווימען מיט דער שיף.

— איהר פאָהרט שוין ווייטער אין שטאָדט?
— וואָס דען זאָל איך טהאָן?
— ווען איהר פרעגט ביי מיר, היים איך אייך ניט פאָהרען.
— וואָס דען זאָל איך טהאָן?
— ווען איהר פרעגט ביי מיך, היים איך אייך בלייבען דאָ.
— וואָס וועל איך דאָ טהאָן?
— ווען איהר פרעגט ביי מיר, זאָג איך, אז א מענש בעדאַרף זיך קלעפּען צו איין אָרט, אזוי ווי א שטיין קלעפּט זיך צו דער ערד. מיט דער צייט הויבט דער שטיין אָן צו ווערען בעוואַקסען מיט גראָז.
— וואָס זאָל איך טהאָן?

פון דעם טהאָל, וואו ראָזענבערג'ס הויז איז געשטאַנען, האָבען זיך נעזעהן ארום און ארום בערג און וועלדער, פון ווייטען אויף א בארג האָט אימיצער געאַקערט, און אין דעם שטאָלענעם מעסער פון אַקער האָט זיך די זון אָפּגעשפּיעגעלט. עס איז פון דאָרטען געלאָפען אָן אָפשיין און ארום געשפּרונגען איבער די שפּיצען פון די בוימער.

ראָזענבערג האָט בעהאַלטען זיינע אויגען פון אָבשיין און אויך פון וויינבוים'ס אויגען, בעהאַלטען זיין אונרוהיג שפּרינגענדיג גע־מיטה, און אויף אַלץ געענטפערט קורץ און נישט בעשטימט. עס האָט זיך איהם גערואַכט, אז ער קען אַלעס פאר וויינבוים'ען ניט דער־צעהלען, סיידען ער זאָל זיך פאר איהם גוט אויסוויינען, נאָך דעם וועלען זיך עפענען פרייע טויערען און ער וועט קענען דערצעהלען, ווי אזוי ער איז פון זיין פריהער קינדהייט אָן געפלאָנט און פערוואַנגעלט געוואָרען.

מר. וויינבוים האָט, ווייזט אויס, ניט געזעהן, וואָס עס טהוט זיך ביי ראָזענבערג'ען אויף דעם דנאָ פון הארץ. ער האָט נאָר געזעהן, אז ראָזענבערג'ס פּנים איז בלייך און פאַרזאָרגט, האָט ער געזאָגט:
— זאָרגען זאָלט איהר זיך נישט, ראָזענבערג. איך ראָטה אייך צו בלייבען דאָ. איהר וועט שוין ווי אַלע לעבעדיגע מענשען עפּעס געפינען וועגען ווי אזוי זיך ארויסצודרעהען.
— וואָס טויג דאָס ריידען, — איז שוין ראָזענבערג אַביסעל ארויס פון געדולד. — איך מוז פאָהרען אין שטאָדט. ווער קען ווי־סען וועמען דער שוק קוועטשט? איך ווייס אז איך מוז פאָהרען אין שטאָדט ארבייטען.
— און ווי אזוי וועט איהר לאָזען אייער ווייב און קינדער?

— אויף די גוטע שכנים...

וויינבוים האָט פערשטאַנען דעם לינקען וואונק פון ראָזענבערג'ס ווערטער און געזאָגט:

— איצט האָבען מיר גוטע שכנים. איך בין שוין דאָ אריבער 30 יאָהר. איך וויים, אז מיר האָבען גוטע שכנים. און איך זאָג אייך בלייבט דאָ, איך וועל אייך העלפען, ווי ווייט איך וועל קענען, ביז איהר וועט זיך אריבערשטופען דעם ווינטער.

— איך דאַנק אייך פאַר אייער מיה אָנצופילען אַ צולעכערטען זאַק.

— איך זעה דאָך, אז איהר רייסט זיך אין שטאָדט אריין, — איז פלוצים מר. וויינבוים אריינגעפאַלען ראָזענבערג'ן אין די רייד, — פאַרט־זשע אין שטאָדט געזונטער הייד און מאַכט געלד, אָבער פאַלגט מיך און ברייגגט דאָס געלד אהיים. זומער לעב וועט קומען, וועל איך אייך העלפען מיט מיינע אָקסען. איהר בעדאַרפט נישט קיין פערד דערווייל. ביז איהר וועט נישט האָבען גענוג היי פאַר דעם פערד.

— איהר ווילט איך זאָל פריהער אריינקלאַפּען דעם צוואָק און נאָכדעם קויפען דעם הייגגלייכטער, מר. וויינבוים. אָט האָב איך שוין נישט מיט וואָס צו ברייגגען ברויט און הערינג פון ווילעדזש פאַר מייגע קינדער.

— איך וועל מיטנעהמען, איך געה מאָרגען אין שטעדטעל. איך וועל פאַר אייך ברייננען ברויט מיט הערינג. אָבער קומט צו אונז שבת נאָכט. עס איז אַזוי גוט פון אייער טובה וועגען, ווי פון מיין'ט וועגען. אפשר וועט זיין פאַר אייך ארבייט אויף דעם גאַנצען ווינטער, אָט דאָ.

# XI

## ווייסער שנעע

דער ערשטער שנעע האָט זיך פאַרשפּעטיגט, אָבער זיך אָנגעהויבען צו שיטען ווי דורך אַ גרויסער זיפּ און פאַרדעקט אַלע וועגען און אַזוי ווי מיט דעם פּולווער פון ווייסען מעהל פערשטויבט די בוימער און די וועלדער.

ווייס בערעקט און פארטשויבט דעם דאך פון הויז, די קארניזען ארום די פענסטער, די שטאכעטען פון גאניק און די שפיציגע שטיי־נער פון דעם פלויט.

האט מר. וויינבוים זיינע אקסען ארויסגעפיהרט צו דעם וואסער, האבען זיי געשפרונגען מיט פארריסענע עקען און זיך געשפיעלט מיט די שטיקלאך שנעע. און זייערע ברייט ביינינע קריזשעס זיי־נען פערשטויבט געווארען מיט א דינעם הויך פון שנעע.

ראזענבערג'ס שווארצער הונט איז ארום געגאנגען א פרייער ארום דער הויז און פון זיך אלע מאל אפגעטרייסעלט דעם שנעע, און באלד ווייטער געווארען ווייס און געגענעצט מיט זיין לאנגען מויל.

דער הונד האט א קוק געטהאן, אז פון דער הורבע מיט דעם אנגעהאקטען האלץ ווערט א ווייסער בארג, האט ער אנגעהויבען צו בייזערען זיך און זיך געווארפען אויף דעם ווייסען בארג מיט א בילעריי.

ראזענבערג'ס קינדערלאך האבען זיך אלע ווילע ארויסגעכאפט און צוריק אריין אין הויז מיט פארשנעעטע היטלאך און מיט קנוילען שנעע אין די הענט און די קנוילען געפרובט קייקלען אויף דעם הייסען אויווען.

דורך א פענסטער האט מען גאר נישט געזעהן.

איז מען ארויס און געקוקט אין דרויסען, האט מען ווייטער פון דער נאז גאר נישט געקענט זעהן.

עס איז געוועזען שטיל און מען האט געהערט די שטילע טריט פון דעם שנעע אויף דעם ערד.

דער וואלד העקער האט זיין האק אונטער דעם ראק פארבא־האלטען.

אין די ווייטע וועלדער איז די זעג־מיהל געבליבען שטעהן און נישט געקענט שניידען די קלעצער.

זיינען די העקער אהיים געגאנגען מיט פערוזילבערטע וואנצען און ברעמען און מיט ווייסע פערשנעעטע הילטען.

איינער פון די העקער איז געווען דער פאלאק זשאק, וועלכער האט געוואהנט מיט ראזענבערג'ן אין שכנות איבער'ן וועג.

ער האט געוואלט אויף צוריק־וועגס פון דער זעג־מיהל אריינ־געהן צו ראזענבערג'ן, נלאט אזוי אריין געהן. סיי ווי שנעעט, וועט מען זיצען און שמועסען.

האָט ער זיך אָבער דערמאָהנט, אַז ראָזענבערג דאַרף זיין ברוגז אויף איהם, פאַר וואָס ער האָט צוגעלאָזען, אַז מען זאָל איהם אויפ־ציהען מיט דעם שטריק און לאָזען היינגען.

ער האָט זיך צולאַכט, איז אהיים געקומען אין זיין הויז אריין, וואָס איז בעשטאַנען פון איין גרויסען צימער, מיט אָפּגעריסענע ווענט און אָהן אַ סטעל, די שינדלאַך פון דאַך און די קראַקוועס אויף זיינען געוועזען אָבגעווייסט מיט קאַלך, שנעע׳לאַך האָבען זיך דורכגעשטופּט און אריינגעפלויגען אין צימער ווי וויסע קליינע פליגעלאַך.

דער פּאַלאַק האָט אונטערגעהייצט דעם אויווען, זיך אָבגעטרוי־קענט זיינע קליידער און אויסגעטהאָן זיינע שטיוועל.

אַ באָרפוסער איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דעם פארשטויבטען הילצערנעם דיל און זיך געקיהלט זיינע צוואווארימטע, רויטע פיס.

דער אויווען האָט זיך צוברענט און דעם פּאַלאַק׳ם פּנים איז גע־וואָרען רויט און אויסגעברייטערט. ער האָט זיך אומגעדרעהט אַ באָרפוסער און האָט אויסגעוויזען ווי אַ וואַלד חיה, וואָס שפּאַנט ארום אויף די הינטערשטע פיס.

ער האָט אָפּגעגעסען זיין מאָהלצייט, געטרונקען אַ סך קאַלטע וואסער, געקוקט דורך דעם קליינעם פענסטער, געשאָלטען דעם שנעע.

געדרעהט מיט זיינע הענט, ווי מיט גראָבע שטריק אין דער לופ־טען, זיך געצויגען אויף דעם בעטעל, וואָס איז געוועזען צונויפגע־קלאָפּט פון פּראָסטע ברעטער און מיט שטרוי אָנגעבעט.

און געמוזט אָנקומען צו זיין ארבייט, וואָס ער טהוט אלע אויף דער נאַכט אהיים קומענדיג פון וואַלד.

ער האָט אָנגעהויבען צו זינגען די איינציגע תפילות, וואָס זיין מוטער האָט איהם אויסגעלערנט אויף אויסווייניג.

זיי געזונגען אַ גאַנצען טאָג, טאָ ליגענדיג אין בעט, טאָ שטעה־ענדיג ביים פענסטער, מיט זיין שטערן איינגעקוועטשט אין קאַלטען גלאָז.

געוואָרפען שייטען האָלץ אין אויווען און אַז דער שנעע איז נאָך אלץ געגאַנגען, האָט ער ווייטער געזונגען, אלע מאָל איבערבייטענדיג די קאָלירען פון דער שטימע און אויסציהענדיג די ווערטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלען זיך נישט אויסלאָזען.

אין אָבענד האָט ער ניט אָנגעצונדען קיין ליכט. דער שנעע האָט אריינגעווייסט דורך די פענסטער און עס האָט אויסגעוויזען אַזוי,

ווי אַ ווייסע פרוי שטעהט ביים פענסטער און ווארפט מיט איהרע צולאָזענע לאַנגע, ווייסע האָר, בויגענדיג איהר קאָפּ טאָ אהין, טאָ אהער.

דער פּאָלאַק האָט נישט געוואָלט אַנציגדען קיין ליכט אין הויז, ווייל ער איז געוועזען בייז אויף דעם שנעע, אויף זיין מוטער, וואָס האָט איהם איבערגעלאָזען און אוועק אויפצווזוכען דעם טאַטען ערגעץ אין דער ווייטער וועלט.

„פאַרוואָס האָט ער אַנגעטריבען דעם טאַטען זיינעם?"

ווייל ער איז געוועזען אַ פּוילער. די מאַמע זיינע האָט געהאַלטען אין איין קלאָגען זיך פאַר זשאַק'ען, אַז ער זאָל זעהען עפּעס טהאָן, כדי דער טאַטע זאָל אַנטלויפען פון דער היים.

האָט זשאַק איהם נעטהאָן געבראַטענע לייד און איהם פאַרטריבען פון דער היים.

די מאַמע האָט אויפגעלעבט, געוואָרען צוריק יונג, געזונד.

ווערט איהר דאָ אומעטיג.

זי קען נישט זיין גאַנצע טעג אַליין אין שטוב. זי קען נישט רוהען און שלאָפען. עס דאַכט זיך איהר נור, אַז דער טאַטע ליגט שוין ערגעץ און פוילט אין דער ערד.

נו, ווייל זי פאָהרען אין דער וועלט און זעהען צי זי קען איהם נים געפינען. און אויב זי וועט איהם ניט געפינען, וועט זי וויסען, אַז ער פוילט שוין ערגעץ אין דער עהרד. וועט זי נאָכדעם אהיים קומען און אַנציגדען אַ לעמפּעל נאָך זיין נשמה אונטער דאָס הייליגע בילד.

זאָמט זי זיך, פאַרגעסען צו קומען צוריק.

הייסט עס זשאַק'ען פאַרנאַרט איבערגעלאָזען און אַליין לעבט מען ערגעץ אויף דער וועלט אַ גוטען טאָג.

זשאַק וועט וואַרטען אַ ווינטער און אַ זומער, און אַז די מאַמע וועט נישט קומען, וועט ער שוין וויסען וואָס צו טהאָן.

דערוויייל זינגט ער די לידער, וואָס די מאַמע האָט איהם אויס־געלערנט.

ליגט זשאַק אין קאַלטען הויז איינגעדעקט מיט זיינע גראָבע קאָלדרעס און איז ברוגז אויף דעם שנעע.

און ער זינגט ווייטער זיינע לידלאַך.

ביי טאָג האָט דער שנעע אויפגעהערט צו געהן.

דער הימעל איז געוואָרען לויטער בלוי, און די זון האָט אָנגע־הויבען צו וואַרימען דעם שנעע. פון די דעכער און פענסטער קאַר־ניזען האָט גערונען דער צולאָזענער שנעע און דער גאַנצער ברעג פון דאַך איז געוואָרען ארום געהאַנגען מיט קליינע אייז־ליכטלאַך.

זשאַק איז אַרונטערגעשפּרונגען פון זיין שטרויענעם בעט, זיך אָנגעטהאָן, אַריינגעבראַכט פרישע וואַסער און זיך גוט אויסגעוואַשען דעם קאָפּ און דאָס פּנים.

נאָכדעם געקעמט זיינע רויטליכע האָר פון זיין קאָפּ און פּנים (זיין פּנים האָט ער שוין לאַנג נישט געגאָלט און די האָר פון זיין קליין, גערדיכט בערדעל זיינען געוועזען ווייך און געקרייזעלט).

דעם אויוועז האָט ער נישט אונטערגעצונדען, געגעסען ברויט מיט קאַלטען, פאַרפרוירענעם וואורשט און פאַרטרונקען מיט קאַלטע וואַסער.

ער איז אַרויס אין דרויסען, דאָס ווייסקייט האָט פאַרמאַכט זיי־נע אויגען און ער האָט נישט געקענט קוקען אויף דעם שנעע, וועלכער האָט אָפּגעשפּיגעלט אַ געלבליכען אָפּשיין פון דער זון.

זשאַק איז געקראָכען אין דעם טיפען שנעע און געהאַט הנאה פון זיך און עס איז איהם געוועזען ווארים זיין גאַנצער לייב.

כאָטש אין דרויסען איז אויך געוועזען ווארים, און דער קיידי־דיד פויגעל האָט נאָך ערגעץ געזונגען, פון דעסטוועגען האָט זיך געפיהלט, אַז איבער דעם ווייכען דעק פון שנעע ציהט זיך איבער אַ דינע, פראָס־טיגע הויט, וועלכע ברעכט זיך, ווי אַן אויסגעטריקענטע פּאַפּיר, היג־טער די פיס.

שוואַרצע קראָהען זיינען געפלויגען אהין און אהער, און איבער דעם וועג און שנעע איז געוועזען אויסגעשפּרייט אַ גלייכע שורה פון קליינע, טיפע טריט פון אַ לויפענדען פוקס.

זשאַק איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם סליאַד פון די טריט און גע־זעהן, אַז זיי ציהען זיך ערגעץ ווייט אוועק. האָט ער זיך אויסגע־דרעהט און אריבערגעשפּרונגען דעם שטיינערנעם פּלויט פון זיין שכן ראָזענבערג.

זשאַק האָט ניט פערגונען דאָס ווייסקייט פון דעם שנעע אויף ראָזענבערג׳ס לאַנקע און ער איז מיט זיינע גרויסע פיס געקראָכען און צושאַרט דעם שנעע און געמאַכט אַ קרומען שטעג איבער דער גאַנצער לענג פון דער לאַנקע.

זשאק האָט זיך ווי אַריינגעגנב'עט צו די ראָזענבערג'ס אין הויז אַריין.

די קליינוואַרג האָט איהם אַרומגערינגעלט און איהם אָנגעהויבען צו שלעפּען ביים ראָק און פיליפּ האָט דעם גאַנצען פינגער פון זיין רעכטער האַנד אַריינגעטשעקט אין זיין אויערעל און מיט די איבריגע פינגער געשאָקעלט, ווי אַ שוויין שאָקעלט מיט זיינע אויערען.

זשאק האָט זיך געדרעהט אין דער מיט שטוב און מיט זיינע גרויסע הענט, ווי מיט הילצערנע לאָפּעטעס, אַלע מאָל אוועקגעשאַרט די קליינע קינדערלאַך פון זיך און זיי זיינען צוריק אויף איהם אָנגעפאַלען.

טריקס, דער הונד, אויף וועמען די שוואַרצע, לאַנגע האָר זיינען געוועזען נאַס און ווי אויסגעקעמט מיט אַ קאַם, איז געשטאַנען הינטער'ן גרויסען טיש און געשטופּט זיין צונג פון לאַנגען שפּיציגען מויל אַרויס און געקוקט אויף דעם, וואָס די קינדערלאַך טהוען מיט זשאַק'ן און עס האָט אויסגעוויזען, אַז דער הונד לאַכט.

ראָזענבערג האָט פריהער ווילד הנאה געהאַט, וואָס זיינע קינדער טהוען מיט זשאַקען. אָבער באַלד האָט ער אָנגעשריגען אויף די קינדערלאַך, ווען ער האָט איבערגעטראַכט, אַז ווי באַלד אַ מענש קומט צו איהם אין הויז אַריין איז דאָך איהם גוט קאַלומיטנע אויף זיין האַרצען און ער איז שוין געגנוג אָפּגעקומען מיט דעם אַליין, וואָס ער מוז עפענען די טיר פון דעם מענשענ'ס הויז, וועמען ער האָט פיינט.

געהייסען זשאַקען זיצען און אַליין האָט ער זיך ענטשולדיגט, אַז ער מוז געהן אין וואַלד אַריין.

זשאַק האָט געטראַכט, אַז מען וויל איהם דאָ עפּעס פאַרנאַרען. ער איז געקומען צו ראָזענבערגען, איהם געטראָפען אין דער היים. פאַר וואָס זשע געהט ער אַוועק אין וואַלד אַריין? וואָס איז יעצט דאָ צו טהאָן אין וואַלד.

און דערפאַר האָט ער געפרעגט ראָזענבערג'ן:

— וואָס, נעהסט אַרויס מיט אַ בעזעם אָפּצוקעהרען דעם שנעע פון די ביימער?

— יעס סיר! — האָט ראָזענבערג אַ געשריי געטהאָן און פאַרמאַכט די טיר מיט אַזאַ קלאַפּ, אַזש די פענסטער פון הויז האָבען אַ דרינזשע געטהאָן.

זשאַק האָט געפיהלט, אַז ער איז געבליבען איינער אַליין אין

דער גרויסער קיך. כאַטש ביידע מוידען, אסתר און חאַשקע, זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקעל פון קיך איבער אַ גרויסער הילצערנער קייכ־ליגען וואַש־טאָפּ און געריבען דאָס גרייט אויף גערינצעלטע וואַש־אייזענס. די מרס. ראָזענבערג האָט זיך געלאָזט הערען עפּעס מיט אַ ברוגז'דיגען פון מאָל צו מאָל אויסגעשריי, פון אַן אַנדער צימער, און אַז זי איז שטיל געוואָרען, האָט זיך געהערט ווי דאָס קליינע קינדעלע איהרע „ציהט דעם מאַרעך פון איהרע ביינער".

זשאַק האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ ווינקעל פון הילצערנעם, לאַנ־גען טיש, געהאַלטען זיין הוט אין זיינע הענט, געצעהלט די צומישטע ווינטער־פליגען, די קינדערלאַך און ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן.

אסתר ראָזענבערג האָט געהאַט מיטלייד מיט זשאַק'ען. זי האָט געכאַפּט אַ קוק צו זיין פּנים, און אַזוי ווי אַ דערוואַקסענע פרוי דורכ־געדרינגען זשאַק'ען.

זי האָט איהם געפרעגט:

— זשאַק, ווילסט אפשר העלפען וואַשען?

— איך בין פויל צו וואַשען מיין אייגען גרייט... — האָט זשאַק געשמייכעלט און האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, צוגעגאַנגען צו דעם ווינקעל, וואו די צוויי שוועסטער האָבען געוואַשען דאָס גרייט. ער האָט אליין געפיהלט אַזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען צו זיין אייגענעם קבר. שווער און אונבעהאָלפען איז ער געגאַנגען, שאַרענדיג מיט זיינע ברייטע, לאַנגע פיס און מיט ביידע הענט האָט ער געדרעהט זיין הוט.

זשאַק האָט זיך אַנגעשפּאַרט אין וואַנד.

אסתר און חאַשקע האָבען צו איהם געקוקט, אַלע מאָל אַן אַנ־דערע, אויסדרעהענדיג זייערע קעפּ און ניט אויפגעהערט זיך צו שאָק־לען איבער דעם וואַשטאָפּ און מיט זייערע האַלב־נאַקעטע הענד אַלע מאָל איינגעטונקען אַ שטיקעל גרייט אין דעם גרויען קאַלעמוטנעם וואַסער מיט דער ווייס־גרויער פּינע.

אסתר האָט זשאַקען אַ שפּריץ געטהאָן מיט וואַסער אין פּנים אריין. און עס געמאַכט אַזוי, אַז מען האָט ניט געקענט וויסען ווער עס האָט אַ שפּריץ געטהאָן. זשאַק האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן, אָפּ־געווישט דאָס פּנים מיט זיין היטעל און ניט געוואוסט, וועלכע פון די צוויי שוועסטער האָט עס איהם אָפּגעשפּריצט. ער איז געוואָרען אויפגערייצט און האָט זיך דערוויל איינגעצוימט מיט דעם, וואָס ער

האט מיט זיין היטעל א קלאפ געטהאן איבער די פלייצעס אי אסתר'ן אין האשקען.

— פאר וואס קומט עס מיר? — האט האשקע זיך געבייזערט.

— זי האט עס געטהאן.

— פאר וואס קומט עס מיר? — האט אסתר זיך אויך געביי־זערט. — זי האט עס אליין געטהאן און זאגט אויף מיר.

ביידע שוועסטער זיינען אנטשוויגען געווארען, ווי זיי וואלטען עפעס אנגעהויבען צו פערטראכטען.

דערווייל האבען זיך די גערינצעלטע בלעכען איינע אין די אנ־דערע זיך אנגעקלאפט. ביידע מיידלעך זיינען מיט דעם קאלעמוט־נעם וואסער פערשפריצט געווארען.

— דו לאנגער קלאץ! — האט האשקע זיך אויסגעריבען איהרע גרויסע אויגען און זיי ניט געקענט עפענען.

— און אז דו ביזט א גראבער קלאץ! — האט אסתר נוט אוועק־געשטעלט איהר גערינצעלטען בלעך אין דעם וואש־טאב און ווייטער געוואשען, ניט אפווישענדיג איהר נאס פנים.

מרס. ראזענבערג איז אריין מיט נאך ניט קיין צוגעקנעפעלטען בוזעם און מיט א פערפלאמט פנים.

— וואס איז שוין ווייטער?

— מאמע, זי לאזט מיך ניט וואשען! — האט האשקע די ערש־טע זיך פערקלאגט, און נאך אלץ געריבען מיט די בלאס־ראזעווע פינ־גער איהרע אויגען.

— איך לאז זי ניט וואשען. זאל זאגען זשאק צו איך טהו איהר עפעס שלעכטס, — האט אסתר ניט אויפגעהערט זיך צו שאקלען ניך, גיך איבער דעם וואש־טאפ, וועלכער איז געשטאנען אויף צוויי ביינקלאך.

— נאר א שאנד פאר א מענשען — האט מרס. ראזענבערג זיך צולאזען מיט א וויינענדיגע שטימע און אויפגעהויבען איהרע קורצע האנד און מיט צושפרייטע פינגער אפגעלאזט א פליאסק אסתר'ן אי־בער'ן קאפ און האשקען ווידער אן אנדער פליאסק איבער איהר פנים.

זשאק האט געשמייכעלט. מורא געהאט טאמער כאפט ער אויך א פליאם פון מרס. ראזענבערג, האט דערפאר געהיט מרס. ראזענ־בערג'ס בעוועגונגען און געשמייכעלט, דרעהענדיג מיט זיין היטעל,

ווי א שטוב הונד דרעהט מיט זיין עק, ווען די באַלעבאַסטע שלאָגט די קינדער.

— נאָר א שאנד פאַר א פרעמדען מענשען, — האָט זיך מרס. ראָזענבערג נאָך אַלץ געשפּאַרט אויף דאָס איהריגעס. — געהט מיר ביידע אין... איך וועל זאָגען ראָזענבערג'ן, אַז ער זאָל אייך מיט־נעהמען מיט זיך אין שטאָדט אריין און זאָל אייך דאָרטען ערגעץ איבערלאָזען אין מיטען גאַס און אַנטלויפען פון אייך...

# XII

## אַ ביין פון אַ מענשען

שבת צו־נאַכט.

אַלע פענסטער פון דער פיערעקעכיגער גרויסער הויז, אין וועל־כער די וויינבוים'ס האָבען געוואָהנט, זיינען ליכטיג. און ווייט אי־בער די פערשנעעטע וועגען האָט דאָס הויז געלויכטען, ווי א גרויסער לאָמטערן.

אַלע ווײַלע איז אן אַנדער גאַסט אָנגעקומען אין דעם קליינעם הויף, ביים הויז.

מר. וויינבוים איז אַלע מאָל ארויס פון הויז, א געשריי געטהאָן פרעהלאך „א גוטע וואָך“, ניט וויסענדיג דורך דער פינסטערקייט פון דעם מיטמאַנאַטיגען אָבענד, וועמען ער בעגריסט.

נאָר אַז דער גאַסט האָט געענטפערט, האָט שוין מר. וויינבוים געוואוסט ווער עס איז געקומען נאָך דעם קלאַנג פון יענעמס קול, האָט ער זיך ניט געפוילט און נאָך אמאָל א געשריי געטהאָן: „א גוטע וואָך, ראָזענבערג“, אָדער „א גוטע וואָך, וואַלדען“.

אין הויז איז געוועזען וואַרעם. מען האָט זיך ארומגעזעצט ארום דעם לאַנגען, שווערען טיש.

צווישען די געסט זיינען געוועזען ראָזענבערג מיט זיין פרוי, דער אַלטער וואַלדען, דוד וואַלדען און זיין מוטער.

דוד וואַלדען האָט זיך ניט געזעצט ביים טיש, נאָר אין א ווינ־קעל פון דעם גרויסען צימער אויף דער וויעגשטול.

ער האָט בעטראַכט דאָס מעבעל און די ווענט. די פענסטער פון

הויז זיינען איהם נאָך אַ מאָל ניט געפעלען, ווייל זיי זיינען געוועזען פון דעם פוריטאַנישען סטיל מיט קליינטשיגע שייבעלאַך.

דערפאַר איז איהם דאָס מאָל שטאַרק געפעלען דער גרויסער, שווערער טיש מיט די צוויי לאַנגע ביינק פון ביידע זייטען. די ביינק און דער טיש זיינען געוועזען געמאַכט פון האַרטען האָלץ, מיט זייער נאַטירליכען קאָליר, שווער און ברייטלאָך זיינען זיי געשטאַנען אין דוד'ן אריינגעבראַכט אין אַ רוהיגער שטימונג: גאַסטפריינדליכקייט.

מר. וויינבוים איז געזעסען אויבען־אָן און מיט אַ שיינענדען פּנים געפיהרט אַ געשפּרעך מיט די געסט. דוד האָט ניט געהערט וואָס זיי ריידען. איהם האָט אָבער געצויגען דער פרעהליכער אָפענער פּנים פון מר. וויינבוים און זיין ברוינער האָלז, וואָס האָט זיך אַזוי רוהיג און שעהן געדרעהט אין דעם צוקנעפּעלטען ווייסען העמד.

חוץ דעם הייגנענדען לאָמפּ, וואָס האָט זעהר שעהן בעלויכטען דאָס גרויסע צימער, האָבען צוויי ליכט געברענט אין גלייזערנע, הויכע לייכטער.

דוד האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו ברענענדע ליכט. ער האָט זיך דערפיהלט היימיש און אַזוי ווי אויף אַ שמחה.

אסתר וויינבוים האָט געכאַפּט דוד'ס הוט. איהם אָנגערוקט איבער איהר קאָפּ. איהר ברוינער פּנים האָט געפלאַמט און די שוואַרצע האָר זיינען געוועזען צוואָרפען און אַראָפּגעהאַנגען איבער איהר פּנים און געקראָכען אין איהרע גרויסע אויגען.

זי איז אַרומגעלאָפען איבער דער שטוב און געבראַכט צום טיש, וואָס זי האָט נאָר געקענט געפינען גוטעס.

די מוטער האָט זי אַלע מאָל אָוועקגערופען אין קיך אריין און באַלד איז אסתר צוריק געקומען מיט פולע הענט.

מר. וויינבוים האָט זיך געבעטען ביי זיינע געסט, אַז זיי זאָלען עסען אָט די אַלע זיסע זאַכען, וואָס זיין ווייב רבקה האָט געשטעלט צום טיש. „דאַנקען גאָט, זי באַקט אַלע וואָך גוטע זאַכען. קומען מענשען, זאָלען זיי עסען געזונטערהייד!

וויינבוים'ס פרוי האָט אריינגעבראַכט אַ גרויסע טאַץ אָנגעשטעלט מיט גרויסע און קליינע גלעזער. אסתר איז אונטערגעלאָפען אין קיך אריין און געבראַכט אַ קריגעל מיט עפּעל־קוואַס, אָנגעגאָסען פולע גלעזער און זיי צושטעלט צו איטליכען גאַסט אַ גלאָז. אַליין האָט זי זיך אָנגעגאָסען אַ קליין גלעזעל קוואַס, אויסגעטרונקען, זיך אַזוי ווי

אין עפּעס דערמאָהנט און זיך צולאַכט. באַלד אָנגעגאָסען נאָך אַ גלע־זעל, געזאָגט:

— אַז די געסט ווילען ניט טרינקען!" — און צוגעטראָגען דוד'ן דאָס גלעזעל מיט דעם קריסטאַל ווייסען עפּעל קוואַס.

דוד האָט געזאָגט, אַז ער וועט טרינקען מיט איהר צוזאַמען. געזאָגט האָט ער דאָס זעהר שטיל. אסתר'ן איז דאָס שטילע ריידען שטאַרק געפעלען. זי האָט דוד'ן צוגעבראַכט אַ גרויסע גלאָז, אָנגע־קלאַפּט איהר גלעזעל אין דוד'ס גלאָז,ביידע ליקווירטען האָבען זיך אָנ־געריהרט, און דערנאָכדעם האָבען זיי ביידע אויסגעטרונקען.

רבקה ווייננבוים האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט ביים טיש. גע־פרעגט ביי דער מרס. ראָזענבערג, וואָס איהרע קינדערלאַך טהוען.

— איך דאַנק פאַר נאָכפרעגען — ענטפערט מרס. ראָזענבערג און כאַפּט אַ קוק אין דער זייט צו דוד'ן מיט אסתר'ן — איך האָב היינט געהאַט אַ דערשרעקעניש. מיינער פאָהרט דאָך אין ניו יאָרק אַוועק. שיק איך מיין אינגעל, דאָס עלטערע, אַז ער זאָל אַרויפגעהן אויף דעם בוידעם און אַרונטערברענגען דאָס רענצעל. קומט ער אַרונ־טער צולויפען מיט אַ געוואַלד: מאַמע, עס ברענט! צוערשט ווער איך פאַר שרעק אַזוי ווי אַ שטיין, דערנאָך קום איך צו זיך און לויף אַרויף מיט מיין אינגעל אויף דעם בוידעם. איהר זאָלט מיר געזונד זיין, טאַקע אַ פייער. אַ רויטער שטיק פייער אין דאַך. מאַך איך שוין אַ געוואַלד. קומט אַרויף צולויפען מיין ראָזענבערג. שריי איך: אַ פייער! פרעגט ער: וואו? ווייז איך איהם. לויפט ער און ברענגט צוויי עמער מיט וואַסער. איך כאַפּ איין עמער וואַסער און באַמע אין דאַך אריין. דער רויטער פלעק שטעהט זיך אויף זיין אָרט. מיין ראָזענבערג טהוט אַ שפּיי און הויבט אויף זיינע הענט: וואו איז דער רויך, אַז עס איז אַ פייער? איך קוק זיך אַרום. גערעכט, עס איז נישטאָ קיין רויך. איך לויף שוין צו און טאַפּ אָן דעם שינדעל, וועלכער איז געווען רויט. קאַלט ווי ביי אַ טויטען דער קאָפּ.

— עס האָט געמוזט זיין פון דער זון. אַ דינער שינדעל, זעהט זיך די זון דורך איהם דורך —בערוהיגט זי רבקה.

— וואָס דען איז דאָס געווען? זיכער, דער שינדעל אַ דינער און די זון האָט דורכגעשיינט. אָבער אַן איבערשרעקעניש, אַז איך זאָג אייך נאָר צום בעשרייבען.

ווען מרס. ראָזענבערג האָט דאָס אַלעס דערצעהלט, האָט זי ניט אראָפּגענומען איהרע אויגען פון אסתר'ן מיט דוד'ן.

אסתר האָט געוויזען דוד'ן בילדער. אַלע מאָל איז זי אריין אין קליי־נעם צימער דורך דער אָפענער טיר, וועלכער איז געוועזען מיט פאָהר־האנגען פערצויגען, געבראַכט בילדער, זיך אָנגעבויגען איבער דוד'ס אַקסעל, אָנגעריהרט מיט איהרע האָר זיין פנים.

עס האָט זיך געעפענט די דרויסענדיגע טיר און אין הויז איז אריינגעקומען אַ הויכער, פעטער איד מיט אַ קליין ארומגעשוירענעם בערדעל.

— גוטען אָבענד, ראַנאָווין, וואָס עפּעס אזוי שפּעט? זיצט.

דער איד האָט זיך פריהער ארומגעקוקט אין אַלע זייטען, ווי ער וואָלט איבערגעצעהלט וויפיעל מענשען עס זיינען דאַ אין הויז, זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט:

— שווער זיך ארויסצורייסען פון הויז. די ארבייטסט פון זון אויפגאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען קען ניט ארויסגעהן צווי־שען מענשען.

— איצט איז דאָך שוין ווינטער — האָט רבקה וויינבוים זיך אריינגעמישט — די ארבייט אין פעלד איז געענדיגט. בעדאַרפט איהר האָבען מעהר צייט. און פאר וואָס האָט איהר ניט מיטגענומען אייער פרוי. זי איז מיר שולדיג צוויי וויזיטען.

ראַנאָווין האָט אראָבגענומען זיין הוט. זיין קאָפּ איז געגאַנגען אויף האַלב וועג אין פּליך אריין. די איבערגעבליבענע האָר האָבען שוין אָנגעהויבען צו ווערען גרוי. זיין פנים איז געוועזען אַ פּאַרמע־טענער, אָהן בלוט. זיין שאַרפע נאָז, זיינע איינגעבויגענע שפּיצינע ברעמען, זיין פערשפּיצט בערדעל האָבען דערצעהלט, אז דער דאָזיגער מענש ארבייט און מיהט זיך ביז זיין לעצטען טראָפּען בלוט און דער־נאָכדעם הויבט ער וויטער אָן פון דאָס נייע ארבייטען.

— שוין די גאַנצע ארבייט געענדיגט, איז ריכטיג! — האָט ראַנאָווין געשמייכעלט. — ערשט צונויפגעבראַכט אַ צעהן קארד האָלץ אין הויף אריין. נאָכדעם נעהם איך בויען אַ „באַרען" און דערנאָכדעם וועל איך וויטער בויען אַ הויז פאַר היהנער.

— איך האָב ליעב אַ מענשען וואָס בויעט און בויעט, — האָט מר. וויינבוים געזאָגט, — דערווייל באַנעצט די ליפּען מיט אַ ביסעל קוואַס...

— וואס האט דאס צו טהאן מיט אייער פרוי, זי איז מיר שולדיג צוויי וויזיטען — האט פרוי וויינבוים זיך גע'עקשנט, — איך וועל עס ניט פארשווייגען!

— מירביידע קענען ניט אוועק געהן פון הויז — האט זיך ראַנגאַווין פארענטפערט. — און גערעכט איז מיינע. אַט קלאַפּען די פערד אין שטאהל, מוז מען ארויסגעהן א קוק טהאן. אדער צושרייען זיך די גענז...

— און וואו איז אייער זוהן, איזידאר?

— מיין זוהן? איך האב איהם גערופען. אבער ער זאגט, אז ער איז ניט געקומען צו מיר הוליען. ער וויל זיך גוט אויסרוהען.

— א שאד וואס ער איז ניט געקומען. פארט א געבילדעטער מענש, — האט מר. וויינבוים באדויערט. — ער וואלט אונז ארויס־געפיהרט אויף א וועג...

ראזענבערג האט א מאך געטהאן „בא", ארויסגענומען זיין פיפ־קע, זי אנגעפילט מיט טוטין און פאררויכערט, און געשוויגען. עס האט אויסגעוויזען אזוי ווי ער לאזט אין געזעלשאפט זיין פרוי ריי־דען און אליין שווייגט ער.

וואס האט ער געקאנט טהאן, זאל עס אויסזעהען ווי עס וויל זיך. ער האט זיך גוט אנגעטרונקען מיט קוואס, געטראכט, ווי ער וועט זיך וויגען אויף דער שיף, וואס וועט איהם ברייגנען קיין ניו יארק, און געלאזען שלאנגען רויך אין דער לופטען פון זיין איבערגעברענטער פיפקע.

מיין זוהן פאהרט דאך אוועק אין שטאדט, מר. וויינבוים, — האט ראנגאווין זיך ווי דערמאהנט, — טא וואס קען ער אונז העלפען.

— אך, גאט מיין גאט, — האט מרס. ראזענבערג א פליעסק געטהאן מיט איהרע הענט און פארמאכט די אויגען. — ווען מיינע קינדערלאך זאלען טהאן א וואקס אוים מיט אמאל, זאג איך דעמאלט צו מיינעם: ראזענבערג, אין שטאדט אריין!

— לייט האפען, אז זייערע קינדער וועלען אויסוואקסען, וועלען זיי אנטלויפען אין שטאדט. איך וויים ניט ווי עס אנצורופען, — האט ראנגאווין גערעדט און מיט איין האנד האט ער גערדעהט דאס ליידיגע גלאז אויף דעם טיש. — איך וויים נאר, אז מיר האבען קוים דער־לעבט אונזער זוהן, איין־און־איינציגער, זאל אויסוואקסען, זיינען מיר אוועק פון שטאדט.

ראַגאָווינ'ס ברעמען האָבען זיך מעהר אויסגעשפּיצט און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מיין זוהן געהט זיך זיין וועג. געענדיגט „קאָלאָמביע", איצט וועט ער חתונה האָבען. נאָ, זאָלען מיר בלייבען אליין איינס אויף איינס אין שטאָדט ערגעץ אין א טענעמענט?... דאָ אויף דער פאַרם זיינען מיר, ניט צו פערזינדיגען, שוין ניט אליין. עס איז דאָ ארבייט פון מיינטוועגען און ארבייט פון איהר'ט וועגען. פערד, קיה, היהנער, גענז, עס איז פרעהלאך, די צייט לויפט ווי מיט א באהן...

מר. וויינבוים האָט זיך אויפגעהויבען און אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנד צו זיין גאַסט ראַגאָווין:

— שלום עליכם! אַט אַזוי האָב איך ליעב, אז א מענש רעדט... וויינבוים'ס אויגען זיינען געוואָרען שאַרף און גלאַנציג און דאָס וואָס ער האָט גערעדט איז געוועזען אַזוי ווי א מעשה, וואָס איינער האָט אַנגעהויבען שוין לאַנג, לאַנג צו דערצעהלען:

— אז איך האָב דעם ערשטען טראָט געטהאָן צווישען די דאָזיגע וועלדער, האָב איך באַלד פאַרגעסען אין דער שטאָדט. זיינע די קינדערלאַך געוועזען קליין, זיינען זיי נאָכדעם אויפגעוואַקסען. איין זוהן איז פון מיר אוועק און איז ערגעץ פערפאַלען געוואָרען אין דער גרויסער וועלט. איז מיר געבליבען דאָס דאָזיגע מיידעל. שוין אַזוי ווי איהר זעהט א גרויסע מויד, א שעהנע מויד. איך וויל זי חתונה מאַכען און אויב דער מאַן, וואָס זי וועט נעהמען, וועט בלייבען שטעהן אַט דאָ, זאָל גאָט זיין געבענשט, און מיין גאַנצע ארבייט, וואָס איך האָב ביז אַהער דאָ אין מיין ערד אריינגעלעגט, מיין הויז, מיין וויין אין קעלער איז זיינס. אויב אָבער זי וועט נעהמען א מאַן און איהר מאַן וועט זי פון מיין הויז אוועקנעהמען און מיר וועלען בלייבען אליין, נאָג איך אייך, אויב גאָט האָט אַזוי געוואָלט, איז דאָ מיין היים געוועזען און דאָ וועל איך אויך שטאַרבען און אויף מיין ערד זאָלען מיך אין מיין קבר אריינלעגען...

— שא! — האָט זיך רבקה וויינבוים ווי אן אונטערגעשאָסענע אויפגעכאַפּט — רעד ניט אַזוי! לאָמיר בעסער ריידען פון פרעהליכערע זאַכען.

מר. וויינבוים האָט זיך ניט איינגעהערט צו זיין ווייב און ווייטער גערעדט מיט אויגען פערלאָפענע און מיט א פנים א פערפלאָמטען:

— איך געדענק א מאָל בין איך געגאַנגען אין ניו יאָרק. איך בין דעמאָלט געווען נאָך א יונגערמאַן. זעה איך מענשען שטעהען אין א ריידעל. געה איך צו א קוק טהאָן. מען האָט דאָרט געגראָבען א טיעפען גראָבען פאַר א פונדאַמענט. אן ארבייטער האָט גע־הויבען זיין פיקע אין דער הויך און זי אראָבגעלאָזען אויף דער ערד מיט אזא כעס. טראַכט איך: נאַרישער מענש וואָס ביסטו אין כעס. ס'ם מוז זיין א שטיין אין גאָט'ס ערד. אזוי ווי איך טראַכט אזוי, האָט זיך דער ארבייטער באַרעכענט, אז מען בעדאַרף ניט זיין ברוגז. האָט ער מיט זיין פיקע פּאַוואָליע אָנגעהויבען צו גראָבען און ארויס־געהויבען פון דער ערד ארויס א גרויסען ביין. מען שטעהט אין א ריידעל, מען קוקט. איטליכער זאָגט אן אנדער וויץ. מען לאַכט איינעם פאַלט איין צו זאָגען, אז דאָס איז דער ביין פון א מענשען'ס קאָפּ... אלע כאַפּען זיך, אז עס איז טאַקע א שאַרבען פון א מענשען... איהר פאַרשטעהט, איז דער מענש טויט, זאָל ער כאָטש האָבען זיין רוהע. ניין, גראָבט מען א פונדאַמענט פאַר א הויז... איך געדענק עס נאָך איצט און איך זאָג מיר אלע מאָל, ווען איך דערמאָהן זיך אין יענעם שאַרבען, איך וויל ניט, אז אויף מיין קבר זאָל אן אנדערער מענש שטעלען דעם פונדאַמענט פון זיין הויז!

— וואָס איז דיר עפּעס היינט איינגעפאַלען צו רעדען פון אזעל־כע זאַכען — האָט זיין ווייב זיך געבעטען און געקוקט צו די אַנ־דערע ווזענדע מיט צושראָקענע בליקען.

ר' אברהם וואַלדען, וועלכער איז דעם גאַנצען אָבענד געזעסען א שטומער און אויף זיין פּנים דעם פאַרוואָקסענעם האָט אזוי ווי גע־רוהט א וואָלקען, איז איצט ווי אָנגעריהרט געוואָרען פון וויינבוים'ס לעצטע ווערטער און ער האָט פריהער זיך געטהאָן א וויעג אויף זיין זיץ אהין און אהער און געזאָגט אזוי, אז עס האָט געהייסען האַלב ערענסט און האַלב וויץ:

— מר. וויינבוים, איך וועל, הייסט עס, ליגען אין שכנות מיט א טויטען פערד.. אזוי הייסט עס...

# XIII

## ווילסט זיין מיין שוועסטער

אסתר האָט זיך ארויסגערעדט, אז זי וואָלט וועלען זיין איצט אין דרויסען. זאָלען זיך די עלטערען שמועסען און פארברייננגען. אין הויז איז אָנגערויכערט און ווארעם. וויל זי געהן אין דרויסען. און זי האָט אזוי ליעב דעם שנעע און אז זי האָט א קליינעם שליטען. און ביי זיי איז דאָ א גרויסער בארג אראָפּ. וויל ער, דוד, ניט ארויס־געהען ?

— וואָס זשע שווייגט איהר ? — האָט זיך דוד אויפגעהויבען פון זיין וויעגשטול און ארויפגעשארט זיינע צואוואָרפענע האָר — קומט.

זיי זיינען ארויס אין דרויסען.

עס איז געווען א שעהנע נאַכט. די לבנה האָט שוין זיך אויפ־געהויבען פון האָריזאָנט און געמאַכט וויים די גאַנצע וועלט. וויים דער שנעע, וויים דער הימעל און ווייסע וועלדער זיינען צואוואָרפען דאָ און דאָרט פון איין האָריזאָנט צום צווייטען.

אסתר האָט זיך איינגעוויקעלט אין איהר ברייטען איינפאַכען מאַנטעל. זי האָט זיך דערפיהלט אזוי ווי זי וואָלט אויסגעוואַקסען העכער. די קאַלטע, שארפע און שטילע לופט פון דער ווייסער נאַכט, האָט שטילערהייד געשטראָמט אין איהר הארץ אריין. דוד האָט זי ארומגענומען מיט איין האַנד, ווי מיט א גארטעל, און זיי זיינען ביי־דע צוזאַמען ארונטערגעשפּרונגען פון פּיאַזשע אין שנעע אריין און אויך געלאָפען איבער דעם הויף, דעם טיעפען שנעע, ביז צום טויער, וואָס האָט געפיהרט צו די לאָנקעס.

ביים טויער האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט. דוד האָט דעם טויער געעפענט מיט שווערקייט, ווייל ער איז געווען פערשאָטען מיט שנעע און איינגעפרוירען.

— וואָס וועלען מיר טהאָן ? — האָט אסתר געפרעגט.

— קומט, וועלען מיר געהן ביידע צוזאַמען, איך מיט אייך. איך וועל שווייגען און איהר וועט שווייגען. הא, וואָס פאר א ווייסע וועלט !

— הע, אזוי געהן וויל איך ניט.

— וועל איך אייך טראָגען אויף מיינע פּלייצעס.
— איהר וועט ניט קענען. דער שנעע איז אזוי טיעף. איך בין א שווערע, וועסט ניט קענען.
— איך וועל יאָ קענען.
— נעהט עס!
דוד נעהמט אסתר׳ן אָן ביי איהרע הענט, בויגט איין זיין פּלייצע, אסתר הייבגט זיך אָן אויף איהם. ער וויל זיך אויסגלייכען און קען ניט.
— אז דו מאַכסט זיך שווער, וועל איך דיך ניט קאָנען טראָגען, אסתר.
— איך בין שווער ווי בליי, איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז דו וועסט מיך ניט קאָנען טראָגען. איך קען מעלקען קיה, איך קען אקערען מיט מיין פּאָ׳ס אָקסען, וויל ער מיך טראָגען אויף זיינע פּלייצעס.
דוד איז געבליבען שטעהן א פערלוירענער. דאָס וואָס אסתר האָט איהם אָנגעהויבען צו זאָגען „דו", און דאָס וואָס ער האָט זי ניט געקענט טראָגען אויף זיינע פּלייצעס, האָט אין איהם דאָס מענליכע צוטומעלט.
ער איז פערלאָפען פון אונטען, אסתר׳ן געטהאָן א כאַפּ און זי אויפגעהויבען.
— הע, אזוי וויל איך ניט — האָט אסתר זיך געוואָרפען און געקלאפּט מיט איהרע שיך אין דוד׳ס קניעס.
דוד האָט זי אָפּגעלאָזען און געזאָגט:
— מיר וועלען אזוי געהן איבער די לאַנקעס און שווייגען.
— און נאָכדעם וועלען מיר פערגעהן ערגעץ אין וואַלד אריין — האָט אסתר ווי פער׳חלומ׳ט געצויגען, — וועט פּלוצים אָנקומען א בער, וועלען מיר ארויפקריכען אויף א הויכען בוים.
— עס איז שוין דאָ נישטאָ קיין בערען, אסתר. זיי זיינען אנטלאָפען פאר די מענשען.
— וועלען מיר געהען אין יענע וועלדער וואו עס איז נאָך דאָ בערען.
— אָה, זיי זיינען ווייט פון דאַנען.
— וועלען מיר געהען אוועק ווייט פון דאַנען.
— אזוי ווילסטו אוועקגעהן פון דאַנען, אסתר?

— אויב עס וועט קומען דער מאַן וועמען איך וועל ליעב האָ־בען בעסער ווי מיין טאַטען און מיין מאַמען, וועל איך מיט איהם אוועקגעהן פון דאַנען.

— און אויב ער וועט ניט וועלען?

— וועל איך איהם ניט ליעב האָבען.

— מיר האָבען אָפּגעמאכט, אז מיר זאָלען געהן איבער די לאַנ־קעס און שווייגען.

— אז דו מעגסט רעדען, וויל איך אויך ריידען.

— לאָמיר שווייגען.

זיי זיינען געגאנגען אין טיעפען ווייסען שנעע. דוד האָט ארומ־גענומען אסתר'ן מיט איין האנד ווי מיט א גאַרטעל.

פּלוצים טהוט ער זי א פרעג:

— אסתר, ווילסט ווערען מיין שוועסטער?

— האָסט נאָר ניט קיין שוועסטערל?

— איך בין איינער ביי מיין טאַטע מאמע.

— אזוי? איך וועל ווערען דיין שוועסטער — האָט זי גע־זאָגט נאָך אביסעל איבערלעגונג — זאָג מיר נאָר, ווי אזוי קען איך ווערען דיין שוועסטער?

— מיר וועלען וואַרטען ביז דער שנעע וועט צולאָזען ווערען. עס וועט זיין א שעהנער, וואַרימער טאָג, וועל איך קומען און זיך אוועקשטעלען ביי א פענסטער פון אייער הויז. איך וועל טהאָן א פייף, וועסטו אַרויסקומען. דעמאָלט וועל איך דיך טהאָן א כאַפּ און מיט דיר אנטלויפען צו אונז אין הויז אריין, מיין מאַמע וועט דיך ליעב האָבען און איך וועל דיך ליעב האָבען אזוי ווי א שוועסטער.

— און דיין טאַטע?

— מיין טאַטע? ער וועט איבער דיר ציטערען אזוי ווי מען היט אָפּ אן איין־און־איינציג מיידעלע. ער שטעהט אויף ווען עס איז נאָך פינסטער אין דרויסען, וועט ער אלע אין דער פריה, ווען ער שטעהט אויף, צוגעהן צו דיין בעט מיט שטילע טריט און זעהן, אז ווינטער זאָלסטו זיין צוגעדעקט, און אויב עס וועט זיין זומער, וועט ער שטילערהייד עפענען דאָס פענסטער אקעגען דיין בעט, אז דאָס קיהלע ווינטעל זאָל בלאָזען צווישען דיינע שעהנע, צוואָוואר־פענע האָר.

— צו וואס טויג דיר א שוועסטער?

— צוליעב מיין מאמען וויל איך דיך פּאָר א שוועסטער. זי וועט ווערען אלט, וועט זי מיך ניט קומען רופען פון די פעלדער אהיים; זי וועט ווערען אלט, וועט זי ניט האָבען וועמען צו דערצעהלען איהרע מעשות.

— וואס־זשע וועט מיין מאמע טהאָן, ווען זי וועט ווערען אלט?

— עס איז דאָך ניט ווייט פון אונזער הויז צו אייער הויז, וועט זי קענען קומען אלע מאָל א קוק טהאָן אויף דיר.

— זאָג מיר נאָר, דוד — האָט זיך פּלוצים אסתר א כאַפּ גע־טהאָן, ווי איינער פון א לייכטען שלאָף — וועסט טאקע־דאָ אַפּלע־בען דיין גאנצע וועלט?

— וואָס דען מיינסטו?! — איז דוד אזוי ווי ברוגז געווארען — איך בין דאָ געקומען אויף אייביג!... איך וועל פון דאנען שוין ניט אוועקגעהן. נאָר מיר פעהלט א שוועסטער, הערסט, מיין טאטע־מאמע וועלען אפשר אוועק פון מיר, אָבער איך בלייב דאָ. איך וועל דיך אריינגעהמען אין מיין הויז אריין. מיר וועלען זיך לעבען אָט אזוי: איך וועל אקערען, זעען און שניידען און דרעשען, און דו וועסט מיך רופען מיט דיינע געזאנגען פון פעלד אהיים. מיר וועלען האָבען פערד, וואלד און ברויט. פון אלע פרוכטען וועלען מיר איינמארינירען אויף דעם ווינטער. מיר וועלען מאכען וויינען אלער־ליי...

— מיין טאטע האָט זיך איינגעליעבט אין זיינע אקסען. איך אָבער האָב ליעב א פערד, א פערד — האָט זיך אסתר ווי געקרימט צום וויינען.

— ניט איין פערד, מיין ליעב, קליין שוועסטערעל, — האָט דוד געדריקט צו זיך אסתר'ן — פון מיין איין פערד וואס איך האָב אצינדערט וועט ווערען צוויי. זי, מיין פערד, טראָגט אין איהר בויך א לאָשעקעל, און פון דעם לאָשעקעל וועט אַרויסוואקסען א גרויסער פערד.

— וועסט מיר שיינקען דאָס לאָשעקעל, דוד?

— עס איז שוין דיינס! און אז עס וועט אויסוואקסען, וועס־טו פאָהרען רייטענדיג אויף דיין פערד.

— און אויב איך וועל ניט וועלען זיין דיין שוועסטער, וועסטו אַפּנעהמען דאָס פערד צוריק?

— דאָס פערד איז שוין דיינס אויף אייביג — האָט דוד אויפ־

נעהויבען זיין לינקע האנד און מיט איהר געטהאָן א וואָרף אין דער לופט, ווי מען ווארפט מיט א שווערען האמער — און דו וועסט קיינמאָהל ניט וועלען אויפהערען צו זיין מיין שוועסטער, וועסטו?

— מיר האָבען אָפּגעמאַכט, אז מיר זאָלען שווייגען.

— וואו איז דיין שליטעל, אסתר? ווילען מיר אוועק צו דיין בארג. דו וועסט זיצען אין שליטען און איך וועל דיך שלעפּען בארג ארויף...

— געהט עס!

אסתר מיט דוד'ן זיינען אוועק צו יענעם בארג. א ברייטע לאַנ־קע האָט זיך צושפּרייט בארג אראָב אין א טהאָל אריין. אין טהאָל איז געוועזען א וואלד, ווי א קיילעכדיגער ריעהם ארום דער לאַנקע.

אז מען איז געשטאַנען אויף דעם בארג האָט מען געקענט ארי־בערקוקען איבער דעם וואלד וואס אין טהאָל, העט ווייט ביז צום האָריזאָנט.

אסתר האָט זיך אוועקגעזעצט אין שליטען. עס איז געוועזען א לייכט, קליין שליטעלע, געמאכט פאר איין פערד מיט צוויי שאָפּ־טען און מיט אייזערנע גליטשערס, אזוי דין אויסגעקלאָפּט ווי צוויי מעסערס.

דוד האָט אָנגענומען ביידע שאָפטען און האָט גערירט פון אָרט. בארג אראָב איז ער געלאָפען, ווייל דאָס שליטעלע האָט איהר געשטופט. אסתר האָט זיך אזוי געפרעהט און געקלאַפּט מיט ביידע פיס אין דנאָ פון שליטעל און געשריען הויך און מונטער אזוי ווי א מחנה גענז, ווען זיי הויבען זיך אויף פון דער ערד און הייבען אָן צו פליהען.

דוד איז אראפּ אין טהאָל און געפיהלט ווי די ערד מיט דעם ווייכען שנעע זיינען שוין ווי פערשווינדען פון אונטער זיינע פיס. ער איז געפלויגען ווי אויף פליגלען און האָט אויך עפעס מאָדנע גע־שריגען.

עס האָט זייער פרייד אָפּגעקלונגען אין דעם איינגעדרעמעלטען וואלד, ארומגעשפּרונגען פון איין בוים צום אַנדערען. עס האָבען די שטומע בוימער אויך אָנגעהויבען צו לאַכען מיט אזוי פיעל פרייד, און אלע מאָהל איז פון איין אנדער בוים א קויל מיט שנעע אראָפּ־געפאַלען און צושאָטען געוואָרען.

ווער האָט זיך געוואָרפען מיט שנעע באָלס?

אסתר האָט אָנגענומען אַ פולע האַנד מיט שנעע, גיך עס צו־נויפגעדריקט אין אַ קויל און אַ ווארף געטהאָן אויף דוד׳ן.

ווער ווארפט מיט שנעע באַלס?

דוד האָט זיך גיך איינגעבויגען און אָנגענומען צוויי פולע הענט מיט שנעע, עס גוט צונויפגעקייקעלט און אַ ווארף געטהאָן אסתר׳ן אין פנים אריין.

ווער ווארפט מיט שנעע באלס?

אסתר האָט זיך אריבערגעבויגען פון שליטעל און אָנגענומען אַ פולע האנד און ניט געמאכט קיין קויל, נאָר אזוי מיט לויזען שנעע בעשאָטען דוד׳ן.

האָט דוד געכאפט אַ פולע האַנד מיט שנעע און איז צוגעלאָפען, ארומגענומען אסתר׳ן און מיט דעם שנעע אָנגעריבען איהרע באקען.

— האָסט געזאָגט אז דו וועסט מיך ארויפשלעפען דעם בארג — האָט אסתר זיך געריסען פון דוד׳ס הענט.

— געהט עס!

דוד האָט אָנגענומעןביידע שאַפטען פון שליטעל און זיך איינ־געבויגען און אָנגעהויבען צו שלעפען בארג אַרויף. אסתר איז ארויס־געשפרונגען פון שליטעל און איז מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם געבליבען אין טהאָל. און ווען דוד איז שוין געווען אויף דעם שפיץ פון בארג האָט אסתר אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

דוד האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן אז אסתר איז נישטאָ אין שליטען. אין זיך האָט ער דערפיהלט ווי ער האָט זיך פער־שעהמט און דאָס בלוט איז איהם געקומען אין פנים אריין. ער האָט אוועקגעלעגט די שאַפטען און ארונטערגעלאָפען צו אסתר׳ן אין טהאָל אריין. ער האָט זי געיאָגט פון איין בוים צו דעם אַנדערען ביז ער האָט זי געכאפט. ער האָט זי ארומגענומען פעסט מיט ביידע אָרעמס. זי האָט זיך ניט געוועהרט, נאָר ווי אַ שולדיג קינד זיך אי־בערגעגעבען אין זיינע הענט.

דוד האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אזוי עס איז געקומען. ער האָט אסת׳ן געטהאָן אַ קוש אויפ׳ן נאקעטען האַלז וואס האָט ארויס־געשטעקט פון דעם צוקנעפעלטען ראָק.

אסתר האָט זיך אויסגעריסען, פערהילט זיך אין איהר ראָק, און אָנגעהויבען צו אנטלויפען בארג אַרויף. דוד נאָך איהר. די ווייסע לבנה נאָך זיי.

אסתר איז אריבער דעם שטיינערנעם פלויט. פון איין לאנקע צו דער אנדערער איז זי געלאפען ווי א יונגער הירש און דוד איז איהר נאכגעלאפען און זיך געבעטען ביי איהר: — שוועסטער מיינע, לויף ניט אזוי!

אסתר איז צוגעלאפען צום הויז, געטהאן א פראל אויף די טיר און אריין אין הויז. דוד איז נאך, אויך א פראל געטהאן מיט דער טיר.

אין הויז זיינען נאך אלע געזעסען ארום דעם גרויסען טיש.

אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער. מען האט זיך דערשראקען.

אסתר איז אוועק אין איהר צימער. די מאמע איז איהר נאכ־געלאפען.

דוד האט פון זיך אראפגעווארפען זיין פעלצעל און דעם הוט און זיך אוועקגעזעצט אויף דעם וויעג שטוהל. אלע האבען אויף איהם געקוקט, מען האט אבער ביי איהם גאר ניט געפרעגט.

ער איז געזעסען א שטומער און זיך, צום ערשטען מאל אין זיין לעבען, דערפיהלט אזוי קליין. און אלעס וואס עס איז גע־וועזען ביז איצט און דאס וואס עס וועט נאך קומען איז גארניט, און ער איז אין גאנצען אן איבריגער דא אין הויז. צו וואס איז ער נאך איצט אריינגעקומען אין דעם דאזיגען הויז?

— עט, עס איז גאר ניט — האט מר. וויינבוים זיך געבעטען ביי זיינע געסט — לאמיר זיך צוריק אומקעהרען צו אונזער שמועס.

## XIV

# מעהליגע בולבעס

— נו, איך בין דעם גאנצען אויפדערנאכט געזעסען און גע־שוויגען, איהר האט גערעדט אליץ ווי אזוי צו מאכען אונזער וועג בע־סער, אבער פריהער וואלט איך געוואלט דערלעבען אז מיר זאלען אויפבויען אונזער שוהל — האט זיך ר׳ אברהם וואלדען אריינגע־ווארפען עפעס אזוי אונערווארטעט אין שמועס אריין — מיר האבען דאך ניט קיין ארט וואו מיר זאלען גאט בעטען און זאגען א הייליג ווארט...

— איז דאָך טאַקע, ווי איך האָב געזאָגט — האָט מר. וויינבוים זיך געהיצט — אַז מיר וועלען האָבען אַ גוטען, שעהנעם וועג, וועט מען שוין וועלען געהן אין שוהל אריין. איז דעמאָלט וועלען מיר זעהען, אויב מען וועט בעדארפען אַ שוהל, וועט מען בויען.

— ביי מיר אין הויז איז אייך שלעכט צו דאַוונען? — האָט ראַגאָווין זיך געווענדעט צום אַלטען וואַלדען גלייך אין פּנים אריין, — דאָס איז אייך איינס. איצט וועט איהר מיך אויך בעדארפען פרעגען צי איך וועל דערלאָזען אַז מען זאָל בויען אַ שוהל.

— איהר בעדארפט עס אפשר ניט? וואס איז, איהר זייט ניט חלילה קיין איד? — ברוגז'ט זיך דער אַלטער וואַלדען.

— ניט דאָס, ר' וואַלדען, ניט דאָס — האָט זיך ראַגאָווין אויפגעשטעלט און אַפּיר געגאַנגען פון אונטערן טיש און זיך אוועקגעשטעלט אין מיט שטוב און גערעדט, צוקלאַפּענדיג מיט ביידע הענט. — איך האָב מיין פארם געקויפט מיט די „הייליגקייטען" אַלס אַן אימפּרואוומענט... איצט וועט עס הייסען אַז איהר ווילט ביי מיר צונעהמען די „אימפּראוומענט" און מיר לאָזען דעם פארם... עס איז אויך פערשריבען שווארץ אויף ווייס אין די ביכער פון שטאָדט, אַז איך טאָר ניט פערקויפען מיין פארם צו אַ אידען אָהן דער דאָזיגער אימפּראוומענט... דאָס הייסט, אַז וויפיעל יאָהרען די פארם וועט שטעהן אין אידישע הענט בעדארפען אידען פון ארום און ארום קומען אַהערצו דאַוונען...

— דאָס מיינט, אַז וויבאַלד מיר וועלען אויפבויען אַ שוהל און וועלען צונעהמען די ספר תורה'ס, וועלען מיר מוזען, להבדל ביי אייך אָבקויפען דעם פארם מיט אַלע בהמות אויך — האָט דער אַלטער וואַלדען טרויעריג ווי צו זיך אין דער באָרד אריין געזאָגט.

— הע, עס האַלט נאָך ניט דערביי — מישט זיך אריין מר. וויינבוים, — דערווייל בעדארפען מיר אַלע אַ גוטען און גלייכען וועג. ניט אמת?

און כדי אָנצוהאַלטען די שטימונג האָט מר. וויינבוים גערופען זיין רבקה'ן, כמעט זיך ווי צובייזערט אויף איהר, פאר וואס זי דערלאַנגט ניט די קארטאָפעל.

רבקה איז אָנגעלאָפען פון אסתר'ס צימער, אַ צוטראָגענע, מיט צושויבערטע האָר און פלאַמענדע באַקען. ווי אַ שולדיגע אוועק אין קיך און געבראַכט צום טיש אַ גרויסען פאַלימעסיק מיט בולבעס אין

דער שאָלעכטס. פון די קאַרטאָפּעל האָט געזעצט אַ ווייס־גרויע פּאַרע און זייער ריח פון ערד און קראַכמאַל האָט זיך אַריינגעצויגען אין דער נאָז און צוגאַנגען אין מויל.

די ראָזענבערגס האָבען זיך פּלוצים אויפגעהויבען פון טיש, אָנגעטהאָן די מאַנטלען, זיך גוט איינגעוויקעלט און ביידע צוזאַמען אויסגעשריגען „אַ גוטע נאַכט“, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט זיי געבעטען אַז זיי זאָלען בלייבען און וואָס מר. וויינבוים האָט זיי פערשטעלט דעם וועג צו דער טיר, זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען. אַז זייערע טריט האָבען זיך שוין ניט געהערט האָט רבקה וויינבוים געזאָגט צו איהר מאַן:

— פאַר וואָס זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען? נאָר דו בעליידיגסט מענשען, טרייבסט איטליכען פון הויז...

— איך האָב זיי בעליידיגט? זייט איהר אַלע, ליעבע געסט, מיינע עדות, האָב איך זיי מיט עפּעס בעליידיגט? נאַרישע פרוי, מיינע, איך האָב אַזוי פיעל תענוג ווען עס שטעהט אויף מיין טיש אַ שיסעל מיט קאַרטאָפּליעס, און מענשען עסען און האָבען הנאה. עס איז דאָך מ י י ן אַרבייט, איך האָב דאָך זיי געגראָבען פון דער ערד אַרויס...

— הכלל, גענוג! אַוועקגעגאַנגען איז אַוועקגעגאַנגען — האָט רבקה איבערגעשלאָגען מר. וויינבוים'ס מאָנאָלאָג, — רוקט אייך צו נעהנטער, איהר אויך דוד, איך בעט אייך, עסט און פערטרינקט מיט קוואַס און זאָל אייך וואויל בעקומען.

דוד וואַלדען האָט זיך צוגערוקט צום טיש, אָנגעגאָסען אַ גלאָז עפּעל קוואַס און אויפגעגעסען אַ קאַרטאָפּעל.

— וואונדערבאַרע קאַרטאָפּעל! — האָט ער געזאָגט.

— די יענקים פון אַרום און אַרום קומען צו אונז קויפען אויף זריעה. אונזערע בולבעס האָבען אַ שם... — האָט זיך מרס. וויינבוים בעריהמט.

ראַגאַווין האָט אָפּגעשיילט אַ קאַרטאָפּעל, זי גוט בעטראַכט און איינגעביסען, נאָך אַמאָל זי בעטראַכט און געזאָגט:

— אייער קאַרטאָפּעל איז זעהר אַ גוטע, אַ מעהליגע, זי צושמעלצט זיך אין מויל.

— דאָס איז שוין ניט מיין אַרבייט — האָט מר. וויינבוים זיך צושמייכעלט — אונזער ערד איז זעהר גוט פאַר בולבעס. און דאָס

ניט אַלע מיינע לאַנקעס האָבען די דאָזיגע מעלה. עס האָט מיר גע־נומען יאהרען און יאהרען ביז איך האָב אויפגעזוכט דאָס שטיק ערד, פאר בולבעס. אז איך בין צוריק מיט יאָהרען געקומען אהער פון שטאָדט, האָב איך געמיינט אז איך בין א קלוגער. ביי מיר איז געוועזען ערד, וואָס הייסט ערד? ערד דארף מען צוּאַקערען און בעמיסטיגען און פערזעען, וועט וואַקסען. זאָגט גאָט: איך האָב אייך מענשען טאַקע געגעבען די ערד אין אייערע הענד אריין, אָבער איך האָב אייך געגעבען דעם מח צו פערשטעהען, און די הענט צו ארבייטען און די ערד איז פול מיט אזוי פיעל סודות. שטעהט זיך דער מענש מיט זיינע הענט פערלעגט און טראַכט און טראַכט און אז ער קוקט זיך אָרום האָט ער ערשט ניט געוואוסט וואס ער האָט גע־טהאָן...

ראגאווין האָט איבערגעשלאָגען מר. וויינבוים׳ען:

— ענטשולדיגט, איצט ווייסט איהר שוין, הייסט עס, יאָ אייערע ערדען. איז דאָך עמיצער געוועזען פאר אייך וואס האָט אויך גע־וואוסט, פאר וואס זשע האָט איהר ניט געפרעגט ביי אייערע שכנים?

— אָט, אָט, דאָס איז דאָך מיינע רייד — צוהיצט זיך מר. וויינבוים, און הויבט שוין אָן אויסצושרייען העכער זיינע ווערטער, — א איד ווי איך, אָדער איין אַנדערער, קומט פון שטאָדט. וואָס בין איך געוועזען אין שטאָדט? ניט וויכטיג צו וויסען. איך קום אָרוים אהערצו און בין א קלוגער. שכנים זאָגען מיר: טו אזוי. איך טהו פונקט קאַפּויר. איך האָב קיינעם ניט געגלויבט. די גרוי־סע שטאָדט האָט מיך פערפערעמדט און בייז געמאַכט. נעהמט, צום ביישפיעל, אונזער שכן ראָזענבערג׳ן. זיינע ערדען גרענעצען זיך מיט מיינע און איך קען זיי אזוי גוט ווי מיינע אייגענע. איך וויים אַלע זיינע בוימער און זיין וואלד. ער אליין פאָהרט זיך אוועק אַלע יאָהר אין ניו יארק, ארבייט שווער און שפּאָרט געלד, פאר דעם געלד קויפט ער א פערדעל אין ניו יארק, א פערדעל נעבאך וואס האָט שוין ניט קיין פּיס קיין גאַנצע, אָדער עס האָט ניט קיין ציין צום קייען. קומט נאָכדעם אהיים און שפּאַנט דאָס דאָזיגע פערדעל אין אַקער און שרייט זיך אָרוים זיין גאַל, זיינע קולות געהען ביז אין הימעל. קוים, קוים וואס ער „צוקראַצט״ די ערד פון אויבענאויף, בלייבט אָהן כחות, ווארפט שוין אין אייליגניש אריין אין דער ערד זיינע זריעות און זאָל גאָט אָפּהיטען. איהר ווייסט דאָך, וואָס פאר א

ברויטען ער שניידט פון זיינע פעלדער. זיין ערד איז שוין פול מיט קברים פון די אלע פערדלעך וואס ער בעגראָבט. געה איך ניט איינמאָל אריין צו איהם אין הויז און זעץ זיך מיט איהם אוועק: הער אויס, ראָזענבערג, איך בין עלטער פון דיר, פאָלג מיך און לייג אוועק דיינע גענגלאך. ווילסט פאָהרען אין שטאָדט אריין, פאָהר. נאָר ברייננ דיין אָפּגעשפּאָרט געלד מיט זיך. איך וועל שוין צו־אקערען דיינע פעלדער און דיר העלפען פארזעען און פארדעקען. דו זעה בעסער, אז דיין שטאָל זאָל זיין א גאַנצער אויף דעם ווינטער, כדי דיינע בהמות זאָלען ניט פערפרוירען ווערען. דיינע בהמות זאָ־לען געבען מילך, קעז און פּוטער, און דיינע הינער זאָלען לעגען אייער, און זעץ אויף דיינע קוואָקעס און פון די קליינטשעקע היהנדעלעך וועט אויסוואקסען גרויסע. רעד איך אזוי צו איהם און ער ווערט אן אַנגעצונדענער: איהר זייט דאָך אן עהרליכער איד, ווי מעג מען זיך אריינרייסען אין יענעמס וועגען...

— געדעכט! — כאַפּט אונטער רבקה — ווער בעט דיך צו זיין אזוי גוט? יענע זיינען אונז שונאים. שיקען זייערע דאָרע בהמות אין אונזער גאָרטען. בערעדען אונזער אסתר׳ל, דעמאָלט ווען זיי־ערע מיידלעך יאגען זיך ארום מיט וואלד־העקער — —

מר. וויינבוים האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיץ און אַנגע־שריען אויף רבקה׳ן:

— דאָס איז שוין גענוג! גענוג!

עס איז געוואָרען שטיל אין הויז.

וויינבוים האָט זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט:

— הייסט עס, אז מיר וועלען זיך א נעהם טהאָן צו דער אר־בייט? וואס זאָגט איהר, דוד וואלדען? עס וועט זיין א שעהנער וועג ווי דאָ אויפ׳ן טיש...

## XV

## קיידי־דיד!

די ראָזענבערג׳ס זיינען געגאַנגען א היים, דאָס איצטיגע מאָל, ניט מיט דעם וואלד שטעגעל דורך וועלכען עס איז געוואָרען נאָהענטער צו זייער הויז, נאָר אזוי ווי עמיצען אויף צו להכעים האָבען זיי אויס־געקליבען דעם אלגעמיינעם דאָרפישען וועג.

אלע מאָל האָט מרס. ראָזענבערג זיך אומגעקוקט ארונטער צו ווײנבוים'ס גרויסע הויז מיט די ליכטיגע פענסטער און אוועקגעכאפּט איהרע אויגען.

— וואָס קוקסטו זיך אַזוי ארום? — איז ראָזענבערג געוואָרען ברוגז.

— קוק, ווי ליכטיג ווײנבוים'ס הויז איז. דיך הארט עס ניט?

— האָט מרס. ראָזענבערג זיך גערייצט מיט איהר מאַן — מיך פאַרדריסט ניט, וואָס זייער הויז איז אַזוי ליכטיג און וואָס זי שטעהט נאָהענט פון וועג, נאָר מיך הארט אָבער, וואָס אונזער הויז איז אַזוי בעגראָבען אין א טהאָל.

— דערפאַר האָבען מיר א קוואַל ביים הויז — האָט ראָזענבערג געטרייסט זיין ווייב. — מיר האָבען וואַסער א גאַנץ יאָהר.

— וואַסער קען מען ברײנגען אין הויז אריין וואו די הויז וועט שטעהען, אָבער אַז מען איז בעגראָבען אין א טאָהל זעהט מען דיך טאַקע ניט ארוים.

— ביזט א קינד, — זאָגט ראָזענבערג ווייך און שטיל. — וואָס ווייטער מען איז פון דעם וועג איז אַלץ בעסער. איך האָב עס זעהר ליעב צו וואָהנען אין א הויז, וואָס שטעהט ביים וועג... דאָס איז ניט קיין היים, נאָר אַזוי ווי א קרעטשמע...

— איך ווייס ניט. איך בין זיי מקנא. אָט וועט מען מאַכען א נייעם וועג מיט בוימער פוןביידע זייטען וועג און אַז אונזער הויז זאָל שטעהן נעבען וועג וואָלט איך זי אויסגעפּוצט, ווי א בלומען־שטוב אין א גרויסען גאָרטען.

— א ניט מאַכט מען שוין א נייעם וועג, — האָט ראָזענבערג געזאָגט. — רעדען איז זעהר גרינג.

— מען וועט מאַכען. דער אַלטער ווײנבוים איז אַן עקשן און האָט איצט אריינגעכאַפּט צו זיך אין די הענט אריין דעם טאָמעוואַטע בחור, דעם דוד'ן. געזונד איז עס ווי א דאָמב. וועט מען טאַקע מאַכען א נייעם וועג. און דערנאָכדעם וועט ווײנבוים איהם אוועקגעבען זיין „מויד" פאַר א ווייב, — נאָר זי וועט איהם ניט נעהמען! וועסט זעהען, וועסטו זאָגען, אַז איך האָב דיר אַזוי געזאָגט. זי וועט דוד'ן ניט נעהמען.

— מי שוד וואָרי!

פון ביידע זייטען וועג זיינען געשטאַנען די וועלדלאַך איינגעטונ־

קען אין ווייסען זילבער פון שנעע און לבנה ליכט. עס איז געוועזען שטיל און די טריט פון די ראָזענבערג׳ס האָבען אָבגעקלונגען אין דער ווייט, און דער קלאַנג האָט זיך געהערט צווישען די בוימער, פון די נאַקעטע, דורכזיכטיגע וועלדלאַך.

אויף דער רעכטער זייט אין דער טיעפקייט פון וועלדעל האָט זיך ארויסגעזעהן אַ הויכער, ווייסער בירקען בוים מיט אַ ברייטער קרוין פון צווייגען.

— פאַר יענעם ווייסען בוים האָב איך אַלע מאָל אין אַ פינסטע־רער נאַכט מורא, — האָט מרס. ראָזענבערג אָנגעוויזען מיט דער האַנד.

— ער ווייזט מיר אוים ווי אַ לאַנגער, ווייסער מענשעל מיט אַ בינט שטרוי אויף זיין קאָפּ...

ראָזענבערג האָט אַ לאַך געטהאָן, געהאַלטען זיין פּייפ אין מויל און ארויסגעלאָזען אַ זייל רויך. אָבער ער האָט ניט געקוקט צו יענעם בוים. ער האָט אויסגעוויזען ערגעץ אין זיך אַ פערטיעפטער.

עס האָט זיך דערהערט אַ פליה פון אַ פויגעל. ביים זייט פון וועג, ערגעץ נאָהענט, אָבער אַזוי פערבעהאַלטען, האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון אַ פויגעל:

— קיידי דיד! קיידי דיד!

מרס. ראָזענבערג האָט אַ שפּרונג געטהאָן און זיך נאָכגעקרומט דעם פויגעל: קיידידאַדעל, קיידידאַדעל!

— זעה נאָר, ראָזענבערג, דער קיידידאַדעל איז נאָך דאָ, עס וועט נאָך אַפּנים זיין ווארים. אַבי איך האָב געמיינט, אַז עס איז שוין ווינ־טער — האָט זיך מרס. ראָזענבערג געפרייט.

ניט ווייט פון זשאַק׳ס הויז האָט עפּעס אַ שפּרונג געטהאָן איבער דעם שטיינערנעם פּלויט, געקרייצט דעם וועג און זיך אריבערגעוואָר־פען איבער ראָזענבערג׳ס פּלויט און פערשווינדען אין וואַלד אריין.

ביי מרס. ראָזענבערג האָט אַ זעץ געטהאָן דאָס הארץ. זי האָט געוואוסט, ווער עס האָט דאָרט געשפּרונגען. זי האָט נאָר מורא גע־האַט, אַז איהר מאַן זאָל זיך ניט דערוויסען און עס קען איהם איינ־פאַלען נאָך צו לויפען, דעמאָלט איז אָך און וועה צו איהר וועלט!

דערפאַר האָט זי געזאָגט הויך און פרעהלאַך:

— זעהסט, ראָזענבערג, אַ הירש איז דורכגעפלויגען ווי אַ פייל אויסען בויגען, אַ הירש... און שוין נישטאָ איהם!

אַז זיי זיינען צוגעקומען צו זייער הויז, וועלכע איז געשטאַנען אַ

פינסטערע, פארדעקט אין דעם אייגענעם גרויסן שאָטן, וואָס זי האָט פון זיך געוואָרפן אויף דער ערד, האָט זייער הונד אַ שפרונג געטהאָן מיט זיינע פאָדערשטע פיס אויף ראָזענבערגען און אָנגעהויבן צו לע־קען מיט זיין צונג ראָזענבערג׳ס הענט. ראָזענבערג האָט אַ גלעט גע־טהאָן זיין הונד איבער׳ן קאָפּ און איהם אראָפּגעשטופּט פון זיך.

זיי זיינען אריין אין הויז. מרס. ראָזענבערג האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. זי האָט זיך אביסעל ארומגעדרעהט איבער דעם הויז אָנ־געטאָן אין איהר מאַנטעל, האָט אריינגעצויגען דעם ווארימען ריח פון הויז. און ווען איהר מאַן איז אוועק אין שלאָף צימער, האָט זי שטיל אראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטעל, אראָפּגעצויגען איהרע שווערע שיך און ארויפגעלאָפען מיט די טרעפּ, דורך דער אָפענער טהיר, לינקס, צו די אויבערשטע צימערן, וואו די קינדער זיינען געשלאָפען.

זי איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צום בעט וואו די „גרוי־סע מויד" איז געלעגען, האָט זיך אריבערגעבויגען צו איהר און אַ שמעק געטהאָן.

אסתר ראָזענבערג איז געלעגען מיט איהר פנים ארויף, איהרע קליי־נע, רונדע ברוסט האָט זיך געהויבען ארויף און אראָב; עס האָט אויס־געוויזען, אַז זי שלאָפט געשמאַק. די לבנה האָט אריינגעקוקט דורך דאָס דאַך פענסטער אַ קאַלטע און אַ בייזע.

מרס. ראָזענבערג האָט אַ נעהם געטהאָן דאָס מיידעל ביי איהרע צואוואָרפענע האָר און זיי אַ שלעפּ געטהאָן. אסתר האָט אַ ציטער גע־טהאָן, געעפענט איהרע אויגען, וועלכע זיינען איצט געוועזען גרין פון דעם לבנה שיין, וואָס האָט אריינגעקוקט דורך דעם דאַך פענסטער. עס האָט איהר זעהר וועה געטהאָן וואָס די מאַמע האָט געריסען איהרע האָר און זי האָט זיך זעהר געשראָקען, טאָמער שלאָגט די מאַמע.

— האָסט גאָר ניט געהערט ווען איך בין אריינגעקומען?

— איך בין געשלאָפען.

— וואו ביזטו געוועזען?

— איך בין געשלאָפען, מאַמע.

— זאָלסט מיר זאָגען, ווער עס האָט געשפרונגען איבער די פלויטען?

— איך ווייס ניט, איך בין געשלאָפען.

די מאַמע האָט אַ שטאַרקען שלעפּ געטהאָן אסתר׳ן ביי איהרע

האַר, זי אַראָפּגעשלעפּט פון בעט און זי צוריק מיט א שטוים אין פּליי־צע אוועקגעוואָרפן אין בעט אריין.

נאָכדעם איז מרס. ראָזענבערג אַרונטער צוריק אין שטוב אריין, אַרויסגענומען א ברויט פון שראַנק, אויפגעזוכט קנאָבעל און זיך אָנ־געגאָסן א גלאָז מילך, געשניטען גרויסע פּאַיידעס ברויט, אָנגעריבען מיט קנאָבעל און געגעסען מיט אַפּעטיט און אַלע מאָל פערטרונקען מיט א ביסעל מילך.

זי האָט פון צייט צו צייט א זיפץ געטהאָן. געטראַכט, אַז איצט וועט זי איהרע מידען נעהמען אין די הענט אריין.

זיך גוט אָנגעגעסען, מיטביידע הענט אָנגעריהרט איהרע ברוס־טען: „עס וועט זיין מילך פאר דעם קליינעם קינד אויף א גאַנצע נאַכט". איז אריין אין שלאָף צימער.

אויף איהר בעט איז שוין דאָס קינד געלעגען און געשנאָרכעט אין א טיפען שלאָף און איבער דער ברייט פון בעט איז האַשעלע גע־לעגען צושטרעקט, אַן אָנגעטהאָנענע און איהרע פיס זיינען געהאַנגען אויף דעם דיל.

די מאַמע האָט זיך אַריבערגעבויגען און געוועקט האַשעלען, דאָס איינגערע מיידעל, מיט א געבעט און צערטליכקייט: האַשע, האַשקע, האַשקעלע שטעה אויף, קינד, און געה לעג זיך אין דיין בעט.

דאָס מיידעל האָט א שפּרונג געטהאָן, ווילד זיך ארומגעקוקט, איה־רע גראָבע באַקען האָבען געפלאַמט, זי האָט זיך אויסגעריבען מיט ביי־דע הענט איהרע אויגען, זיך ווייטער ארומגעקוקט און ארויסגעגאַנגען.

— דאָס קינד געוויינט? — האָט איהר די מוטער נאָכגעשריען?

— ניין, מאַמע, אזוי ווי דו האָסט עס אוועקגעלעגט, אזוי שלאָפט עס דעם גאַנצען אָבענד. אסתר איז ארויס און מיך איבערגעלאָזען אליין, איך וואַרט און זי קומט ניט, כאַפּט מיך אָן א שלאָף, האָב איך זיך אוועקגעלעגט...

— שאַ, רייד ניט אזוי פיעל, האַשלע, געה לעג זיך אין דיין בעט — האָט מרס. ראָזענבערג א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד צום מיידעל און אַז זי האָט זיך געוואָלט אליין אַריינלייגען אין איהר בעט האָט זי דערזעהען, אַז איהר מאַן רויכערט זיין „פּייפּ" אין בעט. האָט זי אָנגעמאַכט א געוואַלד:

— ראָזענבערג, ווילסט נאָך מאַכען א פייער, נאָך דאָס פעהלט מיר׳

ראָזענבערג האָט אוועקגעלעגט די פּייפּ אויף דעם טישעל, וואָס איז געשטאַנען צווישען די בעטען, זיך גוט אויסגעצויגען אויף זיין בעט און געזאָגט:

— וואָס הערט זיך, האָסט שוין איינגעפּאַקט מיינע זאכען. מאָרגען אָבענד פאָהר איך מיט דער שיף אין שטאָדט. ער איז געבליבען א ווײַלע שטיל און נאָכדעם שטילערהייד ווייטער געזאָגט: און וואָס וועט זיין מיט די קינדער?

— נעם זיי מיט אין שטאָדט אריין.

— גרינג צו זאָגען, נעהם זיי מיט.

— זיי זיינען שוין ניט קיין זויג קינדערלאך. אין שטאָדט וועט פון זיי ווערען א לייט. נאָר זעה, אז זיי זאָלען שטעהן אין איין צימער ביי אונזערע בעקאַנטע.

— און דערנאָכדעם וועסטו מיר פאַרוויינען מיינע טעג און יאָהרען.

— ראָזענבערג, עס איז פאַרפאַלען, דו וועסט נעהמען די קינדער אין שטאָדט.

— איך וועל זיי נעהמען — האָט ראָזענבערג זיך געבעטען ביי זיין פרוי, — נאָר איצט לאָז מיך שלאָפען.

עס איז געוואָרען שטיל אין הויז. דורך דעם פענסטער האָט זיך אָנגעזעהען די זילבערנע, ווייסע נאכט. ראָזענבערג האָט ניט געקענט איינשלאָפען, כאָטש איהם האָט זיך אַזוי געוואָלט ערגעץ פאַרפאַלען ווערען אין א טיעפען שלאָף. פאַר זיינע פערמאַכטע אָבער וואכע אויגען האָט זיך געטראָגען א קנויל, א פערוויקעלטער פון זיין פערגאַנגענהייט:

— געוועזען א געזונטער, הויכער בחור און געאַרבייט אין „שאָפּ", פערדיענט און געשפּאָרט. און ערגעץ אויף א באָל זיך פערליעבט אין א מיידעל. זיי האָבען ביידע געאַרבייט און געשפּאָרט. חתונה געהאַט און ווייטער ביידע געאַרבייט און געשפּאָרט. עס איז געקומען א קינד, האָט זי אויפגעהערט צו אַרבייטען. באַלד איז געקומען נאָך א קינד. עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען שווער. ער איז געוואָרען שוואך און זיין גאַנצער וועזען האָט אויסגעוויזען ווי א זאַק מיט ביינער. זי איז אויך געוואָרען שוואך. עס איז נאָך געוועזען א פּאָאָר הונדערטער אין באַנק. האָבען זיי אין די אָבענדען געשמועסט. האָט זי געזאָגט: וועה, ווי דו זעהסט שלעכט אוים! האָט ער געענטפערט: דו זעהסט ניט אוים בעסער פון מיר. וואָס וועט זיין דערסוף? צוזאַמען האָט

מען געזוכט וועגן וואו ארום עס זאָל קומען עפּעס בעסערס. מען האָט באטראכט צו מאכען א געשעפט. פלעגט ער טענה'ען, אז צו מאכען א געשעפט טויג ער ניט. אזוי גוט ווידער ווי דער מאַן בעדאַרף טויגען, אזוי נאָך בעסער בעדאַרף א קראָם האָבען די פרוי. הייסט עס שוין, אז מאַן און ווייב בעדאַרפען זיין פערקויפט און די גאַנצע היים און די קינדער וועלען ווערען הפקר. ווי וואָלט געוועזען, אז זיי זאָלען ארויס אין א דאָרף קויפען לאַנד און עסען ברויט רוהיג און שטיל. זיין ווייב האָט געהאַט אין איהר בלוט מעהר דאָרף ווי שטאָדט. ער אליין האָט ניט געוואוסט, וואָס א דאָרף איז, אָבער פונדעסטוועגען האָבען זיי אָנגעהויבען צו ריידען געשמאַק. עס וועט זיין, א שטוב אַן אייגענע אויך. א קוה וועט געבען מילך, פּוטער און קעז און די היהנער וועלען לייגען אייער און די דאָזיגע היהן וועלכע וועט ניט לעגען קיין אייער וועט מען פיהרען צום שוחט און עס וועט זיין פליייש. די ערד וועט גיבען ווייצענמייל, קאָרען מייל, פון אַן עפּעל ביז א ציבעלע. דאָס ווייב זיינס האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן מיט הענד און פיס און ער אליין האָט זיך זעהר פיעל בעטראכט און עס איז אויסגעקומען, אז ווי באַלד ער וועט האָבען זיין אייגענע ערד, וועט ער ניט בעדאַרפען געהן מיט קיין אראָפּגעלאָזטען קאָפּ. ער וועט טהאָן דאָס, וואָס ער וועט וועלען. און וואָס גאָט וועט גיבען וועט זיין גוט. וועט געהן א רעגען, וועט זיין גוט, פון רעגען וואַקסען די ברויטען. וועט געהן א שנעע, וועט ווערען די וועלט וויים און עס וועט ליכטיג ווערען אין די אויגען. ווינטער איז אין דרויסען קאַלט, וועט אָבער זיין וואַרעם אין הויז און עס וועט זיין צייט צו זיין פויל און צו זיצען אויף דעם ווייגשטול און רויכערען. זומער וועט שיינען די זון און מען וועט ארבייטען, ווייל די זון וועט שיינען...

# XVI

## דער פאָטער ווייסט ניט...

נאָכדעם ווי אלע געסט זיינען שבת צו נאכט אוועק פון וויינבוים'ס הויז איז מר. וויינבוים ארויסגעגאַנגען אין שטאַל זעהן וואָס זיינע בהמות טהוען. עפּענדיג די טיר פון שטאַל האָט איהם פון דאָרט אינעווייניג געטהאָן א בעגעגען א וואַרימער ריח. ער האָט זיך

שטאַרק דערפרעהט וואָס זיינע בהמות שלאָפען אין אַזאַ וואַרימקייט. עס איז איהם אַזוי גוט און וואַרעם געוואָרען אין אַלע זיינע גליעדער. ער האָט אויפגעהאָנגען דעם לאַמטערען אויף אַ צוואַק, אָנגעוואָרפען צו בינטלעך היי איטליכער בהמה אויף ביינאַכט, איבערגעדעקט דעם „בן יחיד“, אַזוי ווי ער פלעג איהם אַליין רופען, דעם פערד זיינעם, מיט אַ וואַרימער דעק און איהם אויך ניט פערטהיילט מיט היי, געגלעט איהם איבער זיין האַלז און צו איהם געזאָגט: „מאָרגען וועלען מיר ביידע אָוועקפיהרען אסתר׳ען אין שטעדטעל אריין.“

געהענדיג פון שטאַל אין הויז האָט ער זיך גוט אַרומגעקוקט אין אַלע פיער עקען פון דער וועלט. עס איז געוועזען אַ שעהנע ווייסע וועלט פון דער ערד ביז צום הימעל. דאָס ביינאַכטיגע ליכט פון גאָט האָט אַזוי געשניטען אין די אויגען מיט זיין ווייסקייט. ערגעץ איז ער אַליין, דער בעשעפער פון דער וועלט, אין הימעל געזעסען און געטראַכט שטילערהייד, ווי אַזוי מאָרגען אין דער פריה אָנצוהויבען דעם טאָג ארבייט... דערווייל איז שטיל אויף דער גאַנצער ערד. וואַלד און שנעע, באַרג און טהאָל, טייך און ים, זיינען איצט אין אַ טיעפען דרימעל, און אויב ערגעץ אין אַ הויז וויינט אַ קינד, וועט שוין די מאַמע באַלד זיך אויפכאַפּען און איהם אָנזייגען. אויב ערגעץ אין אַ שטאַל איז דאָ אַ בהמה, וועט שוין דער באַלעבאָס ארויסגעהן צו איהר און איהר געבען אַ בינטעל היי, זאָלען זיי ניט מיינען אַז דער בעשעפער פון דער וועלט האָט אין זיי פערגעסען. ווייל ער ווייסט אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פערלאָזען...

מר. וויינבוים איז אריינגעגאַנגען אין הויז אריין, פערלאָשען דעם לאָמפּ אין שטוב און איז אַוועק אין זיין צימער. ער האָט זיך געלעגט אין בעט און איינגעשלאָפען, כאָטש איהם האָט זיך נאָך געוואָלט ליגען און טראַכטען פון דעם ווי אַזוי זיי וועלען דעם נייעם וועג מאַכען און פערגלייכען. מענשען וועלען פאָהרען און זאָגען, אַז עס איז דער וועג פון טשייפּעל היל, געבענשט זאָלען זיין די מענשען וואָס וואָהנען דאָ...

רבקה איז געזעסען אין אָנגעטהאָנענע, נעבען דעם בעט פון איהר מיידעל, צוגעהאַלטען מיט איהר האַנד אסתר׳ס קאָפּ.

— אסתר׳ל, וואָס איז דיר?

— גאָר ניט, מאַמע.

— וואָס־זשע וויינסטו?

— ווער וויינט?

— איך ניט. דו וויינסט, אסתר.

— וואָס האָסטו זיך אָנגעבונדען אָן מיר? נאָ, זעה מיינע אויגען, זיי זיינען טרוקען.

— האָסט היץ אין קאָפּ.

— לאָז מיך אָנטאפּען דיין קאָפּ, וועל איך דיר אויך זאָגען אז דו האָסט היץ.

— פאַר וואָס־זשע שלאָפסטו ניט?

— איך קען ניט שלאָפען, מאמע, אז דו זיצסט נעבען מיר.

— ניין, וועסט מיר ניט איינריידען, אסתר, איך וועל ניט אוועקגעהן פון דיין בעט ביז דו וועסט ניט איינשלאָפען.

— הע, האָסט מורא איך זאָל ניט אַנטלויפען? טאָ זיץ נעבען מיר און היט מיך.

— איך וויל נאָר וויסען, וואס דו ביסט אזוי אריין אין הויז מיט אזא געלויף. א מאמע בעדארף וויסען.

— איך האָב זיך פאַר עפּעס דערשראָקען, איך האָב עס שוין דיר פריהער געזאָגט. דו גלויבסט מיר אָבער ניט. איך האָב זיך פאַר עפּעס דערשראָקען...

— ווען די מאמע וואלט צו דיר געזאָגט, אסתר, געה ניט ארוים ביי נאכט שפּאַצירען, פאָלגסט דען וואס דיין מאמע זאָגט דיר?

— איך בין ניט געגאַנגען אליין, מאמע, און חוץ דעם בין איך ניט קיין וויעג קינד.

— דערצעהל זשע מיר וואָס דו האָסט אזוינס דערזעהן ערגעץ אין וואלד, פאַר וואָס דו האָסט זיך דערשראָקען.

— איך האָב זיך פאַר גאָר ניט דערשראָקען.

— אז איך זאָג האָסט היץ. ערשט פריהער האָסטו מיר געזאָגט אז דו האָסט זיך דערשראָקען פאַר עפּעס אין דרויסען ביזטו אנטלאָפען אהיים. איצט זאָגסטו אז דו האָסט זיך ניט דערשראָקען.

— איך ווייס אליין ניט וואָס צו זאָגען. לאָז מיך איצט אָפּ. איך וועל דיר אן אנדערש מאָל אליין דערצעהלען. איצט לאָז מיך אָפּ, איך וויל שלאָפען.

— איך וועל רופען דעם טאטען, עפּעס איז מיט דיר ניט גוטעס געשעהען.

— דער פּאַ וועט דיך אוועקטרייבען פון מיר.

— שווייג־זשע. איך לעג זיך מיט דיר אין בעט. איך וועל שוין איינע אליין ניט קענען שלאפען היינטיגע נאכט.

— געהט עס, מאמע.

די מוטער מורמעלט עפעס שטילערהייד, בעוועגט זיך אזוי שטיל אויסטהוענדיג די קליידער און שיך, לעגט זיך אין בעט.

אסתר דערנעהנטערט זיך צו איהר. קינד און מוטער נעהמען זיך ארום. עס איז שטיל. ערגעץ הערט זיך, ווי עס געהט עמיצער ארום אין דער נאכט מיט לאנגע פוס, שפאנט פון איין בארג צו דעם אנדערען, שפאנט אריבער טהאלען און וועלדער און ריהרט קוים, קוים אן די פערשנעעטע ערד מיט זיינע פיס.

— מאמע, האסטו זיך אמאל איינגעליעבט, ווען דו ביזט געוועזען א מיידעל.

— וואס איז דיר פלוצים איינגעפאלען צו פרעגען?

— איך וויל וויסען צי יא.

— יא.

— ווי אזוי?

— ווי אזוי ווייס איך אליין ניט. אפשר שוין פערגעסען, נאר ניין, אסתר, איך האב פלוצים אזוי פון זיך אנגעהויבען ליעב צו האבען.

— ועמען?

— וועמען ווייס איך אליין ניט. נו, זאל זיין דיין טאטען. איך האב איהם געזעהן איינמאל און זיך פערשעהמט פאר איהם. בין איך אנטלאפען אין אן אנדער צימער. איך האב זיך דורך דער וואנד איינגעהערט, ווי אזוי ער האט דעמאלט גערעדט. האב איך אנגעהויבען צו בענקען נאך איהם.

— דאס אלעס?

— וואס דען האסטו געוואלט?

— איך האב געמיינט, אז דו ביזט אריין און ארויפגעפאלען אויף איהם, שעהם זיך ניט, עס איז מיין טאטע.

— וואס רעדסטו נארישקייטען? אז נאכדעם ווי מיר האבען חתונה געהאט האב איך זיך געשעהמט איהם צו קוקען אין די אויגען אריין.

— אבער ער האט דיך אמאל א קוש געטהאן?

— איך געדיינק ניט. ניין, מיר דאכט, אז ווען איך בין גע־

ווען א כלה און געקומען צו מיין חתן צו גאסט, האט ער מיר געטהאן דערמאלט א פאלשען קוש.

— וואס הייסט א פאלשער קוש?

— איך וויים אליין ניט וואס עס איז דער אמת'ער קוש און וואס עס איז א פאלשער קוש. נור אז איך האב דערנאכדעם אין א וואך ארום, ווען איך בין אהיים געקומען, דערצעהלט מיין פריינ־דינע, האט זי געזאגט אז דאס רופט זיך א פאלשער קוש.

— וואו האט ער דיך געקושט? — האט אסתר געפרעגט נאך דעם, ווי זי איז אביסעל שטיל געלעגען און געטראכט.

— איך האב זיך פערקעמט ביים שפיעגעל מיינע האר, לאנגע האר האב איך דעמאלט געהאט, קומט ער אריין און איך דערזעה איהם. ווער איך א בלאסע און וויל שוין אנטלויפען. זאגט ער צו מיר: „ווארט, אנטלויף ניט, איך האב דיר א סוד צו דערצעהלען". זאג איך: „א סוד? עס איז דאך קיינער נישטא פאר וועמען זיך צו היטען." ער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, האט ארויפ־געלעגט זיינע הענט אויף מיינע אקסעל און צוגעבויגען זיינע ליפען צו מיין רעכטען אויער. מיר קלאפט א צאהן אין א צאהן. איך הער זיך איין. ער האט עפעס א שטילען מורמעל געטהאן און זיינע ליפען האבען זיך אנגעריהרט אין מיין באק, זעהר לייכט אנגע־ריהרט.

— איצט וויים איך שוין, איצט וויים איך שוין — האט אסתר זיך פלוצים דערפרעהט.

— נאר שא, צווישען מיר און דיר זאל עס בלייבען, אסתר — האט זיך די מוטער געבעטען.

— אויב דו, מאמע, וועסט מיר צוזאגען אז דאס וואס איך וועל דיר באלד דערצעהלען וועט בלייבען צווישען מיר און דיר, וועט דאס וואס דו האסט מיר דערצעהלט אויך בלייבען צווישען מיר און דיר.

— איך וויים שוין, איך וויים שוין — האט די מוטער מעהרער צוגעטוליעט צו זיך אסתר'ן, ארומגענומען זי מיט איהרע נאקעטע הענט ארום האלז — מעגסט מיר שוין דערצעהלען.

— בלייבט עס צווישען מיר און דיר?

— נעהם מיר שוין ניט ארוים די נשמה.

— ווייסט, מאמע — האט אסתר געזאגט, נאכדעם ווי זי האט

אביסעל זיך איינגעהערט אין דער שטילער נאַכט — איך האָב איהם ליעב.

— וועמען?

— איך בין זיין שוועסטער און ער איז מיין ברודער.

— ווער איז ער? איך בין דיין מאַמע, מעג איך וויסען.

— ער האָט מיר געשענקט אַ לאָשעקעל. און אז דער ווינטער וועט אוועקגעהן, עס וועט ווערען וואַרעם, וועט ער קומען און אַ פייף טהאָן פון יענער זייט פענסטער, וועל איך ארויסלויפען פון הויז און אוועקפליהען מיט איהם.

— אז איך זאָל דערלעבען, גאָט דער גוטער — האָט די מוטער צוגעדריקט אסתר׳ס קאָפּ צו איהר ברוסט און איהר געטהאָן אַ קוש אין די ווייכע האָר.

— איך וועל אָבער אין מיט וועג איהם לאָזען שטעהן און צוריק אנטלויפען צו דיר, אהיים, איך וויל ניט אז דו זאָלסט בלייבען אליין אָהן מיר, אַ יאָ, מאַמע?

— געה, געה, ביזט אַ קליין קינד. עס קומט דיין צייט, האָסט איהם ליעב, געה מיט איהם. איך בין אויך אוועקגעגאַנגען פון מיין מאַמען.

אסתר האָט געהאַלטען פערמאַכט איהרע אויגען און האָט געשוויגען. עס האָט זיך איהר אַלעס געמאָהלען וואס די מאַמע האָט דערצעהלט, ערגעץ ווייט, ווייט, אזוי שאַרף און זעהבאַר. זי האָט צועפענט איהרע אויגען, די פינסטערקייט פון צימער איז צוביסלעך אוועקגעשוואומען, דער שנעע און די לבנה האָבען אריינגעקוקט דורכ׳ן פענסטער מיט דעם ווייסען פאָרהענגעל.

— מאַמע, עס הויבט שוין אָן צו טאָגען — האָט זיך אסתר אַ דערשראָקענע געטהאָן אַ וואָרף.

— עס איז אזאַ ווייסע נאַכט, ביז טאָג איז נאָך ווייט — האָט די מוטער זי געגלעט און בערוהיגט, — נו איצט וועלען מיר אזוי גוט אַ שלאָף טהאָן.

— געהט עס!

זיי האָבען זיך גוט איינגעדעקט. די מוטער איז איינגעשלאָפען. אסתר האָט ניט געקענט. זי האָט פערמאַכט איהרע אויגען, האָט זיך איהר געמאָהלען דער ווייסער באַרג און אין פלאַכען טהאָל אַ וואַלד, אזוי ווי אַ קיילעכדיגע שוואַרצע ראַהם אַרום ווייסען באַרג.

און ס׳האָט זיך איהר אויסגעוויזען אז עמיץ פייפט פון יענער זייט פענסטער. איז שוין אפשר ווארעם געווארען אין דרויסען, און דוד האָט געבראכט דאָס לאָשעקעל? זי איז ברוגז אויף דוד׳ן. ער האָט איהר א ביס געטהאָן אין האלז אריין און עס ווערט דאָרט אָנגע־שוואָלען. זי עפענט איהרע אויגען, קוקט זיך ארום, ריהרט אָן מיט דער האנד איהר האלז, וועקט אויף די מוטער.

— וואס איז שוין ווייטער?

— עפּעס ווערט מיר געשוואָלען דער האלז.

— וואו?

די מוטער זוכט ארום מיט איהרע הענט אסתר׳ס האלז, שרייט אָן אויף איהר און מוטער און טאָכטער בלייבען שטיל אזוי ווי די נאכט ארום זיי.

# XVII

## הענער שלאָגען זיך...

דער קומענדער מאָרגען אויף טשייפּעל היל איז געוועזען א בליי־כער און אויך איינגעוויקעלט אין נעבלען.

מר. וויינבוים איז אויפגעשטאַנען, אזוי ווי אלע טאָג, ווען דער הימעל אין מזרח האָט אָנגעהויבען צו ווערען בלייך, זיך געוואשען און ארויס אין שטאהל צו זיינע בהמות. אריינקומענדיג אין שטאהל אריין האָט ער א געשריי געטהאָן: „גוט מאָרגען“. עס איז באלד צווישען זיינע בהמות געוואָרען א גערודער. זיי האָבען זיך אלע אָנגעהויבען אויפצוהויבען פון זייערע אָנגעבעטענע ערטער.

ער האָט בעטראַכט אלעמען בעזונדער. געזונד. דאנקען גאָט! זיי איינגעטהיילט צו ביסלאך היי. אוועק צוריק אין הויז אריין, אויס־גערייניגט דעם אייזערנעם אויווען, איהם אונטערגעצונדען מיט שפּיינד־לאך און נאָכדעם אויפגעוואָרפען עטליכע שייט האָלץ. צוגעשטעלט דאָס טהעע קעסעלע מיט וואסער.

ער איז אריינגעגאַנגען אויפוועקען די ווייבער.

אין הויז איז געוואָרען א ביסעל ווארים און ליכטיג. וויינבוים איז ארויסגעגאַנגען מיט צוויי ווייסע עמער מעלקען זיינע קיה.

צוריק געהענדיג פון שטאהל מיט דער מילך האָט ער זיך פער־

קוקט ארום און ארום. פון דעם קוימען פון זיין הויז איז אויפגעקומען א גלייכע זייל מיט רויך און אין אלע זייטען, וואו עס איז נאר ערגעץ געווען א הויז, אויף א בארג צו אין א טהאל, האט זיך געזעהען, ווי עס רייסען זיך צום הימעל גלייכע זיילען רויך.

„עס וועט זיין א שעהנער טאג“ — האט מר. וויינבוים א טראכט געטהאן — דער רויך שלענגעלט זיך גלייך פון קוימען צום הימעל.

ער האט איבערגעגאסען די מילך אין קליינע טעפלאך, צוגעדעקט און אוועקגעשטעלט אין דעם מילכיגען צימעריל אויף א פאליצע. דאס ביסעל מילך וואס איז געבליבען פאר דעם הויז האט ער אין א טעפעל אוועקגעשטעלט אויף דעם אויווען. דאס איז אלעס געווען וואס וויינבוים האט געטהאן אלע אינדערפריה אין הויז.

נאכדעם איז ער צוריק ארוים אין שטאהל. עס האט גענומען א לענגערע צייט ביז ער האט אנגעטרינקען זיינע בהמות, אויסגערייניגט די שטאהל; די אקסען מיט די קיה ארויסגעלאזען אין דרויסען — זאלען זיי זיך אנציהען מיט לופט. דאס פערד אויסגעקעמט און איהם אויך ארויסגעפיהרט אין דרויסען און איהם אנגעטריבען, אז ער זאל זיך אביסעל דורכלויפען אין שנעע.

מר. וויינבוים האט הארציג געלאכט דערפון וואזוי א פערדישען קאפ קומט אוים זיך צו וואלגערען אין שנעע. אזוי ווי ער האט נאר ארויסגעלאזען דאס פערד פון שטאהל, איז ער באלד אוועק צום ארט וואו דער ברונען איז געשטאנען און זיך אוועקגעלעגט נעבען בערגעל און זיך געוואלט איבערקייקלען בארג ארויף...

אין דרויסען איז געווען אזוי שעהן און־פריש. די זון האט מיט ליכטיגע אויגען ארומגענומען דעם גאנצען קיילכיגען האריזאנט.

מר. וויינבוים האט צועפענט די טהיר פון דעם היהנער־הויז און ווייטער געהאט א פול מויל צו לאכען פון דעם, ווי אזוי זיי האבען אלע מיט אמאל געוואלט ארוים אין דרויסען. עס איז געווארען אזא טומעל, פליגלען האבען געפאטשט און די הענער האבען געקרייט, איין עוף איז געשפרונגען איבער דעם אנדערען און ארויסגעפליגען אין דרויסען. די דריי ווייסע גענז האבען איבערגעוואוארט דעם טומעל, געשטאנען אין א ווינקעל פון קאמער מיט זייערע לאנגע העלזער אויסגעטשרעקט און מיט זייערע שנאבלען געשאקעלט. אז אלע היהנער זיינען שוין גע־וועזען אין דרויסען, האבען די גענז פון זייער ווינקעל זיך א הויב גע־טהאן און ארויסגעפליגען אין דרויסען. אריבערגעפליגען דעם דרא־

טענעם הויכען פלויט און אזוי הויך געשריגען, פאר פרייד זיך אויס־געדרעהט אין א גרויסען ראד און ארונטערגעפלויגען אויף דער פער־שנעטער לאנקע. און אז מר. וויינבוים האט אנגעשאטען קוקורוזע אין די קארעטעס, זיינען די גענז געקומען צולויפען מיט אויפגעהויבענע פליעגלען און מיט רויטע אויסגעוואקשענע פיס פון שנעע און עפעס אזוי פיעל געגראגערט און געקוקט מיט איין זייט אויגעל אזוי בייז צו מר. וויינבוימען, און געשלינגען די קוקורוזע מיט אויסגעשטרעקטע העלזער.

מר. וויינבוים איז נאכדעם אריינגעקומען אין הויז, איינגעוואשען זיינע הענט און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש. זיין ווייב רבקה האט אוועקגעשטעלט צום טיש א קריגעל קאווע, ברויט, פוטער און קעז און א שיסעל מיט איינגעמארינירטע בארען.

אסתר איז ארויסגעקומען פון איהר צימער אויף די שפיץ פון איהרע פיס, זיך צוגעשארט שטילערהייד און ארומגענומען איהר פאטער פון אונטען מיטביידע הענט ארום זיינע אויגען.

— ווער איז דאס מיט אזוינע קאלטע הענט? — האט מר. וויינ־בוים זיך געמאכט, אז ער ווייסט ניט ווער עס האט איהם ארומגענומען.

אסתר האט זיך געשאקעלט אהין און אהער, ווי דער אומרוה פון א זייגער, און געשמייכעלט שטילערהייד און אויך ביי זיך געוואונסט, אז איהר פאטער ווייסט ווער עס האט איהם ארומגענומען זיינע אוי־גען, אבער זי האט איהם ניט געוואלט גיבען אן אנצוהערעניש, אז זי איז עס.

— אפשר דער ווינט? — האט וויינבוים געפרובט טרעפען.

רבקה איז געשטאנען ביים טיש און בעטראכט אסתר'ן, זיך ערשט איצט ארומגעזעהען, אז זי האט, קיין בייז אויג, שוין אויסגעוואקסען און איז שעהן. — „ווער וועט אזא שעהן מיידעל ניט אוועקכאפען?“ האט די מוטער געטראכט און געזאגט צו איהר מאן — עס איז ניט דער ווינט.

— הא, עס איז דער שנעע מיט זיינע קאלטע הענט — האט מר. וויינבוים געזאגט.

אסתר האט זיך שוין ניט געקענט מעהר אויפהאלטען און אויס־געשאסען אין א געלעכטער, צוגעכאפט איהרע הענט און אנטלאפען פון טיש.

— דאס ביזטו געווען, אסתר, אזוי, א טאטען מעג מען אפנארען?

און ווען מען איז שוין אַלע דריי געזעסען ביים טיש און געגעסען האָט זיך אסתר פּלוצים אָנגערופען:

— מעהר פאָהר איך ניט אין שטעדטעל ארבייטען.

— גוט! איך האָב נאָך ביים אָנפאַנג, אַז דו ביזט ארויס פון שול, געזאָגט, אַז איך וויל דיך אין דער היים. דיין מאַמע האָט אָבער געוואָלט דו זאָלסט אָנהויבען צו ארבייטען אין אן „אָפיס"...

די מוטער האָט געוואָלט פרעגען, וואָס פּלוצים עס איז איהר איינגעפאַלען ניט צו פאָהרען מעהר אין שטעדטעל, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אין דער לעצטער נאַכט און שוין ניט געפרעגט.

אַז מען האָט אָבגעגעסען איז מר. וויינבוים דער ערשטער אויפגעשטאַנען פון טיש און געזאָגט:

— נו, דאַנקען גאָט זיך אָנגעגעסען. איצט וואָס טהוט מען. אה. איך וועל אראָפּגעהן צו ראָזענבערגען א ביסעל. ער פאָהרט דאָך אַוועק אין ניו יאָרק. וועל איך איהם אונטערפיהרען מיט אונזער פערד צום באַהן.

— פאַר וואָס ניט, טאַטע, טאַטע, — האָט רבקה צוגעגעבען חשק.

אסתר האָט זיך אָנגעטאָן א פּאָר גומינע לאַנגע שטיוועל, ארומגעוויקעלט איהר קאָפּ מיט א דונקעל בלויען וואָלענעם שאַל און איז ארוים אין דרויסען.

ערשטענס איז זי אַוועק אין וואַלד אריין. די זון האָט געוואַרעמט דעם שנעע און איהם געמאַכט ווייך. אויף דעם באַרג, וואו דוד האָט זי נעכטען אויף דער נאַכט געשלעפּט אין שליטעלע, זיינען די שניט פון שליטען אין טיעפען שנעע שוין געוואָרען ברייטער און דאָס גרינע גראָז האָט זיך ארויסגעוויזען.

אסתר איז געגאַנגען א היים נעהמען דאָס שליטעלע. און ווען זי איז צוגעקומען און דעם שליטעל דאָרט ניט געפונען, האָט זי באַלד זיך אומגעקעהרט אהיים. דאָס שליטעלע איז געשטאַנען אונטער דעם אָפּענעם דאָך קעמערעל אויף זיין אָרט.

זי האָט זיך אביסעל פערטראַכט.

דוד וואָלדען איז, וויזט אויס, נאָך נעכטען ביינאַכט דאָ געוועזען און צוריקגעבראַכט דעם שליטעל אויף זיין אָרט. איהר האָט זיך טאַקע אויסגעוויזען, אַז עמיצער פּייפט אונטער דעם פענסטער...

איהר איז געוואָרען אַזוי פרעהלאַך. זי האָט געוואָלט זיך אויפ־

הויבען און אוועקלויפען ביז אַט יענע פעלדער, אויף יענע זייט בערג און טאָהלען.

זי האָט זיך איינגעבויגען, אָנגענומען צוויי פולע הענט מיט שנעע, צונויפגעקייקעלט אין א באַל און א וואָרף געטהאָן אויף די ווייסע גענז. די גענז האָבען זיך דערשראָקען, אָנגעמאַכט א גוואַלד און אָנגעהויבען צו יאָגען זיך נאָך דעם שנעע־באַל, איהם געכאַפּט און מיט זייערע רויטע שנאָבלען דעם שנעע־באַל צוביסען אויף שטיקלאַך.

אסתר האָט זיי געוואָרפען נאָך א באַל און דאָס מאָל געטראָפען דעם גאָנער, וואָס האָט געהאַט א שוואַרצען טשיפּעקעל מיט האָר אויף זיין ווייסען קאָפּ.

דער גאָנער האָט געטהאָן א צועפען זיינע פליגלען, אונטערגעהויבען זיינע פיסלאַך, די צוויי ווייבליך־גענז האָבען איהם נאָכגעטהאָן דאָס זעלבע און די גענז זיינען אַלע דריי אין א שורה אוועק געפלויגען, בריהער נידריג ביי דער ערד, נאָכדעם העכער און העכער.

— אַט אזוי פליהען גענזעלעך! — האָט אסתר אונטערגעזונגען, זיך געבויגען צו דער ערד, אָנקייקלענדיג שנעע־באַלס און געוואָרפען אין דער הויף, געציעלעוועט אין די פליהענדע גענז — אַט אזוי פליהען גענזעלעך!

די אָקסען, קיה און דאָס פערד זיינען אָנגעקומען און זיך ארומגעשטעלט אין הויף קוקען אויף אסתר'ן. דאָס פערד האָט אַלע מאָל, ווען אסתר האָט אויפגעהויבען איהר האַנד צו וואַרפען דעם שנעע־באַל, געמיינט, אז זי וויל וואַרפען אויף איהם און ער האָט זיך אַלע מאָל א דערשראָקענער אָבגעקעהרט און א שפּרונג געטהאָן און נאָכדעם צוריק געקומען נאָהענטער.

די היהנער האָבען אָנגעהויבען צו קאָקדאָקען. אריבערגעשריען איינע די אַנדערע, ארומגעלאָפען פון איין האָהן צום אַנדערען, אַלע מאָל האָט דער ווייסער, קליינער אָבער שטאָלצער האָן מיט דעם הויבען זיבענשפּיצען רויטען קאַם, א שאַר געטהאָן מיט זיינע פיסלאַך און צונויפגערופען די היהנער. דער גרויסער, שווערער האָן, מיט דעם לאַנגען, אויסגעקייקלעבדיגען האַלז און מיט זיין גרויסען קאָפּ, וואָס האָט געהאַט א קליינעם נידריגען קאַם, האָט געזעהען, אז דער קליינער, ווייסער „רוח" האָט צונויפגעזאַמען אַלע היהנער ארום זיך און ער, דער שעהנער מיוחס, מיט די צוויי אויסגעבויגענע פעדערען, וואָס האָבען געהאַנגען פון זיין עק און מיט די געקעסטעלטע שוואַרצע און ווייסע פעדערען,

וואָס האָבען בערעקט זיין גאַנצען לייב, איז געבליבען איינער אליין. האָט עס איהם פארדראָסען און די וועלט איז געוואָרען אַ פינסטערע אין זיינע אויגען. האָט ער אַ שפּרונג געטהאָן מיט די צולאָזענע פליגעלען און אריין אין דער מיט פון דעם גרויסען ראָד היהנער און מיט זיין שנאָבעל אַ כאַפּ געטהאָן דעם קליינעם ווייסען האָן ביי זיין גרויסען קאם און אָפּגעביסען אַ שטיק.

וועט עס דער קליינער, ווייסער האָן אריבערטראָגען? זיינע עלטערנס עלטערען האָבען אַ שם, אַז ביי זיי איז ניט געוועזען אַזאַ זאַך, וואָס האָט געקענט הייסען אַ פּלויט. גרינג און לייכט זיינען זיי און זייער פלייש אַרום די ביינער איז הארט ווי שטאָל. פון פערשוויינגען יענעם איז שוין אָבגערעדט, נאָר זיי האָבען נאָך אַזאַ טבע, אַז איידער יענער הויבט נאָך אָן, פליהען זיי שוין אריין מיט זייער שנאָבעל און פּיקען איהם אויס די אויגען. וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען יענעמס אויגען ביי איינעם, וואָס קען לייכט אַ שפּרינג טהאָן?

באַלד האָט אסתר אָבגעלאָזט די דריי גענז און זיך אוועקגעשטעלט קוקען אויף דעם „ראָסטער פייט“.

דער קליינער, ווייסער „לעגהאָרן“ האָן איז געשטאַנען אויף די שפּיצען פון זיינע נעגעל, די פעדערען אַרום זיין קאָפּ זיינען געוועזען אויפגעבלאָזען ווי אַ קיילכיגער, גרויסער פּאַכיר. און אַ קעגען איהם איז געשטאַנען דער גרויסער טערקאָטע, „באַרדראָק“ האָן, מיט זיינע גרויסע, גראָבע פיס צושפּרייט און אַלע זיינע פעדערען, פון עק ביז קאָפּ, אויפגעהויבען. זיין האַלז אויסגעצויגען ווי אַ לאַנג שטריקעל, אָנגעצילעוועט מיט קיילכיגע בלעכלאַך.

דער גרויסער האָן האָט אַ שפּרונג געטהאָן און זיך געוואָלט אַרויפוואַרפען אויף דעם ווייסען „רוח“. איז אָבער דער ווייסער געפאַלען אויף אַ פלאַך און זיך איינגעבויגען ביז צו דער ערד און דורכגעפלויגען צווישען די צושפּרייטע פיס פון זיין פיינד.

זיינען זיי שוין איצט געשטאַנען אויף די פערביטענע ערטער און זיך דורכגעשטאָכען מיט זייערע בייזע אויגלאַך. געשטאַנען אַזוי אַ ווייל, אַלע היהנער זיינען זיך צולאָפען. אסתר האָט פון וויטענס געקלאַפּט מיטביידע הענט, זיי הינטערגעגעבען חשק.

פּלוצים האָט דער קליינער, ווייסער האָן אַ שפּרונג געטהאָן אויף דעם גרויסען האָן, מיט זיינע נעגעל זיך אריינגעגראָבען אין זיין פיינד'ס פעדערען און מיט איין פּיק האָט ער איהם אויפגעריסען איין אויג און

מיט נאָך אַ פּיק איהם אויסגעביסען דאָס אַנדערע אויג. דער גרויסער האָן איז מיט זיין שונא אויף זיין קריזש אַרומגעלאָפען איבער דעם הויף, מאָרנע קולות אַרויסגעקרעהט און נאָך דעם ווי דער ווייסער האָן איז אַראָפּגעשפּרינגען און זיך אַ טרייסעל געטהאָן זיינע פעדערען, האָט ער אַ קוק געטהאָן צו זיין בלינדען פיינד, און איז זיך אוועקגעלאָפען אַ פרעהליכער אויפצוזוכען די היהנער.

דער גרויסער האָן איז געבליבען שטעהן אין דער מיט פון הויף, אַריינגעצויגען דעם קאָפּ און געשאָקעלט זיך אויף זיינע לאַנגע פיס. בלוט האָט גערונען אויף דעם שנעע פון זיינע אויגען, נאָז־לעכלאך און מויל. אסתר איז צוגעקומען און איהם אַ לייכטען שטויס געטהאָן מיט איהר שטיוועל. דער האָן האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

זי האָט איהם אָנגענומען מיט ביידע הענט און אַריינגעלאָפען אין הויז אַריין מיט אַ געוואַלד:

— מאַמע, זעה דער האָן איז בלינד געוואָרען.

די מוטער איז געקומען צולויפען אַקעגען, פערלעגט האַנד אין האַנד און געבראָכען די פינגער:

— וועה און ווינד, אַזאַ שעהנער האָהן געוועזען!

אסתר האָט דעם בלינדען פערבלוטיגטען האָן אוועקגעשטעלט אויף דעם טיש, מיט אַ טיכעל און וואַסער, איהם געוואַשען דעם קאָפּ און די אויגען. געשטופּט אַ פינגער אין די ליידיגע לעכלאך, און אַז דער האָן האָט זיך ניט געוועהרט האָט זי געזעהען, אַז עס איז אַ פערפאַלענע זאַך. ער איז בלינד. עס האָט זי פארקלעמט ביים האַרץ און זי האָט זיך דערפיהלט אַ שולדיגע, ווייל זי האָט דאָך געקענט זיי אָפּצוטרייבען איינעם פון אַנדערען.

מען האָט דעם בלינדען האָן געקוילעט. זיין קאָפּ מיט דעם איינגעווייד האָט אסתר אַרויסגעוואָרפען צו די היהנער און געשטאַנען און זיך גוט איינגעקוקט ווי אַזוי דער ווייסער, קליינער האָן האָט צונויפגערופען אַלע היהנער און האָט געפּיקט צו שטיקלאך און געשלינגען.

האָט דער ווייסער האָן געוואוסט, אַז ער מאַכט אַ מאָהלצייט פאַר זיינע היהנער פון דעם קאָפּ פון זיין פיינד?

אסתר האָט אָנגעהויבען פיינט צו האָבען דעם קליינעם, ווייסען האָן.

## דער פּאָס פון ים. דריטער טהייל.

I

# טשייפּעל הילל

אויף דעם שטיק לאַנד, וואו וויינבוים'ס הויז שטעהט, האָט אַמאָל געוואוינט אַן ענגלענדער, וואס האָט געהייסען טשייפּעל. רופט מען עס דערפאַר „טשייפּעל הילל“.

אין די אַרומיגע שטעדטלעך הייסט אַלעס וואס גרענעצט זיך פון מר. וויינבוים'ס הויז ביז דעם אָרט וואו די פיער וועגען צושייד־דען זיך, מיט דעם נאָמען טשייפּעל הילל. און אַז מען זעהט אַ אידען פאָהרען מיט אַ פערד און וואָגען און דער איד האָט נאָך אַ צופּלאָנ־טערטע באָרד, און זיין פערד איז ניט אַזא גוטער געהער, זאָגט מען באַלד: דאָס פאָהרט אַ טשייפּעל היללער איד. אויב מען טרייבט אַן אויסגעדאַרטע קוה, זאָגט מען: דאָס איז אַ טשייפּעל היללער קוה. און פאָהרט מען דורך מיט אַ צוקרימטען וועג און פוןביידע זייטען זיינען די וועלדלעך ווילד פערוואַקסען און פערפּלאָנטערט, זאָגט מען: דאָס מוז זיין טשייפּעל הילל. פאָהרט מען דורך און מען זעהט אַ פעלד וואס איז אָנגעוואָרפען מיט שטיינער, זאָגט מען: דאָס איז אַ טשייפּעל היללער פעלד.

אָט אַזא מזל האָט שוין טשייפּעל הילל.

נאָר מאָלע וואס פאַר אַ מזל טשייפּעל הילל האָט, איז דאָס דאָזיגע אָרט אָבער אליין מיט זיך שטאָלץ. פון איין זייט האָט זיין לאַנד מר. וויינבוים, און עס געהט אוועק ווייטער אין שכנות מיט ראָזענבערג'ען. נאָך ראָזענבערג'ען קומט דער אַלטער וואַלדען, און

נאָך וואַלדרענ׳ען האָט זיין לאַנד מר. ראַגאַווין. צווישען אַט די אַלע אידען, דורך וועמעס פעלדער עס ציהט דורך דער צוקרימטער טשיי־פעל הילער וועג, וואָהנט אויך זשאַק, דער פוילישער אַלטער בחור. פון איין זייט גרענעצט זיך מר. וויינבוים מיט יענקי לאַנד, און פון דער אַנדערער זייט גרענעצט זיך מר. ראַגאָווין מיט יענקי לענדער און וועלדער.

די לענדער פון יענעם אָרט זיינען פול מיט שטיינער שפּיציגינע קליינע און פלאַכע און קיילעכדיגע אָבער דערפאַר פרוכטבאַרע ערד, ליימיג און שווער, און די אויבערפלעכע איז אַ שוואַרצע, אויסגע־מישט מיט איבערגעפוילטע אָרגאַנישע שטאָפּען. זיי האָבען אָבער נאָך אַ גרעסערען חסרון, וואס אַלע לאַנקעס זיינען בערגיג. די אַמאָ־ליגע ענגלענדער, אַז זיי זיינען אַריבערגעקומען אַהער האָבען זיי ניט געקענט געפינען קיין פלאַכע ערטער, אַז זיי זאָלען זיין טרוקען גע־נוג, אַז אויף זיי זאָל מען קענען אַקערען און זעען. האָבען זיי אויס־געקליבען קליינע בערגלאַך און פון זיי געמאַכט לאַנקעס און גערט־נער. און פון די שטיינער וואס איז געוועזען אין דער צואַקער־טער ערד, האָבען זיי געמאַכט פּלויטען אַרום די לאַנקעס. שטיינער קומען אָבער אַרויף אַלע יאָהר ווען מען צואַקערט די ערד און קיין נייע פּלויטען האָט מען ניט בעדאַרפט, זיינען זיך די שטיינער פערבליבען יאהר איין און יאהר אויס אין דער ערד.

יענע ענגלענדער זיינען שוין לאַנג ערגעץ אין גן עדן אויף יע־נער וועלט, און איצט וואָהנען דאָ אידען.

אַט לאָמיר נעהמען דעם אידען ראַגאָווין.

עס איז שוין אַ פּאָר יאָהר, אַז ער האָט געקויפט זיין פאַרם. אליין איז ער אַ געזונטער, הויכער איד, מיט פערגראָבטע מאַנירען. ער האָט געקויפט זיין פאַרם מיט אַלעם און מיט דער הייליגער ספר תורה. ביי איהם הייסט עס אַן אימפּראָוומענט. עס שטעהט אין קאָנטראַקט, אַז ווען די אידען פון אַרום און אַרום וועלען זיך וועלען צונויפקומען דאַווענען, מוז דאָס הויז זיין אָפען פאַר זיי, פערשטעהנד־ליך, ניט דאָס גאַנצע הויז, נאָר איין צימער. אַט אַזוי האָט עס בע־וואָרענט דער פרומער איד וואָס האָט דאָס לאַנד פערקויפט צו מר. ראַגאָווין.

ראַגאָווין איז אַ פּראָסטער איד, אָבער דעם קאָנטראַקט האַלט ער, ווי אַ הייליגען געבאָט.

אלע שבת, אדער אלע יום טוב קומען זיך צונויף די אידען און מען דאווענט מיט מנין. מאכט זיך א מאל אין א שבת עס איז ניטא קיין מנין, דאווענט מען אזוי איינציגווייז, אבער זאל מען כאטש דאוונען אין דעם צימער וואו דאס הייליגע ספר תורה שטעהט אין א שאפקעלע. אז איינער פון די אידען וואס וואהנען אין שכנות האט א יאהר צייט, לאזט ער צונויפרופען אלע אידען און מען דא־ווענט מיט מנין און ער זאגט קדוש נאך זיינע פערשטארבענע... און נאך דעם דאוונען טהיילט ער אויס לעקעך מיט בראנפען...

ראגאווין קען אליין זעהר ווייניג דאוונען. ער האט געקענט אביסעל ווען ער איז געוועזען א אינגעל, אבער וואס עלטער ער ווערט אלץ מעהרער פערגעסט ער. אבער עס איז פאר איהם געגוג אז ער שטעהט צווישען אידען און האלט אפען דעם סידור, מישט די בלעט־לעך און הערט זיך איין צו די אונפערשטענדליכע ווערטער וואס אנ־דערע זאגען... ער בענעהמט אפט די דאזיגע ווערטער מיט דעם סארט געזאנג, וואס ווערען ארויסגעבראכט פון דעם דאוונער. ער ווייסט עס גאנץ גוט אז ווען די הייליגע ספר תורה זאל ניט זיין ביי איהם אין הויז וואלט ער אפשר שוין לאנג פערגעסען אין די אלע זאכען.

צו דעם אלעמען האט עס דאך אזוי פיעל ווערט, אז מענשען קומען צו דיר אין הויז אריין, צי עס שיינט אין דרויסען, צי עס רעגענט, אין שנעע שטורעם און אין ווינט. עס איז אזוי פרעהלעך אויף דעם הארצען....

ראגאווין׳ס פרוי איז שוין אבער גאר פון אן אנדער מין שטאף. אן אויסגעדארטע, אין די מיטעלע יאהרען, אבער נאך גאר יונג אויף איהר פנים און אין איהרע בעוועגונגען. זי איז אביסעל געבילדעט, ווייסט וואס עס טהוט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ווייל זי לעזט צייטונגען און ביכלעך. פיהרט דאס הויז אויף דעם שניט פון די יענקישע הייזער. איז מיט די יענקים זעהר נאהענט. טהוט ניט א טראט ביז זי וועט א פרעג טהאן פריהער ביי דער יענקי שכנ׳טע. קאכט און באקט און גרייט דעם טיש צום עסען אקוראט ווי ביי זיי, האט תמיד צייט און א גאנצען טאג געהט זי ארום אן אויסגעפוצטע, און די ארבייט אין הויז ווערט ווי דורך א כשוף אפגעטהאן, שטיל און ניט בעמערקבאר. נאכדעם זיצט זי א גאנצען טאג און קוקט אין צייטונג. דארף עפעס אזוינס מענשען?

האלט זי דערפאר אין איין רעדען פאר וואס איז עפעס אויסגע־

פאלען אויף איהר מזל אז זי זאָל מוזען אוועקגעבען דאָס הויז איהר׳ס, און פרעמדע מענשען זאָלען קומען און זיך צולעגען אויף טיש און אויף בענק און טהאָן וואָס זיי ווילען?.... קארג הייזער איז פאראנען אין טשייפעל היל? פאר וואס גיט עמיצער אנדערש ניט אוועק זיין הויז? זי וואָלט איהם נאָך געגעבען טויזענד דאנק. פאר וואס קומט איהר אז די גאנצע בלאָטע זאָל מען איהר אריינטראָגען, און ווינטער דעם שנעע, און זומער די פליגען.... פאר וואס קומט עס איהר?

זי איז טאַקע געוועזען א קלוגע און געלעזען צייטונגען און זיך געפיהרט ווי אן אמת׳ע יענקי. איהר מאן ראָנאָווין האָט פאר איהר געהאט דרך ארץ דערפאר וואס ער האָט שוין מיט איהר אָפּגעלעבט אריבער א פערטעל יאָהר הונדערט, דערפאר וואס ער האָט עס אזוי איינגעפיהרט אז ער האָט תמיד פאר איהר מורא געהאט, אז זי האָט עפּעס געטהאָן צו איהם א וואונק, איז דאָס שוין געוועזען אזוי ווי זי האָט געוואָלט און עס האָט זיך תמיד אויסגעלאָזען צום גוטען. אָבער דאָס מאָל איז געוועזען דאָס איינציגע אין זיין לעבען, וואס ער האָט געהאט זיין וועג אויך.

און דערפאר, אז דער זוהן איהרער, איזידאָר, איז אראָפּגעקור־מען אהער, זיך דאָ אויסצורוהען נאָך זיין לאַנגען שטודירען, האָט זי, די מוטער, פאר איהם אויסגעגאָסען איהר ביטער הארץ.

דער דאָזיגער איזידאָר איז געוועזען מעהרער געראָטהען אין זיין מאַמען. דעם גוטען קאָפּ צום לערנען האָט ער פון איהר גע׳ירש׳ענט. ווען ניט זיין מוטער וואָלט אפשר פון איהם אויסגעוואַקסען אזא פּראָסטער, געזונטער בחור ווי דער טאַטע. דערפאר האָט די מאַמע געהאט צו איהם מעהרער צוטריט, באַטש ער האָט דעם טאַטענס כבוד זעהר אָפּגעהיט.

איזידאָר איז דערפאר, בשעת די אידען פלעגען זיך צוזאַמענ־קומען דאַוונען, אויך געוועזען איינער צווישען זיי. געהאַט א סידור מיט אן ענגלישער איבערזעצונג, פלעגט זיך בלאָזען און אויפמערקזאם אריינקוקען אין זיין סידור און אז מען האָט בעדאַרפט האָט ער זיך געקענט אָנרופען מיט א וואוילען ווערטעל וועגען עפּעס א געבעט פון דעם סידור.

נאָך דעם דאַוונען אי ער באַלד אריבער אויף דער מאַמע׳ס צד. שוין געזעהען, אז דער טאַטע זאָל דערפון ניט וויסען.

איזידאָר איז געוועזען א געבוירענער פון ניו יארק. די קינדער

שול, און נאָכדעם די העכערע שול און העט נאָכדעם דער אמעריקאַנער אוניווערסיטעט האָבען איהם אזוי אויסגעלערענט און קלוג געמאכט, אז עס איז ניט געווען עמיצער אויף דער וועלט וואס האָט איהם געקענט אָפּנארען אָדער אראָפּפיהרען פון גלייכען וועג.

ער האָט געהאַט צייט זיך אויסצולערנען צו זיין אַ קלוגער. וואס האָט איהם געפעהלט? דער טאַטע זיינער האָט געפיהרט וואַגענס האָלץ אין שטעדטעל אריין און פערקויפט פוטער, אייער און קאַרטאָפּעל און געשיקט געלד דעם איינציגען זוהן זיינען אז ער זאָל קאָנען לערנען. און איצט האַלט ער איהם אוים מיט אַלע פערגעניגענס ביז ער וועט זיך עפּעס אויסזוכען אַן ארבייט אָדער אַ שטעלע. איזידאָר האַלט אין איין שרייבען בריעף און עס קומט איהם אָן ענטפערס, אָבער דערווייל האַלט עס נאָך ניט ביי אַ פּרנסה. דער טאַטע וואונדערט זיך ניט איינמאָל פאר וואס דאָס איז אזוי, דאכט זיך אזא אָנגעפילטער מענש מיט קלוגשאפט, און קיינער, ווי עס זעהט אוים נאָך זיין פּראָסטען שכל, בעדאַרף איהם ניט.

די מוטער זאָגט אָבער אז עס איז ניט אזוי. ערשט אַט אזא מענשען איז שווער זיך צו דערשלאָגען. ער וויל דאָך ניט פערקויפען קיין בייגעל פאר אַ סענט. און זי האָפט אַז עס וועט קומען די צייט, וועט ער זיין פערזאָרגט אויף זיין גאַנץ לעבען.

איזידאָר האָט געגעסען און געטרונקען, געהאָלפען דעם טאַטען זיינעם אין אַלע זיינע ארבייטען און עס בעטראַכט, אַז ער טהוט די אַלע שווערע פּראָסטע זאכען נאָר פאר דערפאר, ווייל ער בעדאַרף איבונג. ער האָט אַלע אבענד לעגענדיג זיך שלאָפען, עקזאַמינירט זיינע מוסקולען פון די הענט און פים און איהם האָט זיך געדאכט, אז זיי, די דאָזיגע מוסקולען וואקסען און ווערען הארט ווי שטיין. דאָס האָט איהם זעהר געפרעהט. ווייל איהם האָט זיך אויסגעוויזען אז שפּעטער, ווען ער וועט ערגעץ אריין אין אַן אָפּים און אָנהויבען זיין קאַריערע, וועט ער דעמאָלט ניט האָבען קיין צייט צו „מאַכען" מוסקולען.

האָט ער אריינגעכאַפּט וואס מעהרער ער האָט איצט געקענט. עס איז איהם אָבער געווען עפּעס לאַנגווייליגליך. איהם האָט זיך געדאכט אַז עפּעס ווערט אין איהם איינגעשלאָפען.

אמת, ער האָט זיך איבערגעשריבען מיט זיינע פריינד און גע-

האט א פאַסטליכע פערבינדונג מיט פרויען אָבער ער האָט פאָרט גע־
פיהלט אז עפּעס ווערט אין איהם אזוי ווי פערטעמפּט.

איהם האָט זיך שוין אָנגעהויבען אויסצואווייזען אז ער ווערט אַלט. ער איז קוים אַלט געוועזען פינף־און־צוואַנציג יאָהר און איהם האָט זיך געדאַכט, אז זיינע האָר הויבען אָן צו ווערען גראָה און זיין גרעסטע צרה איז געוועזען מיט זיינע ציין, וואס זיי זיינען, ווי איהם האָט זיך אויסגעוויזען, געוואָרען פערגעלט. פערשטענדליך אז ער האָט זיי פיעל געוואַשען אָבער זיי האָבען אָנגעהויבען צו פוילען. האָט ער געטראַכט, אז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט ניט מיט וועמען צו ריידען. א מענש, אזוינער ווי ער בעדאַרף מעהרער רעדען. ווען ער העלפט זיין טאַטען עפּעס טהאָן אין וואַלד, אין פעלד אין שטאַל, שווייגט מען, ווייל זיין פאָטער האָט ליעב צו שווייגען. ווידער, אין הויז קומט אוים נאָר מיט דער מאַמען צו רעדען. נו, זי קען דאָך זיך ניט אוועקזעצען ביים טיש און מיט איהם פיהרען א לאַנגען געשפּרעך, אַלע מאָל און אַלע טאָג.

און ניט איינמאָהל האָט ער זיך אזוי פיינט בעקומען, אז ער האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען צו בלייבען מיט זיך אַליין. ער האָט אויפגעהערט צו שפּאַצירען אַליין אין די וועלדלעך פון ארום און ארום, ער האָט אויפגעהערט צו קוקען אויף הויכע בוימער און דאָס בעט אין וועלכער ער איז געשלאָפען האָט ער אוועקגערוקט פון דעם פענסטער.

ביז ניט לאַנג האָט ער נאָך געשריבען אזוינע לאַנגע בריעף צו זיינע פריינד און צו מיידלאַך. אין זיינע בריעף האָט ער געקענט אזוי שעהן בעשרייבען, אז ער איז געפאָהרען אין טיעפען וואַלד אריין מיט א גרויסען וואָגען און מיט צוויי פערד און געהאַקט בוימער, אַליין מיט זיינע הענט געהאַלטען א האַק און געהאַקט בוימער און אַליין אָנגע־לאָדען א הויכען וואָגען מיט קלעצער און זיך אַליין ארויסגעדרעהט. מען בעדאַרף קענען זיך ארויסדרעהען פון א וואַלד, און א היים גע־בראַכט דער מאַמען א הויפען האָלץ אויף דעם ווינטער... אין שטאָדט האָבען זיינע פריינד געלעזען און עס איז זיי געגרונען די סלונע פון זייער מויל. און ווען ער האָט געשריבען צו עמיצען א בריעף, האָט ער תמיד עפּעס געפונען מיט וואָס אויסצופילען בויגענס און בויגענס פּאַ־פּיר. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געטראַכט פון דעם, אז זיינע בריעף זיינען געוועזען פול מיט ליגענס. און עס איז נמאס געוואָרען צו שריי־

בען ליגענס. זיינע בריעף זיינען איצט געווען קורצע און אָפט האָט ער גאָר ניט געשריבען קיין ענטפער.

וואָס האָט זיך איהם געוואָלט האָט ער אליין ניט געוואוסט. אָבער ער האָט געפיהלט, אַז זיין גאַנצע סיסטעם איז געקומען צו אַזאַ צו־שטאַנד, אַז זי בעדאַרף אַ סטימולאַציאָן...

ער האָט געשמועסט מיט זיין מוטער וועגען דעם ענין, אַזוי פון דער וויטענס. דאָס האָט געהייסען, אַז ער איז אַ בעאָבאַכטער.

די מאַמע זיינע איז געזעסען אויף איהר וויעג שטול ביים פענס־טער, געבלעטערט אַ גרויסען, בריטען, „וויבערשען" זשורנאַל און אויף איהר פּנים האָט גערוהט אַ האַלבער שמייכעל און אַ האַלבער קלוגער ערענסט.

— ווען אַ מענש רוהט זיך אויס, קען ער נאָכדעם זיך אַ נעהם טהאָן צו זיין ארבייט.

— איך האָב שוין באַלד פערגעסען, מאַמע, ווי מען בעדאַרף רע־דען צו אַ מענשען.

— מיין זוהן, פאַר וואָס באַקענסט זיך ניט מיט די מענשען ארום אונז?

# II

## איך שענק דיר צוריק דיין רוה...

דער ערשטער שנעע איז צוגאַנגען געוואָרען.

בייטאָג האָט די זון געוואָרעמט די ערד. די ערד האָט אין זיך אריינגעזאַפּט דעם צולאָזענעם שנעע. און ביינאַכט האָבען די קליינע פרעסטלאַך פערצווייגען די ערד מיט אַ דינעם ווייסען הויך.

און אָט אַזוי איז געוואָרען טרוקען די ערד און אָט אַזוי איז אויך געוואָרען טרוקען פער וועג.

אין דוד וואָלדענ'ס הויז איז אַן איבערקעהרעניש. דער אַלטער וואָלדען איז געוואָרען שוואַרץ און פערוואָלקענט. אויפגעהערט צו רעדען אין הויז, זיך געבלאָזען און געקרעכצט, אַזוי טרויעריג און טיעף, און זיין ווייב האָט מורא געהאַט, אַז עפּעס איז מיט איהם געשעהען. זי האָט איהם אַלע מאָל געפרעגט וואָס ער קרעכצט און ער האָט ניט געענטפערט, נאָר אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

ר׳ אברהם וואַלדען איז זעהר ווינציג געשלאָפען. זיך געלעגט שפּעט. נאָך דעם ווי זיין ווייב און דוד זיינען שוין געשלאָפען האָט ער ערשט אָנגעהויבען ארומצושפּאַצירען אויף דעם לאַנגען קאָרידאָר, וואָס האָט ארומגערינגעלט דאָס הויז, ביז שפּעט אין דער נאַכט... און דערסטגלייבען איז ער אויפגעשטאַנען ווען עס איז נאָך געווען פינס־טער און ארומגעגאַנגען איבער דער גרויסער שטוב ביים שיין פון דאָס איין און איינציגע סטעאַרינאָווע ליכט, און שטילערהייד מיט אזא וויי־נען מאָטיוו געזאָגט איין קאַפּיטעל נאָך דעם אנדערען, אויף אויסווייניג, פון תהילים.

ער האָט ווידער לעצטענס געהאַט אזא מין שטייגער צו ווערען ערגעץ פערפאַלען אויף א לאַנגען שפּאַציר פון אין דער פריה ביז אין שטאַרק פינסטערען אָבענד, אויף א גאַנצען טאָג ניט קיין געגעסענער...

דוד האָט פון דעם אַלעמען ניט געוואוסט, ווייל ער איז א גאַנצען טאָג געוועזען פערנומען אין די וועלדער ביי דער זעג מיהל.

די מוטער האָט געליטען און געשוויגען. זי האָט מיט זיך אליין ניט איין מאָל געשמועסט, אז דאָס איז אזוי ווי זי האָט געוואוסט פון אָנהויב אָן, אז עס וועט אין דער דאָזיגער נייער היים צווישען די וועל־דער קיין גוטעס זיך ניט אויסוואַרעמען.

זי האָט נאָר מורא געהאַט צו זיין די ערשטע, אָנצוהויבען רעדען. זאָל ער דער מאַן איהרער רעדען צום ערשטען.

איינמאָל אין א זונטאָג איז געקומען צוגעהן מר. וויינבוים און צוגענומען דוד׳ן מען זאָל געהן ביידע צוזאַמען אויסקוקען די גאַנצע לענג פון וועג. זיי האָבען מיטגענומען א שטריק און א האַק.

ר׳ אברהם וואַלדען איז גראַדע געוועזען אין הויז איידער דוד מיט וויינבוימען זיינען אַוועק. ער האָט זיך אומגעדרעהט איבער דער שטוב אהין און אהער און צולעצט, עפּעס אזוי ווי איינהאַלטענדיג זיין כעס, געזאָגט אזוי ווי צו זיך אליין:

— איהר האָט טאַקע זיך איינגערעדט צו פערזאָרגען א וועג פאַר אונזערע פערד און אָקסען!

— איך מיין עס עפּעס! — האָט מר. וויינבוים גוטמוטהיג צור־געוואָרפען.

— פאַר וואָס פערזאָרגט איהר פריהער ניט אייך און אונז אליין?

— פאַר דאָס, זאָל גאָט זאָרגען.

— אזוי? מילא אויף אייך האָב איך ניט צו זאָגען. אָבער מיין

קינד אריינשלעפּען אין אייערע וועגען וועל איך ניט דערלאָזען — האָט אברהם וואָלדען זיך אַלץ ארומגעדרעהט איבער דער שטוב און זיך געקלאַפּט מיט בײדע הענט אין זיין ברוסט — דוד, איך הייס דיר ניט נעהען!

— אייערע רייד, אייער הויז און אייער זוהן — האָט מר. וויינבוים א בלייכער און א דערשראָקענער זיך אויפגעהויבען און אוועקגעגאַנגען צו דער טהיר.

— מר. וויינבוים, מר. וויינבוים, וואָס הערט זיך איין צו מיין טאַטענס רייד, — האָט איהם דוד אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט אונטער זיין רעכטען אָרעם, — איך האָב מיין פֿאָטער צוגעזאָגט, אז איך בוי פאַר איהם אוים א שול, אזוינע ווי ער וועט וועלען... איך האָב גענוג „טימבער" פון אייגענעם וואַלד. איך מאַך פאַר איהם א שול פון קאַשטאַנען בוימער, וואָס נאָך וויל ער, מיין פֿאָטער? דאָס וואָס ער בעדאַרף זאָל איך פאַר איהם בויען... איך בעדאַרף אָבער א גוטען וועג. מיר אַלע דאַרפען א גלייכען, אויסגעקייַלעכטען וועג. די פערד אונזערע וועלען בעסער לויפען און שלעפּען גרינגער זייער לאַסט... עס וועט אפשר ווערען ליכטיגער אין די אויגען... וואָס מיינט איהר, איך וויל זיך דאָ אוועקזעצען און קוקען אויף מיין פֿאָטער. איך געה מיט אייך, מר. וויינבוים... וואַרט, אַנטלויפט ניט!

ר' אברהם וואָלדען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיט שטוב, געקוקט מיט אויסגעשטרעקטע אויגען אויף זיין בחור דוד, ניט אָפּגעענטפערט קיין איין וואָרט.

אז דוד מיט מר. וויינבוימען זיינען אוועק, האָט ער צוגערופען זיין ווייב, זי געבעטען, אז זי זאָל זיך אוועקזעצען ביים טיש. ער האָט זיך אויך אוועקגעזעצט, פאַריקט זיין הוט הויך איבער זיין שטערען און צו איהר געזאָגט:

— ווייסט, מיר זיינען שוין ניט קיין דאָהיגע...

זיין ווייב האָט איהם אָנגעקוקט, זיך געוואונדערט, איהר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

— אזוי ווי איך האָב געזאָגט דעם ערשטען טאָג, אברהם. האָב איך ניט געזאָגט?...

— פאַר וואָס האָב איך ניט געפאָלגט? פאַר וואָס האָב איך ניט געפאָלגט? — האָט ר' אברהם וואָלדען שטילערהייד געקלאַפּט אין טיש מיט זיינע מאָגערע הענט און זיך געשאָקעלט, ווי א איד ביים דאַווענען.

— וואָס וועלען מיר טהאָן מיט די וועלדער און מיט דעם לאַנד אונזערען?

— איהם, דיין זוהן, אוועקשענקען.

— שוין! דו לעבסט נאָך, איך לעב נאָך אויך, אפשר... בעטראַכט וואָס דו וועסט טהאָן — האָט דאָס ווייב זיך צואוויינט — טהיילסט שוין אוועק ירושה.

— מיר בעדאַרפען מעהרער גאָר ניט.

— פון וואַנען וועלען מיר נעהמען צום עסען?

— הער אויס, אויב דו ווילסט געהן מיט מיר, אזוי ווי גאָט האָט מיר איינגעגעבען אין מיין געדאַנק, וועלען מירביידע פון דאַנען אנט־לויפען, אזוי ווי מיר שטעהען און געהען. גאָט וועט ניט פערלאָזען.

— דאָס איז אזא משוגעת? — האָט דעם אלטען וואָלדען'ס פרוי געוואָלט פארשטעהן, — צו די מיינסט טאַקע אויף דער אמת'ן, אז איצט, אז מען איז שוין אזוי ווי איינגעזעסען אויף איין אָרט, מען האָט איינגענם א פערד מיט א קוה; לאַנד און וועלדער און מען עסט רוהיג א שטיקעל ברויט, איז איצט א הויב זיך אויף און פאַק זיך איין?

— איך קען דאָ מעהרער ניט זיין צווישען גאָטלאָזע מענשען.

— ער וויל נאָר, אז איטליבער זאָל זיין אזוי פרום ווי ער איז.

— ניין, איך וויל גאָרניט. איך קען דאָ מעהרער ניט זיין מיט מענשען, וואָס האָבען זיך אריינגעלאָזען אין אָקסען, פערד און וועלדער — האָט זיך ר' אברהם ווי געבעטען ביי עמיצען, אז מען זאָל איהם פערשטעהן.

— איך ווייס ניט מעהר, אז אלע וועמען איך האָב געזעהען און פון וועמען איך האָב געהערט זיינען פארגרעבטע אָבער עהרליכע מענ־עשן. מיר דאַכט, אז דאָ איז דאָס אָרט וואו מען קען אויסרוהען די אלטעביינער און שטאַרבען מיט א שעהנער עלטער. נאָר אז דו ווילסט זיך פון דאַנען ארויסציהען... דיינע משוגעת'ן... עס ווערט דיר באַלד מיאוס...

— עס זיינען דאָ געוועזען מענשען איידער מיר זיינען אהער גע־קומען, — האָט ר' אברהם גערעדט אזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געוואָלט ענטפערען אויף דעם, וואָס זיין ווייב האָט ביי איהם געפרעגט, — יענע מענשען האָבען געקענט פאָהרען מיט דעם וועג, קענען מיר אויך פאָהרען. וואָס עפעס א נייעם וועג?... ווען א איד האָלט אָבער די היילינע ספר תורה ביי זיך אין הויז נאָר דערפאַר ווייל עס איז אזוי

ווי, צעהן טויזענד מאָל מחילה, א מעלקענדיגע קוה... דאָס וועל איך ניט דערלאָזען!

— גאָט פארנעמט דאָס געבעט פון זיינע קינדער אומעדום.

— איך ווייס...

— איז דאָך גוט. לאָמיר נעהמען אונזער זוהן, אז ווען ער שטעהט דאָרט אין וואלד און האקט בוימער, איז אויב ער טהוט א זאָג אָה גאָט, אָדער ער טהוט א טראכט פון גאָט, הערט זיך דען גאָט ניט אײן?

— וואָס וועל איך מיט דיר לאַנג רעדען, — איז ר׳ אברהם ארויס פון געדולד און זיך אויפגעהויבען פון טיש און אָנגעהויבען צו שפּאַנען איבער דער שטוב. — איך האָב געמיינט, אז עס וועט זיין אנדערש. דו וועסט עס ניט אריינגעהמען אין דיין קליינעם קאָפּ. און אָפּגעזונדערט אָרט, וואו איך זאָל קענען אריינקומען ווען איך וועל וועלען זיך אויסגיסען מיין הארץ פאר זיין הייליגען נאָמען. אין אזא וועלט קומט מען אריין און אויסגעטהאָנענער פון דער דאָזיגער הינטערשטער וועלט. מען בלייבט שטעהן פאר איהם א נאקעטער, קליינער מענש און מען גיט זיך איבער אין זיינע הענט... ערשט דעמאָלט קען מען דערצעהלען דעם גאנצען אמת און גאָט וועט אויסהערען און העלפען... איך כאַפּ זיך אויף ביינאכט, איז מיר עפּעס ניט גוט אויפ׳ן הארצען. איך קען שוין מעהר ניט שלאָפען. שטעה איך אויף פון בעט און וואש זיך גוט אָפּ, געה אוועק אין שול. די טהיר איז דאָרט אָפען. אין דרויסען איז שטיל און פינסטער, קיינער זעהט מיך ניט, נאָר ער אליין קוקט מיר נאָך. עפען איך אויף די טהיר פון שול, שטעל זיך אוועק אין א ווינקעל און שטילערהייד בעטראכט איך דאָס, וואָס איך האָב געזינדיגט און עס איז געוועזען שלעכטס... טראכט איך אזוי וועט מיר גאָט שטילערהייד ענטפערען, אז ער האָט געהערט וואָס איך האָב געטראכט און ער גיט מיר אריין אזא געדאנק: „איך שענק דיר צוריק דעם ווייסען טאָג. זעה, אין דער פינסטער שוועבט שוין דאָס בלאָהקייט פון מאָרגען. איך שענק דיר צוריק דיין רוה...“

# III

## איך בין דאָ געווען...

דוד וואַלדען איז ארומגעגאַנגען מיט מר. ווײַנבוים איבער דער גאַנצער לענג פון טשייפּעל־הילער וועג, מיט דעם שטריק פארוואָרפען אויף זײַן אַקסעל און מיט אַ האַק אונטער זײַן אָרעם.

דאָ און דאָרט האָבען זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט ביי אַ פּאָר־קרומטען אָרט אין וועג, בעטראַכט פון ביידע זייטען די צופלאַנטערטע וועלדלאַך, וואָס האָבען מיט שפּיצעדיגע ווינקלען זיך אַרייַנגערוקט אין וועג אַריין. דאָ און דאָרט איז געווען אַ בערגעל, אָדער אַ גרויסער אומגעלומפּערטער באַרג און אויף אַן אַנדער אָרט איז זיך רוהיג גע־לעגען אַ שטיין, האַלב אין וועג. די זייט פון שטיין איז געווען אָפּ־געריבען פון דעם, וואָס ניט איינער האָט מיט זיין וואָגען זיך אָנגע־שלאָגען אין דעם דאָזיגען שטיין.

האָט מר. ווײַנבוים געזאָגט, אַז מען בעדאַרף אויסמעסטען די ברייט פון וועג. און פון ביידע זייטען אַריינקלאַפּען פּלעקער אין דער ערד, וועט מען וויסען אַ מאָס.

אין דרויסען איז געווען ניט קאַלט און ניט זעהר וואַרעם, אָבער דערפאַר אַזוי ליכטיג. דער וועג האָט געגלאַנצט פון ווייסקייט קעגען דער זון. עס איז געווען פאַרמיטאַג און די זון האָט אַ רוהיגע זיך געבאָדען אין איהרע אייגענע שטראַהלען.

דוד האָט געהאַלטען דעם שטריק פון איין זייט און מר. ווײַנבוים פון דער אַנדער זייט. דער שטריק איז געווען פאַרוואָרפען איבער דער ברייט פון וועג.

דוד האָט דערפיהלט, אַז איצט איז די צייט, ווייל זיי ביידע האַל־טען דעם שטריק און ווייל מר. ווײַנבוים פיהלט אַזוי פרעהלאַך און מונטער, איז איצט טאַקע אפשר די צייט מיט איהם צו ריידען... זיי זיינען ביידע אויג אויף אויג...

דוד האָט זיך דערפיהלט שטאַרק פאַרשעמט און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. איהם איז פּלוצים איינגעפאַלען, אַז זיי טהוען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט.

ער האָט אָפּגעלאָזען דעם שטריק, איז אַריבערגעגאַנגען צו ווייַנ־

בוימען און אראָפּגענומען זיין הוט, פערלאָרען זיינע אויגען ערגעץ אין זיך אריין און געזאָגט:

— איהר ווייסט, מר. וויינבוים. מיר טהוען אַן ארויסגעוואָרפענע ארבייט.

— וואָס מיינט איהר?

— איך מיין דאָס מעסטען אין דער ברייט מיט דעם שטריק. ווי וועט זיין, אז דער וועג וועט נאָכדעם סיי ווי ארויסקומען אַ קרומער. וואָלט ניט בעסער געווען, אז מיר זאָלען פריהער אויסגלייכען איין זייט פון וועג. איהר פארשטעהט, פון איין זייט וועלען מיר האָבען אַ גלייכע ליניע און נאָך דער דאָזיגער ליניע וועלען מיר נאָכדעם קענען אויסמעסטען דורך דער ברייט פון וועג די צווייטע זייט אויך אַ גלייכע. איהר פארשטעהט?

— אַ קינד קען פארשטעהן. עס איז דאָך אַ פּשוטער שכל. ווי אזוי — קלאַפּט זיך מר. וויינבוים מיט איין האנד אין זיין שטערען — האָט דאָס מיר ניט געקענט איינפאַלען. איהר זיינט אַ גרויסער מענש, דוד...

— נו, לאָזט אָפּ, איך האָב פּיינט... עס איז דאָך אַ פּשוטע זאַך, איז דאָס מיר איינגעפאַלען, און שפּעטער האָט עס געקענט אייך איינפאַלען...

— ניין, איך זאָג, אז איהר זיינט אַ גרויסער מענש. איטליכער מענש, וואָס געפינט אוים אַזאַ קליינינקע זאַך אָבער אַ נייע, איז גרוים — האָט זיך מר. וויינבוים געעקשנט אויף זיינעם.

דערווייל איז מיט דער וועג אָנגעפאָהרען ביל גלאַזברענער. ער איז זיך געזעסען אין זיין לייכטען פייעטאָנדעל, אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַן אויסגעטהאָנענעם ראָק אויף זיינע קניהעם און מיט די ווייסע לאַנגע ארבעל פון זיין העמד פארקאַטשעט. זיינע נאַקעטע גראָבע הענט זיינען געווען בעוואַקסען מיט רויטליכע געדיכטע האָר. ער האָט געראויכערט אַ גראָבען סיגאַר און האָט זיך אַריבערגעבויגען אויף אַ זייט, אַריבערוועגענדיג מיט זיין געוויכט די שפּרוזינעס פון פייעטאָנדעל.

דאָס פערד איז צוגעקומען ביז צו דעם שטריק, וועלכער איז נאָך געלעגען איבער דער ברייט פון וועג און אָנגעהויבען צו כאַרכלען מיט זיינע נאָזלעכער און געבויגען מיט די אויערען אראָפּ און ארויף און געבליבען שטעהן איינגעשפּארט מיט די פאָדערשטע פים.

ביל גלאָזברענער האָט אַ געשריי געטאָן „גוט מאָרגען" צו די צוויי אידען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין אַ זייט פון וועג.

— הא, גוט מאָרגען, ביל!

— פון וואַנען — האָט מר. וויינבוים געפרעגט — פון טשווירטש?

— כע, כע, פון טשווירטש... — האָט ביל זיך צושאָקעלט אויף זיין זיץ — איך בין איין מאָל אין מיין לעבען געוועזען אין טשווירטש. נאָך דעם ווי איך בין נאַר וואָס געבוירען געוואָרען... דאָס אַלעס... וואָס טויג מיר טשווירטש?... גאָט איז דאָ אומעטום ביי אייך אין די וועלדער און ביי מיר אין די וועלדער, ביי אייך אויף די פעלדער און ביי מיר אויף די פעלדער...

— העי, ביל! — האָט מר. וויינבוים איהם געדראהט מיט אַ פינגער.

— וואָס ווילט איהר עפּעס נייעס איינפיהרען, „בראָדערס"?

— מיר מאַכען איבער דעם דאָזיגען וועג, ביז צו „פיער וועגען"...

— דערפאַר האָט איהר שוין באַצייטענס איבערגעצויגען אַ שטריק איבער דעם וועג — האָט ביל מיט זיין ברייטען מויל געלאַכט, — איהר ווילט שוין אַ שטייער פון יעדען פאַרבייפאָהרער!

ביל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פייעטאָנדעל, אַרויסגעכאַפּט אַ קעסטיל מיט סיגאַרען, איינגעטהיילט מר. וויינבוימען און דוד'ן צו סיגאַרען, געשמייכעלט:

— איך בעצאָהל מיין שטייער. נעהמט, „בראָדערס", מעהר ווי צו איינציגע, — נאָכדעם האָט ער צוגעגעבען:

— זעהר שעהן! זעהר שעהן! אַ גלייכען און נייעם וועג. אַזוי האָב איך ליעב. דייוויד, איך העלף אייך מאַכען דעם וועג, ביי גאַלי, איך העלף אייך. וואָס פאַר אַן ארבייט איהר וועט מיר געבען, וועל איך מיט פרייד אָננעהמען, אפילו טראָגען שטיינער... דייוו, — האָט ביל פרעהליך דוד'ן אַ קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע — איך ליעב אייך. איך האָב ליעב מענשען, וואָס קעהרען איבער די אַלטע וועלט און מאַכען פון איהר אַ נייע... איהר וועט נאָך אַלע „בראַשען" פון דער דאָזיגער ווילדערניש אַרויסרייסען און מאַכען ריינע לאָנקעס... טשייפּעל היל וועט ווערען אַ ליכטיג גרוים פעלד און עס וועלען זיך שאָקלען איבער דער ליינג און ברייט פון דעם דאָזיגען פעלד גרינע קאָרענפעלדער...

— צו ווייט פאַרפאָהרען, ביל — האָט מר. וויינבוים געזאָגט — דערווייל ווילען מיר אויסגלייכען איין זייט פון וועג, אַרומהאַקען די בוימער און בראַשען, אַרויסשלעפּען די גרויסע שטיינער און זייערגעץ אָוועקפיהרען. זאָל ווערען ליכטיג אין די אויגען.

— קאַם־אָן! איך וויל אייך שוין העלפען.

— ניין, היינט איז ביי דיר זונטאַג. פאָהר אהיים און רוה זיך אויס — האָט מר. וויינבוים געקוועטשט ביל'ן ביי זיין אָרעם — איך וועל דיך שוין רופען צו דער אַרבייט. ביזט א גוד־באָי, ביל!...

ביל האָט געלויכטען פון פרייד, איז אַריינגעשפּרינגען צוריק אין פייעטאָנדעל און א ציה געטהאָן די לייצעס פון זיין פערד. דאָס פערד האָט א כאָרכעל געטהאָן מיט זיינע נאָזלעכער און מיט אָנגעשפּיצטע אויערען אַריבערגעשפּרונגען דעם שטריק.

ביל האָט זיך אַרומגעקוקט, געלאַכט און געשאָקעלט מיט זיין רעכטער האַנד אויף צום ווידערזעהען.

מר. וויינבוים און דוד זיינען געבליבען אויג אויף אויג. דוד האָט צוזאַמענגעלעגט דעם שטריק און אין זיך דערפיהלט א מאָדנע אונרוהיגקייט. זיינע הענד האָבען געציטערט.

דוד'ן האָט זיך געדאַכט, אַז מר. וויינבוים שטעהט און נעהמט איהם דורך מיט זיינע אויגען. האָט זיך דוד געשעמט אויפצוהויבען זיין בליק צו וויינבוימען. עס האָט ביי איהם געדויערט לאַנג צונויפצוּוויקלען דעם שטריק, ווייל ער האָט איהם עטליכע מאָל פאַרוויקעלט און צוריק צוּוואָרפען, ביז צום לעצטען מאָהל, אַז דוד האָט דעם שטריק צונויפגעוויקעלט אין קיילכיגע רעדלאַך און מיט א מאָהל זיך אָנגענעמען מיט קוראַזש און א בליק געטהאָן צו מר. וויינבוימען.

מר. וויינבוים איז גאָר געשטאַנען און געקוקט א פאַרטראַכטער אין אַן אַנדער זייט און דערפאַר זיך אַזש דערשראָקען, ווען דוד האָט צו איהם אַזוי ווי א געשריי געטהאָן:

— איך האָב ביי אייך געוואָלט עפּעס בעטען, מר. וויינבוים.

— זאָג וואָס דו ווילסט, מיין קינד... דאַרפסט ביי מיר ניט בעטלען. זאָג נאָר, און איך גיב דיר וואָס דו ווילסט.

דוד'ס פּנים האָט זיך פערפלאַמט. ער האָט אָבער פּלוצים דערפיהלט א שטאַרקייט אין זיינע פיס, גלייך געקוקט אויף מר. וויינבוימען, זיך בעגעגענט מיט זיינע אויגען, פריהער אַביסעל ווילד, אָבער באַלד ווייכער און מיט א קינדיש געבעט.

מר. וויינבוים האָט צוגעפּסען א ליכטען שמייכעל איבער זיין האריג פנים, זיינע אויגען האָבען זיך געטונקען אין טרעהרען. ער האָט א ציטער געטהאָן בשעת דוד האָט געזאָגט:

— איך האָב ליעב אייער... מיין אסתר... וויל איך אייך בעטען, אז איהר זאָלט מיר גיבען אייער האנד...

מר. וויינבוים האָט זיך ברייט צושמייכעלט, אויסגעשטרעקט ביי־דע הענט, אָנגענומען דוד'ן ביי זיינע אקסלען און איהם א טרייסעל געטהאָן.

נאָכדעם האָט ער איהם אָפּגעלאָזען און זיך איינגעבויגען און נאָהענט צו דוד'ס אויער אריינגעמורמעלט:

— געבענשט זאָלט איהר ביידע זיין... מיין קינד אסתר... אָבער אז גאָט וויל, אז זי זאָל זיין דיינע, זאָלט איהר ביידע זיין געבענשט...

זיי זיינען אזוי געבליבען שטעהן א ווייל. דוד האָט ניט גע־וואוסט וואָס ער זאָל טהאָן. צי זאָל ער ארויספאַלען אויף מר. וויינ־בוימען און איהם האַלזען און קושען, צי זאָל ער צופאַלען צו דער ערד און מיט זיינע הענד ארומנעהמען זי און מיט זיין ברוסט זי אַנוואַ־רימען די דאָזיגע גוטע ערד.

מר. וויינבוים האָט איבערגעריסען דאָס שטילשווייגען, פריהער אויפהויבענדיג זיינע אויגען צום הימעל און צו דער זון:

— נו, דוד, דער טאָג שטעהט ניט. מיר ווילען אביסעל זיך דורכגעהן צו די שכנים און זיי אָנזאָגען, אז מאָרגען אין דער פריה נעהמען מיר זיך צו דעם וועג.

דוד איז געגאנגען נעבען מר. וויינבוים, מיט דעם שטריק אויפ־געהאנגען אויף דעם הענטעל פון דער האק און אריבערגעוואָרפען אי־בער דער פּלייצע. זיי זיינען געגאנגען ביידע פארטראכטערהייד און ריטמיש געקלאַפּט מיט זייערע טריט אין דעם פארהארטעוועטען וויס־גלאנציגען וועג.

— איך האָב גאָר פארגעסען ביי אייך צו פרעגען, דוד, וואָס וועט איהר טהאָן מיט אייער ארבייט ביי דער זעג מיהל?

— ערשטענס, וויל איך ניט, אז איהר זאָלט מיך איהר'צען. זאָגט מיר דו, ווי מיין טאטע זאָגט מיר דו, און צווייטענס, האָב איך שוין מיין ארבייט אין דער זעג מיהל אוועקגעוואָרפען. איך האָב אר־בייט גענוג אין דער היים.

— אזוי... זעהר גוט. אסתר האָט אַוועקגעוואָרפען איהר אַרבייט אין שטערטעל און... נו, זאָל זיין דו, דוד האָסט אַוועקגעוואָרפען די אַרבייט אין דער זעג מיהל... קינדערלאַך, איהר האָט זיך ערגעץ אין דער שטילביידע אָפּגערעדט און פאַרפּאַלען, זאָל אייך גאָט בענשען.

דערוויייל זיינען זיי ביידע צוגעקומען נאָהענט צו וויינבוים'ס לאַנקעס. עס האָט זיך פון וויטען געזעהען וויינבוים'ס הויז. דוד האָט זיך אַזוי ווי עפּעס דערשראָקען, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען און ער איז געבליבען שטעהן און געזאָגט:

— איך בעט אייך, אַז איהר זאָלט דאָס וואָס מיר האָבען ביידע דאָ גערעדט ניט דערצעהלען קיינעם ניט און וואַרטען ביז איין מאָל, ווען איך וועל זיך נעהמען מיט אסתר'ן האַנד אין האַנד און צו אייך צוקומען, אַז איהר זאָלט אונז בענטשען...

— אַ סוד איז אַ סוד, האָב ניט קיין מורא, דוד, איך קען איהם גוט בעהאַלטען. קום, וועל איך דיר איצט ווייזען מיין אייגענעם וואַלד.

מר. וויינבוים האָט אָנגענומען דוד'ן אונטערען אָרעם און מיט איהם זיך פאַרדרעהט אין אַ זייטיגער לאַנקע. באַלד זיינען זיי ביידע אַריין אין אַ וועלדעל פון קאַטשאַנען און דעמבעס. די בוימער זיינען געוועזען ווי אויסגעטשעלט אין שורות, אָפּגעטהיילט איינער פון אַנ־דערען אין גלייכער פערספּעקטיווע. ריינע שטאַמען און גלייכע מיט רונדע אַרומגעוואַקסענע צווייגען אין דער הויך. די דעמבעס מיט צו־שפּרייטע צווייגען אין דער ברייט צוויג איבער אַ צוויג און די קאַש־טאַנען מיט אויסגעטשערעקטע צווייגען אַרויף צום הימעל.

דוד האָט אַראָפּגענומען זיין הוט און צועפּענט זיין מויל און אויגען און געבליבען שטעהן ווי אַ קינד אין אַ וואונדערלאַנד.

מר. וויינבוים האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן לייכט אין פּלייצע:

— זעהסט, מיין קינד, דאָס איז מיין אַרבייט. איך בין שוין דאָ אויף טשייפּעל היל באַלד דרייסיג יאָהר. איין מאָל אין דריי יאָהר האָב איך דעם גאַנצען ווינטער אויף דעם שטיק וואַלד געאַרבייט. דו וואונדערסט זיך, האַ? דאָס ערשטע מאָל איז געוועזען אַ שווערער ווינטער פון אַרבייט. דאָס גאַנצע שטיק וואַלד איז געוועזען איין שטיק ווילד פערפּלאָנטערניש, אַזוי ווי ביי איינעם וואָס האָט לאַנגע האָר און ער פערלאָזט זיי און קעמט זיי ניט אַ לאַנגע צייט. איך האָב מיר מיינע הענד צושטאָכען. איך בין געקראָכען אויף מיינע קניעס און אויסגעוואָרצעלט אַלע בראַיערס און ווילדע בושעס. די בוימער זיינען

נאָך דעמאָלט געוועזען יונגינקע און געוואַקסען וואו זיי האָבען נאָר געוואָלט. האָב איך געזאָגט צו זיי: ניין, קינדערלאַך, ניט אַזוי. איך וויל איהר זאָלט וואַקסען, ווי איך וויל... צו־ביסלאַך האָב איך דעם וואַלד געמאַכט שיטערער, דאָ און דאָרט אויסגעהאַקט אַן איבריג בוימעל. די שטאַמען האָב איך געהאַלטען אין איין אַרומריינינגען מיט דער האַק, אַזוי הויך וואו מיינע הענט האָבען ניט געקענט דערגריי־כען. אַלע דריי יאָהר האָב איך עס געטהאָן. עס געהען אַוועק עטליכע זומערען. צווישען די ביימער וואַקסען אויף יונגענקע, דינינקע בוימעלאַך.

איך געה אַרוים ווינטער מיט דער שאַרפער קאָסע און שנייד זיי אַזוי ווי גראָז און שאַר זיי צונויף אין קופּקעלאַך און פאַרברען זיי. זעהסט, דוד, דאָס איז מיין וואַלד און מיין אַרבייט. שוין דרייסיג יאָהר... די ביימער האָבען צייט... זיי וואַקסען זעהר פּאַמעלעך. אַ פרעמד אויג קען זיך אָפּנאַרען און עס וועט איהם אויסזעהען, אַז דאָס זיינען זעהר יונגע ביימער. אָבער ניט איך. איך ווייס איטליך בוים, ווי מיינע פינגער. דעם האָב איך ניט געלאָזען, אַז ער זאָל בעקומען אַ האַרב און אַן יענעם האָב איך געראַטעוועט פון סוכאָטע. ער האָט שוין באַלד געוואָלט זיך אונטערגעבען און אָנהויבען צו פאַרדאַרט ווערען. בין איך געקומען און איהם אָנגעהויבען צו געבען זונשיין. הע, הע, אַז מיין בוים האָט נאָר דערפיהלט איין מאָל און צוויי מאָל, אַז די זון וואַרעמט איהם, האָסטו געמעגט זעהען מיט דיינע אייגענע אויגען, ווי ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוטה און איינס, צוויי, דריי, איך טהו אַ קוק, מיין בוים וואַקסט! און איין מאָל, עס איז אַוועקגע־גאַנגען דריי יאָהר און איך קום אַרוים און טהו אַ קוק אויף מיין וואַלד, הע, הע, מיינע ביימער קריגען זיך, האָבען זיך צונויפגעטוצעט איינס אין אַנדערען און זיך פערפּלאָנטערט צווייג אין צווייג און מען קריגט זיך: דער וויל זעהען די ליכטיגע שיין פון דער זון און יענער שרייט, אַז ער וויל זעהען די ליכטיגע שיין פון דער זון און צו דערצו קומט אָן דער ווינד מיט אַ שטורם און בויגט זיי און פלעכט זייערע צווייגען צונויף און נאָכדעם טהוט ער זיי אַ לאָז אָפּ, אַז זיי זאָלען זיך צוריק אויסגלייכען און פון דעם שטאַרקען פאַרנעם טהוען זיך די בוימער אַ לאָז צוריק און ברעכען זיך אויס די שעהנסטע צווייגען... האָב איך גענומען און אָנגעשאַרפט מיין האַק און אויסגעהאַקט יענע ביימער, וועלכע איך האָב ניט ליעב געהאַט. נאָט אייך, ביימער מיינע, די

ליכטיגע שיין פון דער זון! אַט אַזוי דרייסיג יאָהר. און זאָל עמי־צער קומען און בעדעקען יעדען בוים מיט גאָלד און צו מיר זאָגען, לאָז מיך אויסהאַקען דיין וואַלד, וועל איך איהם זאָגען, אַז איך וויל ניט. דאָס איז מיין וואַלד! איך בין אַ מענש און דאָס וועט זיין מיין סימן, אַז איך בין דאָ געוועזען אויף דער וועלט. ווער שמועסט איצט, דוד, אַז איך וועל ווייסען, אַז נאָך מיין אַוועקגעהען פון דער וועלט וועסטו דעם וואַלד מיינעם איבערנעהמען אין דיינע הענט און אַז וועסט מיר צוזאָגען, אַז איינמאָל אין דריי יאָהר וועסטו אַוועקלייגען אַלע ארבייטען און אַרויסגעהן אין דעם דאָזיגען וואַלד אַריין און זעהען צו די בוימער זיינען אַלע געזונד און שטאַרק, וועל איך טאַקע אַוועקגעהן אויף יענער וועלט גאָר אַן אַנדערער.

דאָס איז אַלעס גערעדט געוואָרען, מיין ליעבער דוד, פון דעם וואָס איך האָב געטהאָן פאַר זיך אַליין. איצט לאָמיר זיך אומקעהרען צו דעם, וואָס אַ מענש בעדאַרף טהאָן פאַר דער וועלט. ווייל דאָס איז ביי מיר אַ סך אַ גרעסערע זאַך, פונדעסטוועגען האָט זיך עס מיר ניט איינגעגעבען. איך רייד איצט וועגען דעם נייעם וועג. שוין לאַנג, אַז מיר ווילט זיך איבערמאַכען דעם וועג ביז צו דעם אָרט, וואו די „פיער וועגען" צושיידען זיך. נאָר עס איז נאָך ניט געוועזען די צייט דערפאַר. איצט גלויב איך מיט מיין גאַנצען הארצען, אַז די צייט איז געקומען. מיר וועלען אויסגלייכען דעם וועג, אָפּגראָבען די קליינע בערגלאַך און מיט דער ערד אויספילען די קליינע טהאָלען. און דעם גרויסען באַרג, וועלכער שטעהט אונז ווי אַ וואַנד אין דער מיט פון אונזער וועג, וועלען מיר אויך אַביסעל אָפּגראָבען און אַביסעל נידריגער מאַכען. פוןביידע זייטען פון וועג וועלען מיר אויסגראָבען טיעפע ריוועטישקעס, כדי דאָס וואַסער זאָל זיך לויפען זיין וועג און ניט אָנזאַמלען זיך און מאַכען טייכלעך אין דער מיט פון וועג. הייגט דער וועג אַליין בעדאַרף ווערען אַביסעל אויסגעקיילעכדיגט. גאָר צום ערשטען וועלען מיר אָנוואַרפען גרויסע שטיינער. עס איז דאָ אַ סך שטיינער ביי אונז, בעדאַרף מען זיי אַוועק גיבען דעם וועג אַ מתנה. אויף די גרויסע שטיינער וועט מען שיטען ערד און אויף דער ווייכער ערד ווייטער קלענערע שטיינדלאַך און פון אויבען ערד און דאָס גוט איינפּרעסען. זאָג איך דיר, אַז עס וועט אַרויסקומען אַ וועג, נאָר ווי אַ שעהנער דיל. מיר וועלען פון ביידע זייטען פון אונזער וועג בעגלייכען די וועלדלאַך און אָפּריינינגען די שטיינער. און

דערנאָכדעם וועט זיך איטליכער באַלעבאָס ערשט ארומצאַמען זיינע לאָנקעס וועלכע לויפען ביים וועג און מענשען וועלען פאָהרען מיט אונזער וועג און עס וועט זיי ליכטיג ווערען אין זייערע אויגען.

## IV

## אזוי איז געוואָרען טשייפעל היל.

ווערווייסט, ווי לאַנג מר. וויינבוים וואָלט נאָך געוועזען געשטאַנען און אויסגערעדט זיין הארץ פאַר דוד'ן. עס איז געוועזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אלס פאָטער פון א מיידעל, אז מען פרעגט ביי איהם, דאָס וואָס דוד האָט ביי איהם געבעטען. האָט ער זיך דערפיהלט עפּעס אזוי פריי און אָפענבאַר, אז עס האָט זיך איהם געוואָלט א נעהם טהאָן דעם דאָזיגען דוד'ן און איהם אריינלעגען צו זיך אין הארץ אריין, אָדער ארויסנעהמען זיין אייגען הארץ און דאָס אוועקשענקען דוד'ן. דערפאַר האָט ער אזוי פיעל גערעדט און ער האָט נאָך א סך געהאַט וואָס צו דערצעהלען דוד'ן, נאָר פּלוצים איז אָנגעלאָפען אסתר.

אסתר, אז זי לויפט, לויפט זי ניט, נאָר זי שפּרינגט, אזוי אויף איין פיס, און מיט דעם אַנדערען טאַנצט זי אונטער.

אסתר האָט זיך אַלע מאָל אָנגעכאַפּט אין א בוים, זיך ארומגעדרעהט ארום און ארום און ווייטער געלאָפען און ארויסגעלאָזען פון איהר מויל לאַנגע, פרעהליכע קולות, אזוי ווי צוויי קו־קו פויגלען וואָלטען פון ערגעץ פערבאָרגענע ערטער אין וואלד זיך גערופען איינער דעם אַנדערען.

פון דער ווייטענס האָט זי געשריגען צום פאָטער:

— פּאַפּאַ, מיר האָבען געסט!

נאָר אז זי איז צוגעקומען נעהענטער און דערזעהען דוד'ן, איז זי געוואָרען גאָר אַן אַנדערע. זי האָט אָנגעהויבען צו געהן פּאַמעליך. האַלב שמייכלענד און מיט א האַלב פאַרשאָטענדיגען פּנים איז זי געבליבען שטעהן פון דער ווייטענס, מיט איין האַנד אָנשפּאַרענדיג זיך אין א שטאַם פון א בוים, האָט זי אויסגעוויזען אזא קליינע. און עס האָט זיך דוד'ן געדאַכט, אז זי וויל צוריק אוועקלויפען, נאָר דער בוים אין וועלכען זי איז אָנגעשפּאַרט, פערהאַלט זי.

— געסט? — האָט מר. ווײַנבוים ווי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, — ווער איז, טאָכטער, דאָרט פאַר געסט?

אסתּר האָט זיך אַ שאָקל געטהאָן און, וואָרפענדיג אַ בליק צו דוד'ן, האָט זי געענטפערט:

— מר. ראַגאָווין און זײַן זוהן זײַנען דאָ, קום שוין אַ היים, פּאַפּאַ.

דוד האָט געקוקט אויף אסתּר'ן און ער האָט געטראַכט:

"עס איז נישטאָ איין מיידעל אסתּר, נאָר עטליכע געשטאַלטען אין איינער, וואָס הייסען מיט דעם שעהנעם נאָמען אסתּר... אַלע מאָל איז זי אַן אַנדערע און אַלע מאָל שעהנער. דאָס מיידעל פון טשייפּעל היל בײַם איהרע קאָלירען אַזוי ווי טשייפּעל היל בײַם זײַנע קאָלירען. איצט איז אסתּר אַ גרינע. איהרע באַקען זײַנען בלאַס־גרין און איהרע אויגען, גרויסע און מאַטאָווע, און איהרע שוואַרצע, געדיכטע ברעמען און וויהעס וואַרפען אַזאַ פּחד און פערציהען דיך אין ווײַטע וועלטען. אסתּר'ס שוואַרצע, געדיכטע האָר זײַנען איצט געוועזען אַזוי אַרומ־געוואָרפען אַרום איהר קאָפּ, אַזוי ווי אַ טשייפּעל־הילער פערפּלאָנ־טעטער און פערווילדעטער וואַלד. עס איז אין איהר געוועזען דאָס וואַרעמע היימליכקייט פון דעם אויפדערנאַכט אין דעם קאַלטען און ווילדען טשייפּעל־היל און איהרע אויגען האָבען געלויכטען מיט דעם שײַן פון דער שעהנער, ליכטיגער זון, וואָס איז איצט געלעגען צו־שפּרייט אויף די אָפּענע לאָנקעס. און די פערבעהאַלטענע שאָטענס אין די וועלדער און הינטער די פערפּלאָנטערטע בושעס; דאָס בײַנ־קעניש פון די אַלע טשייפּעל־הילער קליינע בוימעלאַך און גרויסע בוי־מער, וועלכע זײַנען ערגעץ און אומעדום צוּאוואָרפען, ווער אין טיפען וואַלד, ווער אין אַ טהאָל צווישען גרויסע שטיינער און ווער בײַ דעם לויפענדען שפּרינגענדיגען קוואַל; דאָס גרינע רויט־מאַטאָווע בײַנ־קעניש פון די אָפּגעפאַלענע בלעטער אויף דער ערד און פון די בלעט־טער די טרוקענע, וועלכע זײַנען נאָך ניט אַראָפּגעפאַלען פון די בוי־מער. דאָס דאָזיגע בײַנקעניש איז געלעגען אויף אסתּר'ס פּנים. דער פײַף פון דער ווײַטער זעג מיהל אין דער פריה, ווען עס הויבט אָן צו טאָגען, און דאָס זינגערײַ פון די ווינטער פויגלאַך, ווען די זון געהט אַרויס און הויכט אָן מיט וואַרעמקייט די נאַקעטע קעפּ פון די בוימער און דאָס אָפּגעריסענע יאָמערען פון דער קוקווייקע אין דער מיט פון דער נאַכט ערגעץ אויף אַ גרויסען שטיין אויף דער לאָנקע,

און דאָס פּלאַטשיגע שאַרפע ווידערקול פון דער האַק, וואָס טראָגט זיך אַ גאַנצן טאָג פון דעם וואַלד וואָס אין טיפען טאָהל און דאָס מאָנאָטאָנע, לויפענדיג קול פון דעם טייכעלע, און דער אומגעריכטער משוגענער אויסגעשריי פון אַ גראָבען בוים, וואָס איז ערגעץ אין אַ וואַלד פלוצים אומגעוואָרפען געוואָרען, האָט אסתר אין זיך פון קליי־נערהייד אַריינגענומען. אַז זי רעדט, אָדער אַז זי לאַכט, איז דאָס אסתר פון טשייפּעל היל, וואָס רעדט און לאַכט אַזוי ווי אַ קינד פון די צוואָרפענע בערג און שטיינער און וועלדער. און די צוואָר־פענע וועלדער, בערג און שטיינער פון טשייפּעל היל, און פון די וואָס רינגלען אַרום טשייפּעל היל, אַט ליגען זיי זיך אַזוי פערשלאָפען אין זייער איינפאַך פערווילדעוועטען טויזענד יאָהריגען דרעמעל. און אַט טהוען זיי זיך אַ כאַפּ אויף און זיי הויבען אָן זייער טויזענד יאָה־ריגען שפּיעל. איין באַרג שרייט אַריבער מיט זיין געוואַלד דעם אַנדערען באַרג; אַן אַנדער באַרג שטעלט זיך אויף זיינע הויכע הויכען און שפּרינגט אַריבער דעם אַנדערען קליינעם באַרג, און איין באַרג טהוט אַ נעהם דעם שווערסטען שטיין פון זיינע סקאַלעס און טהוט מיט איהם אַ וואָרף אין טהאָל אַריין. דער גרויסער שטיין פאַלט אַזוי פּאַמעלעך באַרג אַראָפּ און צוברעקעלט מיט אַ גרילצעדיגען שמייכעלע אַלע קלענערע שטיינער, וועלכע ליגען איהם אין וועג און מאַכט פון זיי שטויב. און דערפאַר וואָס דער דאָזיגער גרויסער שטיין האָט מיט אַ שמייכעלע אַזוי געברעקעלט די קלענערע שטיינער, פאַלט ער דער גרויסער שטיין אַראָפּ אין אַ טהאָל אַ טיפען און בלייבט ליגען דאָרט ווייניג־אַליין און דערפאַר וואָס דער באַרג איז ווילד משוגע געוואָ־רען און אַ כאַפּ געטהאָן דעם גרויסען שטיין און איהם אַראָפּגעוואָר־פען אין טהאָל אַריין, קומען צולויפען ווינטען און בלאָזען אַראָפּ דעם שטויב פון דעם קאָפּ פון באַרג. בלייבט דער באַרג אַ נאַקעטער אָהן שטויב. אָבער ער שטעהט אַזוי נאָך אַלע אַ הויכער און וואַרט יאָהר איין יאָהר אויס. די ווינטען, זיי זיינען שטיפערס־קינדער און ברייננען צוטראָגען פון אַלע עקען מיט זייערע פליגלען שטויב און אַז ער איז דער העכסטער באַרג, וואָס אויף איהם מוזען זיך אַלע ווינ־טען אַנידערזעצען אָפּרוהען, האָט עפּעס דער באַרג מורא, אַז ער וועט ניט האָבען קיין שטויב. פון איטליכען ווינד בלייבט אַביסעלע און אַזוי קומען יאָהרען און זיי געהען אַוועק און מיט זיי קומט שטויב און אין שטויב איז פאַרהאַנען קערענדלאַך פון גראָזען. וואָרעמען

זיך אָן די קערענדלאַך און צואוואַקסען זיך. און דער באַרג ווערט באַדעקט מיט אַ גרינקייט, וואָס בלענקט פון דער ווייטענס. די נאַרישע שטיפער, די ווינטען האָבען ניט קיין אויגען און זעהען ניט, אַז דער הויכער באַרג איז באַדעקט מיט גרינע גראָזען. נאָר זיי בלאָזען און טראָגען זיך איבער דער וועלט און אָפּצורוהען זיך קומען זיי אַלץ צו דעם הויכען באַרג און ברייגען מיט זיך שטויב און אין שטויב איז דאָ קערענדלאַך פון בוימער. בעהאַלטען זיך די קערענדלאַך אין די טיעפע גראָזען און וואַרעמען זיך אויס און עס הויבט אָן שפּראָצען אַ וועלדעל. עס געהען אַוועק יאָהרען און דער הויכער באַרג ווערט באַדעקט מיט אַ וואַלד. נא, ערד איז דאָ, גראָז אויך און דערצו אַ געדיכטער וואַלד. קומט צו געהן אַ מענש, וואָס הייסט טשייפּעל און באַזעצט זיך; בויעט אַ הויז, שטאַהלען; שטעלט אריין בהמות אין די שטאַהלען און האַקט בוימער און אַנדערע וואַקסען אויס, שניידט די גראָזען און אַנדערע וואַקסען, אַקערט די ערד און דורך דעם ווינטער ווערט די ערד פון די שנעען און רעגענס איינגעפּרעסט און פאַרהאַרטעוועט. דערנאָכדעם שטאַרבט דער מענש און לאָזט איבער דאָס הויז, שטאַהלען און בהמות צו זיינע קינדער. די קינדער ווערט דאָס פאַרמיאוס'ט און זיי געהען זיך ערגעץ אַוועק מיט די פיער ווינטען, די שטיפער די נאַרישע און לאָזען איבער אויף הפקר דאָס אָרט וואו זייער פאָטער טשייפּעל האָט זיינע כוחות אַנידערגעלעגט. אָדער זיי פאַרקויפען דאָס צו אימיצען. מר. וויינבוים קויפט דאָס הויז און באַזעצט זיך דאָרט. האָט ער אַן אַנדער סטיל אין זיינע הענד, אַנדערע קאָלירען אין זיינע פאַרבען. צו דעם פאַרפלאָנטערטען ווילדערניש פון בושעם און בראַיערס, שטיינער און וועלדער, לעגט ער צו זיין ווייכע האַנד. דאָס ווילדע ווערט ניט שוואַכער, נאָר אַזוי פאַראיידעלט און מיט אַ באַשטימטקייט. עס האָט זיך איטליכער שטיין זיין אָרט געפונען און דער בוש מיט דעם בראַיער האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען און אַנטלאָפען אין פאַרוואָרפענע ערטער, וואו זיי קענען ניט אָנקוקען די ליכטיגע שיין פון דער זון און דער וואַלד איז שוין דרייסיג יאָהר אַלט און שטעהט אָט אָ דאָ, וואו וויינבוים וויל, און וועט שטעהן אַזוי אַלע טעג און אַלע יאָהרען וויפיעל די ערד וועט שטעהן.

ה. לייוויק: אידיש און דו, פּאָעט. אידישיזם
און דוד איינהאָרן. די — אָהן טראַדיציע.

## אידיש און דו, פּאָעט.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטוב און געדערט:
— וואָס האָט מיט דיר אַזוינס פּאַסירט? — דאַכט זיך, אַז גאָר־נישט. איינע פון יענע איבּערגעגנגען, וואָס טרעפן, קען זיין, מיט יעדען איינעם פון אונז פּלוצלונג גאָר אומגעריכטערהייט. און אפשר געהט ע ס אויביג נאָך נאָך אונז, נאָר אינ'ם טומעל פון טאָג פאַרטויבען מיר עס, פאַרשטעלען פון אונזערע אויגען מיט אַנדערע שאָטענס...

טאָ זאָלען מיר זיך אָבקערען אביסעל פון טומעלדיגען טאָג און זאָלען מיר ע ס דערהערען. ניט אין דער אַנוועזענהייט פון אַ פרעמדען פאָלק, פיינדליכער סביבה, נאָר אין די פיער איילען פון זיך אַליין, אַנקעגען שפּיגעל פון דיין איינענעם געשטאַלט, אין דער איינגעשלאָסענער איינזאַמקייט פון דיין אָווענד, לעז, אידישער פּאָעט, דיין אייגענעם אורטהייל. לעז און ציטער ניט. דו אַליין האָסט איהם געשריבען, נאָר האָסט איהם קיינמאָל נאָך אַליין ניט איבערגעלייענט גוט. דו האָסט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג מורא געהאַט פאַר זיך אַליין, ניט געוועזן זיכער מיט זיך, ניט געגלויבט אין זיך, געריסען זיך אַלץ צו דער פרעמדשפּראַכיגקייט. דיין אייגענע אָרימקייט האָסטו מיט מאָדנע קולטור־הויכקייטען געוואָלט באַשיצען, מיט פאָלקסטימליכקייט און ארון־קודש־שטויב דיין שרעקיגע נשמה געוואָלט פאַרדעקען, און זיך און דיין אָרימע, שרעקיגע נשמה, האָסטו פאַרלאָזען, און דיין חבר און דיין שכן און גלאַט אַזוי דעם פשוט'ען מענשען האָסטו פאַרנאַכלעסיגט...

ניט בעוואוסטערהייט, וועלענדיג מיט עפּעס יוצא זיין פאַר עפּעס א העברייאיזם, א אידישיזם, פאַר עפּעס א מאָדערניזם, האָסטו דיינע איינפאַכע, אייביג דיינינע שטימונגען אין פאַלשע קליידער געציערט, מיט פאַלשען ליכט בעלויכטען און אין נאַרישע פּאָזען האָסטו זיך גע־קרימט.

און בלייבענדיג אליין מיט זיך האָסטו אויף זיך מיט די ציינער געקריצט, אין א פאַרפּלאָנטערטען קרייז זיך געדרעהט און ניט גע־וואוסט ווי אַרויסצוגעהן...

און מאָדנע טענות זיינען געבאָרען געוואָרען אין דיין האַרץ. טענות צו דער וועלט, צום פאָלק, צו עפּעס א לעזער. און ניט פאַר־שטאַנען האָסטו אזא איינפאַכע זאַך, אז קיינער איז קיינעם גאָר נישט שולדיג, אז ס'איז ניטאָ צו וועמען טענות האָבען, אז קיינער דאַרף דיך גאָר ניט האָבען, ניט דיך, ניט דיין ליעד און ניט דיין טרויער. דו אליין דאַרפסט זיך האָבען און מעהר קיינער ניט...

האָסטו עס אָבער ניט פאַרשטאַנען. און אין דער פינסטערניש פון דיין לעבען, פון וועלכער דו אליין ווייסט נאָר, האָסטו מיט דיין אייגענעם וואָרט קיין ברעקעל שיין ניט געקענט אַריינברייינגען, קיין ביסעל ווירדיגקייט און קיין ביסעל שטאָלץ. און ניט איינגעוואַקסען איז דיין אידישער וואָרט אין דיין האַרץ געוואָרען, נאָר צוגעקלעפּט זיך אביסעל, געמאַכט א קרייז נאָר אַרום דיין נשמה און געפּאַנגען זי.

און נאָך האָסטו ניט פאַרשטאַנען, אז ניט קולטור טרעגער און נאָט זוכער ביסטו, נאָר א זיך־טרעגער, א זיך־זוכער. דערלייבטערונג ווילסטו, בערוהיגונג און ניט אויביגקייט... ניט קיין טויזענדיאָהריגער לאַסט פאַרבינדט דיך מיט עפּעס א פאָלק, מיט עפּעס א מזל... איין טאָג לעבען פאַר דיר איז שווערער פון טויזענדער יאָהרען, דער שיין פון דיין אויג היינט איז גלאַנציגער און טרויעריגער ווי דער שיין פון אלע דורות. און אויב עפּעס פאַרבינדט דיך מיט עמיצען, מיט דיין פאָלק מיט זיין גורל, איז דאָס עפּעס נעהנטערעס, וואהרשיינליכעס, טיע־פערעס.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטוב און ווייטער גערעדט צו זיך:

— ביבלישע געזאַנגען, נביאים, גאונים, שבת־ליכט, פּרוכת'ן, לעצטע בעל־תפלות, פאַרטריבענע שכינה — אונזער יחוס, אונזער

שטאָלץ. און אָהן זיי וואָס זיינען מיר? און דו אַליין וואָס ביסטו? קום, פּאָעט, און זאָג מיר.

אָט וועל איך איבערצעהלען די קנייטשען פון דיין שטערן, אָט וועל איך א ריס טהאָן פון דיין קאָפּ די גרויע האָר, מיט דעם שיין פון אָקטאָבער־אָוועגד וועל איך דורכלויכטען דיין טרויעריג־זינגענדיגע בלוט, — וואָס וועט ווערען פון דיר און פון דיין טרויער! האָסטו שוין געפונען א וואָרט פאר איהם? האָסטו שוין געשאפען דיין ריכטיגען געשטאַלט? האָסטו שוין דערזעהן דיין אמת'ע אָבגעזונדערטקייט?

איך רוף דיך און דו לאָזט זיך ניט הערען; איך זוך דיך און קען דיך ניט געפינען.

דיך אַליין וויל איך זעהן, דיין נאַקעטע נשמה זאָלסטו עפענען פאר מיר. קום ניט צו מיר מיט דעם שטויב פון פארשאָטענע שוהלען אויף דיינע אַקסלען, ברייננ מיר ניט דעם ריח פון דער בשמים־קעסטעלע, זינג מיר ניט פון דער צנועה'דיגער אידישער טאָכטער וואָס האָט דוקא שווארצע אויגען און שבת'דיגען חן; ביז'ן גאַל עקעלט מיך שוין פון די שווארצע אויגען, פון די חשון־ווינדטען, אלול־קלאַנגען, גלות־מאָטיוון, שופר־שאַלונגען, און די שטעדטעל־געשיכטעס, חסידישע נגונים, פאָלקסטימליכע געזינגערייען, כלי קודש'דיגע סאָנעטען זיינען דערווידער מיר געווארען.

קום ניט צו מיר מיט קיין אָלימפּישער זעלבסטצופרידענקייט, מיט דעם האָניג פון גענאַסע־ברודערשאַפט אויף דיינע ליפּען, מיט דעם שטעל פון א וועלט־ראטעוועך; טויב זיינען שוין מיינע אויערען פון די אַלע עס לעבע־הורא־געשרייען, טעמפּ און מיעד איז מיין הארץ שוין פון די לשון־קודש'דיגע יום טוב'קייטען, פון דער סאָציאַליסטישער פרומקייט וואָס רינגעלט מיך ארום, פון דאָס גאונים־בעריהמעריי און אויגען־פארגלאָצטער יחוס־מארטירעריי...

דער טרויער פון משה'ן, וואָס שטאַרבט אליין אין מדבר, און דער טויט־שרעק פון'ם אידישען נעננסטער וואָס שאַרבט אויפ'ן עלעקטריק־שטול; דער צער פונ'ם פארטריבענעם שפּינאָזא און דער אוי־בינער אונגליק פונ'ם פּושקארט־פּעדלער, וואָס קען זיך ניט דערוואַרטען אויף א קונה פאר זיינע איבערגעבליבענע דריי באַנאַנעס...

וועמעס טרויער איז גרעסער?

און אסתר, און דבורה, און שולמית, און רות, און תמר ביז דער לעצטער פול־באַקינער, מארמאָר־האַלזינער סאָנעטען־בעזונגענער אי־

אישער טאַכטער, וואָס ווערט פון זיי אַלע, ווען ס׳ניט נאָר אַ קוק אויף זיי די פאַרלאָרענע, אַנגעפּוידערטע אויסגעלאָשענע פּיערצענטע סטרים פרוי, אָדער די מיידעל פון גרענד סטריט וואָס געהט אַרום אַ פאַרצווייפּעלטע און זוכט אויף די פּושקאַרטס רויטע שטענגעלאַך צו בעפּוצען איהר נאַכט־העמד. —

ניט חנ׳עוודיג שוואַרץ, נאָר בלוי און גרין און רויט און פינסטער און פאַרשטויבט און אַלערליי פּאַרביג זיינען די אויגען פון אונזערע מיידלאַך; ניט נביא׳ישדיג הויך, נאָר אַמאָל שטיל, אַמאָל הייזעריג, אַמאָל קראַנק און אַמאָל אויך הויך, קונים־רופענדיג, הילף בעטענדיג זיינען אונזערע שטימען; אַלערליי ווינטען בלאָזען אין אונזערע הייזער, אַלערליי קינדער ווערען אין אונזערע הייזער געבוירען און אַלערליי פּאַרדראָסען, טרויער און צער צאַפּלען זיך אין אונזערע הערצער.

איז דען ניט גרויס אונזער לעבען! איז דען ניט טיעף יעדע אונזער רגע!

פון טאָג צו טאָג נייער, פון מינוט צו מינוט טיעפער...

געה אַרום אין גאַס און זעה, ווי אונזער נשמה פלאַטערט אַרום די לאַמטערנען פון העסטער סטריט...

## אידישיזם אין דוד איינהאָרן

טרויעריג איז דער מזל פונ׳ם דיכטער, וואָס האָט ניט קיין פריינד, קיין פאַרעהרער, טרויעריג און געהיימניספול.

לעכערליך אבער איז דער מזל פונ׳ם דיכטער, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ נאַנגבאַרען טאָן, איז געוואָרען אַ ליעבלינג, אַ ילד שעשועים, און, ניט זייענדיג אַלט קיין אכצעהן יאָהר נאָך, אַנגעטהאָן אַ שוואַרצען פראַק, פאַרקנעפּעלט זיך אויף אַלע קנעפּלאַך — אַ שטעל געטהאָן זיך, אויסגעצווינגען די האַלז און מיט אַ גרויס־ווירדיגען טאָן אַרויסגערעדט:

— נו, איצט מיין פאָלק, פאָהרען מיר אין דער שווייץ אוועק...

אזוי האָט זיך מיר אַלע מאָל פאָרגעשטעלט די געשטאַלט פון דוד איינהאָרן, ניט זיין פנים דער אמת׳ער, נאָר זיין געשטאַלט, זיין צוזאַמענגענאָסענער סילועט.

זיין אמת׳ן פנים האָב איך מיר קיינמאָל ניט געקענט אויסמעלען.

נעזיכטער פון א פולע אנדערע דיכטער, פלעגען זיך, גלייך ווי איך פלעג איבערלעזען אייניגע ליעדער זייערע, פארשטעלען פאר מיר מיט אלע איינצעלהייטען. דער גלאנץ פון זייערע אויגען, דער בויג פון זייערע אקסלען, די ווינקלען פון זייערע ליפען. צי דו טרעפסט, צי ניט — דאס מאכט דיר ניט אויס. דו מאלסט זיך אליין אויס א גע־זיכט און דו ווילסט ער זאל אזוי און ניט אנדערש אויסזעהן. פון דאן אן הערט ער אויף צו זיין פאר דיר דער דיכטער פון בוך, פון ווארט, נאר דיכטער פון דיין פארשטעלונג — פארשטעלונג פון דיין לעבען. —

איינהארן, אלס לעבעדיגער מענש, עקזיסטירט פאר דיר קיינמאל ניט און אינטערעסירט דיך ניט; ער רעגט ניט אויף דיין בלוט, ער רופט ניט ארויס פון זייער בעהעלטעניש דיינע פארבארגענע פארלאנ־גען, ער רופט דיך אין ערגעץ ניט דו זאלסט איהם נאכפאלגען. זיינע תפלות רופען ניט ארויס אין דיר קיין רעליגיעזען טרויער; עפעס דוכ־טען זיי זיך דיר אויס פארדעכטיג; זיינע מיידלאך אדער, בעסער גע־זאגט, זיין איינציגע אידישע טאכטער, שטעהט פאר דיר ווי א שטיק ווייסער שטיין בעפארבט מיט אלע קאלירען, בעשפריצט מיט אלע פארפומען, בעהאנגען מיט אלע דימענטען. דו זעהסט ניט קיין מיי־דעל פאר זיך, נאר א פיגור ארויסגעשטעלט אויף אן אויסשטעלונג, און עס דוכט זיך דיר, אז אזעלכע פיגורען האסטו געזעהן א פולע מאל געהענדיג פארביי די פענסטער פון די רייכע דעפארטמענט־געשעפטען; זייערע וועקסענע געזיכטען זיינען אויך אזוי ווייך, צארט און חנ׳עווריג, געריכיש גראציעז, און זייערע קליידער זיינען אויך אזוי רייך, קעניג־ליך...

דו קענסט זיך גארניט פארשטעלען, אז דער פאעט פון דער דא־זינער וועקסענער טאכטער, זאל אליין האבען א ביאגראפיע, עפעס פאסירונגען אין לעבען, ענטוישונגען און אמת׳ע פרייד. פלוצלונג, איין מאל א פארנאכט, אין א שטעדטעל ערגעץ, ווער ווייס וואו, ווען אין מאנאסטיר האט נעקלונגען דער גלאק און אין שוהל האבען אידען געהאלטען ביים ענדיגען עלינו, איז מיט אמאל אויפ׳ן גאס ארויסגע־לאפען א בחור׳ל, האט פארבראכען די הענט און זיגנענדיגערהייט גע־נומען שרייען: אידען, וועה איז אונז, די מאנאשקעס רופען! אידישע טאכטער וואו ביסטו, מען ענדיגט שוין עלינו... ווער איז דער בחור׳ל געוועזן? פון וואנען איז ער געקומען? קיינער ווייס ניט, קיינער

קען איהם ניט, נאָר אַלע פונדעסטוועגען לויפען פון די הייזער ארויס, פון די שוהלען רינגלען איהם ארום און הערען זיך צו צו זיינע גע־שרייען און וואונדערן זיך; „אַ, איהר הערט וואָס ער זאָגט אַזוינס? ער זאָגט דאָך: „מאַנאַשקעס“ — ווייסט איהר וואָס מאַנאַשקעס זיי־נען? ער זאָגט: „גלעקער“... אידען, איהר הערט, ער זאָגט: „פרכת“. ווערט אַ אויגען־גלאַנצעניש צווישען עולם, יונגע קורסיסטקעס קומען פון ערגעץ ארויס, רינגלען ארום דעם בחור׳ל און ווערען זיינע בע־גלייטערינס; אַ פּאָר בונדיסטישע בחורים קומען צו לויפען, טראָגען איהם אונטער אַ קראַנץ בלומען מיט אַן אויפשריפט:

„פאר׳ן דערמאָנען דאָס וואָרט „מאַנאַשקעס“ אין איין אָטהעם מיט׳ן וואָרט „פרכת“....

זעהט דער בחור׳ל אַז ער האָט אַ גאַנצען טומעל פאַרקאָכט, אַ גאַנ־צע שטה געשאַפען און, אַז מען קען אונטער די פליגלען פון דער שטאָר־בענדיגער שכינה נאָך אַ היבש ביסעל יאָהרען אָבלעבען, ווערט ער ביי זיך גאָר שטייף, שטאָלץ אָנגעבלאָזען און טהוט אַ זאָג ארויס זיין ליעב ווערטעל:

— אויב אַזוי, פאָלק, פאָהרען מיר אויף בעשטימט אוועק אין דער שווייץ...

און ער איז טאַקע אוועקגעפאָהרען און איז דאָרט פאַרבליבען. האָט ארויפגעקלעטערט אויף די העכסטע שפּיצען פון די אַלפען־בערג און גענומען אָנשטעלען מאַבען. האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנד, האָט אַ מאַך געטהאָן אויף דער גאַנצער שטאָדט, וואָס ליגט אונטער זיינע פיס, און ארויסגעדונערט:

— אַ שקלאַפען! אַ זומפּען!...

אויף איין אידישער טאָכטער נאָר איז זיין גרימצאָרן ניט געפאַ־לען, איין מיידעל נאָר האָט ער אויסדערוועהלט פון אַלע און געזאָגט צו איהר:

— זאָרג ניט, בת מלכה. דיך וועל איך פאַראויביגען...

ער האָט ארויסגענומען ראָזעווע פּאַפּירלעך פון קעשענע, האָט עס אויסגעשפּרייט אויף אַ פעלז, האָט אויפגעהויבען די אויגען צו די אַלפּען־וואָלקענס און מיט צאַצקעדיגע ווערטערלאַך גענומען סאָנעטע־ווען, און ביי יעדען וואָרט פאַרגלאַנצט די אויגען און תפלה־געטהון...

איינהאַרניסטישע סאַנעטען.

אַט ליגען זיי פּאָר מיינע אויגען אויסגעצוואָגענע, אַנגעפּורפּורטע, אַנגעקראַכמאַלטע, ריהר איך מיך צו צו זיי ניט א זעץ מיר אין נאַז א כוואַליע פון אַלערליי אַנגעבאַרגטע פּאַרפומען, גיט אַרויס אין די אויערען מיר א גרילצעריי פון אַלע פאַרשיעדענע מוזיק־אינסטרומענ־טען, און עס הייבען אַן טאַנצען אַרום מיר שוין לאַנג אַלט־געוואָרענע, באַקען־איינגעצויגענע, אָהן־ציינערדיגע נימפען און פייען...

ווער דאַרף זיי? וועמען מאַכען זיי פרעהליך? וועמען מאַכען זיי טרויעריג? וועמען וועקען זיי צו ליידענשאַפט, וועמען טרינקען זיי אַן מיט איינינקייט? וועמען טרייסטען זיי אין שלאַפלאָזע נעכט אָדער וועקען פון פאַרזונקענע חלומות?... אַט נעהם איך א מעסער און מיט קאַלטער גלייכגילטיגקייט גיב איך א שניט איבער'ן האַלז פון די דאָזיגע סאַנעטען, און — קיין איין טראָפּען בלוט גיט ניט קיין שפּריץ פון זיי... ניטאָ קיין בלוט — שטיין, קאַלך, מאַרמאָר, פּאַפּירע־נע בלומען.

צושאָטען זיינען געוואָרען אַלע קאַלירען פון די פאַלשע דימענטען; ווי שטויב האָט זיך צוזייט דער זייד און אַטלאַס פון די טייערע קליי־דער; פון אַלע פּאַלאַצען, טעמפּלען, שלעסער האָט זיך אַבגעטהאָן דער צויבער; אויסגעלאָשען זיינען געוואָרען אַלע פייערען דאָרט, אויס־געבראָכען זיינען געוואָרען אַלע קריסטאַלענע שויבען און גלאָזוואַרגען; פון אַלע טעפּיכער, פאָרהאַנגען, סטאַטוען, בילדער און געוועבען זיינען שמאַטעס געוואָרען, און איבער אַלע חדרים, פון אַלע ווינקלען, פון טויזענדערליי לעכער, זיינען מייז אַרויסגעקראָכען, מיט א פייפעריי זיך צולאָזט, און זיי זיינען די בעלי בתים געוואָרען.

אין שרעק און איינזאַמקייט איז געבליבען די בתמלכה, די כלה, די צנועה. אונטער'ן שיין פון הימעל האָט זי מיט אַמאָל זיך אין איהר אמת'ן ווייבערשען קאָרסעט דערזעהן. וואו זיינען אַהינגעקומען איהרע דימענטען? איהרע פּעלערינעס, איהרע שלעפּ־קליידער?... נאָרנישט געבליבען. אפילו קיין איין זיידענע נאַכט־העמד ניט געבליבען. נאַ־קעט שטעהט זי אונטער'ן שיין פונ'ם הימעל אין א צובראָכענעם קאָר־סעט אַנגעטהאָן...

פאַרבראָכט זי די הענט די בת מלכה, די כלה, די צנועה. אַלע זעהען איהר נאַקעטקייט און לאַכען פון איהר; זי זוכט מיט די אוי־

נען איהר פרינץ, איהר סאָנעטען־זינגער, איהר העלדישען וועג־ווייזער, — ניטאָ איהם...

וואס אַרט איהם די חרפה פונ'ם נאַקעטען מיידעל — ער זעהט עס ניט, ער זעהט אין אַלגעמיין ניט קיין נאַקעטע מיידעל; וואָס אַרען איהם ענטווישונגען, ניט אַרויסגעזאָגטע פאַררדראָסען; דער שטויב פון צושאָטענע פּאַלאַצען פאַלט ניט אויף זיינע אַקסלען, דאָס פּייפעריי פון אַרומטאַנצענדיגע מייז דערגעהט ניט צו זיינע אויערען, — ער געהט זיך זיין וועג צום אָלימפּ. ער האָט זיין זאַך אָבגעטהאָן, ער האָט בעזונגען, מעהר דאַרף ער ניט ווי ב ע ז י נ ג ע ן. ער געהט און קוקט ניט אַהינטער זיך...

ער איז דאָך עפּעס אַ קולטורשאַפער, ער טראָגט דאָך עפּעס אויף זיינע פּלייצעס אַ מיסיאָן, איהם בעגלייטען דאָך עפּעס ווייטע דורות'־דיגע אידעאַלען. אַ, ער קוקט ניט אַהינטער זיך...

אַזוי ווי יענער ליימענער גולם, וואס טהוט אַלץ וואס זיין בעשעפער הייסט איהם, אַזוי געהט אויך ער, דער מאָדערנער בן מלך־זינגער, אַלץ פאָרוועדטס, אַלץ פאָרוועדטס אַהין, צו די אַלפּען־בערג... ער געהט און אַזאַ זעלבסט־צופריעדענקייט איז צוגאָסען איבער זיין גאַנצען פּנים, אַזאַ זאַטע פרייד הילכט אָב פון יעדען טראָט זיינעם, און מיט אַזאַ פון אויבענאַראָביגען קוק נעהמט ער דורך יעדען וואָס טרעפט זיך איהם אין וועג.

פאַר איהם זיינען ניטאָ קיינע ספקות, ער טראָגט אויף זיין אַקסעל אַ פאַרטיגען פּולען זאַק מיט ווערטער, און אָנגעפּאַקטען טאַש מיט אָנגעגרייטע בילדער; ער געהט ניט — נאָר ער וו אַ נ ד ע ר ט; ער לעבט ניט — נאָר ער ט ר ו י מ ט; ער געהט ניט באַרג אַרויף — ער ק ל ע ט ע ר ט; ער קוקט ניט אַרונטער — ער וו אַ ר פ ט ז יי נ ע ב ל י ק ע ן; ער זעהט ניט פאַר זיך קיין שטעדט, קיין גאַסען — ער זעהט ט ה אָ ל ע ן, ז ו מ פּ ע ן, ה ו י ל ע ן; ער עפענט אויף דעם זאַק ווערטער און שיט אַרוים אויף אונז זיין גאַנצע באַנאַליטעט...

און אונזער האַרץ — — —

און אונזער האַרץ ווערט ניט געריהרט.

אַך, ווי פאַרזוקען מיר זיינען שוין געוואָרען אין אונזערע טהאָלען. —

אַך, ווי פאַרגרעבט מיר זיינען געוואָרען אין אונזערע זומפּען. —

אידישיזם:

א געמיש פון קוגעל מיט ראקעס; ארבע כנפות און רויטע פאהן; מזוזות און פראקלאמאציעס; בעל תפלות און אראטארען; אמן און הורא־געשרייען; הושענות און ליליען; חומש און אפערעטען; ספר תורות און דעקאלטע.

און צו דעם נאך:

א דרייעקיגער געשליפענער הענג־לאמפ־קוקער; אביסעל שטויב פון א פארטריקענטער מומיע; א נאגעל פון וועגערא'ן; און אלט־מאדיש פאריזער קליידעל — דאס אלעס צושטויסען, צומאלען און אויסמישען מיט א לויט נאציאנאל־ראדיקאליזם, צוויי לויט קולטורעל־אויטאנאמיע, א קערענדעל שווייצ'יזם און א האלב לויט פרוכת'יזם — איינהארנ'יזם.

און דאס, וויל מען אונז איינשמועסען, איז אונזער רענעסאנס, אונזער מאדערניזם, אונזער נייער אינהאלט.

---

איך לאז פריי מיין הארץ פון אלע פאראורטהיילען, חשדים און מיינונגען, איך בין גרייט אלע קלאנגען צו פארנעהמען, — פאר וואס ווילט זיך מיר פארדעקען די אויגען ווען מיר שטעלט זיך פאר דער אי־דישיזם־געשטאלט.

א פארזעהעניש שטעהט אנקעגען דיר, אן אונגאטירליכע בעשעפעניש וואס איז, צו אונזער בעדויערען, געראטען אין אונז אלעמען. פון אונזער בלוט איז עס אויסגעהאדעוועט געווארען, פון אונזער בלוט, טעות'ן, ראנגלערייען, ענטוישונגען און האפנונגען. וויפיעל מאל האבען מיר געוויינט איבער איהם, וויפיעל נעכט ניט דערשלאפען, וויפיעל מאל ניט דערעסען. אלץ האט מען אין איהם געשפארט, אין דעם פערזעהעניש, און ער איז זיך געוואקסען מיט דעם ניט־אונזערינען שיין אין זיינע אויגען, מיט דעם זיסען־נארנישט זאגענדען, טעמפעל־שמייכעל אויף זיינע ליפען.

ווער האט, אויב ניט דער אידישיזם, מיט אזא לייכטער האנד פארדארבען דאס אידישע ווארט, מיט פאלשען אינהאלט אנגעפילט, מיט טויטע קלאנגען אנגעווארפען, מיט פוסטע מליצות פארטויבט; ווער האט, אויב ניט דער אידישיזם, דאס אידישע ליעד א נאכקרי־מעניש פון העברעאישען געמאכט, פון זיין איינפאכער אייגענארטיג־

קיים אבגעקערט, און אונז די אויערען מיט ריטמישע משיח־געזאנגען, באנאלע באלאדען און פאגראם־פאעמען פארטויבט; ווער האט אונ־זערע זשורנאלען מיט ישיבה־בחורים׳שע פשט׳לעך אנגעפילט, מיט זבת חלב ודבש־קריטיקען פארלאגערט און אונזערע צייטונגען מיט אלערליי שטימונגען, יום טוב נעדאנקען אנגעזעצט? —

א לייכטער וועג איז דער אידישיזם־וועג, א לייכטער און א בע־קוועמער. גלייך האסטו ווער עס זאל דיך בעפליגלען, אונטערן שוץ נעהמען, וואו דיין פוסטקייט און אנשטעל צו בעהאלטען, האסט א פולע פעטערס און מוהמעס און גלאט אזוי גוטע פריינד און פארזאר־גער, זיי ווילען אויף דיר שוין קיין שטויב ניט לאזען פאלען, זיי ווע־לען שוין פארהיטען דעם כבוד פון דער משפחה...

און לייכטע וועגען זיינען אויף די גלות־וועגען; דארפסט זיך ניט צאפלען ווי אין א נעץ, ניט פלאנטערען זיך ארום די איינענע פיס, ניט דרעהען זיך אין א קרייז ארום זיין אייגענעם לעבען, ווייב, הויז, שטאדט, קאפע; דו געהסט איבער׳ן לאנג שוין אויסגעטראטענעם זאמד און די גרעסטע משא וואס דו האסט איז דער גלות־שטעקען; דו דארפסט נאר נעהן אויפגעהויבען די אויגען און תפלה טהאן...

אידישיזם — ניט אונזער פענעסאנס, נאר אונזער אבלייקענונג; ניט אונזער פנים — נאר אונזער פרצוף; אידישיזם — אונזער ווייט־קייט פון זיך....

און איינהארן איז דער בעסטער אויסדרוק זיינער, דער בעסטער פאעט זיינער;

פאעט — אבער ניט דיכטער אונזערער....

## די — אהן טראדיציע

רוסלאנד.

פון דער ישיבה פון טעלז זיינען ארויסגעקומען עטליכע יונגע לייט מיט כתבים אונטער׳ן ארים. זיי זיינען געווען אויסגעצערט פונ׳ם לאנגיאהריגען ישיבה־לעבען, בית־המדרש־לופט, נאר אין זייערע אוי־גען האט געלויכטען עפעס א מאדנער פייערל א נייער, א ניט פאסיגער פאר ישיבה־בחורים. זייערע קליידער האבען עדות געזאגט אז זיי קלייבען זיך אוועקפאהרען. ווער האט געקענט וויסען, וואס אין זייערע כתבים טהוט זיך. זיי האבען עס געהאלטען פעסט אונטערן ארים

און יעדעם מאָל מיט ציטער אָנגעכאַפּט זיך אָן זיי מיט די הענט, טאַ־מער כאַפּט עס עמיצער אַרויס פון זיי. זיי האָבען אַ קוק געטהון דאָס לעצטע מאָל אויף דער ישיבה און זיינען פארשוואונדען געוואָרען.

די צייט איז זיך מיט איהר שטייגער געגאַנגען. די ישיבה איז פון טאָג צו טאָג קלענער געוואָרען. געבליבען זיינען נאָר קליינע אינג־לעך. דער ראש הישיבה האָט ניט געקענט פארשטעהן, וואו זיינען עס אהינגעקומען די גרויסע בחורים, די עלוים, די מתמידים? אזא גמרא קאָפּ ווי שלום יעקב, אזא חריף ווי יהודא לייבוש, אזעלכע מתמידים ווי חיים נחום, ווי דער קוידענאווער?

אָבער אין לאַנד, צווישען דעם נייעם דור, האָבען זיך מיט אַמאָל גענומען הערען נעמען פון נייע ישיבות, נייע תנאים און טשיקאַווע מסכתאות.

ישיבה דרבי מענדעלי מוכר ספרים, מסכתא „קליאַטשע“; בית־פרץ און בית־ביאַליק; רב דינענזאָן און תנא שלום עליכם.

ס'איז געווען אן איבעראַשונג, אָבער אן אנגענעהמע איבעראַשונג.

דער מהלך פון טעלז, מיר, וואָלאָזשין צו וואַרשא, ווילנא און אדעס איז ניט געווען קיין ווייטער און דער השכלה'דיגער, לשון־קודש'־דיגער, יוד־בעלזענער עולם האָט זיך אַ לאָז געטהון אהין.

מען האָט גענומען איליאַדאַ ניט לערנען נאָר לערנען; דאַנטען לייענען אויפ'ן דאַף און אויף אַלץ פרעגען: ואם תמצא לומר; צו־שרייבען אַ שטיקעל מהר"שא צו דאָסטאָיעווסקי'ן, און אויף פושקינען אַ תוספות פארפאַסען. ווער רעדט די אייגענע שרייבער האָט מען מיט'ן נגון ווי מיט שטורם גענומען.

ס'איז געווען זעהר היימיש. וויפיעל שטות און רמזים האָט מען אויסגעזוכט אין דער „גילדערנער קייט“, וויפיעל מדרש־הייליגקייט האָט מען געפונען אין „יודעל“; וויפיעל פשט'לעך אויף ישראליק'ן. —

אויפ'ן זייגער, אויפ'ן רעגען האָט מען געפרעגט: מאי קא משמע לן; דער פאַרליעבטער האָט געערדט צו זיין מיידעל מיט דעם נגון פון אמר אביי.

און אַלץ ארום האָט זיך אזוי צוגעפאַסט צו דער פאַנטאַזיע פונ'ם נייעם אידישען שרייבער, אָדער, בעסער געזאָגט, מחבר און זיינע פאַר־עהרער־לעזער.

די גאַנצע נאַטור האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסער, פאַרשיעדענ־אַרטיגער שול־הויף מיט חסידישע און מתנגדישע שולען; דער הי־

מעל איז געווען איבערגעדעקט מיט א פּרכת; די וועלדער האָבען גע־דאַווענט דריי מאָל א טאָג און ניט פאַרפעלט אויך קריאת־שמע לייע־נען, און אין אלול־צייט האָבען זיי געזאָגט סליחות און געבלאָזען שופר; די לבנה האָט אלע מאָל אויסגעזעהן ווי א כלה צו דער חופה און די שטערען ווי אונטערפיהרער, אָדער — ווי אן אלמנה, און די שטערען — ווי יתומים׳לאַך... די ערד איז אין פריהלינג־צייט געווען מעוברת מיט אלערליי פלאַנצען און קרייטיכער און אין הערבסט איז זי געזעסען שבעה און געזאָגט קדיש...

דער שרייבער און זיינע לעזער האָבען זיך געהאַלטען אין א י י ן מ ח י ה ז י י ן, אין איין הנאה האָבען, אין איין קוויקען זיך; אין די טייכען האָבען זיי געוואַשען די הענט און געמאַכט ברכה, און אלע ימ׳ען האָבען זיי געזעהען, ווי זיי גיסען זיך אריין אין ים סוף... וואָס פאַר א וואונדערבאַרע, מחיה נפשות׳דיגע אידיליע! ווער האָט עס געזאָלט שטערען דעם נייעם שדוך פון דעם אידישען לעזער מיט זיין שרייבער און פון זייביידען — מיט דער טבע, יצירה — נאַטור בלע״ז? ווער האָט עס געזאָלט צוטרייבען די כלי זמר, די מחותנים, צוּוואָרפען די דרשה־געשאַנק?

און אייראָפּאַ?

קען דען דער משוגענער בטלן ניט זיין קיין האַמלעט? קען דען פּישקע דער קרומער ניט פאַרנעהמען דעם אָרט פונ׳ם „מענשען וואָס לאַכט“? איז דען מאָניש ניט קיין „דעמאָן“? —

איז דאָך, דאַכט זיך, גוט. אלע זיינען רינגען פון איין קייט. דער רמב״ם, יהודה הלוי, אלפסי, אברבנאל, בעל שם טוב, פּרץ, מענ־דעלי, שלום עליכם, אַש, רייזען ביז מנחם׳ן — אלע זיינען איין גרוי־סע ישיבה, איין משפחה.

און די קייט דאַרף מען ציהען נאָך לענגער; ווערען אַנגעשלאָסען נאָך און נאָך רינגען, אלע געהען אריין אין דער משפּחה; ווער ס׳קען נאָר אביסעל האָניג אויף די ליפּען ברענגען, א פּאָר קדושה־ווערטער אויסטראַכטען, א שמע־ישראל־גראַם אויסדריכטען — אלע, אלע געפּי־נען שוץ אונטער דעם דאַך פון דער נייער פּמבּדתא.

און ס׳איז גרויס די ליעבע צווישען אלעמען, עס הערשט פריעד און התפעלות אין דער משפּחה; יעדען טאָג ווערען געקריינט תנאים, ווערט נעגעבען סמיכה, קבלה. —

ביז מיט אמאָל האָט עפּעס א שאָטען פאַרדעקט דעם הימעל פון

דער משפּחה, און צווישן איהר מיט'ן לעזער איז א שוואַרצע קאַץ דורכגעלאָפען....

— — ארום און ארום איז דאָס לעבען געגאַנגען מיט אן אויסער־געוועהנליכער האסטיגקייט. ענדערונג נאָך ענדערונגען. שטרייטיג־קייטען, ווידערשפּרוכען. קריעג צווישען פאָטערס און קינדער, טריפה ליעבעס צווישען בחורים און מיידלאך, און מיט אלע קאָלירען איז גע־ווען געפאַרבט דער הימעל אין אָווענד, און מיט אלע שרעקען איז גע־ווען פול די מיטעננאַכטיגע שטונדע. דאָס לעבען ארום האָט אויס־געזעהן ווי אן אָנגעצויגענע סטרונע, אלע האָבען די אָנגעצויגענקייט געזעהן, און אלע האָבען מיט שפּאַנונג און איינגעהאַלטענעם אָטהעם געקוקט אויף יעדען וואס האָט געוואגט צו דער סטרונע זיך צוריה־רען. —

און דאָ זיצען זיך מענשען ריינע און פרומע מיט דעם שמייכעל פון א ניט היגען אויף די ליפּען, און שאַפען זיך שאַפונגען, גרויסע שאַפונגען, אויביגע שאַפונגען... און אויף אלץ דער גלאַנץ פון דער זיי־דענער קאַפּאָטע, פון דער סאַמעטענער יאַרמולקע...

האָט געטראָפען, אז דער לעזער, דער אָנגעזעטיגטער מיט שלמה נגיד'ס יום טוב'דיגע פיש, מיט טוביה דעם מילכיגענס בלינצעס, מיט דעם הינטער וועלדעל'דיגען טרא־לא־לא, איז זיך אומגעגאַנגען איבערן נאַס און אזוי זיך געקוקט אין אלע זייטען. אָווענד צייט. די נאַכט־שאָטענס זיינען אזוי שנעל אָנגעקומען, ארומגעכאַפּט דעם אָרימען לע־זער'ס נשמה, אז זי האָט זיך מיט אמאָל אזוי ווי א שפּאַלט געטהון, א בראָך געגעבען און מאָדנע פונקען, קאָלירען האָבען גענומען זיך דרעהען ארום זיינע אויגען. ער האָט מיט אמאָל גאָר אינגאַנצען פאַר־געסען זיין ביז אהעריגע וועלט־אנשויאונג. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און מיט אזא נייגעריגקייט גענומען קוקען אויף א פּראָסטער, פאַר־שטויבטער נאָר וואס אָנגעצונדענער לאַמטערן. ער האָט דערפיהלט אזא שווערע נאָגעניש אונטערן הארצען און מאָדנע פאַרשטעלונגען האָ־בען איהם ארומגעכאַפּט. ער איז געשטאַנען און געוואונדערט זיך: שוין אזויפיעל יאָהרען אז ער זעהט די זעלביגע לאַמטערן, וואָס האָט זי מיט אמאָל אזוי אויפגערוישט זיין געמיט? ער האָט ניט געקענט פאַרשטעהן, נאָר איין זאַך האָט ער יע פאַרשטאַנען: ע ס ו ו ע ט ש ו י ן א ל ע מ א ל ש ט ע ה ן א י ה ם א י ן ו ו ע ג א ט ד י פ א ר ש ט ו י ב ט ע ל א מ ט ע ר ן . . . און אלץ

האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען אויסצוזעהן אַנדערש. דער נאָ־הענטער, תכלית'דיגער הימעל איז ערגעץ הויך־הויך אויף טויזענדער שוואַרצקייטען, גרויקייטען פאַרביטען געוואָרען; דער ווינד וואָס איז געקומען פון צפון זיים האָט ניט קיין בשמים־ריח געבראַכט, נאָר קאַלטען אָטהעם, רויען ניט געלייטערטען אומעט, צוזאַגונגען און גע־שפּעט; גאָט, תפלות, שבת און יום טוב, שטעדטעל, שטאָדט און וועלט — אַלע האָבען זיי געברענט אין'ם טונקעלען, פאַרשטויבטען פייער פון דער לאַמטערן...

אַן אויפגערודערטער איז געקומען דער לעזער אהיים, ניט גע־פונען קיין אָרט זיך, ניט געקענט זיך צוריהרען צו קיין בוך. ביטער־קייט האָט ער געוואָלט, שטאַרקען רויך, ספּירט, שטעכיגע נעגעל. —

דער ביכער־שראַנק האָט איהם אָבער רוהען ניט געלאָזט. טאַקע שלעכט, אָבער לעזען זיין ליטעראַטור מוז ער דאָך. ער איז צו צום שראַנק און זיין האַנד האָט, אַליין פון זיך, אַן דעם פאַרוואָרפענעם, אויסגעלאַכטען זעבצעהן־באַנדיגען „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" זיך אָנ־געכאַפּט...

אַמעריקאַ.

פון קעסעל־גאַרדען איז אַרויסגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ טשע־מאָדאַן אין האַנד. זיינע שוואַרצע האָר זיינען געווען ניט פונאַנדער־געקאַמט, זיינע וואָנצען זיינען געהאַנגען אַרונטער, זיינע קליידער זיי־נען געווען צוקנייטשט און ערטערווייס צוריסען און זיין פּנים, פון דער לאַנגער ים־רייזע און שלעכטען שיף־עסען, איז געווען בלייך און איינגעשרומפּט. נאָר אין זיינע אויגען האָט געברענט אַ מאָדנער ביי־זער פייערל, אַ פינסטערער און אַ שניידענדיגער. —

אויף מאָרגען איז שוין דער אָנגעקומענער יונגערמאַן געזעסען איי־בער אַ מאַשין און געשטעפּט הויזען. לעבען איהם, אויך איבער מאַ־שינען, רייהענווייס, זיינען געזעסען נאָך יונגע לייט און מיידלאַך, יעדע אַריינגעטהאַן אין זיין אַרבייט, דער קאָפּ אַרונטערגעלאָזט אַרונטער.

די מאַשינען האָבען גערוישט, דער פאָרמאַן איז אומגעגאַנגען פון איינער צום צווייטען, געיאָגט און געטריבען. דער אָנגעקומענער האָט ניט געוואוסט, אַז לעבען איהם זיצען געוועזענע עקסטערנער, געוועזענע „יוד"־לעזער און זיבעצעהניאָהריגע קורסיסטקעס און אַז זיי זיי־

נען עם די נייע לעזער וואָס וועלן דאַרפען לעזען זיינע ליעדער. —

ס'איז געווען טרויעריג. ער איז געזעסען איבער'ן מאַשין, גע־שטעפּט די הויזען און זיין האַרץ האָט איהם געשניטען פאַר פאַרדראָס און ערגערניש. זיינע אויגען, דערווייטערענדיג זיך פון דער מאַשין, האָבען געזעהן פאַר זיך דעם איינזאַמסטען אַבגרונד פון פאַרפאַלענ־קייט.

קומענדיג אין אָווענד אהיים, האָט ער זיך מיט אַ ציטער צונע־כאַפּט צו דער פּען און גענומען שרייבען.

ער האָט ענדליך אוועקגעלעגט די פּען, אַבגעשטויסען פון זיך דאָס אַנגעשריבענע און ניט געוואָלט איבערלעזען עס אפילו. ס'איז איהם געוואָרען מיט אמאָל מורא'דיג זיין אייגענע אנוועזענהייט, דער ריהר פון זיינע ליפּען, דער הויך פון זיין אָטהעם. און ווי ער זיצט אזוי און האָט מורא פאַר זיך אליין, דערפיהלט ער מיט אמאָל אז ד אָ ס א י ז ד אָ ס, אָט ד אָ ס איז דאָס אויביגע, וואָס געהט מיט איהם, דאָס איז זיין נ י י ע ר מ ז ל, זיין נייע דיכטונג. —

ס'איז געווען אזא מאָמענט, ווען דער פּאָעט האָט זיך דערזעהן אין זיין אידעאלסטער פאַרשטעלונג, אין זיין בלענדענטסטער נאַקעט־קייט, אין ז י י ן א י י ג ע נ ע ר א ו נ פ ע ר מ י י ד ל י כ ק י י ט; אַ מאָמענט, ווען דער פּאָעט האָט געדאַרפט אָן זיך אליין זיך בע־העפטען, מיט אַ זיכערען טראָט צוגעהן צום טיר פון זיין איינזאַמ־קייט, אַ דרעה טהון דעם שלאָס, אריינגעהן און פאַרשליסען...

דער פּאָעט האָט געגעבען אַ ציטער, האָט אויפגעהויבען דעם פוס אַ טראָט צו טהון פאַראויס און — האָט אַבגעשפּרונגען אויף הינטער. ד ע ר פּ אָ ע ט ה אָ ט נ י ט א ו י ס ג ע ה א ל ט ע ן.

דאָס איז געווען מאָררים ראָזענפעלד.

ווער ווייס ווי ווייט מיר וואָלטען שוין פאַרגאַנגען, ווען ער דער־שרעקט זיך ניט; ווען ער, מיט דער זעלבער שער, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן „לומפּיגען באָס", וואָלט געגעבען אַ שניט איבער'ן פּאָדעם פון דער אימפּאָרטירטער טראַדיציע און וואָלט, אונטער'ן שיין פון דער נייער וועלט, געבליבען שטעהן אליין. אַ נייער אַנהויב, אַן אונפערמיידליכער אַנהויב...

האָט ער זיך אָבער דערשראָקען.

די אידישיסטישע קלאָפּער־געצייג האָט ער פון האַנט ניט געוואָלט אַרויסלאָזען; ער האָט געצאָרענט אויף די יחסנים, די כלי קודש'דיגע,

און אליין דאַך געבענקט נאָך זיי, און אָפט מאָל פון אונטען ארויף נאָך געקוקט, מישטיינס געזאָגט: איך — אפּרייטער.

זיין אָריגינעלען שוואונק און טעמפּעראַמענט ניט אויסגעהיט פון דער אויסגעדראָשענער מליצה; זיין סאַרקאַזם ניט בעפרייט פון רע־טאָך־ביטערקייט, פון חריין־געדוך, און מיט'ן ווילנער זשעסט ניט גע־וואוסט ווי צו בעגעהן זיך.

איז ארויסגעקומען א געמיש פון וואונדערבאַרען ריטם מיט בטלנות; א כזריות'דיגער נאָדעל־שטאָך מיט אָ קריץ פון א געגזען־פּעדער; הייסער פּאַטהאָס און ברחן־גראַמעריי; שנאה און פּעראַכ־טונג געמישט מיט איכה־זיפץ און סליחות־אוי; פינסטערע פערצוויפ־לונג — און ניט רעליגיעזער סעזאָן־געדיכטעטער משיח־טרוים.

און ניט איינגעפאַלען איז איהם, אז נאָכגעבענדיג דעם פרעמד־אַי־דישיסטישען, איסט־בראָדוויי־פּאָרווערטסיסטישען, דאון־טאון־פּעליע־טאָניסטישען סענטימענט — חתמ'עט ער אליין זיין אורטהייל, ברעכט ער איבער אליין אויף צווייען זיין מזל, געהט אוועק אויפ'ן וועג פון וואקעל, פון בומעריי און דערנידערונג, פון רוהם און פארגעסענהייט, פון גאַסען־לויב און פאַרלאָרענקייט. —

און נאָך מעהר האָט ער ניט פארשטאַנען, אז שפּעטער ווען אויפשטעהן דער נייער דור שריפטשטעלער, וואס וועט יע וואגען די אימפּאָרטירטע קייט איבערשניידען און וועט ניט מורא האָבען איבער־צוטרעטען דעם שוועל פון זייער איינזאַמקייט, און פאר איהם, פאַר'ן נייעם דור, וועט ער זיך מוזען פאַרענטפערען פאר דעם גאַנצען לי־טעראַרישען מישמאַש, חוזק און אָבגעלאָזענקייט, פאר דער גאַנצער גע־שמאַקלאָזיגקייט און באַנאַליטעט, מיט וועלכע עס איז פול געוועזען דאָס גאַנצע אידישע לעבען דאָ ביז היינטיגען טאָג.

און ער איז געקומען, דער נייער שריפטשטעלער. שווייגענדי־גערהייט, געדולדיגערהייט דורכגעריסען זיין וועג: בעגלויט מיט שפּאָט און אייפערזוכט, וויצען און קיבעץ, סטאַר־סיסטעם און רעדאַקטאָר־באָסיזם; פון אָנפאַנג ניט זיכער און ציטעריג, איינגעהאַלטען און ווינקעלמעסיג, און נאָכדעם זיכערער און פעסטער א קוק געטהאָן פאָר־אויס. ער איז מיט קיין באַנאַזש ניט געקומען, נאָר מיט זיך אליין, און אָפען פּראָקלאַמירט:

מיר וואַרפען אראָב פון זיך דעם פאַרשטויבטען זייד, מיר ווילען קלאַנגע: ייייאַנגען, געטראַנקען, אלערליי פאַרבען, אלערליי ווערטער

ניט פון ביכער, ניט פון דרשות, נאָר פון אונז, פון אונזער לעבען, פון אונזער אומעט, וועהמוט, אונמוט. —

פארפלאָנטעט און פינסטער איז דער וועג פונ׳ם נייעם אידישען שרייבער אין אמעריקא; די פינסטערניש איז אויפגעגאנגען איבער זיין קאָפּ און איז געווארען זיין סימבאָל, דורך זיין פאַרשטעלונג מיט איהם אליין זיך פאראייניגט.

זיין וועג איז דער טויזענדגאַסיגער וועג, און וואָס און וועמען ער זאָל ניט בעגעגענען אויף זיין וועג גיסט זיך צוזאַמען מיט זיין אויפגעגאנגענער פינסטערניש, אלץ ווארפט פון זיך שאָטענס אויף זיין געזיכט... א גרויסע ערשיינונג האָט ער דערזעהן אין דעם גלאַנץ פון דער אויפגעגאנגענער פינסטערניש, א גרויסע רעטעניש און א גרויסע פרייד — ער אליין.

פון קיינעם ניט בעגעגענט — האָט ער פארטרויט זיינע אויסגע־חלום׳טע האָפנונגען צום פארנעבעלטען, נאָר איהם אליין פארשטענד־ליכען „עמיצען“. עמיצער געהט מיט איהם טריט ביי טריט, פיהרט איהם צווישען די גרויסע מויערען, לייכט איהם צווישען די צוזאַ־מענגערוקטע פושקארטס, קוקט איהם אין די אויגען אינ׳ם אָנגערויכער־טען קאפע. און פון אלע מענשען פון דער גרויסער שטאָדט איז ער דער מענשליכסטער, פון אלע פריינד — דער פריינדליכסטער.

און וואו ווארט אויף איהם זיין דערלייכטערונג — וויים ער ניט. ע ר ג י ץ. עס קען זיין אין פינף סענטיגען וואָדעוויל, עס קען זיין אין הויז פונ׳ם אַלטען, מיאוס׳ען מיידעל, אין אקראבאטען־צירק, אין ווייו קעלער, ביים קאָרטען־שפיעל. —

און וואס מיט איהם זאָל ניט טרעפען, וויפיעל מאָל ער זאָל ניט פארלירען דעם וועג צו זיין הויז, צו זיין ווייב און קינד, אָבער קיינמאָל וועט ער שוין ניט פארגעסען דעם שיין פון י ע נ ע ר פ ר י י ד — פון יענער טרויעריגער פרייד. —

דער פאַראויסזאָגער פון „יענער פרייד“ איז שוין געווען אברהם רייזען. ער איז אָבער געווען נאָר א פאראויסזאגער, ער האָט נאָר א צייכען בעוויזען, ער האָט א ריס געטהון דעם פארהאנג וואס האָט פאר־שטעלט זיין לעבען און א געשריי געטהון: אויף מיר קוקט...

א געשריי געטהון און אליין פארכאפט זיך, פארדעקט מיט'ן האנד דעם מויל: פילייכט צו הויך א געשריי געטהון?

ער האט שוין געוואגט אריינצוגעהן אין דער בעהעלטעניש פון זיין איינזאמקייט — ער האט אבער מורא געהאט צו פערבלייבען דארט. איז ער געפאלען אויף א שכל: ער וועט לאזען אפען די טיר...

און דורך דער ניטצוגעשלאסענער טיר האט ער גענומען ארויסגעהן און אריינגעהן.

פון דער וועלט — צו זיך; פון זיך — צו דער וועלט; פון רוס־לאנד — קיין אמעריקא; פון אמעריקא — קיין רוסלאנד... אט איז ער אומעדום — אט איז ער ערגעץ ניט. דאס איז אפשר זיין גרויסקייט, זיין מזל. אבער פיהרען האט ער אונז אין ערגעץ ניט געפיהרט; און אויב ער האט געפיהרט האט ער קיינמאל ניט דערפיהרט, געלאזען אין מיטען וועג און אליין פערשוואונדען. וואוהין — ווער וויים? אפשר זוכען זיך אליין. — און אפשר האט ער דערפיהלט, אז מען דארף ניט פיהרען, אז אויפ'ן וועג פון לעבען דארף יעדער אליין אב־צייבענען זיינע טריט, וועלכע זיי זאלען ניט זיין, קרומע צי גלייכע?

די טויבע וואנט, וואס שטעהט ערגעץ אויפ'ן וועג פון יעדען דיכטער'ס לעבען, קען קיינער ניט פארמיידען, פארבייגעהן איהר קען מען אויך ניט און אויך ניט איבערשפרינגען. דורכברעכען דארף מען זי...

צו דער דאזיגער טויבער וואנט דערנעהנטערען מיר זיך שוין. עס פאלען שוין פון ווייטען איהרע קאלטע, טויטע שאטענס, לייגען זיך אונטער די פיס און פילען אן דעם געמיט מיט אויסגאנגלאזיגקייט. אזוי אין אלענפאלס דוכט זיך עס.

מיר דארפען עס וויסען און מיר ווייסען עס. ניט מורא האבענ־דיג צו זאגען דעם אמת צו אנדערע, האבען מיר ניט מורא דעם אייגע־נעם אמת צו זעהן. מיר קוקען אריין אין דער אייגענער נשמה און מיר זעהען:

ניטא מעהר קיין טרייסט פאר אונז אין דעם לייכטען ווערטער־שפיעל, צו וואגיק און שווער ווערען די טעג, ווערען די שעה'ן, און אין די שויבען קלאפען שוין די דרייסיג־יעהריגע פינגער.

רייפקייט וועגט ארונטער דעם קאפ, וועגט ארונטער און הויבט איהם אויף, און דורך די אויגען שיינט דורך די ערשט געקומענע זי־כערקייט, און אין די אויערען קלינגט דער רוף צו ווייטקייט צו דער ווייטקייט פון אלט מיער וועלטען...

אָבער די פּיס אונזערע זיינען נאָך פּערפּלאָנטעט אין׳ם געוועב פון׳ם אונבעשטימטען, אונזיכערען, און ווערטער אָבגעלעבטע, גאָרנישטזאָגענדיגע, שלעפּען זיך דיר נאָך און פאַרנאַרען דיך; פון אן אינערן כח געטריבען אַלץ מעהר און מעהר זיך צו ענטפּלעקען, נעהמסטו אן א פרעמדענס, עטוואס עהנליכען צו דיר, געשטאַלט פאר דיין אייגענעם. דו גיסט זיך א לאָז צו דעם געשטאַלט און א ביטערע ענטוישונג פּילט אָן דיין הארץ. ביי דער ענטוישונג אָבער בלייבסטו ניט. עס שמייבעלט דיר דיין שיקזאַל, וואס איז אויסגעפאַלען אויף דיר, צו יאגען זיך נאָך זיך אליין, — יאגסטו זיך איבער אלע גאסען, איבער אלע בריקען, אלע באהנען. —

אזוי ווי אויפ׳ן לייווענט פון קינאָמאטאָגראף האָבען מיר דערזעהן זיך אין אלע געשטאַלטען, אין אלע פאָרמען פון ערענסטען און שפּאַסיגען. מיר שטעהען אנקעגען דעם לייווענט און מיט דער גרעסטער שפּאַנונג קוקען מיר צו ווי מיר בעוועגען זיך, ווי מיר ריידען און עסען, געהען נאָך מיידלעך, שפּאַצירען מיט אונזערע ווייבער, שלאָגען און קושען אונזערע קינדער, זוכען פאַרדינסטען; אָט ווערען מיר פאַרלאָרען, אָט געפינען מיר זיך ווידער; אָט געהען מיר אין קורצע הויזען, און אָט ליגען מיר שוין אויסגעצויגען, ארומגעשטעלט מיט ליכט און מען בעקלאָגט אונז; און אָט גיבען מיר א שפּרונג אראָב פון דער טהרה־ברעט, לאָזען איבער אין שרעק אלע וויינענדיגע און קלאָגענדיגע און פליהען אוועק איבער גאַסען און טייכען ערגעץ, ערגעץ — ביז עמיצער גיט א דרעה דאָס רעדעל און ס׳ווערט פינסטער. —

וואו זיינען מיר? מיר ווייסען ניט. אונז רינגעלט ארום אלץ געדיכטער אונזער פינסטערניש, און מיר ווייסען ניט מיט וואס פאר א פייער זאָלען מיר אָנצינדען אונזערע אויגען. עס דוכט זיך אונז, אז מיר הענגען איבער אן אונענדליכען אָבגרונד, זינקען — זינקען מיר ניט, נאָר מיר וויעגען זיך ארויף און אראָב, ארויף און אראָב. —

מיר וויעגען זיך און איין זאך נאָר פארלאנגט אונזער הארץ, בעט ביי דעם האר פון דער וועלט:

— גיב א דרעה ווידער דאָס רעדעל, האר פון דער וועלט, און זאָל אויפ׳ן קינא־לייווענט ווידער ווערען ליכטיג און זאָלען מיר כאָטש נאָך איינמאָל דערזעהען אונזער אייגענע אויגען, אונזער אייגענעם שמייכעל, אונזערע אייגענע צוזאמענגעדריקטע פינגער. — — —

מעהר גאָר נישט, האר פון דער וועלט. —

ראַינער מאַריאַ רילקע: אויגוסט ראָדען. אידיש פון י. קיסין.

„די שריפטשטעלער ווירקן דורך ווערטער... די סקולפטאָרן — דורך טהאַטען."

פאָמפאָמיוס גאוריקוס, אין זיין שריפט „דע סקולפטורא" (1504).

דער איז אַ העלד, וואָס איז אַזוי קאָנצענטרירט, אַז ער איז אונבעוועגליך. — (עמערסאָן.)

ראָדען איז געווען איינזאַם איידער ער איז געוואָרען בעריהמט. און דער רוהם, ווען ער איז געקומען, האָט איהם אפשר געמאַכט נאָך איינזאַמער. ווייל רוהם איז נאָך אַלעמען נאָר אַ זאַמלונג פון אַלע מיס־פערשטענדניסען, וואָס ענטשטעהען אַרום אַ נייעם נאָמען.

אונצעהליגע אַזעלכע מיספערשטענדניסען האָבען זיך אָנגעקליבען אַרום ראָדען'ס נאָמען, און עס איז געווען אַ לאַנגע און שווערע אויפ־גאַבע זיי אַלע אויפצוקלערען. דאָס איז, איבריגענס, אויך ניט נויטיג: די מיספערשטענדניסען זאַמלען זיך אַרום דעם נאָמען, ניט אַרום דעם ווערק, וועלכע וואַקסט ווייט אַריבער דעם קלאַנג פון נאָמען. דאָס ווערק איז נאָמענלאָז, — אַזוי ווי אַן עבענע, אָדער אַ ים, וואָס האָט אַ נאָמען אויף דער קאַרטע, אין די ביכער, ביי די מענשען, און וואָס איז אָבער אין דער ווירקליכקייט נאָר בעוועגונג, ווייטקייט, טיפקייט.

דאָס ווערק, פון וועלכען מיר וועלען דאָ רעדען, איז געוואַקסען זייט יאָהרען און וואַקסט אָן יעדען טאָג, ניט פערלירענדיג קיין איינ־ציגע שעה. מען געהט פערביי זיינע טויזענד זאַכען, איבערוועלטיגט פון דער פולקייט פון איינפאַלען, ערפינדונגען און ענטדעקונגען, וואָס זיי נעמען אַרום; און ניט ווילענדיג זוכט מען די צוויי הענט, פון

אונטער וועלכע אַט די וועלט איז ענטשטאַנען. מען געדענקט דערביי, ווי קליין מענשליכע הענט זיינען, ווי שנעל זיי ווערען מיעד, און ווי ווייניג צייט זיי איז געגעבען. און מען וויל זעהן אַט די הענט, וואָס האָבען געלעבט ווי הונדערט הענט, ווי אַ פאָלק פון הענט, וואָס איז פאַר זונאויפגאַנג אַרויס אין וויטען וועג פון אַט דעם ווערק. מען פרעגט: ווער איז דער, צו וועמען די הענט געהערען?

דאָס איז אַ גרייז. און זיין לעבען איז איינס פון יענע, וואָס לאָזען זיך ניט איבערדערצעהלען. זיין לעבען האָט זיך אָנגעהויבען און געהט טיף אין גרויסען עלטער, און אונז קומט אויס, ווי עס וואָלט שוין דורכגעגאַנגען פיעלע יאָהרהונדערטען. מיר ווייסען וועגען דעם גאָר ניט. עס איז געווען אַ וועלכע עס איז קינדהייט אין אָרימקייט, — אַ טונקעלע, זוכענדע, אונזיכערע; און די קינדהייט איז נאָך אפשר איצט אויך דאָ, דען, ווי דער הייליגער אויגוסטינוס האָט איינמאָל געזאָגט, וואוהין זאָל דען די קינדהייט פערשווינדען?

דאָס איז אַ לעבען, וואָס האָט אפשר אַלע פערגאַנגענע שטונדען, די שטונדען פון ערוואַרטונג און פון איינזאַמקייט, די שטונדען פון צווייפעל און די לאַנגע שטונדען פון נויט; דאָס איז אַ לעבען, וואָס האָט קיין זאַך ניט פערלאָרען און ניט פערגעסען, אַ לעבען, וואָס האָט זיך פערזאַמעלט, וועהרענד עס איז פערגאַנגען. מעגליך. מיר ווייסען וועגען דעם גאָר ניט. אָבער, גלויבען מיר, נאָר פון אַזאַ לעבען האָט געקאָנט אַרויסקומען אַזאַ פולקייט און איבערפלוס פון שאַפען, נאָר אַזאַ לעבען, וואו אַלץ איז גלייכצייטיג און וואַך, און קיין זאַך פערגעהט ניט, קען בלייבען יונג און שטאַרק און דערהויבען זיך צו ערהאַבענע ווערק.

עס וועט אפשר אָנקומען אַ צייט, ווען מען וועט אויסגעפינען די געשיכטע פון אַט דעם לעבען, זיינע פערוויקלונגען, עפּיזאָדען און איינ-צעלהייטען. מען וועט זיי אויסגעפינען. מען וועט דאַן דערצעהלען וועגען אַ קינד, וואָס האָט אָפט פערגעסען זיין הונגער, ווייל וויכטיגער איז פאַר איהם געווען אויסצושניצען אַלערליי זאַכען אין איינפאַכען האָלץ מיט אַ שלעכטען מעסער. מען וועט אין די טעג פון דעם יונגען מענשען געפינען אַ מאָמענט, אין וועלכען מען וועט דערזעהן אַ צוזאָג פון דער צוקינפטיגער גרויסקייט, איינע פון יענע שפּעטערע פּראָפעצייאונגען, וואָס זיינען אזוי פאָלקסטימליך און ריהרענד.

און ווער ווייס, עס קען גאָר זיין, אז דאָס זיינען געווען די ווער-

טער, וואָס אַ מאָנאַך האָט מיט אַרום פינף הונדערט יאָהר צוריק נעזאָגט צום יונגען מישעל קאָלאָמב: „אַרבייט, אינגעל, היט אָב דיין קירך, אַכט די שעהנע ווערק פון דיינע חברים, אַכט און ליעב דעם גוטען גאָט, און ער וועט דיר שיקען גרויסע זאַכען“. און אפשר האָט אַן אינערליך געפיהל אַזוי גערעדט צו דעם יונגען מענשען, — נאָר אונענדליך שטילער, ווי דער מאָנאַך, — אויף איינעם פון די שיידוועגען אין זיין אָנהויב. גראָד דאָס האָט ער געזוכט: גרויסע זאַכען.

אַט איז פאַר איהם לואוור מיט די פיעלע לייכטע זאַכען פון אַלטערטום, וואָס דערמאָנען דעם זידליכען הימעל און דער נאָהענטקייט פון ים. הינטער דעם דערהויבען זיך אַנדערע, שווערע, שטיינערנע זאַכען, וואס געהען אריבער פון אונדערענקליכע קולטורען אין נאָך ניט געקומענע צייטען. דאָ זיינען געווען שטיינער, וואָס זיינען געשלאָפען, און מען האָט געפיהלט, אַז זיי וועלען באַלד ערוואַכען, שטיינער, אויף וועלכע קיין זאַך איז ניט געווען שטערבליך, און אַנדערע, וואָס האָבען געטראָגען אַ בעוועגונג, אַ זשעסט, וואס איז געבליבען אַזוי פריש, ווי דאָס וואָלט נאָר געהאַלטען געוואָרען אויף אַ בעשטימטע צייט, און איין שעהנעם טאָג וועט פערבייגעהן אַ קינד און וועט דאָס נעמען. אָבער ניט נאָר אין די בעריהמטע ווערק אליין האָט זיך דאָ אָנגעזעהן דאָס לעבען; דאָס אונבעמערקטע, קליינע, נאָמענלאָזע איז דאָ ניט ווייניגער אָנגעפילט געווען מיט יענער טיפער, אינערליכער אויפרעגונג, יענער רייכער, איבעראַשענדער אומרוהע פון לעבען. אפילו די שטילקייט, וואו זי איז געווען, איז בעשטאַנען פון הונדערטער בעוועגונגס־מאָמענטען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין גלייכגעוויכט.

דאָ זיינען געווען קליינע פיגורען, בעזונדערס טיערען, וואָס האָבען זיך בעוועגט, אויסגעשטרעקט אָדער צוזאַמענגעצויגען, און ווען אַ פויגעל איז געזעסען, האָט מען געוואוסט, אַז דאָס איז אַ פויגעל, אַ הימעל איז אויסגעוואַקסען און איהם אַרומגערינגעלט, אויף יעדער פעדער איז אַ ווייטקייט געווען צוזאַמענגעלעגט, און מען האָט דאָס געקענט פאַנאַנדערנעמען און מאַכען גרויס. דאָסזעלבע איז געווען מיט די טיערען, וואָס זיינען געשטאַנען אָדער געזעסען אויף די קאַטעדראַלען. דאָ זיינען געווען הינט און וועווערקעס, בוימהאַקער און לאַצערטען, שילדקרעטען און שלאַנגען; ווענינגסטענס צו איינעם פון יעדען מין. און עס האָט אויסגעזעהן, ווי מען וואָלט די טיערען איינ־

געפאַנגען ערגעץ אין די וועלדער און אויף די וועגען און זיי דאָ געצוואונגען צו לעבען צווישען שטיינערנע פלאַנצונגען, בלומען און בלעטער און זיך לאַנגזאַם פערוואַנדלען אין דעם, וואָס זיי זיינען איצט און וואָס זיי מוזען שוין בלייבען אויף אייביג.

עס זיינען אָבער דאָ אויך געווען טיערען, וואָס זיינען, דוכט זיך, דאָ שוין געבאָרען געוואָרען און האָבען ניט קיין עראינערונג פון אַן אַנדער עקזיסטענץ, זיי זיינען שוין אין גאַנצען די איינוואוינער פון דער גלייכער, הויך שטייגענדער שטיינערנער וועלט. זייערע מיילער זיינען ווייט, שרייענד, ווי ביי טויבען, ווייל די נאָהענטקייט פון די גלאָקען האָט צושטערט זייער געהער. זיי שטרעקען זיך און העלפען די שטיינער שטייגען.

די פויגלען צווישען זיי האָבען זיך בעזעצט אויבען אויף די טרעפ, ווי זיי וואָלטען אייגענטליך געווען אונטערוועגס און ווילען נאָר אָברוהען דאָ א פּאָר יאָהרהונדערטער און ארונטערקוקען אויף די וואקסענדע שטאָדט. אַנדערע, וואָס שטאַמען אָב פון הינט, האָבען זיך ארויסגעשפּארט האָריזאָנטאַל אין דער לופט און זיינען גרייט ארויסצוּוואָרפען דאָס רעגענוואַסער פון זייערע פון שפּייען אָנגעשוואָלענע מיילער. אַלע האָבען זיך דאָ געענדערט, צונעפאַסט, האָבען אָבער נאָרניט פערלאָרען פון זייער לעבען ; פערקערט, זיי לעבען שטאַרקער און העפטיגער, לעבען אייביג דאָס שטורמיגע, ברויזענדע לעבען פון דער צייט, וועלכע האָט זיי בעשאַפען.

און ווער עס האָט אָט די געביידען געזעהן, דער האָט געפיהלט, אַז זיי זיינען געשאַפען געוואָרען ניט אויס א קאַפּריז, ניט אויס א שפּיעלערישען פערזוך צו געפינען נייע, אונערהערטע פאָרמען. די נויט האָט זיי געשאַפען. מען האָט זיך דאָ פון דעם אנגסט און שרעק פאַר די אונזיכטבאַרע געריכטען פון א שווערען גלויבען גערעטעט ביי דעם זיכטבאַרען, פון דעם אונזיכערען איז מען אנטלאָפען צו אָט דער פערווירקליכונג. מען האָט דאָס נאָך אַלץ געזוכט אין גאָט, אָבער מען האָט פאַר איהם געפונען בילדער, אום זיך דעם ווייטען גאָט פאָרצושטעלען.

ווען מען האָט יעדע אנגסט און שרעק און צווייפעל פון די אָרימע און נידריגע געטראָגען אין זיין הויז, געלעגט אין זיין האַנט, געשטעלט אויף זיין האַרץ, איז מען געווען גאָטספאָרכטיג. דאָס איז געווען בעסער ווי מאָלען : דען די מאַלעריי איז אויך געווען אַן אילוזיאָן, א

שעהנער, געשיקטער בעטרוג; מען האָט געבענקט נאָך עפּעס, וואָס איז ווירקליכער, וואָס איז איינפאַך. אַזוי איז ענטשטאַנען די אונגעוועהנליכע סקולפּטור פון די קאַטעדראַלען, אָט דער קרייץ־צוג פון די בעלאַדענע און די טירען.

און ווען מען וואַרפט אַ בליק צוריק פון דער פּלאַסטיק פון מיטעל־אַלטער צום אַלטערטום און פון אַלטערטום צום אָנהויב פון אונדענקליכע פערגאַנגענהייטען, זעהט מען דען ניט, ווי די מענשליכע זעל וואָלט ווידער און ווידער געזוכט אָט די קונסט, וועלכע גיט מעהר ווי וואָרט און בילד, וואָס איז אַ פערקערפּערונג פון דער מענשהייט׳ס בענקשאַפט און שרעק? צולעצט אין רענעסאַנס איז ענטשטאַנען אַ גרויסע פּלאַסטישע קונסט: דאָס לעבען האָט זיך דאַן בענייט, און מען האָט דאַן אויפגעדעקט דאָס געהיימניס פון געזיכטער.

און איצט? מערקט זיך דען אין אונזער צייט ניט ווידער אַ דראַנג נאָך דעם אויסדרוק, נאָך דער שטאַרקער, איינדרינגליכער פערטייטשונג פון דעם, וואָס איז געוועזן אונאויסשפּרעכליך, פערפּלאָנטערט און אַ רעטעניש? די קונסטען האָבען ווי אויפגעלעבט, זיינען פול שטרעבען און ערוואַרטונג. אָבער אפשר איז גראַד אָט די קונסט, די פּלאַסטיק, בערופען צו געפינען דאָס, וואָס די אַנדערע האָבען געזוכט טאַפּענדיג אין דער פינסטער? זי האָט געליטען פון דעם, וואָס כמעט אַלע איהר קאָנפליקטען זיינען געלעגען אין דעם אונזיכטבאַרען. איהר שפּראַך איז געוועזן דער קערפּער. און ווען האָט מען צולעצט געזעהן דעם קערפּער? שיכט נאָך שיכט האָבען זיך אויף איהם געלעגט די קליידער, ווי אַלץ נייע פאַרבען. אָבער אונטער דעם שוץ פון אָט דער האַרטער שאָלעכץ האָט איהם די וואַקסענדע זעל פערענדערט, וועהרענד זי האָט אָהן אָטעם געאַרבייט אויף די געזיכטער.

דער קערפּער איז אַנאַנדערער געוואָרען. ווען מען וואָלט איהם איצט אויפגעדעקט, וואָלט ער אפשר געוויזען טויזענד אויסדרוקען פאַר אַלץ, וואָס איז נאָמענלאָז און ניי, וואָס איז פאַר דער גאַנצער צייט געקומען, און פאַר די אַלטע געהיימניסען, און דער קערפּער איצט קען ניט זיין וועניגער שעהן ווי דער קערפּער אין אַלטערטום, ער מוז זיין נאָך שעהנער. אין פערלויף פון צוויי טויזענד יאָהר האָט דאָס לעבען אויף איהם געאַרבייט, געהאַרכט און געהאַמערט טאָג און נאַכט. די מאַלעריי האָט פון דעם קערפּער געטרוימט: זי האָט איהם בעציערט מיט ליכט און דורכגעדרונגען מיט דעמערונג און אַרומגערינגעלט מיט

אלערליי צערטליכקייטען; זי האָט איהם געפיהלט ווי א בלומענבלאַט און האָט זיך געלאָזט פון איהם אוועקטראָגען ווי פון א ווערע, — אָבער די פלאַסטיק, וועמען דער קערפּער האָט געהערט, האָט נאָך איהם ניט געקענט.

דאָ איז געווען אַן אויפגאַבע גרויס ווי די וועלט. און דער, וואָס איז פאַר איהר געשטאַנען און האָט זי געזעהן, איז געווען אַן אונבעקאַנטער, וועמעס הענט האָבען געמוזט ארבייטען פאַר דעם טעגליכען ברויט, אין טונקעלהייט. ער איז געווען אַליין. און אויב ער איז געווען א ריכטיגער טרוימער, האָט ער געמוזט טרוימען א שעהנעם און טיפען טרוים, וועלכען קיינער וואָלט ניט פערשטאַנען, איינעם פון יענע לאַנגע, לאַנגע טרוימען, אין וועלכע א גאַנץ לעבען קען אריבערגעהן ווי איין טאָג.

אָבער אָט דער יונגער מענש, וואָס האָט געמוזט פערדיענען זיין לוין אין דער מאַנופאַקטור פון סעוור, איז געווען א טרוימער, וועמען דער טרוים איז געקומען אין די הענט, און ער האָט אָנגעהויבען דעם טרוים פערווירקליכען. ער האָט געפיהלט, וואו מען האָט געמוזט אָנהויבען. א רוהיגקייט אין איהם האָט איהם אָנגעוויזען דעם וועג. דאָ האָט זיך שוין ארויסגעוויזען ראָדען׳ס טיפע איבעראיינשטימונג מיט דער נאַטור. דער דיכטער זשאַרזש ראָדענבאַך, וואָס האָט געהאַט אזעלכע שעהנע ווערטער פאַר דער נאַטור, האָט איהם גערופען א נאַטור־קראַפט.

און ווירקליך, אין ראָדען איז געווען עפּעס א טונקעלע געדולדיגקייט, וועלכע האָט איהם כמעט געמאַכט נאָמענלאָז, א שטילער, איבערלעגטער אויסדויער, עהנליך צו דער גרויסער געדולד און פרייגעביגקייט פון דער נאַטור, וועלכע הויבט אָן מיט גאָרנישט, אום שטיל און ערנסט צו געהן אויף דעם ווייטען וועג צו איבערפלוס. אויך ראָדען האָט זיך ניט גענומען גלייך מאַכען בוימער. ער האָט אָנגעהויבען מיט א זאַמענקערענדעל אונטער דער ערד. דאָס קערענדעל איז געוואַקסען, אַראָבצו, האָט אַראָבגעשיקט איין וואָרצעל נאָך׳ן אַנדערען, האָט זיך פעראַנקערט, איידער עס האָט ארויפגעשיקט א קליין צווייגעלע. דאָס האָט געפאָדערט זעהר פיעל צייט. „מען דאַרף זיך ניט איילען“, האָט ראָדען געזאָגט צו די ווייניגע פריינד, וואָס זיינען ארום איהם געווען.

דאַן איז געקומען דער קריעג, און ראָדען איז אוועק אין ברימעל, אום דאָרט צו אַרבייטען. ער האָט געפיהרט איייניגע פיגורען אין פריי־

וואטע הייזער און עטליכע פון די פיגורען אויף דער בערזענגעביידע און האט געשאפען די פיער עק־פיגורען ביי דעם דענקמאל פון בירגער־מייסטער לאאס אין פארק ד'אנוער. דאס זיינען געווען געוויסענהאפט אויסגעפיהרטע אויפגאבען, אבער זיין וואקסענדע פערזענליכקייט האט דא ניט געזאגט איהר ווארט. זייט ביי זייט מיט דער ארבייט איז געגאנגען זיין אייגענטליכע ענטוויקלונג, צוזאמענגעדרענגט אין די פאוזען, אין די אוונדשטונדען, אין דער איינזאמער שטילקייט פון נאכט. און אט די צוטיילונג פון זיין ענערגיע האט ער געמוזט דולדען יאהרענלאנג. ער האט געהאט אין זיך די קראפט פון די, אויף וועמען א גרויסע ווערק ווארט, דעם אויסדויער פון די, וואס זיינען נויטיג.

וועהרענד ער איז געווען בעשעפטיגט אויף דער בערזע פון ברישעל, האט ער געקענט פיהלען, אז עס זיינען שוין מעהר ניטא קיין געביי־דען, וואס פערזאמלען ארום זיך די ווערק פון סקולפטור, ווי די קא־טעדראלען, די אמאליגע גרויסע מאגנעטען פון דער פלאסטיק, האבען געטאן. דאס בילדווערק איז געווען אליין, ווי דאס בילד, דאס מאל־ברעט־בילד, אבער קיין וואנט איז פאר איהם ניט געווען נויטיג, און עס האט ניט געדארפט האבען קיין דאך. דאס איז געווען א זאך פאר זיך, און מען האט איהם געדארפט געבען אלע אייגענשאפטען פון אזא זאך, כדי מען זאל קענען ארומגעהן ארום דעם און דאס פון אלע זייטען בעטראכטען.

און דאך מוז זיך אט די זאך אונטערשיידען פון די אנדערע זא־כען, די געוועהנליכע, וועלכע יעדערער קען אננעמען. זי מוז ווערען אונבעריהרבאר, סאקראסאנקט, אבגעטיילט פון צופאל און פון דער צייט, אין וועלכער זי שטעהט אויף איינזאם און וואונדערליך, ווי דאס געזיכט פון א קלארזעהער. זי מוז בעקומען איהר אייגענעם, זיכערען ארט, פריי פון יעדען איינפלוס, זי מוז אריינגעשטעלט ווערען אין די שטילקייט פון אונענדליכען רוים און אין זיינע גרויסע געזעצען. אין די ארומיגע לופט מוז מען זי ווי אין א ניש אריינפאסען און געבען איהר זיכערהייט, אן אינהאלט און א הויכקייט, וואס קומען פון איהר איינפאכער עקזיסטענץ, ניט פון איהר בעדייטונג.

ראדען האט געוואוסט, אז די נעקסטע אויפגאבע איז צו דער־גרייכען אן אונפעהלבארע קענטניס פון מענשליכען קערפער. לאנגזאם, פארשענדיג איז ער צוגעקומען ביז צו זיין אויבערפלאך, און איצט שטרעקט זיך צו איהם א האנד, וועלכע האט אט די אויבערפלאך פון

דער אַנדערער זייט פּונקט אַזוי געַנוי, בעשטימט און בעגרענצט, ווי זי איז געווען פון אינווענינ. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אויף זיין וועג, אַלץ מעהר איז דער צופאַל געבליבען צוריק, און אַ געזעץ האָט איהם צו דעם אַנדערען געפיהרט. ענדליך האָט ער זיין פאָרשונג געווענדט אויף דער אויבערפלאַך. זי איז בעשטאַנען פון אונצעהליגע בעגעגנונגען פון ליכט מיט דער זאַך, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז יעדע בעווענונג איז געווען אַנדערש, און יעדע איז געווען מערקווירדיג. אויף איין פּונקט שיינען זיי אויפצונעמען איינס דאָס אַנדערע, אויף אַנאַנדערען בעגריסען זיי זיך אונענטשלאָסען, אויף נאָך אַנאַנדערען געהען זיי זיך פאַנאַנדער ווי פרעמדע. און אַזעלכע פּונקטען זיינען געווען אָהן אַ צאָהל, און אויף יעדערען פון זיי איז עפּעס געשעהן. עס איז דאָ ניט געווען קיין לערקייט.

אין יענעם מאָמענט האָט ראָדען ענטדעקט דאָס גרונד־עלעמענט פון זיין קונסט און די צעל פון זיין וועלט. דאָס איז געווען די פלאַך, די פערשידען גרויסע, פערשידען בעטאָנטע, גענוי בעשטימטע פלאַך, פון וועלכער אַלץ מוז געמאַכט ווערען. פון דאַן אָן איז זי געוואָרען דער שטאָף פון זיין קונסט, אַרום וועלכען ער האָט זיך געמיהט, צוליעב וועלכען ער האָט געוואַכט און געליטען. זיין קונסט האָט זיך געבויט ניט אויף אַן אידעע, נאָר אויף אַ קליינע געוויסענהאַפטע פערווירקליכונג, אויף דאָס דערגרייכבאַרע און אויף וויסען. עס איז אין איהם ניט געווען קיין גאווה. ער האָט זיך איינגעשלאָסען אין די אונשיינבאַרע און שווערע שעהנהייט, וועלכע ער האָט געקענט זעהן, רופען און ריכטען. די אַנדערע, די גרויסע, האָט געמוזט קומען, ווי טיערען צום טרינק־פּלאַץ, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיג, ווען די נאַכט האָט זיך געענדיגט.

מיט אָט דער ענטדעקונג האָט ראָדען אָנגעהויבען זיין אַרבייט. איצט זיינען אַלע פריהערדיגע בעגריפען פון פלאַסטיק געוואָרען ווערטלאָז פאַר איהם. עס איז מעהר ניט געווען אַזאַ זאַך, ווי פּאָזע, אָדער גרופּע, אָדער קאָמפּאָזיציאָן. עס זיינען נאָר געווען אונצעהליגע לעבעדיגע פלאַכען, עס איז נאָר געווען לעבען, און דאָס אויסדרוקסמיטעל, וואָס ער האָט זיך געפונען, איז גלייך געגאַנגען אין דער ריכטונג פון לעבען. ראָדען האָט אַרומגענומען דאָס לעבען, וואָס איז געווען אומעטום, וואוהין ער האָט נאָר געווענדט זיין בליק. ער האָט עס בעמערקט אויף די קלענסטע פּונקטען, האָט עס אויפמערקזאַם בעטראַכט. ער

האָט עס אָבגעוואָרט אין די איבערגאַנגען, וואו עס איז לאַנגזאַם און אונענטשלאָסען, ער האָט עס איינגעהאַלטען, וואו עס איז געלאָפען, און אומעטום האָט ער עס געפונען גלייך גרויס, גלייך מעכטיג און הינרייסענדע.

דאָ איז קיין טייל פון קערפּער ניט געווען אונבעדייטענד אָדער אונוויכטיג: ער האָט געלעבט. דאָס לעבען וואָס איז געווען אויף די געזיכטער, ווי אויף אַ ציפערבלאַט, איז לייכט געווען צו לעזען און איז געווען פול בעציהונג צו צייט, — אין די קערפּער איז עס געווען צער־שטרייטער, גרעסער, געהיימניספולער און אייביגער. דאָ האָט עס זיך ניט פערשטעלט, דאָ איז עס געגאַנגען נאַכלעסיג, וואו עס איז געווען נאַכלעסיג, און שטאָלץ ביי די שטאָלצע. צוריקטרעטענדיג פון דער ביהנע פון אַנגעזיכט, האָט עס אַראָבגענומען פון זיך די מאַסקע און איז געבליבען שטעהן, ווי עס איז געווען, הינטער די קוליסען פון קליידער.

דאָ האָט ער געפונען די וועלט פון זיין צייט, ווי ער האָט פריהער געפונען די צייט פון מיטעלאַלטער אויף די קאַטעדראַלען: פערזאַ־מעלט ארום אַ געהיימניספולע טונקעלהייט, צוזאַמענגעהאַלטען פון אַן אָרגאַניזם, צו איהם צוגעפּאַסט און אין דיענסט געשטעלט. דער מענש איז געוואָרען אַ קירך, און עס זיינען געווען טויזענדער און טויזענדער אַזעלכע קירכען, קיין איינע ניט ענהליך צו אַנאַנדערער און יעדע איינע פון זיי לעבעדיג. אָבער דאָס האָט געמוזט ווייזען, אַז זיי זיינען אַלע פון איין גאָט.

יאָהרען און יאָהרען איז ראָדען געגאַנגען אויף די וועגען פון אָט דעם לעבען, בעשיידען, ווי איינער, וואָס פיהלט זיך ווי אַן אַנהויבער. קיינער האָט ניט געוואוסט פון זיינע פערזוכען, ער האָט ניט געהאַט קיין איין פערטרויטען און זעהר ווייניג פריינד. הינטער דער ארבייט, וועלכע האָט איהם גענעהרט, האָט זיך בעהאַלטען זיין וואַקסענדיג ווערק און האָט אָבגעוואָרט זיין צייט. ער האָט פיעל געלעזען. מען איז געוועהנט געווען איהם צו זעהן אין די בריסעלער גאַסען מיט אַ בוך אין האַנט, אָבער אָט דאָס בוך איז אפשר געווען נאָר אַן אויסרעד פאַר דעם, וואָס האָט זיך פערטיפט אין זיך אליין און אין די אויפגאַ־בע, וואָס איז געשטאַנען פאַר איהם. ווי אַלע טהעטיגע, האָט ער אויך געהאַט דאָס געפיהל, אַז ער דאַרף האָבען פאַר זיך אַן אונזיכטבאַר־וויי־טע ארבייט, אַן אימפּולס, עפּעס, וואָס זאָל פערמעהרען און פערזאַמלען

זיינע קרעפטען. און קומען צווייפלען, אונזיכערהייט, קומט די גרויסע אונגעדולד פון שאפען צו איהם, די מורא פאר א פריהען טויט, אָדער די געפאהר פון דער טעגליכער נויט, געפינט שוין דאָס אלץ אין איהם א שטילען ווידערשטאנד, א שטארקייט און זיכערקייט, די אלע נאָך ניט אויפגעוויקעלטע פאָהנען פון א גרויסען זיעג.

עס איז אפשר געווען די פערגאנגענהייט, וואָס האָט זיך אין אזעל־כע מאָמענטען געשטעלט אויף זיין זייט, די שטים פון קאטעדראלען, וועלכע ער איז נאָך אלץ געגאנגען הערען. אויך פון די ביכער איז פיעל געקומען צו איהם. ער האָט צום ערשטען מאָל געלעזען דאנטע'ס „די־ווינא קאָמעדיא". דאָס איז געווען אן ענטפלעקונג. ער האָט געזעהן די ליידענדע לייבער פון אַן אנדערען מין, ער האָט געזעהן דאָס גרוי־סע, אונפערגעסליכע געריכט פון א דיכטער איבער זיין צייט. דאָ זיי־נען געווען בילדער, אין וועלכע ער האָט געפונען זיין רעכטפערטיגונג. און ווען ער האָט געלעזען וועגען די וויינענדיגע פיס פון ניקאָלאוס דעם דריטען, האָט ער שוין געוואוסט, אז עס איז פאראַן א וויינען, וואָס איז אין דעם גאנצען מענשען, און טרערען, וואָס קומען ארויס פון אלע פאָרען.

און פון דאנטע איז ער געקומען צו באָדלער. דאָס איז שוין ניט געווען קיין געריכט און קיין דיכטער, וואָס האָט ארויפגעשטיגען אין די הימלען. א מענש, איינער פון די ליידענדע, האָט אויפגעהויבען זיין שטים און זי געהאלטען הויך איבער די קעפּ פון אנדערע, ווי וועלענדיג זיי רעטען פון אונטערגאנג. און עס זיינען דאָ אין די פערזען געווען שורות, וואָס האָבען זיך אויסגעטיילט פון דעם שריפט, וואָס זיינען געווען ניט געשריבען, נאָר פאָרמירט. ווערטער און גרופען פון ווער־טער, וואָס זיינען געווען געשמאָלצען אין די הייסע הענט פון דעם דיכטער, שורות, וואָס האָבען זיך אָנגעפילט ווי רעליעפען, און סאָנע־טען, ווי זיילען מיט פערמישטע קעפּ, האָבען געטראָגען די לאַסט פון א באנגען געדאנק. אונקלאָר האָט ער געפיהלט, אז וואו אָט די קונסט האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט, האָט זי זיך אָנגעשטויסען אָן דעם אָנהויב פון אנאנדער קונסט, און זי האָט געבענקט נאָך יענער קונסט. ער האָט געפיהלט, אז באדלער איז זיין פאָרגענגער, איינער, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פערפיהרען פון די געזיכטער און האָט געזוכט די לייבער, אין וועלכע דאָס לעבען איז גרעסער, גרויזאמער און אונרוהיגער.

און זינט יענע טעג זיינען איהם די ביידע דיכטער געבליבען

נאָהנט, און ער האָט זיך אַלעמאָל צו זיי צוריקגעקערט. אין יענער צייט פון פאַרמירונג און פאַרבערייטונג, ווען דאָס גאַנצע לעבען, וואָס זיין קונסט האָט געלערענט, האָט ניט געהאַט קיין נאָמען און קיין בעדייטונג, זיינען ראָדען'ס געדאַנקען געגאַנגען ארום די ביכער פוןביידע דיכטער און האָבען זיך דאָרט געשאַפען א פערגאַנגענהייט. שפּעטער, ווען ער האָט געשאַפען און האָט ווידער זיי בעריהרט, זיינען זייערע געשטאַלטען אויפגעשטאַנען אין איהם, ווי ערינערונגען פון זיין אייגענעם לעבען, און זיינען אריין אין זיין ווערק, ווי אין זייער היימאַט.

ענדליך אי[illegible]ר, נאָך יאָהרען פון איינזאַמער ארבייט, ארויסגעטראָטען מיט א ווערק. עס איז געווען א פראַגע, צי די עפענטליכקייט וועט דאָס ווערק אָננעמען. די עפענטליכקייט האָט דאָס ניט אָנגענומען. און ראָדען האָט זיך ווידער פערשלאָסען אויף דרייצעהן יאָהר. דאָס זיינען געווען די יאָהרען, אין וועלכע ער, נאָך אַלץ אַן אונבעקאַנטער פאַר דער וועלט, איז געוואָרען רייף, איז געוואָרען דער מייסטער, דער אונבעשרענקטער בעהערשער פון זיינע קונסטמיטלען; ער האָט די גאַנצע צייט געארבייט, געדענקט, געמאַכט פּראָבען, גאַנץ אונבעאיינפלוסט פון דער צייט, וועלכע האָט אויף איהם ניט געווירקט. אפשר האָט דאָס, וואָס זיין גאַנצע ענטוויקלונג איז אָנגעגאַנגען אין אונגעשטערטער שטילקייט, איהם געגעבען אזא געוואַלטיגע זיכערהייט שפּעטער, ווען מען האָט וועגען זיין ווערק אזוי פיעל געשטריטען. ווען מען האָט אָנגעהויבען צווייפלען אין איהם, האָט ער קיין צווייפעל מעהר ניט געהאַט וועגען זיך. דאָס אַלץ איז געלעגען הינטער איהם. זיין שיקזאַל איז מעהר ניט געווען אָבהענגיג פון דעם צורוף און אורטייל פון דער מענגע. ווען מען האָט דאָס נאָך געוואָלט פערניכטען מיט שפּאָט און שנאה, איז עס שוין געווען ענטשידען. אין דער צייט, ווען ער איז געוואַקסען, האָט קיין פרעמדע שטים זיך ניט געווענדט צו איהם, ער האָט ניט געהערט קיין לויב, וואָס האָט איהם געקענט אראָבפיהרען פון וועג, קיין טאַדעל, וואָס האָט איהם געקענט צומישען. פונקט ווי פאַרציפאַל, אזוי איז זיין ווערק געוואַקסען אין ריינקייט, אַליין מיט זיך און מיט א גרויסער אייביגער נאַטור. נאָר זיין ארבייט האָט צו איהם גערעדט.

זי האָט צו איהם גערעדט יעדען פריהמאָרגען ביים ערוואַכען, און אין אָוונד האָט זי לאַנג נאָכגעקלונגען אין זיינע הענט, ווי אין אַן אָוועקגעלעגטען אינסטרומענט. דעריבער איז זיין ווערק אזוי אונאַי־

בערוווינדליך: ווייל עס איז געקומען אויף דער וועלט פאַלשטענדיג ערוואַקסען; ניט אַלס עפּעס, וואָס ווערט, און בעט אַ בערעכטיגונג, נאָר אַלס ווירקליכקייט, וואָס האָט זיך דורכגעזעצט, וואָס איז שוין דאָ, ווירקליכקייט, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכנען. ווי אַ קעניג, וואָס הערט, אַז אין זיין רייך געבויט ווערען אַ שטאָדט, איבערלעגט זיך לאַנג, צי ער זאָל דאָס פּריווילעגיום בעווילינען צי ניט, און בעשליסט ענדליך אַנצוקוקען דעם אָרט; ער קומט אָן און דערזעהט פאַר זיך אַ געוואַלטיג גרויסע שטאָדט, וואָס איז שוין פאַרטיג, שטעהט ווי פון אייביג אָן מיט איהרע מויערען, טורעמס און טויערען: אַזוי איז געקומען די מענגע, ווען מען האָט זי ענדליך גערופען, צו ראָדען'ס ווערק, וואָס איז שוין געוועזען פאַרטיג.

אָט די צייט פון רייף ווערען איז בעגרענצט פון צוויי ווערק. אין איהר אָנהויב שטעהט דער קאָפּ פון דעם מאַן מיט דער געבראָכענער נאָז. צו איהר סוף קומט „דער מאַן פון די ערשטע צייטען", ווי ראָדען האָט עס גערופען. דער אָמאָ נע קאַסע איז אין 1864 צוריקגעוויזען געוואָרען פון סאַלאָן. דאָס איז געוועזען גאַנץ נאַטירליך, ווייל אין דעם ווערק איז שוין ראָדען'ס אַרט געווען פאַלשטענדיג רייף, פערענדיגט און זיכער. דאָס ווערק האָט ווידערשפּראָכען אַלע פאָדערונגען פון דער אַקאַדעמישער שעהנהייט, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען זעלבסטהערשערין. אומזיסט האָט רודע געגעבען זיין געטין פון אויפשטאַנד אויף דעם טריומף טויער פון פּלאַס דע ל'עטואַל די ווילדע מינע און וויטען אויסגעשריי, אומזיסט האָט באַריע געשאַפען זיינע בוינזאַמע, פלינקע טיערען, און קאַרפּאָ'ס טאַנץ האָט מען נאָר אויסגעלאַכט, אום זיך צו איהם ענדליך אַזוי ווייט צוגעוועהנען, אַז מען האָט איהם שוין מעהר ניט געזעהן. אַלץ איז געבליבען ביים אַלטען. די פּלאַסטיק פון דער צייט איז נאָך אַלץ געווען נאָך די מאָדעלען, די פּאָזען און אַלעגאָריען, דאָס לייכטע, ביליגע און בעקוועמע, מיט אַ מעהר אָדער ווייניגער געשיקטער ווידערהאָלונג פון אייניגע סאַנקציאָנירטע אויסדרוקען. אין אַזאַ אומגעבונג האָט שוין דער קאָפּ פון דעם מאַן מיט דער געבראָכענער נאָז געקענט אַרויסרופען יענעם שטורם, וועלכער האָט אויסגעבראָכען ערשט ביי די שפּעטערע ווערק פון ראָדען. אָבער וואַרשיינליך האָט מען דעם קאָפּ, אַ ווערק פון אַן אונבעקאַנטען, כמעט ניט בעטראַכט און צוריקגעשיקט.

מען פיהלט, וואָס עס האָט בעוועגט ראָדען צו שאַפען דעם קאָפּ,

א קאָפּ פון אַן עלטערען העסליכען מאַן, וועמעס געבראָכענע נאָז האָט נאָך פערשטאַרקט דעם געקוועלטען אויסדרוק פון געזיכט. די פולקייט פון לעבען האָט זיך אין דעם געזיכט אויסגעדריקט. אויף אָט דעם געזיכט זיינען ניטאָ קיין סימעטרישע פלאַכען, קיין זאַך ווידערהאָלט זיך ניט, קיין אָרט איז דאָ ניט לער, שטום אָדער גלייכגילטיג. דאָס געזיכט איז ניט בעריהרט פון לעבען, עס האָט דורכגעליטען אַלע קלעפּ און בעליידיגונגען פון לעבען, ווי עפּעס אַן אונערבאַרמליכע האַנט וואָלט עס מיט געוואָלט געהאַלטען צוגעבונדען צו זיין שיקזאַל, ווי אין דרעה־שטראָם פון אַן אונרוהיגען, נאָגענדען וואַסער. ווען מען דרעהט די מאַסקע אין די הענט, ווערט מען איבעראַשט פון דער שטענדיגער ענדע־רונג פון פּראָפיל, אין וועלכען קיין זאַך איז ניט צופעליג, אונקלאָר אָדער אונבעשטימט. עס איז ניטאָ אויף דעם קאָפּ קיין איין ליניע, קיין איבערשניידונג, קיין קאָנטור, וואָס ראָדען האָט ניט געזעהן און ניט געוואָלט. עס דוכט זיך, אַז מען פיהלט, ווי איינינגע פון אָט די שניטען זיינען געקומען פריהער, אַנדערע שפּעטער, ווי צווישען דעם און יענעם רים ליגען יאָהרען, באַנגע יאָהרען ; מען ווייס, אַז פון די צייכענס אויף דעם געזיכט זיינען איינינגע איינגעשריבען געוואָרען לאַנגזאַם, אַנדערע זיינען ערשט לייכט אָנגעצייכענט געוואָרען און זיי־נען נאָכגעצויגען געוואָרען פון אַ געוואוינהייט אָדער אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך ווידערהאָלט, און מען דערקענט יענע שאַרפע קנייטשען, וואָס האָבען געמוזט ענטשטעהן אין אַ נאַכט, וואָס זיינען ווי פון שנאָבעל פון אַ פויגעל איינגעהאַקט אין דעם שטערן פון אַ שלאָפלאָזען מענשען.

און עס איז שווער זיך צו דערמאָנען, אַז דאָס אַלץ שטעהט אויף איין געזיכט, אַזוי פיעל שווערע, נאָמענלאָזע לעבען געפינט זיך אין דעם ווערק. לעגט מען די מאַסקע אַנידער פאַר זיך, דוכט זיך, אַז מען זעהט אַן אונגלייך לאַנד, איבער וועמעס קרומע וועגען פיעלע פעלקער זיינען אריבערגעגאַנגען. און הויבט מען זי ווידער אויף, מוז מען זי שוין אָנרופען מיט איהר נאָמען, ווייל זי איז פאָלקאָם. אָבער אָט די שעהנ־הייט קומט ניט פון דער אונפערגלייכליכער דורכבילדונג אַליין. זי ענט־שטעהט פון דער עמפּפינדונג פון גלייכגעוויכט, דעם אויסגלייך פון די אַלע בעוועגטע פלאַכען צווישען זיך, אַ גרינדליכען קענען פון אָט די פלאַכען, זייער אויפשטייגען און פערגעהן אין דער זאַך גופא. און מען דערפיהלט, פון דער פיעלשטימיגער קוועלונג פון דעם געזיכט, אַז אין איהם געפינט זיך ניט קיין אָנקלאַגע. עס ווענדט זיך ניט אָן די וועלט ;

עס שײַנט צו טראָגען זײַן גערעכטיגקייט אין זיך, אַ שלום צווישען אַלע זײַנע ווידערשפּרוכען און אַ געדולד, וואָס איז גענוג גרויס פאַר זײַן לאַסט.

ווען ראָדען האָט געשאַפען אָט די מאַסקע, האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ רוהיג זיצענדען מענשען מיט אַ רוהיגען געזיכט. אָבער דאָס איז געווען אַ געזיכט פון אַ לעבעדיגען מענשען, און ווען ער האָט עס דורכגעפאָרשט, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז עס איז פול בעוועגונג, אונ־רוהיגקייט. אין דעם לויף פון ליניען איז געווען בעוועגונג, פונקט ווי אין דער נייגונג פון פלאַכען, די שאָטענס האָבען זיך געריהרט ווי אין שלאָף, און אַ ווייכע ליכט האָט געשײַנט צו בעוועגען זיך אויפ׳ן שטערן.

עס איז דעריבער ניטאָ קיין רוה, אַפילו ניט אין טויט: ווייל אין דעם פּראָצעס פון פוילען, וואָס איז אייגענטליך אויך בעוועגונג, איז דער טויט אונטערוואָרפען דעם לעבען. עס איז נאָר דאָ בעוועגונג אין דער נאַטור, און אַ קונסט, וואָס וויל געבען אַ געוויסענהאַפטע אינטער־פּרעטאַציאָן פון לעבען, דאַרף ניט נעמען יענע רוה, וואָס עקזיסטירט ניט אין ערגעץ, פאַר איהר אידעאַל. אין דער אמת׳ען האָט אויך אַל־טערטום ניט געוואוסט פון אַזאַ אידעאַל. און אַפילו די שטיינער פון עלטערע קולטורען זײַנען אויך ניט געווען רוהיג. אין די געזיכטס־אויסדרוקען פון פריעסטערליכע שטיינער פון אוראַלטע קולטען איז די אונרוהיגקייט פון לעבעדיגע פלאַכען אײַנגעשלאָסען, ווי דאָס וואַסער אין די ווענטלעך פון געפעס. ניט די בעוועגונג האָט געשטערט דעם זין פון סקולפּטור (און דאָס הייסט אײַנפאַך דער נאַטור פון זאַכען); נײַן, נאָר די אונענדליכע בעוועגונג, וואָס ווערט פון קיין זאַך ניט גע־האַלטען אין גלייכגעוויכט, געהט איבער די גרענעצען פון דער זאַך.

די פּלאַסטישע זאַך איז ענהליך צו יענע שטעדט פון די אַמאָליגע צײַטען, וואָס האָבען געלעבט אײַנגעשלאָסען אין זייערע מויערען: די אײַנוואוינער האָבען אָבער צוליעב דעם ניט אײַנגעהאַלטען זייער אָטעם, ניט אָבגעבראָכען זייערע לעבענסאויסדרוקען. אָבער קיין זאַך איז ניט אַריבער די גרענעצען פון דעם קרייז, וואָס האָט זיי אַרומגערינגעלט, קיין זאַך איז ניט אַרויס אויף די אַנדערע זײַט, קיין זאַך האָט פון די טויערען ניט אַרויסגעוויזען עפּעס אין דרויסען. און ווי גרויס די בע־וועגונג פון אַ בילד־ווערק זאָל ניט זײַן, און מעג זי זײַן פון אונענדליכע ווײַטען, אָדער פון הימלישע טיפען, זי מוז צוריקקערען, דער גרויסער קרייז מוז זיך שליסען, דער קרייז פון אײַנזאַמקייט, אין וועלכער אַ

קונסטזאַך לעבט. דאָס איז געווען דאָס אונגעשריבענע געזעץ, וואָס האָט געלעבט אין די סקולפּטורען פון פערגאַנגענע צייטען.

ראָדען האָט דאָס געוואוסט. דאָס, וואָס א קונסטזאַך איז געווען, אזוי צו זאָגען, מיט זיך אליין בעשעפטיגט, האָט זי אויסגעצייכענט און האָט געגעבען דער פּלאַסטיק איהר רוה. זי, די קונסטזאַך, האָט גאָר ניט געדאַרפט פערלאַנגען אָדער ערוואַרטען פון דרויסען, האָט ניט געדאַרפט בעציהען זיך אויף עפּעס, וואָס איז אויסער איהר, האָט נאָר געמוזט זעהן דאָס, וואָס איז אין איהר. איהר אומגעבונג האָט אין איהר גע־מוזט ליגען. דער ב י ל ד ע ר ־ ש נ י צ ע ר לעאָנאַרדאָ איז דאָס געווען, וואָס האָט דער דזשיאָקאָנדאַ געגעבען די אונצוטריטליכקייט, די בעוועגונג, וואָס געהט אינווענינ, דעם בליק, וואָס מען קען ניט בעגעגנען. ווארשיינליך איז זיין פּראַנטשעסקאָ ספאָרצאָ פּונקט אזוי געווען בעוועגט פון אַן אויסדרוק, וועלכער האָט צוריקגעקערט צו איהם, ווי ביי א שטאָלצען געזאַנדטען פון זיין שטאַאט, וואָס האָט ערפילט זיין מיסיאָן.

אין די לאַנגע יאָהרען, וואָס זיינען פערגאַנגען צווישען דער מאסקע פון דעם מאַן מיט דער געבראָכענער נאָז און יענער פיגור פון דעם מאַן פון די ערשטע צייטען, זיינען פאָרגעקומען פיעלע שטילע ענטוויק־לונגען אין ראָדען. נייע בעציהונגען האָבען איהם ענגער פערבונדען מיט דער פערגאַנגענהייט פון זיין קונסט. אָט די פערגאַנגענהייט, וואָס איז פאַר פיעלע געווען ווי א לאַסט, איז פאַר איהם געווען א פלי־געל, וואָס האָט איהם געטראָגען. דען אויב ער האָט יאָ בעקומען אין יענער צייט א צושטימונג, א בעשטעטיגונג פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט און געזוכט, איז דאָס געקומען פון די אַלטערטימליכע קונסט־זאַכען און פון דער פאַלבינער טונקעלהייט פון די קאַטעדראַלען. מענ־שען האָבען צו איהם ניט גערעדט, שטיינער אָבער יאָ.

דער מאַן מיט דער געבראָכענער נאָז האָט אויפגעדעקט, ווי ראָדען וויים דעם וועג דורך א געזיכט. דער „מאַן פון די ערשטע צייטען" האָט בעוויזען זיין אונבעשרענקטע הערשאַפט איבער דעם קערפּער. „סואווע־רען טאַיע ד'אימאַזש", אָט דער טיטול, וואָס די מייסטער פון מיטעל־אַלטער פלעגען גרויסמוטיג געבען איינער דעם צווייטען, האָט איהם געהערט. דאָס איז געווען א לעבענסגרויסער אקט, אויף אַלע פּונקטען פון וועלכען דאָס לעבען איז ניט נאָר געווען גלייך מעכטיג, נאָר עס האָט געשיינט אומעטום צו דערהויבען זיך צו דער הויכקייט פון דעם־

זעלבען אויסדרוק, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם געזיכט, די זעלבע שמערצליכקייט פון א שווערען ערוואַכען און צוגלייך די בענקעניש נאָך דעם שווערען איז געווען געשריבען אויף דעם קלענסטען טייל פון אָט דעם קערפּער. דאָס שטרענגסטע אויג קען אויף דער פיגור ניט ענטדעקען קיין אָרט, וואָס איז ווייניגער לעבעדיג, בעשטימט און קלאָר. עס איז געווען, ווי די קראַפט פון די טיפענישען פון דער ערד וואָלטען געשטיגען אין די אָדערן פון אָט דעם מענשען. דאָס איז געווען די סילועט פון אַ בוים, וואָס האָט נאָך די מערץ־שטורעמס פאַר זיך און איז באַנג, ווייל די פרוכט און פולקייט פון זיין זומער איז שוין מעהר ניט אין די וואָרצלען, נאָר שטייגט לאַנגזאַם אין דעם שטאַם, אַרום וועלכען די גרויסע ווינטען וועלען יאָגען.

די געשטאַלט האָט נאָך אַ בעדייטונג אין אַנאַנדערען זין. זי בעצייכענט אין ראָדען'ס ווערק די געבורט פון אויסדרוק. יעדער אויסדרוק, וואָס איז געוואַקסען און זיך אַלעמאָל ענטוויקעלט צו אַזאַ געוואַלטיגער גרויסקייט, איז דאָ אַרויסגעשפּרונגען, ווי אַ קוואַל, וועלכער האָט שטיל אַראָבגערונען אויפ'ן לייב. דער אויסדרוק האָט ערוואַכט אין דער טונקעלהייט פון די ערשטע צייטען און האָט געשיינט אין זיין וואַקסען צו געהן דורך די ווייט פון דעם ווערק, דורך אַלע טויזענדער יאָהרען, ווייט איבער אונז צו די, וואָס וועלען קומען. אונענטשלאָסען בעווייזט ער זיך אין די אויפגעהויבענע אָרעמס. און די אָרעמס זיינען נאָך אַזוי שווער, אַז די האַנט פון איינעם רוהט שוין אויף דער הויכקייט פון קאָפּ. אָבער דער אויסדרוק שלאָפט מעהר ניט, ער זאַמעלט זיך. גאַנץ הויך, אויבען, אויפ'ן שפּיץ פון מאַרך, וואו עס איז איינזאַם, גרייט ער זיך צו צו דער אַרבייט פון יאָהר־הונדערטער, אַן אַרבייט, וואָס האָט קיין סוף ניט. און אין רעכטען פוס שטעהט וואַרטענדיג אַן ערשטער שריט.

מען קען זאָגען וועגען אָט דעם אויסדרוק, אַז ער איז ווי איינגעשלאָסען אין אַ האַרטער קנאָספּע. אַ גלוט פון געדאַנקען און אַ שטורעם אין ווילען: זי עפענט זיך, און יענער „יאָהאַנעס" ענטשטעהט מיט די רעדענדיגע, ערעגטע אָרעמס, מיט דעם גרויסען געהן פון דעם, וואָס פיהלט, אַז אַנאַנדערער קומט נאָך איהם. דער קערפּער פון דעם מאַן איז שוין מעהר ניט אונגעפּרואווט: די וויסטען האָבען איהם דורכגעגליהט, דער הונגער האָט איהם וועה געטאָן, און אַלע דורשטען האָבען איהם אויסגעפּרואווט. ער האָט דאָס אַריבערגעטראָגען און איז

הארט געוואָרען. זיין דינער אַסקעטענלייב איז ווי אַ האָלצשניט, אין וועלכען עס שטעקט די ווייטע גאָפּעל פון זיינע שריט. ער געהט. ער געהט, ווי אַלע ווייטען פון דער וועלט וואָלטען געווען אין איהם, און ער וואָלט זיי אויסגעטיילט מיט זיין געהן. ער געהט. זיינע אָרעמס רעדען וועגען דעם גאַנג, און זיינע פינגער שטרעקען זיך אויס און שיי־נען צו מאַכען אין דער לופט אַ צייכען פון געהן.

אַט דער יאָהאַנעס איז דער ערשטער וואָס געהט אין ראָדען'ס ווערק. נאָך איהם קומען פיעלע אַנדערע. עס קומען די בירגער פון קאַלעי, וואָס הויבען אָן זייער שווערען גאַנג, און יעדעם געהן שיינט צו זיין אַ פאָרבערייטונג צו דעם גרויסען ארויספאָדערענדען שריט פון באַלזאַק.

אָבער אויך דער אויסדרוק פון די וואָס שטעהען ענטוויקעלט זיך ווייטער, שליסט זיך, וויקעלט זיך צונויף ווי ברענענדיג פּאַפּיר, ווערט שטאַרקער, געשלאָסענער, עררעגטער. אַזוי איז יענע פיגור פון חוה, וואָס האָט צוערשט געזאָלט שטעהן בייט טויער פון גיהנם. דער קאָפּ זינקט טיף אין טונקעלהייט פון די אָרעמס, וועלכע זיינען צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט, ווי ביי אַ פריהרענדער. דער רוקען איז כמעט רונד, דער נאַקען — כמעט האָריזאָנטאַל, די האַלטונג — געבויגען, ווי זיך צוצוהערען איבער דעם אייגענעם לייב, אין וועלכען אַ פרעמדע צוקונפט הויבט אָן זיך צו ריהרען. און עס איז, ווי די שווערקראַפט פון אַט דער צוקונפט וואָלט געווירקט אויף די געפיהלען פון דער פרוי און וואָלט זי פון דעם צערשטרייטען לעבען אַראָבגעצויגען צו דער קנעכט־דיענסט פון מוטערשאַפט.

ראָדען האָט זיך פיעל מאָל אומגעקערט צו אַט דעם בויגען זיך צו דעם אינערען, צו דעם אָנגעשטרענגטען האָרכען צו דער אייגענער טיף. אַזוי איז די וואונדערפולע געשטאַלט, וועלכע ער האָט אָנגערופען „לאַ מעדיטאַסיאָן", אַזוי איז אויך יענע אונפערגעסליכע „וואוא אינטע־ריער", די שטילסטע שטים פון די געזאַנגען פון וויקטאָר הוגאָ, וועל־כע איז אויף דעם דיכטער'ס דענקמאָל כמעט פערבאָרגען אונטער דער שטים פון צאָרן. קיינמאָל איז אַ מענשליכער קערפּער ניט געווען אַזוי פערזאַמעלט אַרום זיין אינערען, אַזוי געבויגען פון זיין אייגענער זעל און ווידער צוריקגעהאַלטען פון דער עלאַסטישער קראַפט פון זיין בלוט. און אויף דעם טיף אָן אַ זייט געבויגענעם לייב שטרעקט זיך אַביסעל אויס דער האַלז און האַלט דעם האָרכענדען קאָפּ איבער דעם ווייטען

רווישענדיגען לעבען. די עמפפינדונג איז אזא גרויסע, אזא איינדרינג־ליכע, דאָס מען קען ניט געפינען קיין שטאַרקערען, פעראינערליכטערען אויסדרוק. די הענט פעהלען. ראָדען האָט געפיהלט אין דעם פאַל, אז זיי זיינען אַ צו לייכטע לעזונג פון זיין אויפגאַבע, עפּעס, וואָס געהערט ניט דעם קערפּער, וועלכער וויל זיך איינהילען אין זיך אליין, אָהן פרעמדער הילף.

מען קען זיך דערמאָנען אָן דוזע, אין ד׳אַנונציאָ׳ס אַ דראַמאַ, ווי זי, אַ פערלאָזענע, זוכט צו אומאַרמען אָהן אַרעמס און האַלטען אָהן הענט. אָט די סצענע איז איינע פון די אונפערגעסליכסטע אין איהר שפּיעלען. דאָ בעקומט זיך דער איינדרוק, אז דער אָרעם איז אַן אי־בערפליסליכע זאַך, אַ לוקסוס, אַ זאַך פון די רייכע און אונמעסיגע, וועל־כע מען קען אוועקוואַרפען אין זיין דאַן גאַנץ אַרים. אין דעם אויגענ־בליק ווירקט זי, ניט ווי זי וואָלט פערלאָרען עפּעס, וואָס איז וויכטיג; גיכער, ווי איינער וואָס האָט אוועקגעגעבען זיין בעכער, אום צו טרינ־קען פון טייך, ווי אַ מענש, וואָס איז נאַקעט און אביסעל הילפלאָז אין זיין נאַקעטקייט. אזוי איז דאָס אויך ביי ראָדען׳ס סטאַטועז אָהן הענט; עס פעהלט אין זיי גאָרניט, וואָס איז נויטיג. מען שטעהט פאַר זיי, ווי פאַר עפּעס גאַנצעס, פערענדיגטעס, וואָס דאַרף ניט מעהר קיין ערגאַנצונג. ניט פון זעהן קומט דאָס געפיהל פון אונפערענדיגטען, נאָר פון שפּעטערער איבערלעגונג, פון דעם קליינליכען פעדאַנטיזם, וואָס זאָגט, אז אַרעמס געהערען צום קערפּער, און אַ קערפּער אָהן אַרעמס קען דעריבער בשום אופן ניט זיין גאַנץ.

ניט לאַנג צוריק האָט מען דאָס זעלבע געהאַט איינצואווענדען קעגען די בוימער ביי די אימפּרעסיאָניסטען, וואָס זיינען אָבגעשניטען פון בילדראַנד. מען האָט זיך זעהר שנעל צוגעוואוינט צום איינדרוק, מען האָט, ווענינסטענס פאַר די מאַלער, צוגעגעבען, אז עפּעס גאַנצעס אין קונסט מוז ניט אַלעמאָל צוזאַמענפאַלען מיט דעם געוועהנליכען גאַנ־צען פון זאַכען, און אַז, גאַנץ אונאָבהענגיג פון די זאַכען, ענטשטעהען אינערהאַלב דעם בילד נייע איינהייטען, נייע צוזאַמענשלוסען, פער־העלטניסען און גלייכגעוויכטען. אין דער סקולפּטור איז דאָס ניט אַנ־דערש. דער קינסטלער קען מאַכען פון פיעלע זאַכען איינס, און אַ וועלט פון דעם קלענסטען טייל פון אַ זאַך. עס זיינען אין ראָדען׳ס ווערק פאַראַן הענט, זעלבסטשטענדיגע, קליינע הענט, וואָס זיינען לע־בעדיג, ניט געהערענדיג צו אַ קערפּער. הענט, וואָס שטעלען זיך אויף,

גערייצט און בייז, הענט, וועמעס פינף אויסגעשטרעקטע פינגער שיינען צו ברומען, ווי די פינף העלזער פון אַ גיהנם הונט. הענט, וואָס געהען, שלאָפענדיגע הענט, און הענט, וואָס ערוואַכען; פערברעכערישע, ערבליך בעלאָדענע הענט, און אַזעלכע, וואָס זיינען מיעד, ווילען מעהר גאָרניט, האָבען זיך אנידערגעלעגט ערגעץ אין אַ ווינקעל, ווי קראַנקע טיערען, וואָס ווייסען, אַז קיינער קען זיי ניט העלפען.

אָבער הענט זיינען שוין אַ קאָמפּליצירטער אָרגאַניזם, אַ דעלטאַ, אין וועלכען עס פליסט אַריין פּיעל לעבען, וואָס קומט אָן פון דער ווייט, אום זיך אויסצוגיסען אין דעם גרויסען שטראָם פון טהאַט. עס איז פאַראַן אַ געשיכטע פון הענט, זיי האָבען אַן אמת'ע אייגענע קולטור, זייער בעזונדערע שעהנקייט; מען גיט זיי דאָס רעכט צו האָבען אַן אייגענע ענטוויקלונג, אייגענע וואונשען, געפיהלען, שטימונגען און נייגונגען. אָבער ראָדען, וואָס האָט געוואוסט דורך דער ערציהונג, וואָס ער האָט זיך געגעבען, אַז דער קערפּער בעשטעהט נאָר פון סצענען, אויף וועלכע דאָס לעבען שפּיעלט, אַ לעבען, וואָס קען אויף יעדען אָרט ווערען אינדיווידועל און גרויס, ראָדען האָט געהאַט די מאַכט צו נעמען אַ טייל פון דער וויטלויפענדער פלאַך און איהר געבען די זעלבסטשטענדיג און פולקייט פון אַ גאַנצען. פּונקט ווי דער מענשליכער קערפּער איז פאַר ראָדען נאָר אַזוי לאַנג גאַנץ, ווי לאַנג אַלע זיינע גליעדער און קרעפטען זיינען געמיינשאַפטליך אַקטיוו, אינערליך אָדער אויסערליך, אַזוי פון דער אַנדער זייט זעהט ער טיילען פון פערשידענע קערפּער, וואָס בעהעפטען זיך אויס אַן אינערליכער נויטווענדיגקייט און ווערען אַן אָרגאַניזם. אַ האַנט, וואָס האָט זיך געלעגט אויף אַנאַנדערען שולטער אָדער זייט, געהערט שוין ניט אין גאַנצען דעם קערפּער, פון וועלכען זי איז געקומען: פון איהר און פון דעם געגענשטאַנד, וועלכען זי האָט אָדער בעריהרט, ענטשטעהט אַ נייע זאַך, וואָס האָט ניט קיין נאָמען און געהערט קיינעם ניט. און אום אָט דער זאַך, וואָס האָט איהרע אייגענע בעשטימטע גרענעצען, האַנדעלט זיך דאָ.

דאָס איז דער גרונד געדאַנק פון ראָדען'ס גרופּירונג פון געשטאַלטען. פון דעם קומט יענע אונערהערטע ענגע פערבינדונג צווישען פיגורען, יענע צוזאַמענהאַלטונג פון פאָרמען, וועלכע ווערט זיך בשום אופן ניט אויפלעזען. ראָדען געהט ניט אַרויס פון די פיגורען, וואָס זיינען צונויפגעבונדען, ער האָט ניט קיין מאָדעלען צונויפצושטעלען און ברענגען אין אָרדנונג. ער נעמט אַן אָרט פון שטאַרקסטער בעריהרונג, ווי

דעם העכסטען פּונקט פון גאַנצען ווערק, דאָרט, וואו עפּעס נייעס גע־שעהט, און ער גיט אָב זיין גאַנצע קענטניס צו די געהיימניספולע ערשיינונגען, וואָס בעגלייטען די בעשאַפונג פון אַ נייער זאַך. בליצען ערשיינען אויף אַזעלכע פּונקטען, און ער אַרבייט ביי זייער שיין און זעהט נאָר ד י טיילען פון גאַנצען קערפּער, וואָס זיינען בע־לויכטען.

אין אָט אַזאַ קלוגער און גערעכטער פּערטיילונג פון לעבען בע־שטעהט דער צויבער פון דער גרויסער גרופּע, וואָס ער האָט אָנגערופען „דער קוש". מען האָט דאָס געפיהל, אַזוי ווי פון די אַלע פלאַכען אין בעריהרונג וואַלטען וועלען געשטראָמט אין די קערפּער, שטראָמען פון שעהנהייט, געפיהל און קראַפט. אונז דוכט אויס, אַז מיר זעהען די זעליגקייט פון אָט דעם קוש אומעטום אויף די צוויי קערפּער: ער איז ווי אַן אויפגעהעענדע זון, און זיין ליכט פאַלט אומעטום. אָבער נאָך וואונדערליכער איז יענער אַנדערער קוש, ארום וועלכען, ווי אַ מויער ארום אַ גאָרטען, דערהויבט זיך דאָס ווערק, וואָס הייסט „עטערנעל אידאָל". אַ קאַפּיע פון אָט דעם ווערק געפינט זיך ביי עזשען קאַ־ריער, און אין דער שטילער דעמערונג פון זיין הויז לעבט דער קלאָרער שטיין ווי אַ קוואַל, אין וועלכען מען געפינט אַלעמאָל דיזעלבע בע־וועגונג, דאָסזעלבע אויפשטייגען און אַראָבפאַלען פון פערצויבערטער קראַפט.

אַ מיידעל קניהט. איהר שעהנער קערפּער האָט זיך ווייך צוריק־געלעהנט. איהר רעכטער אָרעם איז אויסגעשטרעקט אַהינטער, און איהר האַנט האָט טאַפּענדיג געפונען איהר פוס. אין די דריי ליניען, פון וועלכע עס איז ניטאָ קיין וועג אַרויס צו דער וועלט, שליסט זיך איין איהר לעבען, מיט זיין געהיימניס. וועהרענד זי קניהט, הויבט דער שטיין אונטער איהר זי אויף. און מען דערקענט פּלוצלונג אין דער האַלטונג פון דער מיידעל, אין וועלכע זי איז אַריינגעפאַלען אויס אינערץ, פּערטרוימטקייט אָדער איינזאַמקייט, אַן אוראַלטען הייליגען זשעסט, אין וועלכען די געטין פון אַ וויטען, גרויזאַמען קולט איז פּערגליוערט. דער קאָפּ פון דער פרוי נויגט זיך אַביסעל אַרוים; מיט אַ בארמהערציגען, ערהאַבענעם און געדולדיגען אויסדרוק קוקט זי, פון דער הויכקייט פון אַ שטילער נאַכט, אויף דעם מאַן אַראָב, וועמעס געזיכט איז פּערזונקען אין איהר ברוסט, ווי אין פיעלע בליטען. ער קניהט אויך, אָבער טיפער, טיף אין שטיין. זיינע הענט ליגען הינטער

איהם, ווי ווערטלאָזע, לערע זאַכען. די רעכטע האַנט איז אָפען, און מען קען זי זעהן. עפּעס אַ געהיימניספוּלע גרויסקייט איז אין אָט דער גרופּע. מען וואָגט ניט (ווי אַזוי אָפט ביי ראָדען) צו געבען איהר אַ בעדייטונג. זי האָט טויזענדער בעדייטונגען. ווי שאָטענס געהען איי־בער איהר די געדאַנקען, און הינטער יעדען פון זיי שטייגט זי אויף ניי און געהיימניספוּל אין איהר קלאָרקייט און נאָמענלאָזיגקייט.

די שטימונג פון אַ פּורגאַטאָריאָ פיהלט זיך אַביסעל אין אָט דעם ווערק. אַ הימעל איז נאָהנט, איז אָבער נאָך ניט דערגרייכט; אַ גיהנם איז נאָהענט, איז אָבער נאָך ניט פערגעסען. אויך דאָ שטראַהלט אַ הערליכקייט פון דער בעריהרונג פון די צוויי קערפּער און פון דער פרוי מיט זיך אַליין.

און ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָך אַ נייע בעאַרבייטונג פון דער טעמאַ פון בעריהרונג צווישען לעבעדיגע און בעוועגטע פלאַכען, איז יענע געוואַלטיגע „פּאָרט דע ל'אַנפער“, אויף וועלכער ראָדען האָט איינ־זאַם געאַרבייט צוואַנציג יאָהר. ערפאָרשענדיג גלייכצייטיג די בעווע־גונג פון פלאַכען און זייער פעראייניגונג, האָט ראָדען געמוזט זוכען קערפּער, וואָס בעריהרען זיך אויף פיעלע ערטער, קערפּער, וועמעס בעריהרונגען זיינען קרעפטיגער, שטאַרקער, שטורמיגער. וואָס מעהר בעריהרונגס פּונקטען צוויי קערפּער האָבען, וואָס אונגעדולדיגער זיי וואַרפען זיך איינער אויף דעם אַנדערען, ווי כעמישע שטאָפען פון הוי־כער פערוואַנדשאַפט, אַלץ פעסטער און אָרגאַנישער האַלט צוזאַמען דאָס נייע גאַנצע, וואָס זיי שאַפען.

ערינערונגען פון דאַנטע זיינען אַרויפגעשוואומען. אוגאָלינאָ, און די וואַנדרער אַליין, דאַנטע און ווירגיל, דער טומעל פון די וואָיל־לוסטיגע מיט די גרייפענדע, גייציגע הענט, ווי פערדאַרטע בוימער. די קענטאַוורען, ריעזען, סירענען, פאַונען און פאַונען־פרויען, די אַלע ווילדע געטער־טיערען פון דעם פאַר־קריסטליכען וואַלד, זיינען אַלע ענטשטאַנען פאַר איהם. און ער האָט געשאַפען. ער האָט פערווירק־ליכט די אַלע געשטאַלטען און פאָרמען פון דעם דאַנטישען טרוים, ער האָט זיי אויפגעהויבען, ווי פון דער בעוועגטער טיף פון זיינע ערינערונגען און האָט זיי געגעבען, איינעם נאָך דעם אַנדערען, די שטילע ערלייזונג פון שאַפונג. הונדערטער פיגורען און גרופּען זיינען אויף דער אַרט געשאַפען געוואָרען. אָבער די בעוועגונגען, וואָס ער האָט געפונען אין דעם דיכטער'ס ווערטער, האָבען געערדט צו אַן

אנדער צייט. זיי האָבען אין איהם ערוועקט א וויסען פון טויזענד אנדערע זשעסטען, זשעסטען פון גרייפען, פערלירען, ליידען, פערלאָזען, און זיינע הענט, וואָס זיינען קיין מאָל ניט מיער געוואָרען, זיינען געגאַנגען אלץ ווייטער און איבער די וועלט פון דעם פלאַרענטינער צו אלץ נייע זשעסטען און געשטאַלטען.

דער ערנסטער, קאָנצענטרירטער ארבייטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזוכט קיין שטאָפען און האָט זיך ניט געשטעלט קיין גרעסערע אויפגאַבען, ווי די, וועלכע זיין אלץ רייפער ווערענדער ווערקצייג האָט געקענט אויספיהרען, איז אויף אַט דעם וועג געקומען דורך אלע דראַמען פון לעבען: איצט האָט זיך געעפענט פאַר איהם די טיף פון די לעבענסליכט, די טונקעלע ווייט פון לוסט און טרויער, אין וועלכער, ווי אין א וועלט, וואָס איז נאָך אלץ העראַאיש, קיין קליידער זיינען ניטאָ, אין וועלכער די געזיכטער לעשען זיך אוים און די לייבער ענט-שטעהען. ער איז געקומען מיט וויים-גליהענדע געפיהלען ווי איינער, וואָס זוכט דאָס לעבען אין דער גרויסער צומישונג פון אייביגען שטרייט, און דערזעהן האָט ער: לעבען. און ניט ענג איז געווען ארום איהם, נאָר ווייט. די אטמאָספער פון אלקאָווען איז ווייט גע-ווען. דאָס איז געווען דאָס לעבען, טויזענד מאָל אין יעדער מינוט, אין זעהנזוכט און וועה, אין וואַהנזין און אנגסט, אין פערלירען און געווינען.

דאָס איז געווען אן אונערמעסליכער פערלאַנג, אזא דורשט, אז אלע וואַסערען פון דער וועלט זיינען איהם פערטריקענט געוואָרען ווי איין טראָפען. דאָס איז ניט געווען קיין ליגען אָדער פערלייקנונג, און די זשעסטען פון געבען און נעמען זיינען דאָ געווען עכט און גרוים. דאָ זיינען געווען די זינד און די לעסטערונגען, די פערדאַמונגען און די זעליגקייטען, און מען האָט באַלד געמוזט איינזעהן, אז די וועלט מוז זיין אָרים, וואָס פערבאָרגט און פערגראָבט דאָס אלץ, ווי דאָס וואָלט ניט עקזיסטירט. דאָס עקזיסטירט. זייט ביי זייט מיט דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט איז געגאַנגען די אנדערע גע-שיכטע, וועלכע האָט ניט געוואוסט פון פערקליידונגען, קאָנווענציאָנען, אונטערשידען און שטאַנדען, — נאָר קאַמף.

אויך אָט די אנדערע געשיכטע האָט געהאַט איהר גרויסע ענט-וויקלונג. פון א נייגונג איז זי געוואָרען א בענקשאַפט, פון א בעגעהר צווישען מאַן און פרוי — א פערלאַנג פון מענש צו מענש. און אַזוי

ערשיינט זי אין ראָדען׳ס ווערק. דאָס איז נאָך אַלץ די אייביגע שלאַכט פון געשלעכטער, אָבער די פרוי איז שוין מעהר ניט דאָס איבערוועל־טיגטע אָדער ווילינע טיער. זי בענקט און איז וואָך, ווי דער מאַן, און ווען זיי האָבען זיך פעראייניגט, איז עס ווי זיי וואָלטען ביידע געזוכט זייער זעל. דער מענש, וואָס שטעהט אויף ביינאַכט און געהט שטיל צו אַנאַנדערען, איז ווי איינער, וואָס גראָבט אויס אַן אוצר, וואָס וויל דאָס גרויסע, דאָס נויטיגע גליק אויסגראָבען אויף׳ן קרייצוועג פון גע־שלעכט. און אין אַלע לוסטען, אין אַלע זינד קעגען דער נאַטור, אין די אַלע פערצווייפעלטע, פערלאָרענע פערזוכען צו געפינען אַן אונענד־ליכען זין דער עקזיסטענץ, איז פאַראַן יענע בענקשאַפט, וואָס בעשאַפט די גרויסע דיכטער.

די מענשהייט איז הונגעריג. העגט שטרעקען זיך אויס נאָך דער אייביגקייט. אויגען עפענען זיך, קוקען אויף׳ן טויט און האָבען ניט מורא. דאָ צואוויקעלט זיך אַ האָפנונגסלאָז העלדענטום, וועמעס רוהם קומט און פערגעהט ווי אַ שמייכעל, בליהט און וועלקט ווי אַ רויז. דאָ זיינען די שטורעמס פון וואונשען און די ווינטשטילען פון ערוואַרטונג. דאָ זיינען טרוימען וואָס ווערען טהאַטען און טהאַטען וואָס פערגעהען אין טרוים. ווי אין אַ גרויסער שפּיעלבאַנק, ווערט דאָ אַ פערמעגען פון קראַפט געוואונען אָדער פערלאָרען. דאָס אַלץ געפינט זיך אין ראָדען׳ס ווערק. ער, וואָס איז שוין געגאַנגען איבער אַזוי פיעל לע־בען, האָט דאָ געפונען די פולקייט און איבערפלוס פון לעבען. אין יע־דען פונקט פון די קערפער איז ווילען, און די מיילער, וואָס האָבען די פאָרם פון שרייען, שיינען אַרויפצושטייגען פון דער טיף פון דער ערד. ער האָט געפונען די זשעסטען פון אוראַלטע געטער, די שעהנקייט און בויגזאַמקייט פון טיערען, די בערוישונג פון אַלע טענץ און די בעווע־גונגען פון פערגעסענע גאָטעסדיענסטען, אייגענאַרטיג פערבונדען מיט די נייע זשעסטען, וואָס זיינען ענטשטאַנען פאַר דער לאַנגער צייט, אין וועלכער די קונסט איז געווען אָבגעווענדט און בלינד צו די אַלע ענטפּלעקונגען.

די נייע זשעסטען זיינען איהם געווען בעזונדערס אינטערעסאַנט. זיי זיינען געווען אונגעדולדיג. ווי איינער, וואָס זוכט לאַנג אַ זאַך, ווערט אַלץ הילפלאָזער, צערשטרייטער און איילינער און שאַפט אַרום זיך אַ צושטערונג, אַן אַנזאַמלונג פון זאַכען, וועלכע זיינען אַרויסגע־צויגען פון זייער אָרדנונג, אַזוי ווי ער וואָלט זיי צווינגען מיטצוזוכען,

אזוי זיינען די זשעסטען פון דער מענשהייט, וואס קענען ניט געפינען זייער זין, ווערען אונגעדולדיגער, נערוועזער, ראשער און האסטיגער. און ארום זיי זיינען די אלע דורכגעפארשטע פראגען פון עקזיסטענץ. אבער די בעוועגונגען זיינען געווארען אין דערזעלבער צייט אונענטשלאסענער. זיי ווייזען שוין מעהר ניט די גימנאסטישע און ענטשלאסענע גלייכקייט, מיט וועלכער די פריהערדיגע מענשען האבען אלץ גענומען. זיי זיינען אויך ניט עהנליך צו די בעוועגונגען אין די אלטע בילדווערק, יענע זשעסטען, אין וועלכע עס זיינען נאך געווען וויכטיג דער אויסגאנגספונקט און דער ענדפונקט. צווישען די צוויי איינפאכע מאמענטען זיינען ערשינען אונצעהליגע איבערגאנגען, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז גראד אין אט די צווישענצושטאנדען איז פערגאנגען דאס לעבען פון דעם היינטיגען מענשען, זיין האנדלען און זיין ניט קענען האנדלען. דאס נעמען, ווינקען, אבלאזען, האלטען, דאס אלץ איז געווארען אנדערש. אין אלץ איז מעהר ערפאהרונג, און אין דערזעלבער צייט מעהר אונוויסענהייט; פיעל מעהר מוטלאזיגקייט און א שטענדיג וואקסענדע נאהנטקייט צו דעם, וואס שטעהט אין וועג; פיעל מעהר טרויער נאך דעם פערלארענעם, פיעל מעהר אבשאצונג, אורטייל, איבערלעגטקייט און ווענינגער ווילקיר.

ראדען האט געשאפען די אלע זשעסטען. ער האט זיי געמאכט פון איינער אדער מעהר געשטאלטען, האט פון זיי געשאפען איינענארטיגע זאכען. ער האט געגעבען הונדערטער און הונדערטער פיגורען, וואס זיינען געווען קוים גרעסער פון זיינע הענט, און וואס האבען געטראגען אין זיך דאס לעבען פון אלע ליידענשאפטען, דאס בליהען פון אלע לוסטען, די לאסט פון אלע זינד. ער האט געשאפען קערפער, וואס האבען זיך אומעטום בעריהרט און צוזאמענגעהאלטען, ווי טיערען, וואס האבען זיך איינגעביסען איינס אין דאס אנדערע, אום צו פאלען אין די טיף ווי איין זאך; לייבער, וואס הארכען ווי געזיכטער און שטרעקען זיך אוים ווי ארעמס; קייטען פון לייבער, קראנצען און פערפלעכטונגען, און שווערע בינטלעך פון געשטאלטען, אין וועלכע די זיסקייט פון זינד האט ארויפגעשטייגט פון די ווארצלען פון שמערץ.

מיט אזוי פיעל קראפט און איבערלעגטקייט האט נאר לעאנארדא געשאפען און פערבונדען צווישען זיך מענשען אין זיין גראנדיעזער בעשרייבונג פון וועלט אונטערגאנג. ווי דארט, אזוי זיינען אויך דא געווען אזעלכע, וואס האבען זיך געווארפען אין אבגרונד, אום צו פער-

געסען זייער וועה, און אזעלכע, וואָס האָבען זייערע קינדער די קעפּ צושמעטערט, אז זיי זאָלען ניט אויסוואַקסען צו דעם גרויסען וועה.

די מאַסע פיגורען איז געוואָרען צו גרויס, אום צו קענען אריינפּאַסען זיך אין די ראהמען און טירפליגעל פון דעם טויער פון גיהנם. ראָדען האָט געקליבען און געקליבען. ער האָט אויסגעטיילט אלץ, וואָס איז געווען צו איינזאַם, ניט גאַנץ נויטיג אין אָט דעם צוזאַמענהאַנג. ער האָט איבערגעלאָזען פאַר די געשטאַלטען און גרופּען אליין צו געפינען זיך זייער אָרט; ער האָט בעאָבאַכט דאָס לעבען פון דעם פאָלק, וואָס ער האָט געשאַפען, האָט זיך צוגעהערט צו יעדען איינעם און האָט געטהאָן יעדען איינעם'ס ווילען. אזוי איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסען די וועלט פון דעם טויער. די פלאַכען, צו וועלכע מען האָט צוגעגעבען די פּלאַסטישע פאָרמען, האָבען אָנגעהויבען זיך צו בעלעבען; און אלץ שטילערע רעליעפען האָט זיך די אויפרעגונג פון די פיגורען פערהאַלטען אין די פלאַכען.

אין ראהם איז פוןביידע זייטען אַן אויפשטייגען, אַן ארויפציהען זיך, אַ דערהויבען זיך, אין די פליגלען פון טויער, אַ פאַלען, גליטשען זיך און פאַלען — די הערשענדע בעוועגונג. די פליגלען טרעטען אביסעל צוריק, און זייער אויבערשטער ראַנד איז אָבגעטיילט פון דער קוואָר־ראהם דורך אַ גאַנץ גרויסער פלאַך. פאַר זיי, אין דעם שטילגעשלאָסענעם רוים, איז די געשטאַלט פון „דענקער", דעם מאַן, וואָס זעהט די גאַנצע גרויסקייט און אלע שרעקען פון דעם שוישפּיעל, ווייל דאָס איז אלץ אין זיין געדאַנק. ער זיצט פערזונקען און שטום, שווער פון בילדער און געדאַנקען, און זיין גאַנצע קראַפט — די קראַפט פון טהאַט, פון האַנדלונג — דענקט. זיין גאַנצער לייב איז אַ שיידעל, דאָס גאַנצע בלוט אין זיינע אָדערען איז געהירן. ער איז דער מיטעלפונקט פון טויער, כאָטש איבער איהם, הויך אויף דער ראהם, שטעהען נאָך דריי מענער. די טיף ווירקט אויף זיי און געשטאַלטעט זיי פון דער ווייט. זייערע קעפּ זיינען צוזאַמענגעבויגען, זייערע אויסגעשטרעקטע דריי אָרעמס לויפען צוזאַמען און ווייזען אראָב אויף דעמזעלבען אָבגרונד, וועלכער ציהט זיי אראָב מיט זיין שווערקייט. דער דענקער אָבער מוז דאָס טראָגען אין זיך.

פיעלע גרופּען און בילדוועדק, וואָס זיינען אזוי ארום דעם טויער געשאַפען געוואָרען, זיינען מערקווירדיג שעהן. עס איז אונמעגליך זיי אלע איבערצוצעהלען, פונקט ווי עס איז אונמעגליך זיי צו בע־

שרייבען. ראָדען אַליין האָט איינמאָל געזאָגט, אַז ער וואָלט געמוזט רעדען אַ יאָהר, אום צו ווידערהאָלען איינעם פון זיינע ווערק. מען קען נאָר זאָגען, אַז אָט די קליינע בילדווערק אין גיפּס, בראָנז און שטיין, פּונקט ווי די קליינע טיערפיגורען אין אַלטערטום, מאַכען דעם איינ־דרוק פון גאַנץ גרויסע זאַכען. אין ראָדען׳ס אַטעליע געפינט זיך אַן אָבגוס פון אַ פאַנטער, וואָס איז קלענער פון אַ האַנט (דאָס אָריגינאַל איז אין מעדאַלען־קאַבינעט פון דער פאַריזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק). ווען מען קוקט אונטער זיין לייב דורך אין רוים, וואָס ווערט ארומגע־צאַמט דורך די פיער שטאַרקע פיס, דוכט זיך אויס, אַז מען זעהט די טיף פון אַן אינדישען פעלזענטעמפּעל: אַזוי וואַקסט דאָס ווערק און ווערט ברייטער און גרעסער. עהנליך איז עס מיט די קליינע פּלאַס־טישע זאַכען פון ראָדען. מיט דעם, וואָס ער גיט זיי פיעלע ערטער, אונצעהלבאַר פיעלע פלאַקאָמענע און בעשטימטע פלאַכען, מאַכט ער זיי גרויס. די לופט אַרום זיי איז ווי אַרום פעלזען. ווען אין זיי איז פאַראַן אַן אויפשטעהן, דאַן שיינען זיי אויפצוהויבען די הימלען מיט זיך, און דאָס פליהען פון זייער פאַל רייסט מיט די שטערען.

אפשר איז דאַמאָלס אויך ענטשטאַנען די „דאַנאַאידע", וועלכע האָט זיך פון די קניה אַנידערגעוואָרפען אין איהרע שטראָמענדע האָר. עס איז וואונדערבאַר, אַרומצוגעהן לאַנגזאַם אַרום אָט דעם שטיין: דעם לאַנגען, לאַנגען וועג אַרום דער רייך אויסגעאַרבייטער רונדונג פון אָט דעם רוקען, צו דעם געזיכט, וואָס פערלירט זיך אין שטיין, ווי אין אַ גרויסען געוויין, צו דער האַנט, וועלכע, ווי אַ לעצטע בלום, רעדט נאָכאַמאָל שטיל פון לעבען, טיף אין אייביגען קאַלטען שטיין. און די „אילוזיאָן, די טאָכטער פון איקאַרוס", די בלענדענדע פערווירקלי־כונג פון אַ לאַנגען פאַל. און די שעהנע גרופּע, וואָס רופט זיך „ל׳אָם ע סאַ פאַנסע". די דאַרשטעלונג פון אַ קניהענדען מאַן, וועלכער בעריהרט דעם שטיין מיט זיין שטערן און וועקט דערמיט פון דעם שטיין די ווייכע פאָרמען פון אַ פרוי, וועלכע בלייבען געבונדען אין דעם שטיין. נאָהנט צו דעם לעצטען ווערק איז אַ קאָפּ, וואָס קומט שטיל און פול געדאַנק ביז צום קין אַרויס פון אַ גרויסען שטיין, דער „גע־דאַנק", אַ שטיק קלאָרקייט, עקזיסטענץ און געזיכט, וואָס דערהויבט זיך לאַנגזאַם פון דעם שווערען שלאָף פון שטומער אייביגקייט. דאַן די „קאַריאַטידע". דאָס איז שוין ניט די גלייכע פיגור, וועלכע טראָגט אויף זיך אַ שטיין לייכט אָדער שווער. ניין, דאָס איז אַ ווייבליכער

אקט: קניהענדיג געבויגען, אין זיך אריינגעצויגען, אין גאנצען פאר־מירט פון דער האנט פון לאסט, די שווערקייט פון וועלכער זינקט אין אלע גליעדער, ווי אן אייביגער אראבפאל. אויף יעדען קלענסטען טייל פון לייב ליגט דער שטיין ווי א ווילען, וואס איז געווען גרעסער, עלטער און מעכטיגער, און דאך האט זיין שיקזאל פון טראגען ניט אויפגעהערט. ער טראגט, ווי מען טראגט אין טרוים דאס אונמעגליכע און מען געפינט ניט קיין אויסוועג. און אין זיין צוזאמענגעזונקענקייט און פאסיוויטעט איז איהם נאך געבליבען דאס טראגען. און ווען די נעקסטע מיעדקייט קומט, און דער קערפער וועט צווינגען אראב, וועט דאס ליגען אויך זיין א טראגען, א טראגען אהן א סוף. דאס איז „די קאריאטידע“.

ווען מען וויל נאר, קען מען ראדען׳ס מעהרסטע ווערק בעגלייטען מיט געדאנקען, ערקלערען. פאר די, וועמען דאס איינפאכע זעהן איז אן אונגעוועהנטער, שווערער וועג צו שעהנהייט, זיינען פאראן פאראן אנדערע וועגען איבער בעדייטונגען, וועלכע זיינען ערהאבען, גרויס און פול געשטאלט. מען זעהט דאן, ווי די אונענדליכע גוטס־קייט און ריכטיגקייט פון אט די אקטען, דאס פאלקאמענע גלייכגע־וויכט פון אלע זייערע בעוועגונגען, די וואונדערליכע אינערליכע גע־רעכטיגקייט פון זייערע פערהעלטניסען, זייער דורכגעצויגענקייט מיט לעבען, — ווי דאס אלץ, וואס מאכט זיי פאר שעהנע זאכען, וואלט זיי אויך געגעבען די קראפט צו זיין אונאיבערטרעפליכע פער־ווירקליכונגען פון שטאף, וועלכען דער מייסטער האט גענומען, כדי איהם א נאמען צו געבען. קיינמאל איז ביי ראדען א שטאף, אלס א קונסטזאך, ניט געבונדען, ווי א טיער איז געבונדען צו א בוים. ער לעבט ערגעץ נאהנט צו דער זאך, לעבט פון איהר, ווי א קוסטאס, א היטער פון א זאמלונג. מען קען זעהר פיעל ערפאהרען, ווען מען רופט עפעס אן; ווען מען פערשטעהט אבער, אהן א נאמען, איז מען מעהר אליין און אונגעשטערט און מען קען דאן נאך מעהר ערפאהרען.

וואו די ערשטע אנרעגונג פון שטאפליכען האט זיך געענדיגט, וואו אן אלטערטימליכע זאגע, א טייל פון א געדיכט, א היסטארישע סצענע אדער א ווירקליכע פערזאן האט בעוואויגען צו שאפען, דארט איז, ווען ראדען האט אנגעהויבען, דאס שטאפליכע וועהרענד דער ארבייט אלץ מעהר איבערגעגאנגען אין דאס זאכליכע און נאמענלאזע: איבער־זעצט אין די שפראך פון הענט, האבען די אלערליי פאדערונגען בעקומען

אַ גאַנץ נייעם זין, וואָס בעציהט זיך אין גאַנצען אויף די פּלאַסטישע אויספיהרונג.

אין ראָדען׳ס צייכנונגען ווערט די שטאָפליכע אָנרעגונג אויף דעמזעלבען אופן פערגעסען און פערוואַנדעלט אין עפּעס אַנדערש. אויך אין דער קונסט פון צייכענען האָט ער אויסגעאַרבייט זיינע אייגענע אויסדרוקסמיטלען, און דאָס מאַכט די הונדערטער בלעטער, וואָס ער האָט געשאַפען, פאַר אַ זעלבסטשטענדיגע און אָריגינעלע ענט־פּלעקונג פון זיין פּערזענליכקייט.

אין אָט די בלעטער געפינען זיך אויך, פון פריהערדיגע צייטען, טושצייכנונגען מיט איבעראַשענד שטאַרקע עפעקטען פון ליכט און שאָטען, ווי דער בעריהמטער „אָם אָ טאַראָ", וועלכער דערמאָנט אָן רעמבראַנדט, ווי דער קאָפּ פון הייליגען יאָהאַן דעם טויפער אָדער די שרייענדע מאַסקע פאַר דעם געניוס פון קריעג; לויטער נאָטיצען אין שטודיען, וועלכע האָבען געהאָלפען דעם קינסטלער צו ערלערנען דאָס לעבען פון פלאַכען און זייער פערהעלטנים צו דער אַטמאָספער. דאַן קומען אַקטען, געצייכענט מיט אַ שנעלער זיכערהייט, פאָרמען, אויס־געפילט פון אַלע זייערע קאָנטורען, מאָדעלירט מיט פיעלע שנעלע פעדער־שטריכען, און אַנדערע, איינגעשלאָסען אין די מעלאָדיע פון איין איינציגער וויברירענדער צייכנונג, פון וועלכער אַ זשעסט דער־הויבט זיך מיט אונפערגעסליכער ריינקייט.

דאָ געפינען זיך אויך די צייכנונגען, מיט וועלכע ראָדען האָט, אויף דעם וואונש פון אַ ראַפינירטען זאַמלער, אויסגעפילט אַן עקזעמ־פּלאַר פון „פלער דיו מאַל". מען קען דאָ גאָר ניט זאָגען, ווען מען רעדט פון אַ זעהר טיפען פערשטעהן פון באָדלער׳ס פּערזען; מען פּרוּווט זאָגען מעהר, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז יענע פּערזען, מיט זייער פולקייט און געזעטיגטקייט, ערלויבען ניט קיין ערגאַנצונג און קיין דערהויבונג איבער זיך. און ווען מען געפינט דאָך אי ערגאַנצונג, אי דערהויבונג, ווען נאָר ראָדען׳ס ליניען בעהעפטען זיך מיט באָד־לער׳ס ווערק, איז דאָס אַ מאַסשטאַב פאַר דער היגרייסענדער שעהנ־קייט פון יענע בלעטער. די פעדערצייכנונג, וואָס שטעהט לעבען דעם געדיכט „לאַ מאָר דע פּאָוור", האָט אין זיך אַזאַ איינפאַכקייט און אַזאַ שטענדיג וואַקסענדע גרויסקייט, אַז מען מיינט, אַז זי פילט אָן די וועלט פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג.

דאָ געפינען זיך אויך די ראַדירונגען מיט דער קאַלטער נאָדעל,

אין וועלכע דער לויף פון אונענדליך צארטע ליניען ערשיינט ווי די אויסערליכע צייכנונג פון א שעהנער גלעזערנער זאך, וועלכע, זייענדיג געגוי בעשטימט אין יעדען אויגענבליק, פליסט אריבער די גרענצען פון א ווירקליכקייט.

ענדליך זיינען אויך ענטשטאנען יענע אויסערגעוועהנליכע דאקו־מענטען פון דעם מאמענטאנען, דעם אונבעמערקט פאראיבערגעהענדען. ראדען האט ערווארט, אז די אונשיינבארע בעוועגונגען פון דעם מאדעל, ווען ער פיהלט אויף זיך ניט קיינעמס אויג, ווען מען זאל זיי שנעל ארא־נעמען, וועלען געבען אזא קראפט פון אויסדרוק, וועלכע מיר פיהלען ניט, ווייל מיר זיינען ניט געוועהנט צו פערנעמען זיי מיט געשפאנטער און טהעטיגער אויפמערקזאמקייט. און ווייל ער האט קיינמאל ניט פערלארען פון אויג זיין מאדעל און האט קיין מאל ניט אראבגענומען זיין ערפאהרענע שנעלע האנט פון פאפיר, האט ער געמאכט אהן א צאהל צייכנונגען פון ניט געזעהענע, קיינמאל ניט בעמערקטע זשעסטען, וועלכע האבען אן אונגעהייערע אויסדרוקס־קראפט. צוזאמענהאנגען פון בעוועגונגען, וואס מען האט נאך קיינמאל ניט געזעהן אזוי צו־נויפגעקליבען, האבען דא אין זיך די גאנצע אונמיטעלבארקייט, פולקייט אוןווארימקייט פון א טיערישען לעבען. א פינזעל מיט אקער, גע־פיהרט שנעל דורך די קאנטורען, מיט א פערשיעדענער בעטאנונג, האט אזוי אונגלויבליך שטארק מאדעלירט די איינגעשלאסענע פלאכען, אז עס דוכט אויס, אז מען זעהט דא פלאסטישע פיגורען פון געברענטער ערד. און ווידער איז א גאנץ נייע ווייט ענטדעקט געווארען, פול נאמענלאזען לעבען; א טיף, איבער וועלכע אלע זיינען געגאנגען, האט איהר וואסער געגעבען דעם, אין וועמעס הענט די ווערבע־רוט האט פראפעצייהט.

און וואו ראדען האט זיך אבגעשטעלט אויף פארטרעטען, האט דער צייכנערישער אויסדרוק פון דער טעמא געהערט צו די פארבערייי־טונגען, איבער וועלכע ראדען איז לאנגזאם געגאנגען צו זיין ווייטען ווערק. און אויב מען האט ניט געהאט קיין גרונד צו זעהן אין זיין קונסט אן אימפרעסיאניזם, זיינען דאך די אונצעהליגע ריכטיג, שארף און דרייסט אויפגעפאסטע אימפרעסיאנען דאס גרויסע רייכטום, פון וועלכען ער האט ענדליך אויסגעקליבען דאס וויכטיגע און נויטיגע, אום עס צוזאמענצופאסען אין א רייפען סינטעז. ווען ער פלעגט נאך ערפארשען און אויפבויען קערפער קומען צו געזיכטער, האט ער געמוזט

פיהלען ווי איינער, וואָס איז פון אַ ווינטיגער, בעוועגטער ווייט אַריינגעקומען אין אַ הויז, וואָס איז פול מיט מענשען: האָ איז ענג און טונקעל, און די שטימונג פון אינטעריער הערשט אונטער די ברעמען און אין שאָטען פון מויל. וועהרענד איבער די לייבער געהט אָן אַ שטענדיגע ענדערונג און בעוועגונג, שטעהט אין די געזיכטער די לוסט. עס איז ווי אין צימערען, אין וועלכע פיעלעס איז געשעהן, וואָס איז פול פרייד און טרויער, וואָס איז שווער און פול ערוואַרטונג. און קיין געשעהענים איז ניט פערגאַנגען אין גאַנצען, האָט ניט פערנומען אין גאַנצען דעם אָרט פון דער אַנדערער. איינס איז געבליבען שטעהן נעבען דעם אַנדערען און איז פערוועלקט געוואָרען, ווי בלומען אין אַ גלאָז. ווער אָבער עס קומט פון דרויסען, פון דעם גרויסען ווינט, דער ברענגט די ווייט אַריין אין הויז.

די מאַסקע, „דער מאַן מיט דער געבראָכענער נאָז", איז געוועזען דאָס ערשטע פּאָרטרעט, וואָס האָדען האָט געשאַפען. אין אָט דעם ווערק איז שוין זיין אַרט צו געהן דורך אַ געזיכט גאַנץ בעשטימט. מען פיהלט שוין דאָ זיין אונבעגרענעצטע טרייהייט צום עקזיסטירענדען, זיין עהרפורכט פאַר יעדער ליניע, וועלכע דער שיקזאַל האָט געצויגען, זיין צוטרויען צום שאַפענדען לעבען, אפילו וואו עס דעפאָרמירט. אין בלינדען גלויבען האָט ער געשאַפען דעם אָם אָ נע קאַסע, ניט פרעגענדיג, ווער דער מענש איז געוועזען, וועמעס לעבען איז אין זיינע הענט נאָכאַמאָל פערגאַנגען. ער האָט איהם געמאַכט, ווי גאָט האָט געמאַכט דעם ערשטען מענשען, אָהן קיין אַבזיכט צו שאַפען עפּעס אַנדערש, ווי לעבען אַליין, נאָמענלאָזע לעבען. אָבער אַלעמאָל וויסענדער, ערפאַהרענער און גרעסער האָט ער זיך אומגעקערט צו די געזיכטער פון מענשען. ער האָט זייערע צוגען מעהר ניט געקענט זעהן, ניט דענקענדיג דערביי וועגען די טעג און יאָהרען, וואָס האָבען אויף זיי געאַרבייט, אַרומגעגאַנגען אַרום די געזיכטער, אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרטיג ווערען.

פון אַ שטילער געוויסענהאַפטער ווידערהאָלונג פון לעבען איז אין דעם רייפען מאַן ערשינען צוערשט אַ פּרואַוועגדע, אין דער פינסטער טאַפּענדע, דאַן אַלץ אַ זיכערערע און דרייסטערע ערקלערונג פון דער שריפט, מיט וועלכער די געזיכטער ווערען אַלץ מעהר בעדעקט. ער האָט זיין פאַנטאַזיע ניט אָבגעגעבען קיין אָרט, ער האָט גאָר ניט ערפונדען. ער האָט איין אויגענבליק ניט פּעראַכטעט דעם שווערען וועג

פון זיין ווערקצייג, און איבעריאָגען עס אויף וועלכע עס איז פליגלען איז געווען אזוי לייכט. ווי פריהער איז ער געגאַנגען נעבען זיין ווערק־צייג דעם גאַנצען ווייטען וועג, ווי אַ בויער געהט הינטער זיין אַקער. אָבער וועהרענד ער האָט געצויגען די אַקערשטריכען, האָט ער נאָכגע־דענקט וועגען זיין לאַנד און וועגען דער טיף פון זיין לאַנד, וועגען דעם הימעל איבער איהם, וועגען דעם גאַנג פון ווינט און וועגען רעגען, וועגען אַלץ, וואָס איז געווען, האָט געווירקט, איז פערגאַנגען, ווידער געקומען און ניט אויפגעהערט צו זיין. און איצט, זייענדיג וועניגער צומישט פון דער פולקייט און פערשידענאַרטיגקייט, האָט ער ערוואַרט, אַז ער וועט דערזעהן דאָס אייביגע, צוליעב וואָס אויך די ליידען, די שווערע מוטערשאַפט און דער שמערץ זיינען גוט און שעהן.

אָט די אינטערפּרעטאַציאָן, וואָס האָט נאָך אָנגעהויבען ביי די פּאָרטרעטען, איז וואָס ווייטער אַלץ טיפער אריינגעוואַקסען אין זיין ווערק. זי איז די לעצטע שטופע, דער לעצטער אויסערליכער קרייז פון זיין ווייטער ענטוויקלונג. לאַנגזאַם האָט ער דאָס אָנגעהויבען, מיט אונענדליכער פּאָרזיכטיגקייט האָט ראָדען בעטראָטען דעם נייעם וועג. ווידער איז ער געגאַנגען פון פלאַך צו פלאַך, איז נאָכגעגאַנגען דער נאַטור און זיך צוגעהערט צו איהר. זי אַליין האָט איהם אָנגע־וויזען די ערטער, פון וועלכע ער האָט מעהר געוואוסט, ווי מען האָט געקענט זעהן. ווען ער איז אַהין אריינגעדרונגען און האָט פון פיעלע פערוויקעלטקייטען בעשאַפען איין גרויסע פערייינפאַכונג, האָט ער געטהאָן דאָס, וואָס קריסטוס האָט געטהאָן, ווען ער האָט די אונקלאָ־פּרעגענדע גערייניגט פון זייער שולד מיט אַן ערהאַבענעם גלייכניס. ראָדען האָט אויסגעפיהרט אַן אבזיכט פון דער נאַטור. ער האָט פער־ענדיגט אַ זאַך, וואָס איז געווען הילפלאָז אין פּראָצעס פון ווערען. ער האָט אויפגעדעקט די צוזאַמענהאַנגען. ווי דער אָווענד פון אַ נעבעל־דיגען טאָג דעקט אויף די בערג, וואָס געהען אַוועק אין גרויסע וועלען אין די ווייט.

בעלאָדען מיט דער לעבעדיגער לאַסט פון זיין גאַנצען וויסען, האָט ער געזעהן ווי אַ צוקונפטיגער אין די געזיכטער פון די, וואָס האָבען אַרום איהם געלעבט. דאָס האָט זיינע פּאָרטרעטען געגעבען די אונ־געוועהנליכע בעשטימטקייט, אָבער אויך יענע פּראָפעטישע גרויסקייט, וואָס דערהויבט זיך אין די בילדער פון וויקטאָר הוגאָ אָדער באַלזאַק צו אַן אונבעשרייבליכער פערענדיגטקייט. שאפען א בילד האָט פאַר

איהם געהייסען זוכען אין אַ געגעבענעם געזיכט די אייביגקייט, יענע שטיק אייביגקייט, מיט וועלכען עס האָט זיך בעטייליגט אין דעם גרויסען גאַנג פון אייביגע זאַכען. ער האָט ניט קיין בילד, וועלכען ער האָט ניט פון די ווינקלען אַרויפגעהויבען צו פערשטעהן איהרע פאָרמען. דאָס איז ניט דאָס, וואָס מען רופט פערשעהנערען, און כאַראַקטעריסטיש מאַכען איז אויך ניט דער פאַסענדער אויסדרוק פאַר דעם. דאָס איז מעהר; דאָס איז: דאָס אייביגע אָבטיילען פון דעם פערגענגליכען, אַ געריכט האַלטען, זיין געריכט.

זיין פאָרטרעט ווערק, אַפילו ווען מען שליסט דאָ ניט איין די ראַדירונגען, נעמט אַרום אַ זעהר גרויסע צאָהל פערענדיגטע און מייסטערהאַפטע בילדער. דאָ זיינען פאַראַן ביוסטען אין בראָנז, גיפּס, מאַרמאָר און זאַמדשטיין, קעפּ אין געברענטען ליים און מאַסקען, וועלכע מען האָט איינפאַך געטריקענט. פרויען בילדער האָט ער געשאַפען אין אַלע צייטען פון זיין אַרבייט. דער בעריהמטער ביוסט פון לוקסעמבורגער מוזעאום איז איינס פון זיינע פריהסטע ווערק. זי איז פול אייגענטימליכען לעבען, האָט אַ געוויסען ווייבליכען צויבער, אָבער אין איינפאַכקייט און צוזאַמענפאַסונג פון פלאַכען שטעהען פיעלע שפּעטערע ווערק העכער. זי איז אפשר דאָס איינציגע צווישען ראָדען'ס ווערק, וועלכע האָט ניט נאָר בעקימען איהר שעהנקייט פון ראָדען'ס אייגענטימליכע טוגענדען, נאָר וועלכע לעבט אויך מיט דעם גנאָד פון יענער גראַציע, וואָס איז ערבליך אין דער פראַנצויזישער פלאַסטיק זייט יאָהרהונדערטען. דאָס ווערק גלאַנצט מיט יענער עלעגאַנץ, וועלכע אַפילו די שלעכטע סקולפּטור פון פראַנצויזישער טראַדיציאָן בעוויזט; עס איז ניט אינגאַנצען פריי פון יענער גאַלאַנטער אויפפאַסונג פון דער בעל פאַם, וועלכע ראָדען'ס ערנסט און זיין טיפע אַרבייט האָבען אזוי שנעל אַריבערגעוואַקסען. אָבער עס איז גוט זיך דאָ צו דערמאָנען, אַז אַפילו ער האָט אויך געמוזט איבערוועלטיגען דאָס איינגעוואָרצעלטע געפיהל; ער האָט געמוזט אונטערדריקען עפּעס, וואָס איז געווען איינגעבאָרען, כדי אָנצוהויבען גאַנץ אָרים. ער האָט אָבער דעריבער ניט אויפגעהערט צו זיין פראַנצויז: די מייסטער פון די קאַטעדראַלען זיינען דאָס אויך געווען.

די שפּעטערע פרויען בילדער האָבען אַנאַנדערע, טיפער בעגרינדעטע און ווייניגער אָנגענומענע שעהנקייט. דערביי מעגען מיר בעמערקען, אַז ראָדען'ס פאָרטרעטען זיינען מעהרסטענס געווען פון אויסר

לענדישע פרויען, אמעריקאנערינען. צווישען זיי געפינען זיך אייניגע פון וואונדערבארער ארבייט, ריין און אונבעריהרבאר, ווי די קאמעען פון אלטערטום. געזיכטער, וועמעס שמייכעל איז אין ערגעץ ניט בע־פעסטיגט, שפיעלט איבער די געזיכטסצוגען אזוי ווייך, אז עס הויבט זיך ביי יעדען אטעמצוג. געיימניספול פערשלאָסענע ליפען און פער־טרוימטע אויגען, וואס קוקען אין אן אייביגע לבנה נאכט. און דאך האט ראדען עמפפונדען די פרויען געזיכטער, ווי טיילען פון שעהנעם קערפער, ווי ער וואלט געוואלט, אז זיינע אויגען און מויל זאלען זיין אויגען און מויל פון לייב. און וואו ער האט דאס אזוי איינגאנצען בעשאפען און בעוויזען, האט דאס געזיכט בעקומען אזא שטארקען אויסדרוק פון אונבעוואוסטען לעבען, אז אט די ווערק איבערטרעפען ווייט די מעהר „אויסגעפיהרטע" פרויען פארטרעטען.

אנדערש איז דאס מיט די מענער פארטרעטען. מען קען זיך לייכטער פארשטעלען דאס וועזען פון א מאן, פערזאמעלט אין זיין גע־זיכט. מען קען זיך אפילו פארשטעלען אויגען — פון רוהיגקייט ווי פון אינערליכער אויפרעגונג — אין וועלכע דאס גאנצע לעבען שפיגעלט זיך אב. אזעלכע אויגען קלייבט ראדען אויס, וואו ער וויל געבען א פארטרעט פון א מאן; אדער בעסער: ער שאפט די אויגען. ער ווארט. ער פערלאזט זיך ניט אויף די ערשטע איינדרוקען. ער בע־אבאכטעט און נאטירט. ער נאטירט די אונוויכטיגסטע בעוועגונגען, ווענדונגען און האלבווענדונגען, פערציג פערקירצונגען און אכציג פראָ־פילען. ער איבעראשט זיין מאדעל אין זיינע געוואוינהייטען און צו־פעליגקייטען, ביי אויסדרוקען, וואס דארפען ערשט ענטשטעהן, ביי מיעדקייטען און אנשטרענגונגען. ער קען די אלע איבערגאנגען, וויס, פון וואנען א שמייכעל קומט און וואוהין עס געהט אוועק. ער לעבט איבער א מענשען'ס געזיכט, ווי א סצענע, אין וועלכער ער איז אליין בעטייליגט, ער שטעהט אין מיטען, און קיין זאך איז פאר איהם ניט גלייכגילטיג און מיידט איהם ניט אויס. ער לאזט זיך ניט דערצעהלען, ער וויל גארניט וויסען, נאר דאס, וואס ער זעהט. אבער ער זעהט אלץ.

אזוי געהט אוועק זעהר פיעל צייט אויף יעדען ביוסט. דאס מא־טעריאל וואקסט, טיילווייז אנגעמערקט אין צייכנונגען, אין א פאר פערערשטריכען און טושפלעקען, טיילווייז אנגעזאמעלט אין זכרון; ווייל זיין זכרון האט ער געמאכט פאר א העכסט פערלעסליכען און

אַלעמאַל גרייטען הילפסמיטעל. זיין אויג זעהט וועהרענד די זיצונגען פיעל מעהר, ווי ער קען אויספיהרען. ער פערגעסט דערפון קיין זאַך ניט, און אָפט, ווען זיין מאָדעל געהט אַוועק, הויבט זיך ערשט אָן זיין אייגענטליכע ארבייט פון דער פולקייט פון זיין עראינערונג. און זיין עראינערונג איז ווייט און ברייט; די איינדרוקען בלייבען אין איהר אונפערענדערט, אָבער זיי געוועהנען זיך צו דאָרט צו וואוינען, און ווען זיי קומען פון דאָרט אַראָב אין זיינע הענט, איז עס פונקט ווי זיי וואָלטען געווען נאַטירליכע בעוועגונגען פון די הענט.

אזא ארט פון ארבייטען פיהרט צו געוואַלטיגע צוזאמענפאַסונגען פון הונדערטער און הונדערטער לעבענסמאָמענטען: און דאָס איז אויך דער איינדרוק, וואָס די ביוסטען מאַכען. די פיעלע ווייטע קאָנטראַס־טען און די פּלוצלונגע איבערגאַנגען, וואָס גיבען אַ בילד פון איין מענ־שען אין זיין שטענדיגער ענטוויקלונג, טרעפען זיך אין גליקליכע בע־געגנונגען און האַלטען זיך פעסט צוזאמען מיט אַן אינערליכער פער־בינדונגס־קראַפט. פון אַלע ווייטען פון זייער וועזען זיינען אָט די מענשען צונויפגענומען, אַלע קלימאַטען פון זייערע טעמפעראַמענטען וויקלען זיך אויף אויף די העמיספערען פון זייערע קעפּ. אָט איז דער סקולפּטאָר דאַלו, אין וועלכען אַ נערוועזע מיעדקייט וויברירט נעבען אַ געדולדיגער און גייציגער ענערגיע, און דאָ איז אַנרי ראָשפאָר׳ס אוואַנטורען מאַסקע, אָט איז אָקטאַוו מירבאָ, ביי וועמען אַ דיכטער׳ס טרוים און בענקשאַפט דרימעלט הינטער דעם מענשען פון טהאַט, און פּואווי דע שאוואַן און וויקטאָר הוגאָ, וועמען ראָדען האָט אַזוי געניי געקענט, און דאָ איז די אונבעשרייבליך שעהנע בראָנז, דאָס בילד פון דעם מאַלער זשאַן פּאָול לאָורענס. דער לעצטער ביוסט איז אפשר די שעהנסטע זאַך אין לוקסעמבורג מוזעאום. אין איהר זעהט מען אַזאַ טיפע און אַזאַ וואונדערליך עמפּפונדענע דורכבילדונג פון אויבערפלאַ־כען, זי איז אַזוי געשלאָסען אין איהר האַלטונג, אַזוי שטאַרק אין אויס־דרוק, האָט אַזוי פיעל בעוועגונג און וואַכזאַמקייט, אַז מען האָט די גאַנצע צייט דאָס געפיהל, דאָס די נאַטור אַליין האָט דאָס ווערק גע־נומען פון די הענט פון דעם סקולפּטאָר, אום עס צו האַלטען ווי איינע פון איהרע ליעבסטע זאַכען.

עס איז אויך פאַראַן אַ ביוסט פון באַסטיאַן־לעפּאַזש, שעהן און מעלאַנכאָליש, מיט דעם אויסדרוק פון אַ ליידענדען. דער ביוסט איז געמאַכט פאַר דאַמוויעי, דעם מאַלער׳ס קליינע היימאַטסדאָרף, און איז

דאָרט אויפגעשטעלט אויף׳ן בית עולם. דאָס איז דעריבער אייגענטליך א דענקמאל. און יעדער ביוסט ראָדען׳ס איז אזוי פאָלשטענדיג און אזוי גרויס אין צוזאַמענפאַסונג, אַז ער איז אין אַ זין אַ דענקמאל. עס קומט אין דעם דענקמאל נאָך אַ ווייטערע פעראייניגונג פון פלאַכען, אַ נאָך שטרענגערער אויסוואהל און די בעדינגונג פון דעם ווייטזיכטבאַרען. ראָדען׳ס דענקמאַלען קומען אַלץ נעהנטער צו אַט די פאָדערונגען. ער האָט אָנגעהויבען מיט דעם דענקמאל פון קלאוד זשעלע פאר נאַנסי; און ער האָט הויך געשטיגען פון אָט דעם אינטערעסאַנטען ערשטען פערזוך ביז דעם גראַנדיעזען דענקמאל פון באַלזאַק.

פיעלע דענקמאַלען ראָדען׳ס זיינען געשיקט געוואָרען אין אַמעריקא, און דאָס רייכסטע פון זיי איז צושטערט געוואָרען ביי די אונרוהען אין טשילי, נאָך איידער מען האָט עס אוועקגעשטעלט אויף דעם בעשטימטען אָרט. דאָס איז געווען אַ רייטער־סטאַטו פון גענעראַל לינטש: זי האָט געהאַט דעם שיקזאַל פון דעם פערלאָרענעם ווערק פון לעאָנאַרדאָ, צו וועלכען ראָדען׳ס ווערק איז אפשר נאָהנט אין דער מאַכט פון אויסדרוק און אין דער וואונדערליך בעזעלטער איינהייט פון מאַן און פערד. נאָך אַ קליינעם גיפּסמאָדעל אין מוזעע ראָדען אין מעדאָן מוז מען שליסען, אַז דאָס איז געווען אַ פּלאַסטיש בילד פון אַ מאָגערען מאַן, וועלכער זעצט זיך אין זאָטעל מיט אַ בעפעהלענדען זשעסט, אָבער מען זעהט, אַז ער איבט אוים זיין מאַכט צו בעפעהלען נאָר אין זיין אַמט, און ניט אין זיין לעבען.

דאָ דערהויבט זיך שוין איבריגענס די פאָרוועָרטס אָנווייזענדע האַנט פון גענעראַל איבער דער גאַנצער מאַסע פון מענש און טיער. דאָסזעלבע גיט וויקטאָר הוגאָ׳ס בעוועגונג איהר אונפערגעסליכע הויכקייט. די גרויסע לעבעדיגע האַנט, וואָס רעדט מיט דעם ים, קומט ניט פון דעם דיכטער אַליין; זי שטייגט אראָב פון דעם שפּיץ פון דער גאַנצער גרופּע, ווי פון אַ באַרג, אויף וועלכען זי האָט געבעטען גאָט, איידער זי האָט אָנגעהויבען רעדען. וויקטאָר הוגאָ איז דאָ דער פערטריבענער, דער איינזאַמער פון גערנעסעי, און איינער פון די וואונדער פון דעם דענקמאל איז, דאָס די מוזען, וואָס רינגלען איהם ארום, ווירקען ניט ווי געשטאַלטען, וואָס בעזוכען אַ פערלאָזענעם: זיי זיינען, פערקערט, זיין זיכטבאַר געוואָרענע איינזאַמקייט. דורך די פעראינערליכונג פון די איינצעלנע פיגורען און די קאָנצענטראַציאָן, מען וואָלט געקענט זאָגען: אַרום דעם אינערסטען פון דיכטער, האָט ראָדען

בעקומען יענעם וואונדערליכען איינדרוק; אזוי ווי ער איז דאָ אויף ארויסגעגאנגען פון אן אינדיווידואליזירונג פון די בעריהרונגספונקטען, איז איהם געלונגען צו מאכען פון די וואונדערליך בעוועגטע אקטען אָרגאנען פון דעם מאן וואָס זיצט. זיי זיינען ארום איהם ווי גרויסע בעוועגונגען, וואָס ער האָט אמאָל געמאכט, בעוועגונגען, וואָס זיינען געווען אזוי שעהן און יונג, אז אַ געטין האָט זיי געשיקט איהר גנאָד, ניט צו פערגעהן און בלייבען אויף אייביג אין דער געשטאַלט פון שעהנע פרויען.

פאַר די פיגור פון דעם דיכטער האָט ראָדען געמאכט פיעלע שטו־דיען. ווערהענד אן עמפפאנג אין האָטעל לוזיניאן האָט ראָדען פון אַ פענסטער־ניש בעאָבאכט און נאָטירט הונדערטער און הונדערטער בע־וועגונגען פון דעם אַלטען מאן און אַלע אויסדרוקען פון זיין בעלעב־טען געזיכט. פון אָט די פאָרבערייטונגען זיינען ארויסגעקומען ראָ־דען׳ס פּאָרטרעטען פון הוגאָ. פאַר דעם דענקמאָל האָט ער געמוזט האָבען נאָך אַ גרעסערע פערטיפונג. ער האָט אָבגערוקט אַלע זיינע איינצעלנע איינדרוקען, האָט זיי אין דער ווייט צוזאמענגעפאַסט, און ער האָט פון אַלע בילדער פון זיין עראינערונג געשאַפען איינס, פונקט ווי מען האָט, מעגליך, פון אַ רייהע רהאפּסאָדען געשאַפען איין גע־שטאַלט: האָמער. און דעם איינעם, לעצטען בילד האָט ראָדען גע־געבען די גרויסקייט פון עפּעס זאָגענהאַפטעם; אזוי ווי דאָס אַלץ האָט גאָר נאָך אַלעמען געקענט זיין אַ מיטה און צוריקגעהן צו איינעם פון די פאַנטאַסטישע פעלזען אין ים.

אָט די מאכט צו דערהויבען דאָס פערגאַנגענע צום אונפערגענג־ליכען האָט ראָדען ארויסגעוויזען אַלעמאָל, ווען היסטאָרישע שטאָפען אָדער געשטאַלטען האָבען געדאַרפט אויפלעבען אין זיין קונסט; אָם איבערלעגטסטען אפשר האָט ער די מאכט בעוויזען אין די בירגער פון קאַלעי. וואָס דאָ איז געווען שטאָף, איז בעשטאַנען אין גאַנצען פון אַ פּאָר שפּאַלטען אין דער כראָניק פון פרואַסאַר. דאָס איז געווען די געשיכטע פון דעם, ווי די שטאָדט קאַלעי איז בעלאַגערט געוואָרען פון דעם ענגלישען קעניג, עדוואַרד דעם דריטען; ווי דער קעניג וויל זיך ניט דערבאַרמען אויף די שטאָדט, וועלכע איז פערצווייפעלט און אין שרעק פון הונגער; ווי דערזעלבער קעניג וויליגט איין ענדליך אָבצוטרעטען פון דער שטאָדט, ווען זעקס פון איהרע אָנגעזעהענסטע בירגער וועלען זיך איבערגעבען אין זיינע הענט, „אַז ער זאָל מיט

זיי קענען טהאָן נאָך זיין ווילען". און ער האָט פערלאַנגט, אַז זיי זאָלען פערלאָזען די שטאָדט מיט אונבעדעקטע קעפּ, אין איין העמד, מיט אַ שטריק אויף'ן האַלז און מיט די שליסלען פון דער שטאָדט און פון דעם בעפעסטיגטען שלאָס אין האַנט. דער כראָניסט דער־צעהלט דאָן די סצענע אין שטאָדט. דער בירגערמייסטער, מ. זשאָן דע וויען, האָט געהייסען קלינגען די גלאָקען, און די בירגער האָבען זיך פערזאַמעלט אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ. זיי האָבען אויסגעהערט די טרויע־ריגע שליחות און זיי וואַרטען און שווייגען. אָבער באַלד שטעהען אויף צווישען זיי די העלדען, די אויסדערוועהלטע, וואָס פיהלען אין זיך דעם בערוף צו שטאַרבען. דאָס שרייען און וויינען פון דער מענגע רייסט זיך דורך אין דעם כראָניקער'ס ווערטער. אָבער באַלד בע־הערשט ער זיך. ער רופט אָן פיער פון די העלדען, צוויי האָט ער פערגעסען. איינער איז געווען דער רייכסטער בירגער פון שטאָדט, דער צווייטער איז געווען אָנגעזעהען און רייך און האָט געהאַט צוויי שעהנע פריילײנס־טעכטער, וועגען דעם דריטען ווייס דער כראָניסט נאָר, אַז ער איז געווען רייך, און דער פערטער איז געווען זיין ברודער. דאָן דערצעהלט ווייטער דער פראַנצויזישער כראָניסט ווי זיי האָבען זיך אויסגעטהאָן ביז'ן העמד, ווי זיי האָבען אַרומגעבונ־דען אַ שטריק אויפ'ן האַלז און גענומען אין האַנט די שליסלען פון שטאָדט און שלאָס; ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין קעניג'ס לאַגער, און דער קעניג האָט זיי זעהר האַרט אויפגענומען. דער הענקער איז שוין געשטאַנען נעבען זיי, ווען, אויף דער קעניגין'ס ביטע, האָט מען זיי געשאָנקען דאָס לעבען. „ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין פרוי, — דערצעהלט פרואסאר, — ווייל זי איז געווען שוואַנגער". מעהר דערצעהלט ניט די כראָניק.

פאַר האָדען אָבער איז דאָס שטאָף געווען גענוג. ער האָט באַלד געפיהלט, אַז עס איז דאָ אין דער געשיכטע אַן אויגענבליק, אין וועל־כען עפּעס גרויסעס איז געשעהן, עפּעס, וואָס האָט ניט געוואוסט פון צייט און נאָמען, עפּעס, וואָס איז אונאָבהענגיג און איינפאַך. ער האָט זיין אויפמערקזאַמקייט געווענדט אויף דעם מאָמענט, ווען זיי פערלאָזען די שטאָדט. ער האָט געזעהן, ווי די מענשען האָבען אָנ־געהויבען זייער גאַנג; ער האָט געפיהלט, ווי אין יעדען פון זיי איז נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבען, וואָס ער האָט דורכגע־מאַכט, ווי יעדערער פון זיי, בעלאַדען מיט זיין פערגאַנגענהייט, איז

דאָ געשטאַנען, גרייט אַרויסצוטראָגן זי פון דער אַלטער שטאָדט. זעקס מענער זיינען פאַר איהם אַרויפגעשוואומען, פון וועלכע קיין איינער איז ניט געווען עהנליך צום צווייטען; נאָר צוויי ברידער זיי־נען צווישען זיי געווען, און זיי זיינען אפשר יע געווען עהנליך איינער צום אַנדערען. אָבער יעדערער פון זיי איז אויף זיין אייגענעם אופן געקומען צו זיין בעשלום, האָט אויף זיין אייגענער אַרט געלעבט די לעצטע שטונדען, האָט זיי געפייערט מיט זיין זעל און האָט געליטען מיט זיין לייב, וועלכער איז צוגעבונדען צום לעבען. און דאַן האָט ער אויך ניט געזעהן מעהר די געשטאַלטען.

אין זיין זכרון זיינען אויפגעשטאַנען זשעסטען און פּאָזיציאָנען. זשעסטען פון אָבשיעד, פון רעזיגנאַציאָן, זשעסטען איבער זשעסטען. ער האָט זיי צונויפגעקליבען, האָט זיי אויפגעבויט. פון דער פולקייט פון זיין וויסען האָבען זיי געשטראָמט צו איהם. אין זיין זכרון זיינען אויפגעשטאַנען הונדערט העלדען און האָבען געצאיילט צו דעם אָפּפער. ער האָט אָנגענומען אַלע הונדערט און געמאַכט פון זיי זעקס. ער האָט זיי אויפגעבויט נאַקעט, יעדערען פאַר זיך, אין דער גאַנצער עלאָקווענץ פון זייערע ציטערענדע לייבער, אין דער נאַטירליכקייט פון זייער ענט־שלום.

ער האָט געשאַפען דעם אַלטען מאַן מיט די אַראָבהענגענדיגע הענט. ער האָט איהם געגעבען דעם שווערען, שלעפּענדיגען טריט, דעם גאַנג פון דעם אַלטען מענשען, און אַן אויסדרוק פון מיעדקייט, וואָס פליעסט איבער זיין געזיכט ביז צו דער באָרד.

ער האָט געשאַפען דעם מאַן, וואָס טראָגט דעם שליסעל. עס איז נאָך פאַראַן אין איהם לעבען פאַר פיעלע יאָהרען, און אַלץ איז איינגעדרענגט אין די פּלוצלונגע לעצטע שטונדע. ער קען דאָס קוים איבערטראָגען. זיינע ליפּען זיינען צונויפגעפּרעסט, זיינע הענט האָ־בען זיך איינגעגעסען אין דעם שליסעל. ער האָט זיין קראַפט צוגע־געבען פייער, און זי ברענט אין איהם.

ער האָט געשאַפען דעם מאַן, וועלכער האַלט מיטביידע הענט דעם אַראָבגעזונקענעם קאָפּ, ווי אום צונויפצוזאמלען זיך און נאָך איין אויגענבליק זיין אַליין.

ער האָט געשאַפען די צוויי ברידער, איינער פון וועלכע קוקט אויף צוריק, ווערענד דער אַנדערער נייגט זיין קאָפּ מיט אַ בעוועגונג

פון ענטשלאָסענהייט און רעזיגנאַציאָן, ווי ער וואָלט איהם אויסגע־שטרעקט פאַר דעם הענקער.

און ער האָט בעשאפען די אונקלאָרע בעוועגונג פון דעם מאַן, וואס „געהט דורך דאָס לעבען", — „לע פּאַסאַן", האָט איהם גוסטאַוו זשעפראַי גערופען. ער געהט שוין, אָבער ער ווענדט זיך נאָך איין מאָל צוריק, ניט צו דער שטאָדט, ניט צו די וויינענדע און ניט צו די, וואס געהען מיט איהם. ער ווענדט זיך צוריק צו זיך אליין. זיין רעכטער אָרעם הויבט זיך, בויגט זיך אין א ניט זיכערער בעוועגונג; די אויפגעהויבענע האנט בלייבט לייז אין דער לופט, ווי א פויגעל וואס מען האָט בעפרייט. דאָס איז אָן אָבשיעד פון אלץ וואס איז אונבע־וואוסט, אונזיכער, פון א גליק, וואָס איז נאָך ניט געווען, פון ליידען, וואָס וועלען איצט אומזיסט וואַרטען, פון מענשען, וואָס לעבען ערגעץ און וועלכע מען וואָלט אפשר אמאָל בעגעגענט, פון אלע מעגליכקייטען פון מאָרגען און איבערמאָרגען, און אויך פון יענעם טויט, וואָס מען שטעלט זיך פאָר ווייט, ווי עפּעס וואָס איז מילד און שטיל און צום סוף פון א לאַנגער, לאַנגער צייט.

אָט די געשטאַלט אליין, אוועקגעשטעלט אין אַן אלטען, טונקעלען גאָרטען, קען זיין א דענקמאל פאַר אלע יונג־געשטאָרבענע.

און אָט אַזוי האָט ראָדען געגעבען יעדען איינעם פון זיי א לעבען אין דער לעצטער בעוועגונג פון זייער לעבען.

די איינצלנע פיגורען זיינען ערהאַבען אין זייער איינפאַכער גרויס־קייט. זיי דערמאָנען אָן דאָנאַטעלאָ, און אפשר נאָך מעהר קלאָ סלוטער און זיינע פּראָפעטען אין דער שארטרעז פון דיזשאָן.

מען בעקומט דעם איינדרוק, ווי ראָדען וואָלט מעהר גאָר ניט גע־טהאָן ווי צוזאמענצופאַסען די איינצעלנע פיגורען. ער האָט זיי געגע־בען די געמיינשאַפטליכע לאַסט, דאָס העמד און דעם שטריק, און האָט זיי אוועקגעשטעלט אין צוויי רייהען: די דריי, וועלכע מיר זעהען שוין אין גאַנג אין דער ערשטער רייה, די אַנדערע מיט א ווענדונג נאָך רעכטס, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָנגעשלאָסען אָן די ערשטע. דער פּלאַץ, פאַר וועלכען מען האָט דאָס דענקמאל בעשטימט, איז געווען דער מאַרק פון קאַלעי, דערזעלבער אָרט, וואו דער שווערער גאַנג האָט זיך אמאָל אָנגעהויבען. דאָרט האָבען די בילדער געזאָלט שטעהן, גאַנץ נידריג, קוים אויפגעהויבען איבער דער אַלטעגליכקייט, אַזוי ווי די טרויעריגע שעה וואָלט נאָך אלץ פאָרגעשטאַנען, אין מיטען פון יעדער צייט.

מען האָט אָבער אין קאַלעי ניט געוואָלט אָננעמען אַזאַ נידריגע סטאַטו, ווייל דאָס איז געווען אין ווידערשפּרוך צו דער געוואוינהייט, און ראָדען האָט פאַרגעשלאָגען אַן אַנדער אויפשטעלונג. ער האָט פער־לאַנגט, מען זאָל אויפבויען האַרט ביים ים אַ פיערעקיגען טורעם, צוויי שטאָק די הויך, מיט גלייכע גלאַטע ווענט, און דאָרט אויבען זאָל מען די זעקס בירגער אויפשטעלען אין דער איינזאַמקייט פון ווינט און הימעל. מען האָט געקענט פאַראויסזעהן, אַז דער פאָרשלאַג וועט אויך ניט אָנגענומען ווערען. און דאָך איז ער געלעגען אין תוך פון דער זאַך. דאָ איז געווען אַ גלענצענדע געלעגענהייט צו בעוואונדערען די געשלאָ־סענהייט פון דער גרופּע, וואָס איז בעשטאַנען פון זעקס איינצעלנע פיגורען און איז דאָך געווען אַזוי פעסט צוזאַמענגעבונדען, ווי דאָס וואָלט געווען איין זאַך. און דערביי האָבען די איינצעלנע געשטאַלטען זיך ניט בעריהרט. זיי זיינען געשטאַנען איינס נעבען דעם צווייטען, ווי די לעצטע בוימער פון אַן אויסגעהאַקטען וואַלד, און פעראייניגט האָט זיי נאָר די לופט.

געהט מען אַרום דער גרופּע, ווערט מען איבעראַשט, ווי פון דער וועלען־בעוועגונג פון די קאָנטורען קומען אַרויס די זשעסטען ריין און גרויס, דערהויבען זיך, שטעהען און פליהען צוריק אין די מאַסע, ווי אויפגעצויגענע פאָהנען. דאָ איז אַלץ געווען קלאָר און בעשטימט. פאַר אַ צופאַל איז דאָ ניט געווען קיין אָרט. די גרופּע, ווי אַלע ראָדען'ס גרופּען, איז איינגעשלאָסען אין זיך אַליין, אין אייגענע וועלט, אָנגע־פילט מיט אַ לעבען, וואָס געהט אין אַ קרייז, שטראָמט אָבער אין ערגעץ ניט אַרויס, ווערט אין ערגעץ ניט פערלאָרען.

אנשטאָט בעריהרונגען זיינען דאָ פאַראַן איבערשניידונגען, וועל־כע זיינען דאָך אויך אַן אַרט פון בעריהרונג, אונענדליך אָבגעשוואַכט דורך דאָס מעדיום פון לופט, וואָס געפינט זיך צווישען, בעאיינפלוסט און פעראַנדערט פון איהר. בעריהרונגען פון דער ווייט זיינען ענט־שטאַנען, בעגעגנונגען, אַ געגענזייטיגע צוציהונג פון פאָרמען, ווי מען זעהט דאָס אַמאָל ביי די וואָלקענס אָדער די בערג, וואו די צווישען לי־גענדע לופט איז אויך ניט קיין אָבגרונד, וואָס צושיידט, נאָר ניכער אַ לייטונג, אַ שטילער איבערגאַנג.

פאַר ראָדען האָט די בעטייליגונג פון דער לופט אַלעמאָל געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג. ער האָט אַלע זיינע זאַכען אריינגעפּאַסט אין רוים, און דאָס האָט זיי געגעבען יענע גרויסקייט און זעלבסטשטענ־

דיגקייט, יענע אונבעשרייבליכע ערוואקסענקייט, וועלכע אונטערשיידט זיי פון אלע זאכען. אָבער אינטערפּרעטירענדיג די נאַטור, האָט ראָדען בּיסלעכווייז געמוזט פערשטאַרקען די אויסדרוקען, און גלייכצייטיג אויך דערהויבען די פערהעלטניס פון דער אַטמאָספער צו זיין ווערק, אַז זי זאָל ארומנעמען די צוזאַמענגעפּאַסטע פּלאַכען מעהר בעוועגט און ליידענשאַפטליך. זיינען זיינע ווערק פריהער געשטאַנען אין רוים, איז עס איצט, ווי ער וואָלט זיי געריסען צוריק צו זיך, נאָר ביי איינצעלנע טירען אויף די קאַטעדראַלען קען מען זעהן עפּעס ענליכס. אויך אין זיי האָט זיך די לופט אויף אַן אייגענטימליכער אַרט בעטייליגט: עס האָט אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט געוועזען שטילקייט אָדער ווינט, אָבהענגיג פון דעם, צי זי איז געגאַנגען איבער בעטאָנטע אָדער שטילע ערטער. און אין דער אמת'ען, ווען ראָדען האָט צוזאַמענגעפּאַסט די הויכע אויבערפלאַכען פון זיינע ווערק, ווען ער האָט דערהויבען דאָס ערהאַבענע און האָט די הייהלען פערטיפט, האָט ער געהאַנדעלט מיט זיין ווערק, פּונקט ווי די אַטמאָספער האָט געהאַנדעלט מיט יענע זאַכען, וועלכע האָבען איהם געהערט זייט הונדערט יאָהרען. זי האָט אויך צוזאַמענגעפּאַסט, פערטיפט, אָבגעזעצט שטויב, האָט מיט רעגען און פראָסט, מיט זון און שטורם ערצויגען די זאַכען פאַר זייער לעבען.

שוין ביי די בירגער פון קאַלעי איז ראָדען אין דעם פּונקט געוועזען אויף זיין אייגענעם וועג. דאָס איז געוועזען דאָס מאָנומענטאַלע פּרינציפּ פון זיין קונסט. מיט אַזא מיטעל האָט ער געקענט שאַפען זאַכען, וואָס זאָלען זיך ווייט אָנזעהן, זאַכען וואָס זיינען אַרומגערינגעלט ניט נאָר פון דער אַרומיגער לופט, נאָר פון דעם גאַנצען הימעל. ער האָט געקענט מיט אַ לעבעדיגער פלאַך, ווי מיט אַ שפּיגעל, פאַנגען און בעוועגען די ווייטען, און ער האָט געקענט פאָרמירען אַ זשעסט, אַ בעוועגונג, וואָס איז אין זיינע אויגען געוועזען גרויס, און צווינגען דעם רוים זיך אין דעם צו בעטייליגען.

אַזוי איז דער קליינער אינגעל, וואָס קניהט און שטרעקט אויס זיינע אָרעמס אין אַ בעוועגונג פון געבעט. ראָדען האָט די פיגור אָנגערופען „דער פערלאָרענער זוהן“, אָבער די פיגור טראָגט דעם נאָמען „פריער“. און זי וואַקסט אַריבער אפילו אָט דעם נאָמען אויך. דאָס איז ניט אַ זוהן, וואָס קניהט פאַר זיין פאָטער. די בעוועגונג מאַכט אַ גאָט נויטווענדיג, און אין דעם, וואָס מאַכט די בעוועגונג, זיינען פער-

קערפּערט אַלע, וואָס דאַרפֿען אַ גאָט. אָט דעם שטיין געהערען אַלע ווייטען; ער איז אַליין אויף דער וועלט.

און אַזוי איז אויך באַלזאַק. ראָדען האָט איהם געגעבען אַ גרויס־קייט, וואָס שטייגט אפשר אריבער די געשטאַלט פֿון דעם שריפֿטשטע־לער. ער האָט איהם בענומען אין זיין תוך, האָט זיך אָבער ביי דעם ניט אָבגעשטעלט: אַרום זיינע ווייטסטע און לעצטע מעגליכקייטען, אַרום דעם אונערררייכטען האָט ראָדען געצויגען דעם מעכטיגען קאָנטור, וואָס דערמאָנט אָן מצבות פֿון לאַנג פֿערגאַנגענע פֿעלקער. זייט פֿיעלע יאָהרען האָט ראָדען אין גאַנצען געלעבט אין אָט דער געשטאַלט. ער האָט געזוכט באַלזאַק'ס היימאַט, די לאַנדשאַפֿטען פֿון טורעין, ער האָט זיינע בריעף געלעזען, ער האָט שטודירט אַלע בילדער, וואָס זיינען פֿון איהם געבליבען, און פֿיעל מאָל דורכגעלעזען זיינע ווערק; אויף אַלע פֿערוואָרפֿענע וועגען האָט ער דאָ בעגעגענט באַלזאַק'ס מענשען, גאַנצע פֿאַמיליען און דורות, אַ וועלט, וואָס האָט נאָך אַלץ געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פֿון דעם בעשעפֿער. ראָדען האָט געזעהן, אַז די אַלע טויזענד פֿיגורען, מעגען זיי טהאָן וואָס זיי ווילען, זיינען דאָך אַלע פֿער־נומען מיט דעם, וואָס האָט זיי בעשאַפֿען.

און ווי מען קען אָפֿטמאָל פֿון די מיענען פֿון די צושויער טרעפֿען, וואָס פֿאַר אַ דראַמאַ עס ווערט אויף דער ביהנע אויפֿגעפֿיהרט, אַזוי האָט ראָדען געזוכט אין אָט די אַלע געזיכטער דאָס, וואָס איז נאָך פֿאַר זיי ניט פֿערגאַנגען. ער האָט, ווי באַלזאַק, געגלויבט אין די ווירק־ליכקייט פֿון אָט דער וועלט, און עס איז איהם געלונגען פֿאַר אַ ווײַלע אַהין אריינצודרינגען. ער האָט געלעבט, ווי באַלזאַק וואָלט איהם אויך געשאַפֿען. ער האָט זיך צווישענגעמישט און איז אונבעמערקט פֿער־שוואונדען צווישען באַלזאַק'ס מענשען. אויף דעם אופֿן האָט ער בע־קומען די בעסטע ערפֿאַהרונגען.

ווייטער איז דאָס פּאַרטיגע מאַטעריאַל געוועזען פֿון קליינעם ווערט. די דאַגעראָטיפּען האָבען ניט געגעבען קיין נייעס, נאָר אַלגעמיינע אָנהאַלטס פּונקטען. דאָס געזיכט אויף זיי האָט מען נאָך פֿון שולצייט געקענט. נאָר איין בילד, וואָס סטעפֿאַן מאַלאַרמע האָט געהאַט, וואו באַלזאַק איז אראָבגענומען אָהן אַ ראָק, איז געוועזען כאַראַקטעריסטישער פֿון די אַנדערע.

דאַן האָט זיך ראָדען געמוזט ווענדען צו די שריפֿטען פֿון די צייטגענאָסען. טעאָפֿיל גאָטיע'ס ווערטער, די נאָטיצען פֿון די גאָנ־

קורס און לאַמאַרטין'ס שעהנע בילד פון באַלזאַק. אויסער דעם איז נאָך געווען דאַווידס ביוסט אין קאָמעדיע פראַנסעז, און אַ קליין בילד פון לואי בולאַנזשע.

מיט אַט דעם גאַנצען מאַטעריאַל איז ראָדען צוגעטראָטען צו דער אַרבייט. ער האָט בענוצט לעבעדיגע מאָדעלען פון עהנליכע קערפּער־פערהעלטניסען און ער האָט געשאַפען אין פערשיעדענע שטעלונגען זיעבען פּלאַסטענדיג אויסגעפיהרטע בילדער. אָבער ער האָט געפיהלט, אַז זיין אַרבייט איז דערמיט נאָך ניט געענדיגט. ער האָט זיך אומגעקערט צו לאַמאַרטין'ס בעשרייבונג און האָט דאָרט געלעזען: „ער האָט געהאַט דאָס געזיכט פון אַן עלעמענט", און: „ער האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיעל זעל, אַז זי האָט לייכט געטראָגען זיין שווערען קערפּער". ראָדען האָט דערפיהלט אין אַט די זאַצען אַ גרויסען טייל פון זיין אויפגאַבע.

לאַנגזאַם איז געוואַקסען ראָדען'ס וויזיאָן פון פאָרם צו פאָרם. און ענדליך האָט ער איהם דערזעהן. ער האָט דערזעהן אַ ברייטע געשטאַלט, וועמעס גאַנצע שווערקייט פערלירט זיך אין דעם אַראָבפאַל פון מאַנטעל. אויף דעם שטאַרקען נאַקען, אין אַ ראַהם פון האָאָר, איז זיין געזיכט, בערוישט פון זעהן, שוימענדיג פון שאַפען, — דאָס געזיכט פון אַן עלעמענט. דאָס איז געווען באַלזאַק אין דער פרוכטבאַרקייט פון זיין איבערפלוס, דער גרינדער פון גענעראַציאָנען, דער פערשווענדער פון שיקזאַלען. דאָס איז געווען דער מענש, וועמעס אויגען האָבען גאָר קיין זאַך ניט געדאַרפט האָבען, און וואָלט די וועלט געווען לער, וואָלטען זיינע בליקען אַלץ איינגעשטעלט. דאָס איז געווען דאָס שאַפען אַליין, וועלכע האָט אָנגענומען באַלזאַק'ס פאָרם, כדי צו ערשיינען; דער איבערפלוס פון שאַפען, די בערוישונג פון שאַפען.

דער קאָפּ, אַביסעל צוריקגעוואָרפען, האָט געלעבט אויף'ן שפּיץ פון יענער געשטאַלט, ווי די קוגעלען, וואָס טאַנצען אויף די שטראַהלען פון פאָנטאַנען.

אַזוי האָט ראָדען אין איין אויגענבליק פון אונגעהויערער צוזאַמענפאַסונג און טראַגישער איבערטרייבונג געזעהן זיין באַלזאַק, און אַזוי האָט ער איהם געמאַכט. די וויזיאָן איז ניט פערגאַנגען; זי האָט זיך נאָר פערוואַנדעלט.

אַט די ענטוויקלונג פון ראָדען האָט געגעבען זיינע ווערק אַ נייע שעהנהייט. זי האָט זיי געגעבען אַן אייגענע נאַהנטקייט. צווישען ראָ־

דען׳ס לעצטע ווערק זיינען פאראן קליינע גרופען, וועלכע ווירקען דורך זייער געשלאָסענקייט און דורך די וואונדערליך ווייכע בעהאנדלונג פון דעם מארמאָר. אין מיטען טאָג האָבען אָט די שטיינער אין זיך א געהיימניספולען שימער, און ווען עס דעמערט, שטראָמען פון זיי ארויס ווייסע זאכען. דאָס קומט ניט נאָר דערפון, וואָס די בעריהרונגספונקטען זיינען דאָ אזוי בעלעבט; עס זיינען אויסערדעם צווישען די פיגורען און די איינצעלנע טיילען דאָ און דאָרט איבערגעלאָזען געוואָרען די פלאכע שטיינבענדער, וואָס פערבינדען טיף אונטען איין פאָרם מיט דער אנדערער.

דאָס איז ניט קיין צופאל. דאָס פערהיט דעם צושויער פון א ווערטלאָזען דורכבליק צווישען די טיילען פון דער זאך אין די לערע לופט. די ווירקונג פון אזעלכע טיילען איז, אז די ראנדען פון פאָרמען, וואָס האָבען פריהער אויסגעזעהן שארף און אָבגעשליפען, בעהאלטען זייער רונדונג, זאמלען דאָס ליכט, זיינען שטענדיג פול און פליסען איבער.

אויב ראָדען האָט געשטרעבט צו דערנעהנטערען אויף ווי ווייט מעגליך די לופט צו דער איבערפלאך פון זיינע זאכען, האָט ער דאָ דעם שטיין גאָר אויפגעלעזט אין לופט. דער מארמאָר שיינט נאָר צו זיין דער פעסטער, פרוכטבארער קערן, און זיין לעצטער שטילסטער קאָנטור געהט איבער אין לופט. דאָס ליכט, וואָס קומט צו דעם שטיין, פערלירט זיין ווילען: עס געהט ניט איבער איהם צו אנדערע זאכען; עס בעהאלט זיך אין איהם, פערווײלט, וואוינט אין איהם.

דאָס פערמאכען פון אונוויכטיגע דורכבליקען אין א דערנעהנטערונג צום רעליעף, און ראָדען האָט טאקי א פלאן פון א גרויסען רעליעף־ווערק, אין וועלכען די אלע עפעקטען פון ליכט, וואָס ער האָט דערגרייכט אויף די קליינע גרופען, דארפען זיין צוזאמענגענומען. ער וויל שאפען א הויכע זייל, ארום וועלכע א ברייטער רעליעף־באנד זאל געהן ארויף. א פערמאכטע טרעפ זאל פיהרען ארויף נעבען די רעליעף־ווערק. אין אזא זייל וועלען די געשטאלטען אויף די ווענט זיין אין זייער אייגענער אטמאָספער. א פלאסטיק וועט דאן ענטשטעהן, וואָס וועט וויסען דאָס געהיימניס פון העל־דונקעל, א סקולפטור פאר דעמערונג, עהנליך צו יענע בילדווערק, וואָס שטעהען ביים אריינגאנג אין די קאטעדראלען.

אזוי איז געמאכט דאָס „דענקמאל פון ארבייט“. אויף דעם לאנג־

זאָס אויפשטייגענדען רעליעף ענטוויקעלט זיך די געשיכטע פון אַר־בייט. אין אַ קריפּטאַ וועט זיך דאָס לאַנגע באַנד אָנהויבען מיט די בילדער פון די, וואָס פערברענגען זייער לעבען ארבייטענדיג אין די בערג. דאָס באַנד וועט זיך ציהען דורך אַלע אַרבייטען ביז צום שפּיץ פון זייל: פון דער ליאַרעמדיגער ביז צו דער שטילסטער, פון דעם שמעלצאויוועון ביז צום הארץ, פון די האַמערען ביז צום געהירן.

ביים אַריינגאַנג וועלען שטעהן צוויי פיגורען: טאָג און נאַכט. אויף'ן שפּיץ פון טורעם וועלען שטעהן צוויי געפליגעלטע געניען, דורך וועלכע די העלע הויך וועט בענשען דעם טורם אונטען. ניט אין אַ גרויסער געשטאַלט אָדער בעוועגונג האָט ראָדען געזוכט פאַרצושטעלען די אַרבייט; זי איז ניט דאָס וויט־זיכטבאַרע. זי איז אין די ווערק־שטאַטען, אין די הייזער, אין די קעפּ: אין טונקעלהייט.

ער ווייס דאָס, וויל זיין אַרבייט איז אויך אַזאַ: ער אַרבייט אונאויפהערליך, זיין גאַנץ לעבען איז זיין אַרבייטסטאָג.

ער האָט עטליכע אַטעליעס; בעקאַנטערע, וואו פריינד און בריעף קענען איהם געפינען, און אונבעוואוסטע, פערוואָרפענע, אָרימע, מיט נאַקעטע ווענט, פול שטויב און גרוי. אָבער די אָרימקייט דאָ איז ווי יענע גרויסע, גרויע אָרימקייט פון גאָט'ס וועלט, אין וועלכער די בוי־מער ערוואַכען אין מערץ. אָט די אָרימע אַטעליעס האָבען אין זיך עפּעס פון אָנהויב פריהלינג: אַ שטילען צוזאָג און אַ טיפען ערנסט.

ווער ווייס, אפשר איז אין איינעם פון אָט די ווערקשטאַטען גע־וואַקסען דער טורעם פון אַרבייט. מען מעג זיך איצט ערלויבען צו רעדען וועגען דער בעדייטונג פון דעם טורעם: זי ליגט אין דעם שטאָפּליכען. אָבער ווען דער טורעם וועט זיין פאַרטיג, וועט ער זי־כער שטעהן אויף דער הויך פון ראָדען'ס קונסט. דער אַרבייטענדער קערפּער האָט זיך צו איהם געוויזען, ווי פריהער די ליעבענדע קערפּער. דאָס איז אַ נייע ענטפּלעקונג פון לעבען. אָבער אָט דער שאַפּענדער גייסט לעבט אַזוי פיעל מיט זיינע זאַכען, איז אַזוי פערטיפט אין זיין ווערק, אַז פאַר איהם איז ניטאָ קיין אַנדער ענטפּלעקונג, ווי נאָר מיט די אויסגעפּרוואוטע מיטלען פון זיין קונסט. נייעס לעבען הייסט פאַר איהם: נייע אויבערפלאַכען, נייע בעוועגונגען. אַזוי איינפאַך איז אַלץ אַרום איהם געוואָרען. ער קען מעהר ניט האָבען קיין טעות.

מיט זיין ענטוויקלונג האָט ראָדען געגעבען אַ צייכען אַלע קונסטען אין אונזער הילפלאָזער צייט.

מען וועט אמאָל דערזעהן, וואָס האָט אָט דעם גרויסען קינסטלער געמאַכט אזוי גרויס: ער איז געווען אַן ארבייטער, וואָס האָט מיט אַלע זיינע קרעפטען געשטרעבט אריינצודרינגען אין זיין נידריגע, האַרטע ווערקצייג. דאָס האָט איהם געלערענט פּאַרזיכטיגקייט אין לעבען; אָבער טאַקי אַ דאַנק אָט דער געדולד האָט ער דאָס לעבען געוואונען: ווייל די וועלט איז צו זיין ווערקצייג געקומען.


ניו־יארק
אין
פאעזיע
אנטאלאגיע
צוזאמענגעשטעלט פון
מאני לייב

Copyright, 1918
by
INZEL PUB. CO.



**פייער**

**(אויסצוג)**

עס רוישט און עס גוואַלדעוועט ווי אין אַ שלאַכט!
עס לויפען די מענשען אַרום אין דער נאַכט,
עס שרייען די גרויסע און קליינע צוזאַמען.
עס איילען די מאַסען צושראָקען און בלאַס
און גיבען זיך איבער דער נאַקעטער גאַס.
די שטאָדט ברענט, די שטאָדט איז אין פלאַמען!

עס ניסט זיך פאַנאַנדער דער העלישער פלאַם,
עס שווימען די חורבות אין בראַנדיגען ים,
אין רויך ווערט פאַרוואַנדעלט דאָס מענשליכע שטרעבען.
עס שווינד'ט יעדע אָרדנונג און מיט אַ רעש
אַנטלויפען צומישטע דורך בערגער מיט אַש
און זוכען אַ לעבען, בעשיצען דאָס לעבען.

**מאָריס ראָזענפעלד.**

**דריי שוועסטער**

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָדט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער שטעהען טעגליך דריי שוועסטער,
די מיידלעך — זיי קען ווער ניט ווער.

די קלענסטע פערקויפט דאַרטען בלומען,
די מיטעלסטע — בענדלאך פון שיך.
און שפעט אין דער נאכט זעהט מען קומען
די עלטסטע, וואס האנדעלט . . . מיט זיך.

די אינגערע ביידע בעטראכטען
די עלטערע שוועסטער אָהן האס:
דען אלע דריי מיידלעך פעראכטען
די וועלט, מיט דער שטאָדט, מיט דער גאס.

און דאך, ווען די קליינע צוויי קומען
צום נעסט, וואס זיי רופען א היים,
בענעצען זיי בענדלאך און בלומען
מיט טרערען, וואס בלייבען געהיים.

מאָררים ווינטשעווסקי.

*

אויף דעם וויסטען, בלאסען הימעל
כאפט זיך אויף דער קראנקער מאָרגען,
און די גרויסע שטאָדט כאפט אויף זיך
אין דעם נעבעל גראָה פארבאָרגען.

איינגעהילט אין גראָהען נעבעל,
ריהרט זיך אויף דער לעבענס-תהום
און צוגיסט זיך אויף די גאסען,
אין א כמורנעם מענשען שטראָם.

כמורנע גיסט און גיסט מיט מענשען,
פוילע, געלע ווי דער מאָרגען,
פון די טענעמענטס צו די שעפער,
אין דעם נעבעל גראָה פארבאָרגען.

גלייך אזוי קוקט אויף דער תוהו,
ווען די געלע מתים געהען,
פון די קברים צו די גיהנום'ס
נאך די בייזע חיבוט-וועהען.

ש. ליעסין.

א געזאַנג צום פאָלק

(אויסצוג)

הויב אויף דיינע אויגען און זעה אויפ'ן ים די געלאַדענע שיפען.
און זעה אין די טונקעלע וועלדער דעם רויך פון די לאָקאָמאָטיפען.
און זעה, ווי זיי שוועבען און קומען געשווינד פון א גענענד א ווייטען
און פיהרען אין אנדערע לענדער פּראָדוקטען און סחורות צו בייטען.

הויב אויף דיינע אויגען און זעה די געמויערטע גרויסע פאבריקען,
וואו ארבייטער זעגען און הובלען, און וועבען און נעהען און שטריקען,
און שמידען און פיילען, און טאָקען און שניצען, און גלעטען און פוצען,
און שאפען די וואַרע, און שאפען דעם רייכטהום צום מענשליכען נוצען.

און זעה די מאשינען, די בלאַנקע, די ריעזיגע אייזערנע שקלאַפען,
וואָס היטען די מענשליכע כחות און העלפען די רייכטהימער שאפען;
און זעה, ווי די ווילדע, די מעכטיגע קראַפט דער נאַטור איז בעצוואונגען,
ווייל טיעף איז דער מענשליכער שכל אין איהרע געהיימנים געדרונגען.

י. באָוושאָווער.

(אויסצוג)

איך האָב זי בעמערקט ביי א גאַז־לאַנטערן:
זי איז געווען א יאָהר זיעבצעהן אלט;
שווארצע אויגען, א שניי־ווייסער שטערן,
צוואָרפענע לאָקען; א שטארקע געשטאַלט.

נאָר איהר טואַלעט איז אָרים געוועזען.
אויף איהר בלאַסען געזיכט, פון פודרע פערשטעלט,
האָב איך מיט ביטערען טרויער געלעזען:
קויף מיך, איך הונגער און האָב ניט קיין ברויט.

דוד עדעלשטאַדט.

*

(אויסצוג)

איך געה אין די רוישיגע גאסען פון שטאָדט.
די נאכט איז בעלויכטען — ווי ליכטיג, מיין גאָט!
עס בלענדען די אויגען עלקטרישע ליכט,
און פייערען שפּריגגען ארום דיין געזיכט;
אנאָנסען, אנאָנסען אויף דעכער גאנץ הויך,
און איבער די דעכער — די פייערען אויך;
און איינע א מיידעל, פון פייער געמאכט,
זי טאנצט אויף א לייוועגט, זי טאנצט און זי לאכט,
און זונען און שטערען פון מענשליכע הענט — — — —

אברהם רייזען.

*

עס רוהט דער ווילדער טאָג־געררויש,
די גאסען זיינען וויסט,
א בלייך־ווייסע לבנה־נאכט
די שטומע שטאָדט פארגיסט...

די הויכע הייזער שרעקען זיך,
פארלאָשען, טויט און שטאר,
עס הילכט צוריק דעם געהער'ס טריט,
דער פוסטער טראָטואר...

פארשוואונדען איז דעם לעבען'ס פולס,
דאָך קלאפּט ער ערגעץ וואו,
צי האסטיג־ווילד אין נעסט פון פרייד,
צי זאנפט אין שלומער־רוה...

און פלוצלונג הערך... אן אמבולאנס,
די ווייסע נאכט צוריהרט —
האָט אימיצער דערשאָסען זיך? —
ווער ווייסט וואס האָט פּאסירט.

יהואש.

און פערגעסען פון חברים,
פרעמד פון מענשען, ווייט פון גאָט,
ווי א גר דאָ צווישען גרים,
איז מיר וויסט און לעער די שטאָדט.

צו א מדבר וועל איך קעהרען,
וואנדערען פון בארג צו טהאָל;
כאָטש אין עכאָ נאָר צו הערען
מיר אַן אַלט־בעקאַנטען קול.

דוד גאָלדשטיין.

*

איך געה פארביי א ביכער קראָם,
עס ליגט אין פענסטער דאָרט און ווינקט
א נייער בוך, נאָר וואָס פון דרוק,
ניט טייער, בלויז א שילינג פיער, —
נאָר וועה, וויפיעל דאָס איז פאר מיר!
איך האָב קיין דריטעל ניט דערפון.
קיין דריטעל ניט דערפון...

— — — — — — — — — — — — — — —

איך ווער פארשעמט פאר זיך אליין,
און לאָז מיך אין די גאסען געהן,
די וועלט, די שעהנקייטען אין איהר,
איז ניט פאר מיר, איז ניט פאר מיר...

ראדוצקי.

(אויסצוג)

אין דער ענגער גאס בעוועגט זיך
שטיל א שאָטענקינד, עס שרעקט זיך:
שווארצע טעג און וויסטע נעכט, —
די וועלט איז שלעכט,
די וועלט איז שלעכט.

עוזיאל פליישמאַן.

די נויט.

ביי דער הויז ביי די טרעפּ ליגט די נויט,
לאָזט ניט צו ניט קיין מילך, ניט קיין ברויט;
און פון הויז, פון א צימער'ל קליין
פערגעהט זיך א קינד אין געוויין.

און די מוטער פון קינד שלעפּט זיך אום,
שלעפּט זיך אום אין די גאסען איצט שטום...

און ביים הויז ביי די טרעפּ ליגט די נויט,
לאָזט ניט צו ניט קיין מילך, ניט קיין ברויט.

איז געקומען די מאמע פון גאס;
אין איהר הארץ האָט געפלאַקערט א האס,
און דער קאָפּ איז געווען אזוי שווער,
און פון אויג איז גערונען א טרער.

י. אדלער.

(אויסצוג)

נאָר הינטער מיר,
פערשטיינערט ליגט די גרויסע שטאָדט
אין גרויע, קאַלטע שאָטענס איינגעדעקט,
און דאָ און דאָרט פון לאַמטערנע־שימער געל געפלעקט.
און ס'פאַלען מיעד און שווער די טריט,
אָט ווי געוועזען וואָלטען זיי
פון שטאָהל און אייזען אויסגעשמידט...

נאָס איין... גאס אויס.
און ס'שפּרייט די שטאָדט זיך ענדלאָז־גרויס;
א נעץ פון גאסען פּלאָנטערען מיך ארום
און לאָזט מיך ניט ארויס.

ה. רויזענבלאָט.

ניו־יאָרק.

ווי אַ ווילדע, אַ שטורמישע מיידעל מיט אייביגען אונרוה אין האַרצען,
מיט אימפּעט פון ווינט אין די לאָקען, מיט פייער פון זון אין איהר בליק,

ערהויבט זיך די שטאָדט אין דער לופטען, פער׳כשופ׳ט אין פעלזיגע טהורעמס,

בערינגעלט פון ים און פון טייכען, אַזוי־ווי אַ קינד פון די ים׳ען,
און וועהט אין די הימלען איהר באַנער, איהר באַנער פון פרייהייט און גליק.

די וואַסערען שיינען און גלאַנצען, דער האַפען לאַכט זוניג, בעצויבערט,
און גענצ ווילדע פליהען, ווי טויבען פון שלום, פון וואַסער צום ברעג;
עס טרובען די לאָקאָמאָטיוועז, עס סאָפּען די שיפלאַך און שיפען,
עס רודערט דאָס אייביגע שטרעבען, עס יאָגט זיך און טראָגט זיך דאָס לעבען, —

און אַלץ ווערט פערלאַקט פון דאָס מיידעל וואָס צויבערט פון פרייהייט דעם וועג.

זי הערט דעם גערויש פון די פעלקער, דעם טראַמפּעל פון פרעמדע נאַציאָנען,

עס פליהען פון מזרח און מערב די שיפען צו איהר נאַכאַנאַנד,
און זי שפּרייט איהר נעץ אויס פון זון־שיין און וועבט־אויס אַ חלום אַ נייעם,

און דריקט זיי צום האַרץ, ווי אַ מוטער, און זינגט־אויס דורך גליהענדע שטראַהלען:

„איהר זייט מיינע קינדער, און איך בין דער גייסט פון דער שטאָדט און פון לאַנד...

י. סלאָנים.



*

א זון־שטראַהל פון שלאָף האָט געוועקט מיך, —
האָב איך דאָס פערשטעהן ניט געקענט:
ווי קומט דאָס ליכט פון די פעלדער
אהער צווישען אייזערנע ווענד?

א לופטיגער ווינד האָט געגלעט מיך, —
האָב איך ניט געקענט אַלץ דערגעהן:
ווי קומט דאָס קינד פון די פעלדער
אהער אין די צעלען פון שטיין?

א בלומען־גערוך האָט גערעגט מיך, —
האַלב־וואך שוין האָב איך אַלץ געטראַכט:
ווער האָט דאָס גליק פון די פעלדער
אין צימער צוטראָגען געבראַכט?

י. ראָלניק.

*

מויערען, שטיינערנע, פינסטערע, הויכע
קריכען אין פינסטערען הימעל אריין.
אָווענד און נעבעל, עלעקטרישער שיין,
אויגען געצונדענע, גרויסע און בלייכע;
אויבען די באַהנען און אונטען טראַמווייען,
אויטאָמאָבילען און פרויען און פערד,
מישען זיך אוים אויף דער שטיינערנער ערד,
מישען זיך, רודערען, פינקלען און שרייען.

איצטער וואך אויף פון דיין טאָגיגען דרימעל,
זינדיגער, בלינדער און שווארצער פערלאַנג,
און ווי א פליגעלדיג־פלאַמיגע שלאַנג
רייס זיך אריבער דער שטאָדט ביז אין הימעל!

*

כ'האָב אין מיטען טאָג א פאַרהאַנג אויף מיין פענסטער אויפגעהאַנגען,
פון דעם טאָג און פון די מענשען האָב איך פעסט מיין טיר פערמאַכט,
און א בלייבער אין דער פינסטער בין איך לאַנג ארומגעגאַנגען,
און די קאַלטע הענד געריבען, און צו זיך אַליין געלאַכט.

נאָכדעם בין איך לאַנג געלעגען, ווי אַ טויטער, ווי אַ טויטער...
(קיינער זאָל פאַר מיר ניט ווייזען זיין דערשראָקענעם געזיכט!) —
נאָר מיין האַרץ און מיינע אויגען פלאַמיג, פיבערדיג, צעשפּרייטענד,
האָבען שטומערהייט געיאָמערט נאָך געשרייען און נאָך ליכט.

בין איך נאָכדעם אויפגעשפּרונגען, און צום פענסטער צוגעשפּרונגען
און דעם פאַרהאַנג אָבגעריסען, און די פענסטער אויפגעפּראַלט, —
דאָרט אין אָוונד האָט די גאַס איהר אַלטע, אַלטע ליעד געזונגען,
פייערן געפינקעלט האָבען אין דעם שטויביגען אַספאַלט.

פרויען זיינען אומגעגאַנגען, און געשריען האָבען קינדער.
(קיינער זאָל צו מיר ניט קומען מיט קיין ווייגענדיגע רייד!) —
און אַנטקעגען, פאַר מיין פענסטער, איז געשטאַנען שטום אַ בלינדער
און האָט פויל זיין קאַטערינקע מיט זיין בלינדער האַנד געדרעהט.

מאַני לייב.

דרויסען רעגענט...

דרויסען רעגענט. גלאַנציג שוואַרץ און נאַס,
ציהט אַ לאַנגע זיך פאַר מיר די גאַס.
מענשען איילען, סאַפּענדיג, פוןביידע זייטען,
ווי אַ לאַנגע, אויסגעדרעהטע שלאַנג פון ווייטען
לויפט אַ צוג פאַרביי דאָרט אויף אַ הויכער בריק.

איך נעה אין שטראָם. און מענשען, קראָמען, אַלץ אַזוי בעקאַנטע
און דאָך פרעמד אַזוי אַלץ בייטען זיך פאַר מיר.
גאַס נאָך גאַס. און אָט איז שוין דאָס פּלאַץ. און דאָרט אַרויף די טיהר.
שילדען גאָלדענע, און פענסטער, אַלץ אַזוי בעקאַנטע.

כ'שטעה ביים טיהר און וואַרט. אַ מיידעל קומט: גוט־מאָרגען!
ס'קומען יונגע, אַלטע לייט: גוט־מאָרגען און גוט־יאָהר.
ס'עפענט זיך די טיהר. אַ נעגער־יונג, מיט קרייזעלדיגע האָר,
ציהט אַרויף אונז אין דער הויך. אַ זשום — אַ פליה!
באַלד — מיר זיצען שוין אין יאָך, ווי פיה,
און ציהען, אויסגעמאַטערטע, געשפּאַנט אין שווערע זאָרגען...

ר. אייזלאַנד.

*

הערט אוים אַט די רייד מיינע, ברידער:
האַלט שטענדיג זיך נידעריג, קליין
און אויסגעפּוצט זאָלט איהר גאָר קיינמאָל
אויף רוישיגע גאַסען ניט געהן.

דאָרט דרעהט זיך אַרום דער ניט־גוטער
און ס׳ברענען די אויגען ביי איהם,
אַזוי ווי די אויגען פון ווייבער
ברענען די אויגען ביי איהם.

און זעהט ער, ס׳האָט ווער אויסגעפּוצט זיך
און געהט זיך פעריסען דעם קאָפּ,
דעם לאָזט ער פון אויג שוין ניט אָב.

ער וועט שוין מיט ווערטערלעך זיסע
פערפיהרען אַ שמועס מיט איהם —
פערלאָרען איז דער שוין אויף אייביג,
וואָס וואַרפט נור איין בליק בלויז אויף איהם.

אַ, ברידער, איהר זייט דאָך ניט ווייבער,
וואָס געהט איהר פערפּוצטע אַרום?
וואָס געהט איהר אויף רוישיגע גאַסען?
וואָס קוקט איהר אויף אַלעם זיך אום?

*

האַלב פינסטער אין טעאַטער. מיינע אויגען קוקען.
כ׳האָב דיך דערזעהן. דאָס האַרץ נעמט קלאַפּען: מיינע.
פון ווייטען זעה איך, דיינע אַקסלען צוקען
און יעדער ריהר אין דיר מיר ענטפערט: דיינע.

איך ציה אַראָב דעם הוט טיף אויף די אויגען,
און פון טעאַטער געה איך מיר אַרוים.
די נאַכט זעהט אוים מיר ווי אַ רעגענבויגען —
אַ טויער צו אַ גרוים אומענדליך הויז.

איך געה אריין. און וואס איך האָב פערנומען
געוועזען איז עס וואונדערליך און העל,
אַ, דאַמע פון מיין הארצען! וואו איך בין געקומען
איז עס געווען פאַר מיר דיין קעניגליכע שוועל...

זישאַ לאַנדוי.

## (אויסצוג)

און ווידער געהען זיי אַ גאַנצען יאָהר דעמזעלבען וועג,
און ווידער אָטמען זיי די קראַנקע לופט, און רייסען זיך ארויף
און פאַלען טיעף אראָפּ, און ראַנגלען זיך, און פּאָארען זיך צונויף
און ציהען קינדער אויף, וואָס זיינען קראַנק און לעבען ווענינ טעג —

און בויען הייזער אויף וואָס וואַקסען איבער נאַכט, און וואַקסען הויך
און נאַסען ברייטען זיך און מעהרען זיך און ענג און ענגער ווערט
און רוה־לאָז שרייט די לעבענס־קראַפט, און שאַפט און וואַרפט זיך און צושטערט,
און הויבט זיך אויף און מישט זיך אוים מיט שטויב און אייזען־רויש און רויך.

און אַלע יאָגען זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט און טיעפער פיין
און בייטען הייליגקייטען אוים פאַר טרוקען ברויט, און רויט ווי גלוט
פלאַמט אויף די לוסט נאָך גאָלד און גראָבט זיך איין אין זייער פלייש און בלוט.
און רוה־לאָז שרייט די נויט און שלינגט זיי רגע־ווייז מיליאָנען איין,

און שיפען גרויסע קומען אַלע טאָג און קומען אימער מעהר,
און שיפען זינקען־איין; אַ וויסטער שרעק פאַלט־אָן. דער שרעק פערשווינדט,
און שיפען נייע ראַנגלען זיך אויפ׳ס ניי מיט ים און ווילדען ווינד,
און טעגליך ברענגט מען מענשען סטאַדעס־ווייז פון אומעטום אהער.

און וועה־געשרייען טויזענד, נייע, וויסטע, טראָגען זיך מיט זיי.
און אַלע זייערע בלוטען האסען זיך, און מישען זיך צונויף,
און ווערען קיינמאָל איינס, און ראנגלען זיך און גיבען זיך **ניט אויף.**
און זיי'רע דורות רייסען זיך, צורייסען זיך און ליידען וועה.

און ליידען טיעפעס וועה, און גוסס'ען לאנג, און שטאַרבען קיינמאָל ניט.
און מיר, און מיר, די אייביגע, פון וועמעס בלוט עס שרייט ארויס:
מיר זיינען שטארק און איינזאם־פריי און וויט פון אַלץ און אייביג־גרויס;
מיר ווירבלען זיך אין גרויסען ווירבעל־ווינד צוגלייך מיט אַלע מיט.

און דרעהען זיך און וואַרפען זיך ווי זיי אין זעלבען קאראַהאָד
און פאלען אום ווי זיי, און שטעהען אויף און טאנצען נאָכאמאָל —
און איבער אַלץ צוזאמען דונערט ווילד דאָס ליעד פון שטיין און שטאָל,
דאָס ליעד פון שטיין און שטאָל — דער גרויסער וואהנזין פון דער ריעזען־שטאָדט.

**מ. ל. האַלפּערן.**



**(אויסצוג)**

נעפלאסטערט גלאז, ווי שפיגעל גלאנצט א ברייטע גאס. א פלעמעל מאט
אין גלאטען שפיגעל שפיעלט זיך, טאנצט. פון ביידע זייטען, שווער און זאט,
מיט רויטע קארקען ברייט צולעגט, ווי עמי־הארצים אויפגעריכט,
א קייט פון ריעזען־הייזער קריכט. עס שפיעלט דאס טאנצענדיגע ליכט
אויף מיילען, מיילען ווייט אוועק. פון ערגעץ מיט א ווילדען בריל
קומט אן א פאהר־מאשין. איהר אויג, א רויטער פלאם, צורייסט די שפיעל
פון גלאנץ און שיין — און ווידער שטיל, שא, שטיל. — — —

**מנחם.**

**פארנאכט.**

עס איז שעהן די פארנאכטיגע שעה — ס'ווערט די שטאדט
פון א צארטען און ראזיגען גאלד־שיין פערפלייצט.
ס'ווערט דער גרויער אספאלט אויסגעפלאסטערט אין גאלד,
יעדער מיידעלשער פנים'על גלעט זיך און רייצט.

ס'זינגט די שטאדט גאר אן אנדער, אן אנדער געזאנג —
ס'ווערט אנטשוויגען דער אומרוה און רויש פון פאבריק.
אין דער דאזיגער רגע פערגעהמט שטיל דיין הארץ
דעם רחמנות פון שטאדט און איהר אומגליק און גליק.

ס'קלאפט דער פולס איהרער שטילער און מילדער און ווייך,
ווי דער ריטהם פון שטילען פערטראכטען געזאנג.
ס'ליעגט א וועהטאג און חן אויף געזיכטער צוקנייטשט,
ס'ווערט געלייטערט דער צער אזוי שטיל, אזוי באנג.

ס'ברענען, ציטערען שויבען געצונדען אין גאָלד,
ס'ציגדרען אויגען זיך זוניג און נעבעלדיג־ראָז;
גרויע מויערען שמייכלען געוויקעלט אין שיין
און מיט פונקען און שטראהלען שלאָגט אָב יעדעס גלאָז.

קינדער טאַנצען צום טאַקט פון שאַרמאַנקעס אין גאַס,
און די זויג־קינדער טאַנצען ביי מאַמעס אין שויס...
ס'גליהען אויגלעך און פלאַמען די בעקלעך פעררױזט —
עס איז שעהן די פאַרנאַכטיגע שעה — זי איז גרויס!

י. י. שוואַרץ.

**אין פאַרק.**

כ'שלאָף אין פאַרק צונויפגעקאָרטשעט אויף דער האַרטער ערד,
כ'שפיר די האַרטקייט פון דער גאַנצער וועלט;
ס'הענגט דער אָסיען הימעל פינסטער איבער מיר,
דער פאַרק דער אויסגעדאַרטער איז מיין היים און מיין געצעלט.

כ'שלאָף אין פאַרק צונויפגעקאָרטשעט אויף דער האַרטער ערד,
ס'דעקט עמיצער אַ שוואַרצער מיך אין שוואַרצען איין;
כ'פיהל אויף זיך די שוואַרצקייט פון דער שוואַרצער, האַרטער וועלט—
שטאַרקער, שטאַרקער, עלענדער זאָלסטו, מיין עלענד, זיין!

*

כ'ווער אַ שכור, כ'וועל טאַנצען אין די גאַסען,
הוליען מיט שכורים, פרעהען זיך אינאיינעם,
האַקען לאָדענס, ברעכען טהיר און פענסטער,
יאָגען זיך נאָך קינדער, שליידערען מיט שטיינער;

כ'ווער אַ שכור, כ'וועל טאַנצען אין די גאַסען,
מיט בייזע הינד זיך יאָגען, נאָך פערד און מענשען;
ס'וועלען הירזשען פערד, מענשען וועלען שרייען,
די גאַסען וועלען קרעכצען מיט שרעק און ווילדען טומעל.

כ'ווער אַ שכור, כוועל טאַנצען אין די גאַסען,
רייסען שילדען, אומוואַרפען פאַנאַרען,
ערגעץ אין אַן אייזען זיך צובלוטיגען, צוביילען,
ברומען ווי אַ טיגער און וויינען ווי אַ יתום.

א. מ. דילאָן.

א ניו יארקער פריהמארגען.

אזוי ווי א גאסען־פרוי, מיעד פון איהר נאכט־רויש,
די קליידער צוקנייטשטע, די אויגען פערשלאפען, —
כאפט אויף זיך דער מארגען פון נאכטיגען וואנדלען —
א פנים מיט בלוטיגע פלעקען פערלאפען...

און ס'הויבט אין א ווינקעל פון הימעל אן פלאמען,
באלד כאפט עס זיך אן ווילד אין אלע פיער זייטען;
און ס'וויקלען די פלאמען ארום הויך די מויער'ן,
אזוי ווי א שרפה ביי נאכט פון דער ווייטען...

און אויף די פאבריקען הויך שטעהען די קוימענס,
ווי אפענע מיילער פון רויב־ווילדע חיות;
און יאמערן, שרייען ווי ווילדע אלמנות,
וואס געהען ווילד נאך נאך די מענערס לויות...

ווי קינדער צוטומעלט פון שלעכטע חלומות
ערוואכען די מענשען מיט שרעק אין די אויגען,
מיט ווארעמען שלאף נאך אויף זייערע ברעמען,
דעם פנים מיט רויכיגע נעבלען פערצויגען...

און ס'הויבען זיך שווארץ־כוואליעס קעפ אין די גאסען,
אזוי ווי דער ים אין די נאכטיגע שטורמס.
און ס'שיט זיך אראב אויף די קעפ ווי די דונערס
דער הילכיגער פייפען, דער רוף פון די טורעמס...

און ס'ציהען זיך איילענדיג־שנעל שווארצע רייהען
געפלאכטען פון מענשליכע זיהן און פון טעכטער.
ס'בעגלייט זיי א רויש און א קלאפען פון רעדער,
ווי ס'וואלט ווער געשטיקט זיך פון ווילדען געלעכטער...

ב. לעווין.

*

א פולע שטוב מיט מענשען,
און אַלע רעדען, רעדען...
און איך, דער באַלעבאָס פון הויז,
א שטילער שטעה ביים פענסטער,
און בליק אין גאַס ארויס...

איך זעה אין גאַס די קינדער,
אויף גליטשער־רעדלאַך פאָהרען
און אויף וועליסאָפּעדען פיעל.
און אַלע יאָגען, יאָגען
נאָך אַן אַטאָמאָביל...

עס רופט מיך אָב פון פענסטער
מיין פרוי מיט שטילען פאַרוואורף.
איך פאָלג איהר אומעטיג און שטום...
אין דרויסען פאָהרען קינדער
אויף גליטשער־רעדלאַך אום.

*

אויף דער סאָפאַ זוך איך רוה
פון דעם פרעמד־געדערעריי,
און איך הער אזוי דערביי
קינדער טומלען ערגעץ וואו...

קינדער טומלען ערגעץ־וואו,
טרייבען אַן אזא מין שפּיעל...
און דאָ רעדט מען אזוי פיעל...
און איך ליג און הער זיך צו.

הער און שמייכעל אזוי בלאָס,
ביז די ברעמען פאַלען צו.
קינדער טומלען ערגעץ־וואו...
קינדער שפּיעלען זיך אין גאַס...

ל. מילער.

אַט געהען זיי מיט אַנגערוקטע קעפּס און שאָטענס צוויי ביים זייט,
מיט בליקען בליציגע, וואָס קוקען דאַ און פּאַלען ערגעץ ווייט
און זעהען אַלעס ארום דיר.
אַט געהען זיי און שאַרען זיך ביי פּרעמדע, שאָטענדיגע ווענט,
און וואַרפען איבער זיך געהיים מיט לאַנגע, ווינקענדיגע הענט;
און טוליען זיך צום שלאָס פון טיר...
אַט אַט און ביידע שאָטענען זיך צו א דונקעל־פענסטער שוין.
ס'גיט איינער זיך א בויג און לאָזט דעם צווייטען אויף זיין אקסעל שטעהן,
און גלייכט זיך אויס, און וואַקסט... און וואַקסט — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין הויז איז שטיל, און שווארץ ליעגט אויסגעלייגט די נאַכט
אויף דיל און וואַנט.
א פענסטער קרעכצט און הויבט זיך אויף, און ווייזט א בלייכענדיגע האַנט,
א קאָפּ, און שפּייט אריין אַן איינגעבויגטע, מענשליכע געשטאַלט.
א ווײַלע שטעהט עס שטום און קאַלט. אַט שרעקען־פול.
אַט ווידער קאַלט.
און הערט זיך איין צו יעדען שאָרך, און רעכענט אויס א יעדען קעהר,
און לאָזט מיט בלינדע, טאַפּענדיגע טריט זיך געהן אהין, אהער...
א ליכט־בייטש טאַנצט ארויס איהם פון דער האַנט און טאַנצט צוריק אריין,
און שפּרינגט ארויס, און שאַרפט זיך אויף א שטוהל, א טיש, א גלאָז מיט ווײַן,
און וואַרפט זיך אויף א קליידער שראַנק און שאַרט פון איהם די נאַכט אראָפּ.
א ווענטעל פון א בעט, א קליינע, ווייסע האַנט... א בלאָנדער קאָפּ...
א האַלב ענטבלויזטע ברוסט... א האַנט ארייננגעטוליעט ווייך אין שויס...
דאָס בלוט שטראָמט אויף. דאָס הארץ שלאָגט אויף. די אויגען ווערען פול און גרויס...
און עמעץ רופט אין איהם: „צום בעט..." און עמעץ שרייט אין איהם „אנטלויף!..."
די ציינער קריצען אויף. די ליפּען פּרעסען זיך אין קראַמפּ צונויף.

דער אָטהעם — קורץ; א שפּאַן... דאָס ליכט אַנטלויפט און קומט
צוריק צוגעהן:
א שפּיגעל און א ציער־טישעל. א זייגער מיט א דימענט־שטיין.
א זייגער און א בלאָנדער קאָפּ... א דימענט און א האַנט אין שויס...

---

ער נעהמט דאָס גאָלד און געהט און שעלט... דאָס פענסטער שפּייט
צוריק איהם אוים.

מ. באַסין.

*

ציטערט אויף די קאַלטע לופט
א פערצווייפעלטער געשרעה;
ענדיגט זיך מיט א געוויין
מיט א מאַמע׳ס יאָמער־וועה.

ווערט די גאַס פון מענשען שווארץ.
ווי פער׳משפט דאָ צום טויט
שטעהט דער שאָפער און ווערט בלאַס
ווי די שטיינער ווערען רויט.

קלינגט דער אמבולאַנס: דין... דין...

א. ל. בארון.



שאָטענס פון די גאַסען.

שאָטענס פון די גאַסען כאַפּען זיך אַרויף אויף אַלע טרעפּ,
לייגען זיך אויף אַלע שוועלען,
ווערען אַנגעצונדען רויכערדיגע פלעמלאַך וואו ניט וואו, —
מעהר דעם גאַנג גאָר צו פאַרשטעלען.

הייבען אָן צו קומען פון דער אַרבייט יונג און אַלט,
גייהען — קוים די פיס זיי ריהרען;
טרעפ נאָך טרעפּ, אַרויף, אַרויף, די שליסלען אין די הענט, —
עפּענען, פאַרמאַכען טירען.

דורך די שפּאַלטען פון די דילען שפּאַרט אַ ריח פון געקעכץ,
זאַטע פּייערען זיך צינדען;
עפּענען זיך טירען ווידער, פיס נאָך פיס אַראָב־אַרויף,
גרינגע, נייע — און פאַרשווינדען...

*

קאַלט פערגאַנגען איז די זון,
בלייכערהייט צושוואומען, —
ווייס איך קיינער וועט שוין היינט
אין מיין הויז ניט קומען.

אויפ'ן גאַס — מען געהט, מען געהט
שטיל ווי נאָך אַ טויטען,
צינדען זיך לאַמטערנען אָן
אומעט צו פאַרשפּרייטען.

לאָז איך מיר אַוועק אין גאַס,
געה, וויל אַלע געהען,
קיינעם צו דערצאָרענען,
קיינעם צו דערפרעהען...

ה. לייוויק.

כ'בין אין גאס ארויסגעלאפען.
אין א שווערען, שווארצען חלום
איז די גאס נאך שטיל געשלאפען;
מיט א ווייסען טויטען פנים
האט די לבנה שטיל געקוקט.
מיט א ווייסען טויטען פנים
האט א שאטען זיך גערוקט.
און פון טירען און פון פענסטער
זיינען נאך מיר נאכגעשפרונגען
מיט ארויסגעשטרעקטע צונגען —
דינע, ביינינע געשפענסטער.

משה ווארשע.

(אויסצוג)
(נאך דזשיימס אפענהיימער)

עס צוקט די משוגע־געווארענע שטאדט.
איהרע לונגען זיינען — מעטאל־שטאף,
איהר הארץ איז א סאפענדיגער דאמפף־קעסעל.
די פייערען שיטען גאלדענעם שניי איבער די דעכער.
די זידענדיגע לאקאמאטיווען זשיפען און קרעכצען
מיט א שטאהלערען געוויין.
רעלסען־וועכטער פאכען מיט די לאמטערנען:
גרין, גרין, רויט.
די בליצענדע לאקאמאטיוו־לאמפען
די שאטענס פון קריכענדיגע ארבייטער —
וואס קניען אין קוילען־שטויב,
אין אייזען־שטויב,
דא און דארט רייסט זיך א פאבריק־קוימען צו גאט
מיט רויטער פרעכהייט, ברילענדיג, פייפענדיג, שילטענדיג.
גלאקען קלינגען, פייפלעך פייפען, געשרייען ציטערען.
און דער הימעל שטיקט זיך מיט קנויליגע וואלקענס,
גליהט מיט לעבעדיג־געווארענע בליצען.

יצחק רייז.

## סאָנעט.

צי זאָל איך מיך פערבאָרגען ערגעץ וואו,
און וויינען שטיל, דעם קאָפּ אראָפּגעבויגען
און אויסווישען צוריק די מידע אויגען,
וואָס האָבען קיינמאָל, קיינמאָל ניט קיין רוה.

און לאָזען וואַנדערען אוועק מיין בליק,
ווי ביז אהער, אין גרויע, גרויע ווייטען,
און ווארפען איהם דערנאָך אויף אַלע זייטען,
אין קראַנקער אונרוה יאָגען זיך נאָך גליק.

צי זאָל איך מיך א וואָרף טהאָן ווילד אריין
אינמיטען גאַס, מיט אָנגעצונדענע אויגען,
און ברומען ווי א טיגערין פון פּיין,

די דיבענדיגע נאָזלעכער צופלויגען. —
צי זאָל איך וואו פערבאָרגען זיין,
און וויינען שטיל, דעם קאָפּ אראָבגעבויגען...

**פראַדעל שטאָק.**

## אין יאַפּאַנעזישען טיי־הויז.

ביים ברוינעם באמבוס־טישעל, אונטער מאַטען ליכט
פון פארביגע פּאַפּיר־לאַמטערנעלאָך צווייט,
קום איך זיך שטיל אמאָל אן איינזאַמער צוגעהן,
און זיץ אין שטומען לאַנג ביים שטאַרקען טיי געגרייט.

דורך געלבען פענסטער־גלאָז א בלייכער אָבענד־שיין
פון לייכטענדען בראָדוויי ווי דינער טיול זיך ציהט,
און טרוימעריש און בלאַס שיינט יעדערענס געזיכט,
און ווי געהיים שטיל שארען זיך די סארוועָר'ס טריט.

פון נידעריגען באַלקאָן וויגען זיך אין לופט
די בלויע ווינד־גלעקלאָך אין ריטהמישען גלין־גלאָן,
און ס'חלום'ט אַלץ ארום פון ווייטען מזרח־לאנד,
פון טרוימערישען שטילען לאַקענדען יאַפּאַן.

**א. בערגער.**

**ניו יאָרק.**

מעטאַל. גראַניט. גערויש. געבראַזג. געפּילדער.
אויטאָמאָבילען. הויך־באַהן. טיעף־באַהן. קאַר.
בורלעסקט. גראָטעסק. לעבעדיגע בילדער.
עלעקטריש ליכט אין גרילצענדען ווירוואַר.

געזיכטער פרעמד און בליקען פיינדליך־שטאַר.
קיין שמייכעל, קיין גוט־מאָרגען פריינדליך־מילדער.
און איינזאַמקייט און ניט געטרייסטער צער
אין אָט דער דרענגעניש כאָאָטיש־ווילדער.

**אין גאַס.**

הו־האַ און עלעקטרישע ליכטער,
און פרעמדע און קאַלטע געזיכטער,
געדרענג און געיעג
און טומלענדער שרעק,
אַ, לאָמיך אַוועק!

אַוועק! נאָר עס וואַקסט פון די שטיינער
א שד מיט אַמאָל אוים און שטשירעט די ציינער
אויף מיר מיט אַ בייזען געלעכטער.
און לאַכענדיג פלעכט ער
צוריק אין געלאַף מיך אריין.

**א. לעיעלעס.**



*

אַפּטמאָל הייבט מיין בלוט אָן שטאַרקער יאָגען;
הער איך צימבלען, הער איך פּויקען שלאָגען;
זעה איך, ווי עס לויפען מחנות ווילדע פערד,
ס'וועהען גריוועס, ס'ציטערט פון די טריט די ערד;
הער איך ווילדע ליעדער אין די גאַסען,
קאַטערינקעס שפּיעלען, אין די מאַסען,
ווי געשפּענסטער, טאַנצען קליינע קינדער;
ס'לויפען אום מיט פאַקלען אונטערצינדער,
ס'ברענען פייערען, — דאָס האָט דאָס לעבען
אין זיין פּויק אַ זעץ געגעבען!

ידידיה מרגלית.

אין פּאַרק.

היים דער טאָג, די זון זי גליהט;
מענשען שוואך און מענשען מיעד,
קומען רוהען אויף דער באַנק,
זיצען אָפּ דאָרט שטונדען לאַנג.
ווער עס איז שוין אַלט און מיעד,
ווער ס'איז יונג און ארבייט ניט,
ווער עס קלערט זיך פון זיין היים,
לאָזט אַ טרעהר שטיל אין געהיים...
ווער עס קוקט אריין אין בלאַט
און פערקלערט זיך...

און אַט שטעהט אַ יונגערמאַן,
שטעהט און קוקט אויף דעם פּאַנטאַן.
קומט אַ מוטער, טרינקט געשווינד,
און טרינקט אָן איהר קליינעס קינד,
און אַ פייגעלע, מיט שרעק
טרינקט און זינגט און פליהט אַוועק...

יצחק בלום.

*

ס'איז אומעטיג, מיין גאָט. האָסט דרייצעהן גאַרענדיגע הייזער
מיר צוליעב צושטעלט פון גרויסע ענגשאַפט;
מיר צוליעב האָסטו מיט שטויב בעדעקט די שמאָלע פענסטער
ס'זאָל קיין זון־שטראַהל דאָרט ניט קענען גרייכען.
כאָטש דו גילדעסט מיר אמאָהל אַ שפּיץ פון „רוף“, מיין גאָט —
דאָך איז אומעטיג מיר, גאָט.

אזוי ווי שאָטענס ציהען זיך איעדען טאָג, פריהמאָרגען
מאַסען מענשען אין די ענגע שעפּער:
יעדער מיט דעם זעלבען אומעט, פון דעם זעלבען פּנים —
צו פערקויפען שוויים פאַר קאַלטע סענטען.
און כאָטש איך בין פון „שאָפּ“ דערוויויל נאָך פריי, מיין גאָט —
דאָך איז אומעטיג מיר, גאָט.

ח. גוטמאַן.

**אַ טאָג אין ניו יאָרק.**

אַ גאַנצען טאָג ארומגעבלאָנדזשעט אין די גאַסען;
און וואָס האָסטו געזוכט, און וואו ביזטו געוועזען?
האָסט עמיצען גערארפט, און ניט געקענט געפינען,
האָסטו אויף קראַם־פענסטער די אויפשריפטען געלעזן.

און קומסטו אהיים צוגעהן. די צימער־פרוי די בייזע,
נעהמט אום און וואַרקעט וואָס, און ברומט און שעלט דאַר ווענען.
פערבענקסטו זיך נאָך פריינד, וואָס דו האָסט וואו געלאָזען —
ווילסטו צו זיי אַ לאַנגען בריעף זיך שרייבען נעהמען,

איז שווער ווי בליי דיין קאָפּ, און קענסט קיין וואָרט ניט שרייבען.
הערסטו אַ קינד וואָס שרייט — דאָס קלאַפּען פון אַ וואָגען;
זעהסטו אַ גרויע קאַץ צו דיינע פיס זיך טוליען,
לאָזטו זי טוליען זיך, כאָטש קענסט עס ניט פערטראָגען.

און אַט אַזוי, — דו קוקסט מיט מיעדע אויגען,
און זעהסט א וואַנד, אַ בילד, און זעהסט א בעט אַנטקעגען,
און הערסט פון הארץ ארויס דיין אייגען לעבען וויינען:
נאָך גוט — דו האָסט דעם קאָפּ אַוואו אַוועקצולעגען.

ל. גאָרעליק.

*

ער איז געגאַנגען און גערעדט צו זיך אַליין,
זיין רעדען האָט מען ניט געקענט פערשטעהן;
ער האָט נור מיט די ליפּען קוים בעוועגט,
זיין פּנים איז געוועזען בלאַס און אויפגערעגט,
די אויגען — ווילד, צושראָקען, רויט,
עס האָט געדוכט אין גאַס שפּאַצירט דער טוידט.
און איז א פרוי געגאַנגען לעבען איהם פערביי,
האָט ער מיט האַס געגעבען גלייך אויף איהר א שפּיי...
און וויגענדיג זיך אָנגעהויבען ווייטער געהן.
און מורמלען עפּיס וואַס צו זיך אַליין...

ה. גודעלמאַן.

*

די ליפּען טריקענען, דאָס פּנים בלייך,
די קניע זיך בויגען און דאָס הארץ טהוט וועה;
איין גאַס שפּייט אויס — שלינגט איין די צווייטע גאַס;
איך בייט די פיס און טראַכט ניט וואו איך געה.

פאַרוואָס איך טוה אַזוי — און אַנדערש ניט,
ניט פרעג מיך, מענש, דו גוטער מענש, ניט פרעג:
איך געה, ווייל אומגעהן מאַכט מיך מיעד און גרוי;
איך געה, ווייל געהן וואו — ווייס איך ניט קיין וועג.

ס. קאָוונער־גראַדסקי.

### אין רוישיגע גאַסען.

אין רוישיגע גאַסען דאַס איילט מען זיך
ווי שטורעמדיגע ים'ען;
אין רוישיגע גאַסען אין שטאָרטיגע,
דאָרט טרעפט מען זיך צוזאַמען.

אין רוישיגע גאַסען דאָרט טרעפט מען זיך
אין ליידיגע אָוונד־שעה'ן,
און נאָכדעם אין גאַנצען פערגעסט מען זיך
ווען ס'הויבט אָן דער מאָרגען גרויען.

אין רוישיגע גאַסען דאָרט דרעהען זיך
אוועק די טעג און די יאָהרען;
אין רוישיגע גאַסען אין שטאָרטיגע,
דאָרט ווערט די אונרוה געבאָרען.

**א. ניסענזאָן.**

*

א רעגען גיסט — איז אומעטיג אין הויז,
געה איך צום פענסטער צו און קוק ארויס, —
עס לויפט א לוזשע ביי דער זייט פון גאַס
און פון'ם רעגען דורכגעווייקט און נאַס
קומט אָן א מענש און וואַרפט א בליק אויף מיר
און ווערט פערשוואונדען נאָהענט אין א טיהר.

א רעגען גיסט און בלייך קוקט ווער ארויס
אנטקעגען דורך א פענסטער פון א הויז, —
ער האָט אויף עמיצען ביי זיך געוואַרט
און דורכ'ן רעגען בלייבט ער אָבגענאַרט,
און אפשר קוקט ער נאָר גלאַט אזוי
און פיהלט, ווי איך, דעם אומעט היינט אזוי.

**ז. וויינפער.**

אין על ביים פענסטער.

עס לויפען קוימענס, באלקאנען,
א גרויער רויך, א קינדס געזיכט,
א שמייכעל אזוי אומגעריכט,
א בלינדע וואנט, פון רעגען גרוי,
אנ'אומעטיגע יונגע פרוי,
א ציטריגע עלעקטרא־שילד,
א צימער אין טומאן פערהילט, —
און אלעס שווינדט און שווינדט און שווינדט,
ווי ס'וואלט געטריבען זיין פון ווינט...

א. אויערבאך.

*

אויגען רויט, צייהנער שווארץ, האר צושויבערט און גרוי
און די באקען צולעכערט אזוי ווי א זיפ;
שטעהט ער וואקלענד ביים שענק, רעדט צו זיך אין דער שטיל,
מיט א שמייכעל פערקרימט אויף זיין אונטערשטע ליפ.

און דערביי אויפ'ן ראג זיצט אנ'אלטיטשקע פרוי
ווארפט איהר עמיץ א סענט פאר איהר קרומליכען פוס.
ניט זי בעט, ניט זי דאנקט — ס'טהוט א ציטער איהר מויל
און א פינטעל מיט אויגען פערקלעפטע פון פלוס.

— „איילעלו" — פערביי שענק אויפ'ן שטיין־טראטואר
פיהרט א מאמע א וועגעלע אום הין־און־העך.
וויינט דאס קינד אזוי הויך, בויגט זיך מאמע און שרייט: —
— „איילעלו! — האסט געזויגט, כ'האב קיין זאך דיר ניט מעהר".

— „איילעלו, איילעלו". — „מא־מא־מא, מא־מא־מא".
וויינט דאס קינד און פערגעהט זיך א כליפ נאך א כליפ.
זיצט בעוועגלאז די פרוי, רעדט דער שכור צו זיך
מיט א שמייכעל פערקרימט אויף זיין אונטערשטע ליפ...

ד. י. ביאלאסטאצקי.



מיט דער מאָרגען בלייכקייט...

מיט דער מאָרגען בלייכקייט,
בויגט זיך טיעף מיין קאָפּ;
קלייב די פייכטע בלעטער,
וואַש מיין פּנים אָב.

אין די פייכטע גראָזען
וואַש איך זיך די שיך,
און די פייכטע קליידער
טריקען איך אויף זיך.

לאָז זיך האַלב פערשלאָפען,
דורך דער גרויסער שטאָדט —
ווי אַן עובר־בטל,
שעלט איך זיך און גאָט.

גרשון גראָפּשטיין.

ניו יאָרק.

ווי די שטערען אויף דעם הימעל
אין אַ טונקעל בלויער נאַכט,
צינדען דיינע גאַסען זיך,
צינדען דיינע טורעמס זיך,
גרויסע, רוישענדיגע שטאָדט.
צינדען דיינע טורעמס זיך,
צינדען דיינע פענסטער זיך,
צינדען, ווי די שטערען זיך
אין אַ טונקעל בלויער נאַכט...

נפתלי גראָס.

*

די זעלבע גאַס, דער זעלבער טראַטואַר
די נאַכט איז אויך ווי יענע נעכט,
אָט איז דער לאָמפּ ביים ראַג,
און אָט איז שוין מיין הויז. די טרעפּ...

געדענקסט? — דו ביזט געבליבען שטעהן,
דערנאָך ביזטו צו מיר ארויף;
אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט
פון שלאָף, אַ קינד'ס געוויין...
דו ביזט געבליבען שטעהן...

געדענקסט?

אל־גורית.

**אַ בליץ פון פרייד האָט דורכגעשניטען...**

אַ בליץ פון פרייד האָט דורכגעשניטען
מיין טריבע האַרץ, ווען איך האָב דיך בעגעגענט;
נאָר ס'האָט דיין זעל מיט גאַל געשטריטען,
ווען שטומערהייד מיר האָבען זיך געזעגענט.

ביים ראַנד פון בערג, דורך טונק'לע וועגען,
ביזטו, ביי־נאַכט, בעגלייטען מיך געגאַנגען;
נאָר אונטען איז אין גלאַנץ געלעגען
די טומאה־שטאָדט, און דיך געשלעפּט מיט צוואַנגען...

מ. אפּראַנעלל.

## ניו יאָרק.

אָ, ערשטע, וואונדערליכסטע צווישען שטעדט!
דו הערשסט מיט דיינע באהנען און פאַבריקען
און מויערען, טונעלען, שיפען, בריקען,
דיין אָטעם — דאַמף און עלעקטריציטעט.

דו ציהסט און ציהסט צו זיך ווי אַ מאַגנעט
און זויגסט ווי אַ וואַמפּיר מיט דיינע בליקען.
בלייך ווי דיין הימעל פליסט פערביי פאַבריקען
און מויערען דער האָדסאָן אין זיין בעט.

ווי וואונדערליך דיין צויבער און בערוישונג!
ווי בלינד דיין טאָג אויף דיין שטאָהל־הארטער ברוסט!
ווי העל דיין נאכט, ווי אונגעצאַמט דיין לוסט!

ווי טיף דיין תהום פון טרויער און ענטוישונג!
ווי שעהן דיין הערבסט, ווען הויך און פארבענרייך
די פאַליסאַדען דרימלען אויף דיין טייך!

י. קיסין.



די ליטעראַרישע זאַמעלביכער „דער אינ־זעל" ווערען רעדאַגירט פון דוד קאַזאַנסקי און מאַני לייב.

די זאַמעלביכער ערשיינען אַלע דריי חדשים.

אין דער אַנטאָלאָגיע „נויאָרק אין פער־זען" זיינען, צוליעב טעכנישע אורזאַכען, ניט אַריין די ליעדער פון ל. מאַגיסטער און ס. טשעסטער.